STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08020

ERSHTER ALVELTLEKHER YIDISHER KULTUR-KONGRES, PARIZ 17-21 SEPT

Congress for Jewish Culture

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ערשטער אלוועלטלעכער

יידישער קולטור-קאנגרעס

פאריז 17-21 סעפט. 1937

סטענאגראפישער באריכט

צענטראל-פארוואלטונג
פון
אלוועלטלעכן יידישן קולטור-פארבאנד (איקו״ף)
פאריז-ניו-יארק-ווארשע

PRINTED IN FRANCE

די צוגרייטונג צום קאָנגרעס

די אידעע וועגן אַן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, וואָס שוין אַ פּאָר צענדליק יאָר ווי זי טראָגט זיך אַרום אין דער יידישער קול־טור־וועלט ,האָט אין פּאַריזער יידישן ישוב, אונטערן איינפלוס פון דער אַלגעמיינער פאָלקס־באַוועגונג אין פראַנקרייך און דער פאַראייניקונג פון די יידישע קולטור־כוחות אין קולטור־פראָנט, געפונען די געהעריקע אַט־מאָספער פאַר איר פאַרווירקלעכונג.

די פּאַריזער יידישע קולטור־פראָנט־באַוועגונג איז געבוירן געוואָרן אין אַן אַטמאָספער פון איינהייט. זי איז אַליין געווען אַן אַקט פון איינ־הייט. און דאָס האָט, נאַטירלעך, אַרויסגערופן ביי איר אַ שטרעבונג צו שאַפן נייע איינהייטס־אַקטן. די געמיינזאַמע לאַיאַלע אַרבעט אין דער באַוועגונג, ווו ס׳האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן מענטשן, וואָס געהערן צו פאַרשיידענע דעמאָקראַטישע שטרעמונגען, האָט געגעבן די פּאַריזער קולטור־טוער מוט און דרייסטקייט זיך צו פאַרמעסטן אויף אַזאַ פאַראַנט־וואָרטלעכן און גרויסן אויפטו, ווי צוזאַמענצורופן אַן אַלוועלטלעכן קאָנגרעס פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער יידישער קולטור.

אין סעפּטעמבער 1936, ווערט אַרויסגעשיקט צו אַלע, אָן אויס־נאַם, יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין גאַר דער וועלט דער פאָלגנדי־קער אויפרוף:

„חשובע פריינט,

„דער יידישער קולטור־פראָנט אין פראַנקרייך נעמט אויף זיך די איניציאַטיוו צונויפצורופן אין פּאַריז, אין די זומער־מאָנאַטן פון 1937 (בעת דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג) אַ וועלט־קאָנגרעס פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער מאָדערנער יידישער קולטור.

„נאָך קיינמאָל, פון די נאָך־מלחמה־יאָרן אָן, איז די לאַגע פון די יידישע ישובים, אין ווייט־גרעסטן טייל פון די אייראָפּעישע און אויסער־אייראָפּעישע לענדער, ניט געווען אַזוי טראַגיש ווי איצט. נאָך קיינמאָל

האָבן די יידישע פֿאָלקס־מאַסן ניט געמוזט אַזוי שווער און עקשנות'דיק קעמפֿן פֿאַר דער אַנערקענונג פֿון זייערע רעכט אויף פּשוטער, מענטשלע־כער עקזיסטענץ. צוגלייך מיט דער פּאָליטישער אונטערדריקונג, צוגלייך מיט אַן עקאָנאָמישער — און אָפֿט פֿיזישער — אויסראָטונג, ווערט אין אַ ריי לענדער אָנגעווענדעט בנוגע דער יידישער באַפֿעלקערונג אַ פּאָלי־טיק, וואָס צילט באַוווסטזיניק צו צעברעכן און פֿאַרניכטן די אַלע הער־לעכע פּאָזיציעס פֿון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור, וואָס זענען מיט אַזויפֿיל מי און קרבנות אויפֿגעבויט געוואָרן דורך די יידישע פֿאָלקס־מאַסן.

„די שונאים פֿון דער יידישער פֿאָלקס־קולטור באַגעגענען אומעטום אַ העפֿטיקן ווידערשטאַנד. אָבער דער דאָזיקער ווידערשטאַנד איז, צום באַדויערן, ניט שטענדיק גענוג קאָאָרדינירט. די פֿאַרטיידיקונג ווערט ניט שטענדיק געפֿירט דורך די פֿאַראייניקטע כוחות פֿון אַלע פּריינט פֿון דער יידישער קולטור. אגב, זענען די לאָקאַלע קרעפֿטן זעלטן אימשטאַנד צו פֿירן אַ זיגרייכן קאַמף קעגן אַ שונא, וואָס איז פֿיל שטאַרקער פֿאַר זיי.

„עס איז נייטיק אַ פֿאַרשטענדיקונג צווישן אַלע אויפֿריכטיקע פֿריינט פֿון דער מאָדערנער יידישער קולטור, אין וועלכע לענדער זיי זאָלן זיך ניט געפֿינען, כדי געמיינזאַם און מיט דער אונטערשטיצונג פֿון דער ניט־יידישער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג צו פֿירן אַ קאָאָרדינירטע און קאָנצענטרירטע פֿאַרטיידיקונגס־אַקציע.

„דער וועלט־קאָנגרעס וועט דעריבער האָבן אַלס אויפֿגאַבע אויסצו־אַרבעטן די מעטאָדן פֿון ווירקזאַמען פֿאַרטיידיקונגס־קאַמף פֿון דער מאָ־דערנער יידישער קולטור קעגן אַלע אירע שונאים, סיי אויסערלעכע, סיי אינערלעכע.

„דער קאָנגרעס וועט אויך אונטערפֿירן אַ סך־הכל פֿון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור אין איצטיקן מאָמענט. אין משך פֿון די לעצטע יאָר־צענדליקער האָט דער קולטור־וווּקס פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן אין די לענדער פֿון אייראָפּע און אויסער אייראָפּע פֿאַרצייכנט אַ ריי גרויסע און וויכטיקע דערגרייכונגען. אין דער גאָר לעצטער צייט אָבער מערקט זיך, אויף געוויסע געביטן פֿון יידישן גייסטיקן שאַפֿן, אַ טיפֿער קריזיס, וואָס באַדראָט די עקזיסטענץ פֿון גאַנצע קולטור־צווייגן.

„עס איז געקומען דער מאָמענט, ווען עס איז דרינגנדיק נייטיק צו טיילן זיך קעגנזייטיק — אין די פֿאַרשיידענע לענדער — מיט דער דער־

וואָרבענער דערפאָרונג אין קולטור־בוי, אָפּצוגעבן זיך א דין־וחשבון פון דעם, וואָס עס איז אָפּגעטון געוואָרן, און פון דעם, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר, ביים איצטיקן מאָמענט, די יידישע פאָלקס־קולטור אין דער גאַנצער וועלט. עס איז נייטיק צו באַטראַכטן צוזאַמען די גרונט־פּראָבלעמען פון יידישן בוך, פון דער יידישער פרעסע, פון דער יידישער שול, פון יידישן טעאַטער, פון דער יידישער קונסט און וויסנשאַפט.

„דער קאָנגרעס איז אָפן פאַר אַלע לענדער, ווו עס לעבט א יידישער ישוב, און, אין די דאָזיקע לענדער — פאַר די אַלע, וואָס אָנערקענען די וויכטיקייט און נייטיקייט פון דער מאָדערנער יידישער קולטור, דער קולטור פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, און וואָס זענען גרייט צו קעמפן קעגן אַלע אירע שונאים, סיי אויסערלעכע און סיי אינערלעכע.

„דער יידישער קולטור־פראָנט, וואָס גרופּירט די פּראָגרעסיווע אינטעלעקטועלע אין פראַנקרייך — שריפטשטעלער, קינסטלער, וויסנשאַפטלער, לערער, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, א. א., אָן שום אונטערשייד פון פּאָליטישער ריכטונג און וועלט־אַנשויונג, וויל פאַרוואַנדלען דעם פּאַריזער וועלט קאָנגרעס אין א מעכטיקער מאַניפעסטאַציע פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער רייכער קולטור פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין דער גאָרער וועלט, אין אַן אויסגאַנגס־פּונקט פון א דערמונטערטער, באַגייסטערטער און פּרוּכטבאַרער טעטיקייט פאַר דער באַרייכערונג און פאַרפעסטיקונג פון די געשאַפענע קולטור־ווערטן.

מיר גלויבן, אַז איר וועט ווי געהעריק אָפּשאַצן די באַדייטונג פון קאָנגרעס און וועט מסכים זיין אָנטיילצונעמען אין אים.

„גלייך נאָכן באַקומען אייער פּרינציפּיעלע הסכמה וועלן מיר זיך פאַרשטענדיקן וועגן אַלע טעכנישע פראַגן פון די צוגרייטונגס־אַרבעטן און אויך וועגן גענויעם פּראָגראַם פון קאָנגרעס גופא.

מיט דרך־ארץ

עקזעקוטיוו פון יידישן קולטור־פראָנט אין פראַנקרייך.

פאָרזיצער: נחום אראָנסאָן. וויצע־פאָרזיצער: דוד איינהאָרן, פּראָפעסאָר קיוועליאָוויטש. סעקרעטאַר: ד"ר ה. סלאָוועס. מיטגלידער: אַבערדאַם, ב. אַדאַמיטש, א. בן־אדיר (ראָזין), א. ווערבא, י. נוימאַן, ה. פענסטער, ד"ר ע. ראָזענגאַרט".

באלד האבן אנגעהויבן אנצוקומען ווארעמע אפרופן פון ארגאני־זאציעס און יחידים, דאנק־בריוו, אנשלוסן, פארשלאגן. ס'האבן זיך אבער אויך גלייך באוויזן קעגנער פון קאנגרעס. קעגנער פרינציפיעלע און אויך קעגנער מחמת זייטיקע, צופעליקע סיבות. אפגעזאגט זיך צו באטייליקן אין קאנגרעס האבן אזעלכע וויכטיקע ארגאניזאציעס, ווי דער ארבעטער־רינג, (פאריייניקטע שטאטן), דער יי"ווא, די צי"שא (פוילן). אויף א פלענום פון דער הויפט־פארוואלטונג פון דער צי"שא איז דער פארשלאג אנטייל צו נעמען אין קאנגרעס אפגעווארפן געווארן מיט א מערהייט פון 2 שטימען (11קעגן 9).

אין יאנואר 1937 ווערט באשלאסן אויסצוברייטערן דעם ארגאני־זיר־קאמיטעט פון קולטור־קאנגרעס. ס'ווערן צו אים צוגעצויגן א ריי אנגעזעענע פערזענלעכקייטן פון דער יידישער קולטור־וועלט אין פראנק־רייך, און ער באקומט א דורכויס־זעלבסטשטענדיקן כאראקטער.

דער ארגאניזיר־קאמיטעט האט געהאלטן פאר נייטיק אנצונעמען אלע מיטלען, כדי צו געווינען פארן קאנגרעס אונזערע גרעסערע קולטור־ארגאניזאציעס. דעם 13־טן פעברואר ווענדט ער זיך נאכאמאל צו ציש"א, ייוו"א אין פוילן, צום ארבעטער־רינג אין אמעריקע מיט פאלגנ־דיקן בריוו:

„כדי צו געבן אייער ארגאניזאציע אין די צוגרייטונגס־ארבעטן צום קאנגרעס דעם פלאץ, וועלכן זי פארדינט, לייגן מיר פאר, אז עס זאל צונויפגערופן ווערן נאר אינגיכן אין פאריז א באראטונג, וו עס וועלן זיך צונויפטרעפן פארשטייער פון אונזער ארגאניזיר־קאמיטעט מיט די פארשטייער פון די גרויסע יידישע קולטור־ארגאניזאציעס אין אייראפע און אמעריקע. אויף דער באראטונג וועט דארפן אנטגילטיק אויסגע־ארבעט ווערן דאס פראגראם פון קאנגרעס און אויך דער וואל־מאדוס. אויב אלע אנוועזנדיקע ארגאניזאציעס וועלן קומען צו אן הסכם, וועט גלייך אויפן ארט געשאפן ווערן דער צענטראלער ארגאניזיר־קאמיטעט פארן קאנגרעס.

„מיר בעטן איר זאלט אונז ענטפערן, צי זייט איר מסכים מיט אונ־זער פארשלאג און אויב יא, וועלכע דאטע זעט איר פארויס פאר דער דאזיקער באראטונג."

לײדער איז די ווענדונג געבליבן אן אן ענטפער.

נים געקוקט דערויף, האלט דער ארגאניזיר־קאמיטעט פאר זיין חוב

צו פירן ווייטער די ארבעט, ער באשליסט ארויסצוגעבן א חודש־ביולע־טין, וואס פון אים זענען ביזן קאנגרעס דערשינען 5 נומערן. ער ארבעט אויס א פראיעקט פון סדר־היום פון קאנגרעס און גרייט אויך צו פראיעקטן פון רעזאלוציעס פאר די פארשיידענע פארויסגעזעענע קאנגרעס־קאמיסיעס.

די צוגרייטונגס־ארבעט שטויסט זיך אן אויף פיל שוועריקייטן. אבער דאך, א דאנק דער איבערגעגעבנקייט און אפפערוויליקייט פון די חברים, גייט זי פארויס.

די באגייסטערטע אפרופן, וואס פלעגן אנקומען פון גרעסטן טייל יידישע ישובים, מצד ארגאניזאציעס און יחידים, די גרויסע האפנונגען, וואס זיי האבן פארבונדן מיטן קאנגרעס, האבן געשטארקט, צוגעגעבן מוט.

ס׳האבן אויך אנגעהויבן קומען ידיעות, אז עס האבן זיך געגרינדעט לאנד־קאמיטעטן פארן קאנגרעס אין ליטע, לעטלאנד, עסטלאנד, פוילן, (ווילנע און ווארשע), דענעמארק, בעלגיע, דרום־אפריקע, ארגענטינע און אין די פאראייניקטע שטאטן.

א גאר ספעציעלע באדייטונג האט געהאט דער אמעריקאנער קא־מיטעט. דער צוזאמענשטעל זיינער און דער איינפלוס, וואס ער האט געהאט אויף די „אפווארטנדיקע", האבן אין א גרויסער מאס מיטגע־האלפן דער פארווירקלעכונג פון דער פאריזער איניציאטיוו.

די לעצטע פאזע פון דער צוגרייטונגס־ארבעט איז באשטאנען אין דער ארגאניזירונג פון א ריי לאנד־קאנפערענצן. אזעלכע קאנפערענצן זענען פארגעקומען אין עסטלאנד, ליטע, דרום־אפריקע, ארגענטינע, פראנקרייך און אין די פאריי. שטאטן. די אמעריקאנער קאנפערענץ האט געציילט 800 דעלעגאטן, פארטרעטער פון אן ערך 450 ארגאניזא־ציעס.

די דערעפענונג פון קאנגרעס, וואס איז געווען באשטימט לכתחילה אויפן 18־טן אויגוסט, איז איבערגערוקט געווארן, לויטן פארשלאג פון אמעריקאנער לאנד־קאמיטעט, אויפן 17־טן סעפטעמבער.

שוין אין די ערשטע טעג פון סעפטעמבער קומען אן אין פאריז דע־לעגאטן פון פארשיידענע לענדער. ס׳ווערן אפגעהאלטן מיט זיי, אין די לעצטע וואכן, געמיינזאמע בארטונגען וועגן קאנגרעס.

און מיט יעדן טאג, וואס ברענגט נייע דעלעגאטן, באגייסטערטע

בריוו, באגריסונגען פון די פארשיידנסטע יידישע ישובים, וואקסט די זיכערקייט אינעם דערפאָלג פון קאָנגרעס. עס פילט זיך, אז מיר שטייען פאר א וויכטיקער געשעעניש אין יידישן קולטור־לעבן.

דער קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 17־22 סעפּטעמבער 1937, האָט איבערגעשטיגן די האָפענונגען, וואָס די איניציאַטאָרן האָבן אויף אים געלייגט.

אָרגאַניזיר קאָמיטעט.

ערשטער אַלוועלטלעכער
יידישער
קולטור־קאָנגרעס

סדר־היום

פרייטיק, 17 סעפּטעמבער, 1937, 9 אָוונט,

פייערלעכע דערעפענונג־זיצונג

שבת, 18 סעפּטעמבער, 1937, 9 פרי.

1. באַריכטן פון די לענדער און באַגריסונגען.
2. די גרונט־פּראָבלעמען פון דער יידישער קולטור:

א) די יידישע קולטור פון טשערנאָוויץ ביז היינט — ד"ר ח. זשיטלאָווסקי.

ב) די אויסערלעכע שונאים און די אינערלעכע קאָנפליקטן אין דער יידישער קולטור און ליטעראַטור — ה. ל ײ װ י ק.

שבת, 18 סעפּטעמבער, 1937, 3 נאָכמיטאָג.

1. באַריכטן פון די לענדער און באַגריסונגען (המשך)
2. די גרונט־פּראָבלעמען פון דער יידישער קולטור (המשך)

א) פאַר אַ פּראָגרעסיווער יידיש־וועלטלעכער קולטור — מ. א ל ג י ן.

ב) די יידישע פאָלקס־אינטעליגענץ, איר ראָל און אירע אויפגאַבן — א. ב ן־א ד י ר.

ג) אומפּאַרטייישקייט אין דער יידישער קולטור־באַוועגונג — דוד איגנאַטאָוו.

ד) דער קריזיס פון דער מזרח־אייראָפּעישער יידישקייט און די נייטיקייט פון קולטור־אַקטיוויזם — אַדוו. י. ט ש ע ר נ י כ אָ װ.

זונטיק, 19 סעפּטעמבער, 1937, 9 פרי

1. באַריכטן פון די לענדער און באַגריסונגען (המשך)

זונטיק, 19 סעפּטעמבער, 1937, 2 נאָכמיטאָג

1. באַריכטן פון די לענדער און באַגריסונגען (המשך)
2. דאָס יידישע טעאַטער — רעפעראַט, ד"ר מ ו ק ד ו נ י.
3. די יידישע וויסנשאַפט — רעפעראַט, ק ל מ ן מ ר מ ר.
4. דאָס יידישע שול־וועזן.

א) דאָס שול־וועזן אין די פאַריינ. שטאַטן — ר. ז אַ ל צ מ אַ ן.

זונטיק, 19־טן סעפּטעמבער, 1937, 9 אָוונט.

1. באַריכטן פון די לענדער און באַגריסונגען (המשך)
2. דאָס יידישע שול־וועזן (המשך)

ב) דאָס יידישע שול־וועזן אין פּוילן — ד"ר י. ק ר ו ק.

3. יידישע קונסט — פּ. ק ו י ר ק, א. א ב ע ר ד א ם און י. א ד ל ע ר.
4. דיסקוסיע.

מאָנטיק, 20 סעפּטעמבער, 1937, 9 פרי און 3 נאָכמיטאָג

זיצונגען פון די קאָמיסיעס.

מאָנטיק, 20 סעפּטעמבער, 1937, 9 אָוונט

1. באַריכטן פון די לענדער און באַגריסונגען (המשך)
2. דיסקוסיע (המשך)

דינסטיק, 21 סעפּטעמבער, 1937, 9 פרי.

1. באַריכטן פון די קאָמיסיעס.
2. דיסקוסיע.
3. אָפּשטימונג פון די רעזאָלוציעס.

דינסטיק, 21 סעפּטעמבער, 1937, 3 נאָכמיטאָג.

1. באַריכטן פון די קאָמיסיעס (המשך)
2. אָפּשטימונג פון די רעזאָלוציעס (המשך)
3. וואַלן פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג.
4. אָפּשטימונג פון מאַניפעסט.
5. שלוס־רעדעס.

פייערלעכע דערעפענונג־זיצונג

פרייטיק, דעם 17-טן סעפטעמבער 1937 (9 אוונט)

זאַל „וואַגראַם" (בערך פיר טויזנט געוועזנדיקע)

די זיצונג ווערט געעפנט דורכן סעקרעטאַר פון אַרגאַניזיר־קאָמי־טעט, ד״ר ח. סלאַוועס.

ד״ר ח. סלאַוועס (פראַנקרייך)

חברים און פריינט,

אין נאָמען פון אַרגאַניזיר־קאָמיטעט פון קולטור־קאָנגרעס האָב איך דעם כבוד צו באַגריסן די דעלעגאַטן פון 23 לענדער, וואָס זענען געקומען אויף אונזער רוף און וואָס פאַרטרעטן דאָ כמעט אַלע יידישע קיבוצים פון גאָר דער וועלט.

איך האָב דעם כבוד און די גרויסע פרייד צו באַגריסן צווישן זיי די חשובסטע פאָרשטייער פון דער יידישער ליטעראַטור, פון דער יידישער פובליציסטיק, פון דער יידישער קונסט, אַ רייע פאַרדינסטפולע טוער אויפן געביט פון דער יידישער שול, פון יידישן טעאַטער און פון דער יידישער וויסנשאַפט.

דערלויבט מיר נאָך, אין איצטיקן פייערלעכן מאָמענט, צו באַגריסן ניט בלויז די דעלעגאַטן, וואָס זענען דאָ פאַראַן, נאָר אויך די אַלע אַנ־דערע, פיל אַנדערע, וועלכע האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו קומען אַהער, סיי מחמת רדיפות, סיי מחמת אָרעמקייט.

צווישן דידאָזיקע אָפּוועזנדיקע, וועלכע זענען אָבער אינגאַנצן מיט אונז, געפינען זיך די בעסטע פאָרשטייער פון דער יידישער פאָלקס־לע־דערשאַפט, וואָס טראָגט, טאָג־איין, טאָג־אויס, מיט מסירת־נפש, מיט

אומענדלעכער קרבנות-גרייטקייט, דעם שווערן, אָבער דערהויבענעם עול פונם יידישן וועלטלעכן קולטור-שאַפן.

אַט די אַלע אַפּוועזנדיקע דעלעגאַטן, וואָס הערן זיך צו איצט צו יעדן אונזער וואָרט, וואָס לעבן איבער העפטיק יעדן מאָמענט פון אונזער פרייד, שיק איך איבער פון דער דאָזיקער טריבונע, אין נאָמען פון אָרגאַניזיר-קאָמיטעט און אין אייער אַלעמענס נאָמען, אונזער הייסטן, אונזער פלאַ-מיקסטן גרוס.

חברים און פריינט, אונזער קאָנגרעס עפנט זיך אין איינעם פון די טראַגישסטע מאָמענטן פון דער וועלט-געשיכטע. עס גרייטן זיך צו אַ געראַנגל אויף לעבן און טויט די וועלט פון פרייהייט און קולטור מיט דער צינישער קראַפט פון פאַשיזם און באַרבאַריי. אינם שכנותדיקן לאַנד, דאָ, אין אייראָפּע, פּונקט ווי אין די ווייטע מרחקים פון אַזיע, האָט זיך שוין אָנגעצונדן דאָס שרעקלעכע פייער פון מלחמה, וואָס דראָט ארומצו-כאַפּן די גאַנצע ערד.

אויך אונזער פאָלק, דאָס יידישע פאָלק, דאָס אַלטע אויסגעפּרוווטע מאַרטירער-פאָלק, לעבט איבער איינע פון די טרויעריקסטע תקופות פון זיין געשיכטע. יידיש בלוט פאַרגיסט מען אומבאַשטראָפט אין פיל לענדער און שטעט. יידיש האָב און גוטס, שווער פאַרהאָרעוועטס, איז הפקר. ס'צעשטערט, ס'פאַרניכטעט עס ווער נאָר עס וויל. אין די לענדער פון די גרעסטע און עלטסטע ייד. קיבוצים איז דערקלערט געוואָרן — האַלב אָדער גאַנץ אָפן — אַן אויסראָטונגס-מלחמה קעגן אונז. מען רייסט אַרויס דעם ביסן פון מויל, מען ברענט דעם באָדן אונטער די טריט, מען פאַרסמט די לופט, מיט וועלכער מיר אָטעמען.

און אָט, אויב אין אַ מאָמענט, ווען ניט בלויז די קולטור, נאָר די עצם עקזיסטענץ אונזערע איז באַדראָט, האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט אויף אַ קול-טור-קאָנגרעס, איז עס דערפאַר, ווייל מיר וויסן, אַז קולטור איז איינער פון די שטאַרקסטע זיילן, אויף וועלכע עס שטיצט זיך דער קיום פון אַ פאָלק. אָן קולטור איז נישטאָ קיין פאָלק, פּונקט ווי אָן קולטור איז נישטאָ קיין מענטשהייט.

און טאַקע ווייל מיר וויסן עס, ווייל מיר זעען די דראָענדיקע גע-פאַרן, וואָס לויערן אויף אונז, אויף אונז אַלעמען, פון אַלע זייטן, טאַקע דערפאַר איז מעגלעך געוואָרן דער גרויסער אויפטו פון היינטיקן איינ-הייטלעכן צונויפקום.

מיר האָבן זיך דאָ פֿאַרזאַמלט, חברים און פֿריינט, אונטערן צייכן פֿון איינהייט. איינהייט, ברידערלעכקייט אינם גרויסן חשבון־הנפש פֿון דער יידישער קולטור, וואָס מוז דאָ געמאַכט ווערן. איינהייט, צוזאַמענקייט אינם פֿאַרטיידיקונגס־קאַמף, וואָס די יידישע קולטור איז גענייט צו פֿירן קעגן אַלע אירע שונאים. איינהייט, געמיינזאַמקייט פֿאַר דער עקספּאַנסיע פֿון דער יידישער קולטור; עקספּאַנסיע ניט נאָר אויף אויסן, נאָר אויך — און דער עיקר — אויף אינעווייניק, אין די ווייטסטע און ברייטסטע שיכטן פֿון יידישן פֿאָלק, וואָס זענען נאָך ניט אַריינגעצויגן אין דער לעבעדיקער אַטמאָספֿערע פֿון אונזער יונגער, יידיש־וועלטלעכער קולטור.

די איינהייט פֿון אַלע לעבעדיקע יידישע קולטור־כוחות איז ניט בלויז דאָס הייליקסטע געבאָט פֿון דער שעה, נאָר אויך דער איינציקער מיטל ווי אַזוי צו שאַפֿן פֿון אָפּגעריסענע, צעשפּליטערטע קולטור־ווערטן איין גרויסע, מעכטיקע, פֿול־בלוטיקע און פֿול־ווירקנדיקע יידישע קולטור.

דער היינטיקער צוזאַמענקום איז די ערשטע מאַניפֿעסטאַציע פֿונם איינהייט־גייסט, וואָס איז געפּלאַנצט געוואָרן דאָ אין פּאַריז. דאָס איז דער ערשטער טראָט — די ווייטערדיקע וועלן קומען. עס איז ניט ריכטיק, אַז עס זענען פֿאַראַנען אין דער יידישער קולטור־וועלט טיפֿע אידעאָלאָגישע מיינונגס־פֿאַרשיידנקייטן בנוגע די צילן, וואָס דער קאָנגרעס האָט זיך געשטעלט. די יידיש־וועלטלעכע קולטור, וואָס איז געבויט און אויסגעטראָגן דורך די ברייטסטע יידישע פֿאָלקס־מאַסן, איז אין איר מהות איינע און דיזעלבע אין אַלע לענדער, ווו זי שאַפֿט זיך. די צילן, די דאגות און זאָרגן פֿון יידישן קולטור־שאַפֿער און קולטור־טוער זענען דיזעלבע אין גאָר דער וועלט. דעריבער איז די איינהייט פֿון די יידיש־וועלטלעכע קולטור־כוחות, פֿון אַלע אָן אויסנאַם, בלויז אַ פֿראַגע פֿון צייט.

דער היינטיקער קאָנגרעס וועט דאַרפֿן העלפֿן שאַפֿן אָט די דאָזיקע איינהייט. ער וועט זי שאַפֿן, ווייל מען מוז זי שאַפֿן, אויב מיר ווילן, אַז די יידישע קולטור זאָל לעבן, אויב מיר ווילן ביים יידישן שריפֿטשטעלער, ביים יידישן קינסטלער, ביים יידישן לערער, ביים יידישן אַקטיאָר און ביים יידישן וויסנשאַפֿטלער פֿאַרוואַנדלען דעם יאוש אין גלויבן, די פֿאַרצווייפֿלונג אין מוט, די אַפּהעטיקייט אין שעפֿערישער ענערגיע.

חברים און פֿריינט, טיף דורכגעדרונגען מיטן באַוווסטזיין פֿון דער גרויסער היסטאָרישער חשיבות פֿון איצטיקן מאָמענט, דערקלער איך דעם ערשטן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס פֿאַר געעפֿנט.

איך לייג פאַר אַלס ערן־פאַרזיצערס פון דער פייערלעכער דערעפענונג־זיצונג פונם ערשטן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס דעם ח׳ נחום אַראָנסאָן, פאַרזיצער פון פאַריזער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, און דעם ח׳ ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, פאַרזיצער פונם אַמעריקאַנער קאָמיטעט (איינשטימיקע אַפּלאָדיסמענטן).

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי איז קראַנק און האָט ניט געקענט קומען צו־פאָרן אויפן קאָנגרעס. כ׳לייג פאָר אַרויסשיקן אים אין אונזער אַלעמענס נאָמען אַ באַגריסונג־טעלעגראַמע און אַ געזונט־ווונטש (איינשטימיקע אַפּלאָדיסמענטן).

אַלס פאַרזיצער פון דער היינטיקער דערעפענונגס־זיצונג לייג איך פאָר דעם ח׳ בן־אדיר (איינשטימיקע אַפּלאָדיסמענטן).

אין פרעזידיום האָב איך דעם כבוד צו פאַרבעטן די ח״ח פון פאַרי־זער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, וואָס האָבן אויסגעטראָגן די גאַנצע לאַסט פון די צוגרייטונגס־אַרבעטן צום קאָנגרעס, די ח״ח: נחום אַראָנסאָן, ב. אַדאַ־מיטש, בן־אדיר, גארין, י. נוימאַן, ד״ר סלאָוועס, פּראָפ. קיוועליאָוויטש, ד״ר ראָזנגאַרט. און פון די דעלעגאַציעס — די ח״ח: דוד איגנאַטאָוו, י. אי־וועניסקי, מ. אָלגין, י. אָפּאַטאָשו, ז. וויינפער, י. זאַלצמאַן, ה. לייוויק, ד״ר מוקדוני, קלמן מרמר, ד״ר פאַקס, פּ. קוירק (פאַרייניקטע שטאַטן); י. אָד־לער, י. טונקעלער, אדוו. טשערניכאָוו, נ. מייזיל, ד״ר קרוק (פּוילן); ד״ר ש. לעווין, ל. מייעראָוויטש, ד״ר מ. סודאַרסקי (ליטע); א. בעקערמאַן, א. דיזשור, מ. דזשיאַלאָווסקי, עוזר וואַרשאַווסקי, וו. וועוויאָרקע, דניאל טשאַרני, י. ליכטענשטיין, לערמאַן, ד. פּליסקין, מאַנע קאַץ (פראַנקרייך); מאַרים מייער (ענגלאַנד);א. ב. צעראַטא (עסטרייך); ב. זעלבערשטיין, ד״ר צפּור (בעלגיע); י. גענש און א. ראָכלין (עסטלאַנד); פּ. קאַראַל (לעטלאַנד); י. זינגער, חיים קראַפּט (רומעניע); י. פּאַפּיערניקאָוו (פּאַלעסטינע); ס. ביילין (דענעמאַרק); ח. עפּשטיין (טשעכאָסלאָוואַקיי); ל. פוקס (האָלאַנד); ל. פעלדשטיין (שווייץ); י. טשערניאַק (קאַנאַדע); ד״ר קאַלק (איטאַליע); פיניע קאַץ (אַרגענטינע, אורוגוואַי); מ. קאַפּעלמאַן (בראַזיליע); ל. פעלד־מאַן (דרום־אַפריקע); ש. בעלעמאָוויטש (מעקסיקע); א. אַראָנאָווסקי (קובאַ)

דאָס פרעזידיום פאַרנעמט די פּלעצער אויף דער טריבונע אונטער לאַנג־דויערנדיקע, רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן פונם זאַל.



דער עולם אין זאל וואגראם בעת דער פייערלעכער ערעפנונג.

צום ערשטן אלוועלטלעכן יידישן
מיט פאראייניקטע
כוחות
פאר דער
יידישער
קולטור

א. בן־אדיר (פראַנקרייך)

חשובע דעלעגאַטן, חשובע געסט,

ווען מיט העכער אַ יאָר צוריק האָט די איניציאַטיוו־גרופּע, אויסגעטיילט פון „קולטור־פראָנט" אין פּאַריז, פּראָקלאַמירט די אידעע וועגן צונויפרופן אַן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס און איז צוגעטרעטן די אדעע צו פאַרווירקלעכן, האָט זי, אַט די איניציאַטיוו־גרופּע, גוט געוווּסט, אַז קודם־כּל וועט מען אַרויסטרעטן קעגן איר מיט דער באַרעכטיקטער טענה פון „מי שמך?". זענען דאָך ביי אונז דאָ גרויסע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, וואָס פירן שוין יאָרן־לאַנג אַ קולטור־אַרבעט, וואָס האָבן שוין גרויסע פאַרדינסטן אויפן קולטור־געביט — זענען זיי, און ניט סתם אַן איניציאַטיוו־גרופּע, בארופן צו נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכע שליחות צונויפצורופן אַזאַ מין קאָנגרעס. פאַר אונז איז אָבער קיין שום ספק נישט געווען, אַז מחמת אַ ריי סיבות, וואָס איך קען זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף זיי, וועלן אָט די קולטור־אָרגאַניזאַציעס דידאָזיקע איניציאַטיוו אויף זיך ניט נעמען. פון דער אַנדערער זייט איז אַזוי קלאָר און בולט אַרויסגעטראָטן די דרינגענדיקע נויטווענדיקייט אין איצטיקן קריטישן מאָמענט פון יידישן לעבן צוזאַמענצושליסן אונזערע צעשפּליטערטע קולטור־כּוחות, פּלאַנמעסיק אָרגאַניזירן און קאָאָרדינירן אונזער צעוואָרפענע און צעברעקלטע קולטור־אַרבעט, אַז מיר האָבן באַשלאָסן ניט צו רעכענען זיך מיט דער טענה פון „מי שמך?" און האָבן געוואַגט צו ווענדן זיך עפנטלעך מיטן רוף וועגן קולטור־קאָנגרעס צו אַלעמען, וועמען די אינטערעסן פון דער מאָדערנער קולטור אויף יידיש איז נאָנט און טייער. און מיר האָבן געהאָפט, אַז נאָכדעם ווי די אידעע וועגן קולטור־קאָנגרעס וועט שוין פּראָקלאַמירט זיין, וועלן דאָך אונזערע גרעסערע קולטור־אָרגאַניזאַציעס אָפּרופן זיך און וועלן זיך אין קאָנגרעס אַקטיוו באַטייליקן.

צום גרויסן באַדויערן, האָט זיך אונז ביז איצט נאָך ניט איינגעגעבן צוצוציען זיי, ניט געקוקט אויף אַלע אונזערע באַמיונגען. און דערביי האַלט איך פאַר מיין חוב צו באַטאָנען, אַז מיר האָבן אין אונזערע אונטערהאַנדלונגען מיט זיי קיין שום באַדינגונגען ניט געשטעלט, מיר זענען גרייט געווען די גאַנצע זאַך איבערצוגעבן אין זייערע הענט.

מיר פארלירן דאך ניט די האפנונג, אז מיט דער צייט וועלן זיי צו אונז צושטיין, און דערמיט אונזער ארבעט מער באפרוכפערן און צוגעבן איר מער וואג און חשיבות. על כל פנים, דער ווארעמער אפ־קלאנג און דער לעבהאפטער אינטערעס, וואס די אידעע וועגן קולטור־קאנגרעס האט ארויסגערופן אין אלע יידישע ישובים, איז דער בעס־טער באווייז דערפאר, אז די אידעע איז צייטיק געווארן און דריקט מיט זיך אויס א לעבנס־באדערפעניש.

נאך איבערצייגנדיקער צו באווייזן די ריכטיקייט און וויכטי־קייט פון אט דער אידעע איז די אויפגאבע פון אונזער איצטיקן צונויפ־קום, איז אונזער אלעמענס אויפגאבע דא.

מיר דארפן דא לייגן דעם גרונט־שטיין פארן גרויסן בנין פון א פארייניקטער, פלאנמעסיק־ארגאניזירטער קולטור־טעטיקייט, וואס זאל ארומנעמען אלע יידישע ישובים, צעשפרייטע איבער גאר דער וועלט, אבער איינהייטלעכע אין זייער קולטור־וועזן.

איך באגריס אייך זייער הארציק און ווינטש אייך דערפאלג אין אייער פאראנטווארטלעכער ארבעט.

נחום אַראָנסאָן (פראנקרייך)

(באגריסונג, געלייענט דורך י. נוימאן)

חשובע פריינט,

כ'בין שטאלץ און טיף־גערירט פונם כבוד צו באגריסן דעם ערשטן אלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאנגרעס.

כ'וועל ניט מיסברויכן מיט אייער אויפמערקזאמקייט. די צייט איז קורץ. איר וועט זיך דא דארפן פארנעמען מיט פיל ערנסטע פראגן, וואס וועלן זיכער געפינען אן אפקלאנג אין גאר דער וועלט.

דערלויבט מיר צו זאגן אייך אלעמען איינפאך — זייט געגריסט! זייט געגריסט אין פראנקרייך, אינם לאנד פון פרייהייט, אינם לאנד, וווּ מיר קענען זאגן אלץ, וואס מיר טראכטן, ווו מיר קענען פריי אויפהייבן אונזער קול פאר דער פארטיידיקונג פון אונזער עקזיסטענץ און פון אונ־זערע רעכט.

ס'איז אזוי ווונדערלעך צו זען פאר זיך די בעסטע זין פון פאָלק, וואָס זענען געקומען אויף אונזער רוף, כדי צו ברענגען פאר דער גאַנ־צער וועלט אַ באַווייז פון אונזער שעפערישן זיין, כדי צו פּראָטעסטירן קעגן מיטלאַלטער, וואָס מען וויל אויף אונז אַרויפצווינגען און פון וועלכן דאָס יידישע פאָלק איז אַן אומשולדיקער קרבן.

כ'וואָלט געוואָלט זיך אָפּשטעלן באַזונדער אויף יעדן פון אייך, ווייל יעדער נאָמען איז אַ ווערטפולער טייל אינם אוצר פון אונזערע גייסטיקע רייכטימער.

ניט קענענדיק אָבער אויסרעכענען אַלע פערזענלעכקייטן, באַגריס איך אייך אַלעמען צוזאַמען. כ'בין זיכער, אַז יעדער פון אייך וועט זאָגן, אין פאַרלויף פון די היסטאָרישע קאָנגרעס־טעג, אַ טיף וואָרט, וואָס וועט פאַרבלייבן אינם גייסטיקן פנקס פון גרויסן יידישן פאָלק.

איך ווינטש אייך אַ פרוכטבאַרע, ערנסטע אַרבעט און כ'וואָלט גע־וואָלט, אַז אונזער טעטיקייט זאָל טראָגן דעם פאָלגנדיקן אָפּטימיסטישן דעוויז:

די פאַרפאָלגער פון יידישן פאָלק פאַרשווינדן,
דאָס יידישע פאָלק בלייבט!

ראָמען ראָלאַן.

(באַגריסונג, געלייענט אין פראַנצויזיש דורך א. דיישור
און אין דער יידישער איבערזעצונג דורך ז. וועוויאָרקע)

צום אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.

איך שיק איבער מיין ברידערלעכן גרוס דעם קאָנגרעס פון יידישע אינטעלעקטועלע.

קיינמאָל ניט, ניט בלב און ניט בכונה, האָב איך ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן מיינע פריינט יידן (מענטשן און ווערק) און די פריינט פון מיין אייגענער ראַסע. דער עצם באַגריף פון ראַסן, וואָס זאָלן זיין פרעמד איינע די אַנדערע, איז מיר ניט פאַרשטענדלעך. עס זענען נייטיק געווען די כסדרדיקע אָנגריפן פונם אַנטיסעמיטיזם, פון אָט דעם

דאָזיקן אַנגערייצטן הונט פון דער נידעריקסטער, פון דער מער־דערישסטער רעאַקציע, כדי אויך פאַר מיר זאָל קלאָר ווערן די נייטיקייט פון דער אַלוועלטלעכער פאַרייניקונג פונם יידישן פאָלק.

היות אָבער דאָס יידישע פאָלק איז דער קרבן פון די ווילדסטע אָנג־ריפן אין דעם טייל וועלט, וואָס געפינט זיך אונטערן שווערן יאָך פון אבסקוראַנטיזם און ראַסיזם, היות די פיינט פון דעמאָקראַטיע האָבן אייך דערקלערט אַן אומברחמנותדיקע מלחמה — איז דאָס דער חוב ניט בלויז פונם יידישן פאָלק, נאָר פון אונז אַלעמען, דעמאָקראַטן, אומ־אָפּהענגיקע מענטשן פון אַלע לענדער, אַנצונעמען די דאָזיקע אַרויספאָ־דערונג, ווייל זי רירט אונז אַלעמען אָן.

די אַלע, וואָס קעמפן פאַר גערעכטיקייט און פּראָגרעס פון דער מענטשהייט, ווייסן, אַז די בעסטע זין פון יידישן פאָלק האָבן שטענדיק מאַרשירט אינם אַוואַנגאַרד פון דעם דאָזיקן קאַמף. גערעכטיקייט, יושר, די קווינט־עסענץ פונם לעבעדיקן געוויסן פון יידישן פאָלק — זענען שטענדיק געווען ווי אַזוי ליכט־שטראַלן, וואָס לייכטן אַראָפּ פונם שטערן פון משה רבינו.

גערעכטיקייט און יושר זענען אויך אונזערע אייביקע כלי־זין, מיט וועלכע מיר ווילן אויסקעמפן דעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט. ס'איז דעריבער נאַטירלעך, וואָס מיר שטויסן זיך אָן אויף די זעלבע שונאים, אויף די פינצטערע כוחות פון דער מאַכט, וואָס טראָגט היינט דעם נאָ־מען פאַשיזם, נאַציזם, אויף זייערע „דוטשעס" און „פּירערס", וואָס באַדראָען די וועלט מיט זייערע פאַרשווערונגען. מיר וועלן צוזאַמען צערייסן די נעץ, אין וועלכער זיי ווילן פאַרנאַרן די מענטשהייט.

יידישע אינטעלעקטועלע, אונזערע חברים — אַן אַלטער אינטע־לעקטועלער פון פראַנקרייך דריקט אייך די האַנט. דער נאַרישער היט־לער, אין זיין פאַרפאָלגונגס־מאַניע, אידענטיפיצירט אייך מיט דער רע־וואָלוציע. מיר פּראָטעסטירן. יעדן זיין חלק כבוד.

אַלע גרויסע רעוואָלוציעס זענען אַ הייליקער אויפשטאַנד קעגן דער אומגערעכטיקייט פון דער סאָציאַלער אָרדנונג, פאַר דער אויסשפּריי־טונג פונם טעטיקייטס־פעלד פון מענטשלעכן געדאַנק. גאָט צו דאַנקען — די בעסטע זין פונם אַלטן פראַנקרייך, וועלכע האָבן מיט זייער בלוט אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע פיר רעוואָלוציעס, וועלן ניט דער־לויבן, מ'זאָל פון זיי צואַפּנעמען די רומפולע קרוין. מיר פאָדערן פאַר

אונז און נעמען אויף זיך, צוגלייך מיט אייך, יידיש פאָלק, ברודער־פאָלק, די באַליידיקונגען פון היטלערן און די שנאה פון אַלע אונטערדריקער.

לאָמיר ענגער מאַכן דעם בונד צווישן דעם פאָלק פון ראבלע, מאָנטען און וואָלטער, און דעם פאָלק פון קאַרל מאַרקס און שפּינאָזאַ.

י. אָפּאַטאָשו (פאַריייניקטע שטאַטן)

אין די פערטהאַלבן טויזנט יאָר, אויף דעם לאַנגן וואַנדער־וועג, האָבן מיר יידן, אַ פאָלק מיט אַן אַלטער זעלבשטענדיקער קולטור, נישט איינמאָל געביטן אונזער לשון. דריי פון אונזערע גערעדטע לשונות האָבן מיר נישט בלויז איבערגעשאַפן, מיר האָבן זיי אויך באַלעבט און דערהויבן צו נאַציאָנאַלע שפּראַכן. אונזערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן זענען — העברעיש, אַראַמיש, יידיש.

ס'איז כמעט אַ געזעץ — ווען אַ פאָלק כאַפּט זיך, אַז זיין ליטעראַרישע שפּראַך הערט אויף צו באַדינען די טאָג־טעגלעכע נויטן, הייבט אים אָן צו ווערן פרעמד, קערט זיך ס'פאָלק אָפּ פון דער ליטעראַרישער שפּראַך און דערהייבט ס'גערעדטע לשון, דעם „זשאַרגאָן" זייניקעם. דער „זשאַרגאָן" ווערט די ליטעראַרישע שפּראַך. אַזוי האָבן די ראָמאַנישע פעלקער זיך אָפּגעזאָגט פון לאַטיין און דערהויבן די פאָלקס־דיאַלעקטן, די זשאַרגאָנען, געמאַכט פון זיי — שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש, פראַנצויזיש, איטאַליעניש, רומעניש.

אַזוי האָבן מיר, יידן, נאָך גלות בבל, אין דער צייט פון די פּרושים, דערהויבן אַראַמיש, דעם דעמאָלטיקן „זשאַרגאָן", אָדער, ווי מען האָט אַראַמיש גערופן: „לשון הדיוט", צו אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך. און דאָס איז אַזוי לייכט נישט אָנגעקומען. דער שפּראַך־געראַנגל איז געווען אַ לאַנגער און פאַרביסענער. שפּורן פונם שפּראַך־קאַמף געפינען מיר אין תלמוד און מדרש. די העברעיסטן האָבן איינגעלייגט וועלטן, געסטראַשעט ס'פאָלק, אַז „מען טאָר נישט תפילה טון אין אַראַמיש, ווייל די מלאכי־השרת פאַרשטייען נישט קיין אַראַמיש". די אַראַמיסטן, די דעמאָלטיקע יידישיסטן, האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן. זיי האָבן שוין

דעמאָלט געוווסט, אַז העברעיש איז נישט ס׳ערשטע יידישע לשון. ס׳איז שוין דעמאָלט קשה געווען, פאַרוואָס די עלטסטע יידישע תפילה ביים ברענגען בכורים הייבט זיך אָן מיט די ווערטער — „ארמי אבד אָבי״. איז אויב אונזער פאָטער איז געווען אַן ארמי, וואָס וואַנדערט, אַן ארמי, אַ בעדואינער, האָט ער דאָך נישט גערעדט קיין העברעיש, נאָר אַראַ־מיש? און ווען די העברעער האָבן פאַרזיבערט דאָס פאָלק, אַז גאָט אַליין רעדט בלויז לשון־קודש, האָבן די אַראַמיסטן עס צוריק געשליי־דערט, געטענהט, אַז „בשעת גאָט האָט באַשלאָסן צו געבן די יידן די תורה, האָט ער מיט זיי נישט גערעדט קיין העברעיש, נאָר די שפּראַך, וואָס יידן האָבן גערעדט און פאַרשטאַנען — מיצריש.״ און דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען לויט דעם דעמאָלטיקן יידישן וועלט־קוק און לעבנס־קוק, אויף די ליניעס פון דער דרייאיינהייט — פאָלק, גאָט און תורה.

געזיגט האָט ס׳לעבן. אַראַמיש איז געוואָרן די ליטעראַרישע שפּראַך ביי יידן. אַראַמיש איז אפילו אריין אין תנ״ך. פּרצס אַ חסידישע מעשה האָט אין זיך מער העברעיש, ווי די אַראַמישע קאַפּיטלעך פון ספר „דניאל״. און „דניאל״ איז קאַנאָניזירט געוואָרן מיט די „כתובים״. און אויב די צדוקים זענען געווען קעגן, איז נישט דערפאַר, וואָס „דניאל״ איז געשריבן אין אַראַמיש, נאָר דערפאַר וואָס „דניאל״ רעדט וועגן יע־נער וועלט, וועגן תחית־המתים.

דאָס איז געווען 65 יאָר נאָך קריסטוסן. דעמאָלט האָט אַראַמיש שוין געהאַט איבערגענומען די גאַנצע העברעישע קולטור־ירושה, זי פאַר־דייט אויף איר שטייגער, זי איבערגעאַרבעט און צוגעפּאַסט נישט בלויז צום פאָלקס־ליבן, נאָר אויך געשאַפן אין אַראַמיש די גרויסע נאַציאָנאַ־לע אוצרות — דעם תלמוד ירושלמי, דעם תלמוד בבלי, אָנגעהויבן שאַפן דאָס אָריגינעלסטע טעאָזאָפישע ווערק, וואָס דער מענטש פאַר־מאָגט — דעם „זוהר״. אויך געשאַפן די תפילה, די אינטימסטע תפילה, ווען אַ זון געזעגנט זיך מיט זיין געשטאָרבענעם פאָטער, ווען אַ נייער דור געזעגנט זיך מיטן פאַרגאַנגענעם, כ׳מיין דעם אַראַמישן „קדיש״, וואָס נאָך היינט צו טאָג ווערט ער געזאָגט, אויב נישט פון 17 מיליאָן יידן איבער דער גאָרער וועלט, איז פון אַ 14 מיליאָן אוודאי און אוודאי. פונם העברעישן „אל שדי״, איז געוואָרן דער אַראַמיש־יידישער „רבונו־של עולם״, דער „טאַטע־פאָטער״, וואָס וואַרצלט ביזן היינטיקן טאָג נאָך טיף אינעם יידישן פאָלק.

די יידיש־קעגנער וועלן אָנווייזן, אַז מיר האָבן געהאַט נאָך שפּראַכן — פּערסיש, גריכיש, אַראַביש, שפּאַניאָליש, פראַנצויזיש. אמת. מיר האָבן אָבער די אַלע לשונות נישט דערהויבן צו נאַציאָנאַלע יידישע שפּראַכן. ביז דעם 16־טן י״ה האָבן מיר אפילו נישט געוווסט, צי דער יידיש־גריכישער פילאָזאָף, פילון פון אַלעקסאַנדריע, האָט איבערגעלאָזט ביכער. אַראַביש איז פּונקט אזא שוועסטער־שפּראַך פון העברעיש, ווי אַראַמיש. אַראַביש האָט בלויז געוועקט ביי יידישע דיכטער „קנאת סופרים", געטריבן די ספרדישע יידישע פּאָעטן צו פאַרטיפן זיך אין תנ״ך, אין דקדוק. *מער נישט!* שפּאַניאָליש, וואָס יעדער שפּאַניער פאַרשטייט נאָך היינט, האָט דאָך אפילו קיין יידישן נאָמען נים. די שפּאַניאָלער רופן זייער שפּראַך — לאַדינאָ. דאָס הייסט — לאַטיין. און אויב זיי רופן עס טיילמאָל „יידיש", איז דער נאָמען געבאָרגט ביי אונז. אַ חוץ עין־הרע־אָפּשפּרעכענישן, קמיעות, אַ צענדליק וויג־לידער, אַ צענדליק באַלאַדעס, האָט לאַדינאָ גאָרניט איבערגעלאָזט נאָך זיך.

ווי מיר זעען, קאָן דאָ גאָר קיין רייד נישט זיין פון נאַציאָנאַלע שפּראַכן, ביז מיר קומען צו יידיש. פרעגט זיך — וואָס פאַר אַ יידן זענען דאָס געווען די טאַטעס פונם היינטיקן יידיש? דאָס זענען געווען מענטשן מיט אַ סך יידישער קולטור. זיי האָבן אין זיך געטראָגן די ירושה פונם תנ״ך, פון דער גמרא, פון די גאונים. זיי האָבן גערעדט פראַנצויזיש, גערעדט איטאַליעניש. זיי זענען דאָך געקומען פון די ראָמאַנישע לענדער, געקומען אין ריינישער געגנט דורך פראַנקרייך. לאַטיין האָבן זיי פיינט געהאַט, עס גערופן „גלחות" (גלחים־לשון), ווייל ס'האָט געהאַט צו טון מיט קריסטנטום. און קריסטנטום איז פאַר יידן געווען — גזירות, רדיפות, שייטערהויפנס און קדוש־השם. דער ייד, וואָס איז אריבערגעקומען אין דער ריניש־פראַנקישער געגנט, איז געשטאַנען העכער, איז געווען קולטורעלער פונם דייטש. ער האָט זיך נישט באַדאַרפט אַסימילירן. דער ייד איז אויך געווען *וועלטלעכער* פונם דייטש. ער, דער ייד, האָט דאָס מיטגעבראַכט קיין דייטשלאַנד די פראַנצויזישע ריטער־ראָמאַנען און העלדן־עפּאָסן — די אַלע „טריסטאַנס און איזאָלדאָס", די אַלע „פּאַרסיוואַלן".

אונזערע מיינסטע וויסנשאַפטלער האָבן אַ טעות, ווען זיי מיינען, אַז ר' יהודה חסיד האָט אין זיין „ספר חסידים" געשטורעמט קעגן די

דייטשע „ראמאנצן“, זיי פארוועדט יידן צו לייענען. דאס האט ר׳ יהודה חסיד געשטורעמט קעגן די פראנצויזישע, אדער ריכטיקער, פראוואנסא־לישע „ראמאנצן“. און אז די תקופה וועט אויסגעפארשט ווערן, וועט מען ערשט דעמאלט אויסגעפינען, אז מיר, יידן, זענען געווען די קולטור־טרעגער פון דער „ריינער“ ארישער קונסט, פונקט ווי מיר זענען געווען די קולטור־טרעגער פונם אראבישן רענעסאנס אין מיטלאלטער. אט די יידן, אונזערע עלטער־זיידעס, זיי האבן יידיש דערהויבן צו א נאציא־נאלער שפראך.

און אז מען לייענט ביי די דייטש־פוילישע געלערנטע פון צונצן ביז גרעצן, אז די דייטשע יידן האבן גערעדט דייטש, און אין דעם, וואס זיי האבן אנגעהויבן „מאושלען“, רעדן דעם נמאסדיקן „זשארגאן“, זע־נען שולדיק די פוילישע יידן, ווילט זיך בלויז לאכן. דערמיט האט מען אויף א „מה־יפית“־שטייגער געוואלט אונטערשטרייכן דעם יידיש־דייטשן פאטריאטיזם. און דאס איז געווארן א מכת־מדינה. דער געלערנטער הרכבי פון פעטערבורג האט אויך אויפגעוויזן, אז יידן אין רוסלאנד האבן אין 16־טן י״ה גאר גערעדט רוסיש, נישט קיין יידיש, און די מא־דאם צענטנערשווער האט אויפגעוויזן, אז אין 6־טן י״ה האבן יידן אין פוילן גערעדט פויליש, נאר קיין יידיש.

דאס האט זיך גענומען אי פון נישט וויסן, אי פון וועלן צושפילן דער הערשנדיקער קולטור. מ׳דארף נאר פארגעסן, אז די היינטיקע פילאלא־גיע אין אינגאנצן אלט א הונדערט יאר. ביז דעם פילאזאף לייבניץ האט גאנץ אייראפע געגלויבט, אז אלע שפראכן שטאמען פון העברעיש. שמואל דוד לוצאטו האט זיך ביי דער טעאריע געהאלטן ביז אין 19־טן י״ה. אפילו אונזער גרויסער יצחק־לייב פרץ, דער זיידע פונם היינטיקן צוזאמענפאר, האט אויף דער טשערנאוויצער קאנפערענץ געזאגט, אז יידיש הייבט זיך אן מיט אייזיק־מאיר דיק. פרץ האט געמיינט די יידי־שע ליטעראטור. און איך זאג, אז יידיש האט זיך אנגעהויבן דעמאלט, ווען דער אנאנימער קינסטלער האט געוואלט אריבערטראגן און איבער־גיסן אין יידיש דעם קלאנג און ריטם פון העברעיש־אראמיש. און ער האט דאס געטון ביי דער ערשטער געלעגנהייט. ווי אזוי, מיינט איר, האט דער אנאנימער קינסטלער איבערגעזעצט — „מלך ימלוך“? נישט „דער קיניג וועט הערשן“, נישט „דער קיניג וועט רעגירן“, נאר „דער קיניג וועט קיניגן“, כאטש אין דייטש איז נישטא אזאווארט, נישטא

אַזאַ ווערב, ווי ק י נ י ג ן. און „דער קיניג וועט קינינגן“ איז שוין ניט קיין דייטש. ד אָ ס א י ז ש ו י ן י י ד י ש. און ס'איז שוין אויך נישט קיין איבערזעצונג. ס'איז אָריגינעלע שאַפונג.

ווען איז דאָס געווען?

נישט מיט זיבן יאָרהונדערט קריק, ווי אונזערע וויסנשאַפטלער ווילן האָבן, נאָר מיט ניין יאָרהונדערט קריק און אפשר מיט גאַנצע טויזנט יאָר קריק, ווען פוילן האָט נאָך נישט געהאַט קיין ליטעראַטור, ווען רוסלאַנד האָט נאָך נישט געהאַט קיין ליטעראַטור.

ס'איז אַ געזעץ — ווען אַ פאָלק וויל באַלעבן אַ פרעמדע שפּראַך, וויל זי מאַכן פּראָדוקטיוו, דאַרף ער די שפּראַך איבערשמעלצן, איבעראַרבעטן, דאַרף באַשאַפן אַ נייע שפּראַך, ז י י ן ש פּ ר אַ ך. און דאָס האָבן מיר געטון מיט די דייטשע דיאַלעקטן. מיר האָבן זיי באַלד ביים איבערנעמען געיידישט, אַריינגעבראַכט אַ שלל מיט נייע ווערטער, מיט נייע באַגריפן, כ'מיין די העברעיש־אַראַמישע האַנדלס־טערמינען און סחורות־באַצייכענונגען, וואָס זענען געווען באַקאַנט, ווו נאָר יידן האָבן געפירט מסחר. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דער יידישער גרויס־האַנדל מיטן ווייטן מזרח איז געגאַנגען דורך דייטשלאַנד און סלאַווישע לענדער. אָט די ווערטער, וואָס האָבן געהאַט צו טון מיט דער יידישער עקאָנאָמיק, האָבן זיך פריער איינגעוואָרצלט אין די דייטשע דיאַלעקטן, ווי די ווערטער, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו יידישקייט און ריטואַל.

אָבער פון די צוגעקומענע ווערטער איז נאָך נישט געוואָרן קיין יידישע שפּראַך. מען האָט די העברעישע און דייטשע עלעמענטן געדאַרפט צונויפפאָרן און איבערשמעלצן. „כבוד“ איז העברעיש. „זיין“ איז דייטש. אָבער „מ כ ב ד ז י י ן“ איז נאָר יידיש. פונקט ס'זעלבע „גטן זיך“, „דרשה־געשאַנק“. דאָס זענען יידישע ווערטער, וואָס איר וועט זיי נישט געפינען נישט אין דייטש און נישט אין העברעיש.

אַ חוץ העברעיש־אַראַמישע עלעמענטן זענען אויך צוגעקומען ראָמאַנישע. ווייסט איר, אַז אַזוינע עכטע יידישע ווערטער, ווי בענטשן, דאַווענען, ניטל, סאַרווער, טשאָלנט, פאַטשיילע, אַלקער, אַלטער, אימפּעט, פלעט, גוידער, ווירע, מילגרוים — און נאָך צענדליקער און צענדליקער שטאַמען נישט פון דייטש, נאָר פון פראַנצויזיש, פון איטאַליעניש? קען נאָך זיין יידישער, ווי יענטע, שפרינצע, אַנשל? און יענטל שטאַמט נאָר פון פראַנצויזישן gentille — איידל־געבוירענע.

און נישט בלויז ווערטער זענען צוגעקומען, נישט בלויז די אויס־שפּראַך איז געוואָרן אַן אַנדערע, נאָר די קאָנסטרוקציע און זאַץ־בוי, דער גאַנצער סינטאַקסיס האָט זיך געענדערט. פונעם „לשון אשכנז" איז גע־וואָרן „יידיש־טייטש", פון „יידיש־טייטש" איז געוואָרן „לשוננו — אונ־זער שפּראַך", פון „אונזער שפּראַך" איז געוואָרן „יידיש".

און יידיש האָט גענומען וואַקסן, גענומען אויסשפּרייטן איר טעריטאָ־ריע. מען האָט גערעדט יידיש אין איטאַליע, אין פראַנקרייך, אין האָ־לאַנד, אין סקאַנדינאַוויע. מען האָט גערעדט יידיש אין בעמען, אין מערן, אין פּוילן, אין ליטע, אין אוקראַינע, אין נייַ־רוסלאַנד ביז אַראָפּ צום שוואַרצן ים.

„אשכנז" האָט אויפגעהערט צו זיין אַ געאָגראַפישער באַגריף, ס'איז געוואָרן אַן אידעישער, ס'איז געוואָרן „יידישלאַנד".

און זאָל עס דאָ געזאָגט ווערן — ס'איז אַ בלבול און אַ היסטאָרי־שער שקר, אַז יידיש איז געווען בלויז די שפּראַך פון ווייבער, מיידלעך און עמי־הארצים. געוויס האָט די רעליגיעזע ליטעראַטור אויף יידיש נישט געהאַט קיין אינטערעס פאַרן למדן. דער למדן האָט די רעליגיעזע ליטעראַטור געהאַט אין אָריגינאַל, אין העברעיש. די יידישע ליטעראַ־טור, וואָס האָט אין זיך געטראָגן וועלטלעכקייט און וועלטלעך־ליטעראַ־ריש שאַפן, האָט פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע פאָלק, אַלע זיינע שיכטן, ווייל אין העברעיש איז דעמאָלט אַזאַ מין שאַפן נים געווען. פון איבער הונ־דערט און צוואַנציק שער־בלעטער פון אַלט־יידישע אויסגאַבעס ווענדן זיך בלויז ניין שער־בלעטער אויסשליסלעך „צו פרומע ווייבער, בחורים און „פולצילס" (מיידלעך), איבער הונדערט שער־בלעטער ווענדן זיך נישט בלויז צו „ווייבער און מיידן", נאָר אויך צו „בחורים, באַלעבאַ־טים, אַלע ביידן, צו ליבע לייט, מאַן און ווייב, יונגען און מיידן".

אין אונזער העלדן־עפּאָס, אינעם „שמואל־בוך", וואָס איז אַנט־שטאַנען אין 14־טן י"ה און וואָס קען זיך נאָך הייגט פאַרמעסטן מיט די בעסטע דייטשע העלדן־עפּאָסן פון יענער צייט, ווערט געזאָגט, אַז די מעלאָדיע פונעם „שמואל־בוך" קען „כל ישראל". און דער מחבר האָט דערביי גאָרנישט איבערגעטריבן. און אַז יוסף בר יקר האָט אין 1544 אַרויסגעלאָזט אַ סדור אויף יידיש, צונויפגעשטעלט לויט אַלטע איבער־זעצונגען, האָט ער אויפן שער־בלאַט אָנגעשטעלט אַזאַ רעקלאַמע:

„צווישן מיין סדור און אנדערע איז אזא אונטערשיד, ווי צווישן אן אלט ווייב און א יונגער מויד". אזא מין פארגלייך אויף די בלעטער פון א סחור איז געווען טיפּיש פאַר דער יידישער ליטעראטור פון יענער צייט, וואָס האָט זיך גערעכנט מיטן געזונטן געשמאַק פון די פאָלקס־מאַסן. דאָס אַלץ איז אָבער נאָך ניט גענוג געווען, יידיש זאָל זיך ארויסרוקן און ווערן א פּראָגרעסיווע שפּראַך. צווישן שפּראַכן זענען אויך פאראַן צוריקגעשטאַנענע און פּראָגרעסיווע. דערצו האָבן ווידער היסטאָרישע כוחות צוגעשפּילט. ס'האָט זיך געמאַכט, אז די גרויסע מערהייט פונם יידישן פאָלק האָט זיך געפונען אין איין לאנד — אין פּוילן. דורות־לאַנג האָבן יידן דאָרט געהאַט קולטורעלע און פּאָליטישע אויטאָנאָמיע. כ'מיין דעם „וועד ארבע הארצות", וואָס האָט געהאַט צו זאָגן איבער גרויס־פּוילן, קליין־פּוילן, רויט־רוסלאַנד, וואָלין און אפילו ליטע. פון רדיפות און שחיטות (א חוץ כמעלניצקים) האָבן יידן כמעט ווי נישט געוווסט. עקאָנאָמיש האָט זיך יידן גוט געלעבט. דאָ אין פּוילן האָט זיך אויס־קריסטאַליזירט א נייער טיפּ ייד, א טיף־נאַציאָנאַלער, וואָס האָט אריי־בערגעשטיגן דעם מזרח־ייד, דעם ספרדישן און אראַבישן. דאָס איז גע־ווען דער פּוילישער ייד פון פּויזן, פון קראָקע, פון לעמבערג, פון לוב־לין, פון בריסק. מיטן פּוילישן ייד איז אויך געוואַקסן זיין לשון. בשעת דער ספרדישער ייד האָט רייכער געמאַכט פרעמדע קולטורן, איז דער אשכנזיש־פּוילישער ייד, מיט זיין פּלפּול, מיט זיינע פּשטלעך, מיט זיין רעדן און טראַכטן געווען א המשך פון דעם בבלישן גמרא־ייד. אין זיין הלוך, אין זיין יידיש איז געווען עפּעס אייגנאַרטיקס, עפּעס אויסטערלישעס. און דער דאָזיקער ג א נ צ ע ר ייד, פון דעם בעל־מלאכה, פון דעם בעל־עגלה, פון דעם סוחר ביז דעם למדן, אַלע האָבן זיי זיך אויסגעלעבט אין יידיש. די „צאינה וראינה", דאָס טייטש־חומש פון דער יידישער פרוי, איז געווען דער המשך פון אמאָליקן מדרש, נאָר אין יידיש. דער „נחלת־צבי" — איז דער „זוהר" אין יידיש. דער מחבר פונם „טייטש־זוהר" דערקלערט אין זיין הקדמה, אז משיח וועט גיכער קומען ווען מען וועט דעם „זוהר" לייענען אין דער פאָלקס־שפּראַך, אין יידיש. די קאַבאַ־ליסטן האָבן אויף יידיש געפירט זייער קאַמף קעגן די לומדים און רבנים, אפילו קעגן דעם תלמוד. דערצו האָט אונזער מאַמע, די יידישע פרוי, קיין אנדער שפּראַך נישט געהאַט. יידיש הייסט נאָך היינט — מאַמע־לשון. אונזער מאַמע האָט זיך אויסגעוויינט איר הארץ אויף יידיש, האָט

אונז איינגעוויגט מיט „ראָזשינקעס און מאַנדלען“, האָט פאַרפלאַנצט אין אונז ליבע און איבערגעגעבנקייט צום פאָלק.

דאָ אין פוילן און אין דער שכנישער טשעכיע איז יידיש רייכער געוואָרן, האָט צוגעקריגן אַ נייעם עלעמענט — דעם סלאַווישן. און דאָ רעדט זיך נישט בלויז פון אַנטליענע ווערטער אין יידיש ווי — כריין, כאָטש, נעבעך, קרעטשמע, בייטש, זאַטשעפּען, דאָקוטשען — וואָס וואַרפן זיך ביים ערשטן קוק יעדן אין די אויגן. פיל וויכטיקער איז גע־ווען די השפּעה פון סלאַוויש אויף דער יידישער גראַמאַטיק, וואָס מען דערקענט אין די קלאַנגען, אין דעם וואָרט־בילדונג, אין דעם סינטאַקסיס און אפילו אין פראַזעס און ווערטלעך.

כ'האָב פריער געזאָגט, אַז ס'זענען דאָ פּראָגרעסיווע שפּראַכן און צוריקגעשטאַנענע. די ראָמאַנישע שפּראַכן, וואָס האָבן אין פּראָצעס פון אַנטוויקלונג אָפּגעוואָרפן די בויגונגען פון זאַכווערטער (סובסטאַנטיוון), אָפּגעוואָרפן דעם דריטן מין, זענען אין פאַרגלייך מיט לאַטיין פּראָג־רעסיווע. יידיש, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן די בויגונגען פון זאַכווערטער, אָפּגעוואָרפן דעם אימפּערפעקט, איז אין פאַרגלייך מיט דייטש אַ פּראָג־רעסיווע שפּראַך. יידיש האָט אויך אַרויסגעשטופּט אַנדערע פאָרמען, האָט זיך באַפרייט פון דייטשע פּענטעס, פון וואָרט־שטעלונג, פון איבע־ריקע פאָרמען און קלאַנגען, וואָס מיר געפינען נאָך אין אַלט־יידיש. פון אַ סינטעטישער שפּראַך איז יידיש געוואָרן אַן אַנאַליטישע, אַ פּראָגרע־סיווע, ווי פראַנצויזיש, ווי איטאַליעניש, ווי שפּאַניש, ווי ענגליש.

יידיש איז אַריין אין דער משפחה פון פּראָגרעסיווע שפּראַכן, סוף 17־טן י"ה, ווען סטאַדיוואַריוס האָט געגעבן דער וועלט זיין פידל. אָבער אַ סטראַדיוואַריוס־פידל איז נאָך ניט גענוג. מען דאַרף נאָך האָבן ווירטואָזן, מען דאַרף האָבן קינסטלער, וואָס זאָלן אַרויסברענגען די פּאָטענ־ציעלע באַהאַלטענע כוחות פון דער סטראַדיוואַריוס־פידל. און אַזוינע ווירטואָזן, אַזוינע קינסטלער האָבן זיך באַוויזן. פריער אַנאָנימע — דאָס חסידות, דער יידישער אַרבעטער, וואָס האָבן געגעבן יידיש — נשמה, מוח און פּראַצע.

אין חסידות איז אפילו דאָס העברעישע געוואָרן יידיש. ס'באַווייזן זיך ר' נחמן בראַסלאַווערס מעשיות.

דאַן קומט דער אַרבעטער, דער יידישער פּראָלעטאַריער, וואָס מיט דער הילף פון יידישן וואָרט נעמט ער העלפן איבערבויען די וועלט אויף

סאָציאַליסטישע יסודות. אדאנק דעם אַרבעטער באַווייזט זיך ווידער דאָס יידישע בוך, ס׳וועלטלעכע, אַ גליד־גליד־שוועסטערקינד פון דעם וועלטלעכן "שמואל־בוך" פון 14־טן י"ה.

דערנאָך זענען געקומען די קינסטלער פונם גרויסן פאַרנעם — מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם — וואָס האָבן צוגעגעבן יידיש וואַגיקייט, פאַנטאַזיע, צוגעגעבן שעפערישע מעגלעכקייט און חשיבות. און איבער די קינסטלער, איבער דעם ברייטן פונדאַמענט הייבן זיך וועגט העכער און העכער, ס׳וואַקסט אויס אַ ריזיקע געביידע מיט ליכטיקע שפּיצן טיף איבער די וואָלקנס. די ליכטיקע שפּיצן באַלויכטן יעדן יידישן ישוב פון איבער דער גאַנצער וועלט.

דאָס זענען — דער צווייטער דור קינסטלער נאָך די קלאַסיקער, די „יונגע“ פון אַמעריקע, דער דריטער דור, דער פּערטער, די יידיש־פאַרשער, וואָס גרופּירן זיך אַרום דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע, די יידיש־פאַרשער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

און ווי רייך אונזער שפּראַך זאָל ניט זיין, וואַרטן נאָך אויף יידיש גאַנצע אוצרות. און ווי דאָס „שמואל־בוך“ און אַנדערע העלדן־עפּאָסן זענען נאָך ניט באַאַרבעט געוואָרן שפּראַכלעך, זענען נאָך ניט אויסגעפאָרשט געוואָרן, אַזוי זענען שפּראַכלעך נאָך נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן די אַלטע איינגעזעסענע ישובים פון פּוילן, ישובים פון איבער פינף הונדערט יאָר, זעקס הונדערט יאָר, אַכט הונדערט יאָר. דאָס זאַפטיקע רומענישע יידיש איז נאָך ווי געהעריק ניט אויסגענוצט געוואָרן און דאָס קלינגענדיקע יידיש מיט די לאַנגע פּתחן פון אונגאַרן איז נאָך אינגאַנצן נישט אָנגערירט געוואָרן. ס׳איז נאָך פאַר דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור — אַ קרקע בתולה. די אויפגעריסענע שטיקער שוואַרץ־ערד פון יידישן סאָוועטן־פאַרבאַנד דאַרפן נאָך אויסגענוצט ווערן. ס׳וואַרטן נייע ווערטער און באַגריפן אין די פאַר. שטאַטן, אין קאַנאַדע, אַרגענטינע, אין ארץ־ישראל — טויזנטער ווערטער, וואָס מאָנען און בעטן זיך דער קינסטלער זאָל זיי אויפנעמען, זאָל זיי געבן אַ פאָרם, אַ לבוש. און די פאָרם דאַרף ערגעץ פירן, און דער לבוש דאַרף וואַרעמען אַ מענטשלעך לייב.

יידיש איז אַ וועלט־שפּראַך, ווייל יידן זענען אַ וועלט־פאָלק. און נישט פון היינט איז יידיש אַ וועלט־שפּראַך. אין 1750 האָט פּראָפעסאָר קרייזאַנדער, אַ קריסט, געשריבן: „יידן טענה׳ן, אַז מיט יידיש קען

מען אויספאָרן די גאַנצע וועלט". און כאָטש מיר האָבן נישט קיין אַר־מיי, קיין פלאָט, קיין גרענעצן, קען מען היינט־צו־טאָג, מיט מער רעכט ווי די ענגלענדער, זאָגן: אין יידיש־לאַנד גייט קיינמאָל די זון נישט אונטער. „יידיש־לאַנד" איז אַ העכערע מדרגה, ווי צו האָבן אַרמייען, גרענעצן, פּאַספּאָרטן. עס איז נאָך אַ נייער באַגריף, ער הערט זיך שוין אָבער אין דער פעלקער־סימפאָניע. ס'איז געגנוג אַ טראַכט צו טון:

אייראָפּע, אַזיע, אַפריקע, אויסטראַליע — טויזנטער, צענדליק טויזנטער שטעט, טויזנטער, צענדליק טויזנטער מייל, ימען, וועלדער, פעלדער, ווו ס'גייט אויף, פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, דער קלאַנג פון יידיש, פון אונזער לשון, ס'לשון פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן יידישן פאָלק, וואָס גלויבט אין דער גערעכטיקייט, וואָס וועט אָפּשאַפן שׂנאה און האַס צווישן מענטש און מענטש, צווישן פאָלק און נאַציע, צווישן ראַסע און ראַסע.

מ. אָלגין (פאַרייניקטע שטאַטן)

חברים דעלעגאַטן, חברים געסט,

די אַמעריקאַנער דעלעגאַציע ברענגט אייך דאָ איצט אַ פלאַמיקן גרוס פון דער אַמעריקאַנער יידישער האָרעפּאַשנער באַפעלקערונג, וועלכע איז גרייט מיט אייך צוזאַמען צו בויען די וועלטלעכע יידישע קולטור.

די וועלט איז היינט איינגעטיילט אין צוויי לאַגערן.

ראָמען ראָלאַן, אין זיין באַגריסונג צום קאָנגרעס, האָט אָנגערופן איין לאַגער: „די וועלט פון משוגענע הינט"; דאָס איז די וועלט פון פאַ־שיזם, פון צוריקקער צום מיטלאַלטער.

פון דער אַנדערער זייט געפינען זיך די קרעפטן פון דעמאָקראַטיע, פון פרייהייט, וואָס קעמפן קעגן די באַרבאַרן.

ביי אונז אין אַמעריקע, טראָץ דער פרייהייט, אַנטשטייען שפּראָצן פון פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם. ס'מערקט זיך לעצטנס אַ וווקס פון דער רעאַקציע. מיר באַקעמפן זי ביי אונז און מיר פאָלגן נאָך מיט אַ ברע־נענדיקן אינטערעס דאָס אַלץ, וואָס קומט פאָר אין אייראָפּע.

מיר פאָלגן נאָך די, וועלכע קעמפן פאַר דער באַפרייונג פון שפּאַ־ניע. מיר פאָלגן נאָך די פאָלקס־פראָנט־באַוועגונג אין פראַנקרייך, ווו עס

זענען נאָך פאַראַנען דערשיינונגען פון רעאַקציע. מיר געדענקען, אַז צווישן די קרעפטן פון פּראָגרעס איז דאָ דער גרויסער, מעכטיקער ראַטנפאַרבאַנד.

מיר, אַמעריקאַנער דעלעגאַטן, האָבן זיך דאָ מער דערוווּסט, וואָס עס קומט אויס אויסצושטיין דער יידישער שפּראַך און דער יידישער קול־טור אין אייראָפּע. מיר ווייסן, אַז אין אַ סך לענדער זעצט מען איין אין תפיסה פאַר רעדן יידיש. מיר ווייסן, אַז מען ראָט אויס די יידישע קולטור, אַז זי ווערט אומעטום פאַרפאָלגט. מיר ווייסן אויך, אַז די פאַר־פאָלגונג פון אונזער קולטור, איז נאָר אַ טייל פון דער פאַרפאָלגונג פון יידישן פאָלק.

אָבער מיר זענען דאָ. דאָס יידישע פאָלק לעבט. מיר האָבן רעכט צו לעבן. מיר וועלן אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד קעגן די, וואָס ווילן אונז פאַרניכטן. דער קאָנגרעס איז אַ באַווייז פונם לעבנס־ווילן און פון די לעבנס־כוחות פון דער יידישער קולטור.

חברים, מיר ווילן נישט בלויז דעמאָנסטרירן פאַר דער יידישער קולטור, מיר ווילן אויך טון קאָנסטרוקטיווע אַרבעט.

דער שונא, דער פאַשיסט, האָלבער פאַשיסט, וויל ניט נאָר ברעכן דעם גוף, נאָר אויך די נשמה פון יידישן פאָלק. עס איז דאָ אַ טענדענץ אָפּצושוואַכן דעם גייסט פון די אינטעלעקטועלע. מיר דאַרפן דערקלערן, אַז די יידישע שפּראַך, די יידישע קולטור איז אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן פון די ברייטסטע יידישע פאָלקס־מאַסן, פּונקט ווי די שפּראַך און די קולטור ביי אַלע אַנדערע פעלקער.

מיר זענען זיך צונויפגעקומען אויפצוהייבן די יידישע קולטור אויף אַ העכערער מדרגה. די אַרבעט איז ניט קיין לייכטע, אָבער אַן אומגעהויער דאַנקבאַרע. מיר ווייסן אַליין גאָרניט, וויפל קולטור־אוצרות עס האָבן זיך ביי אונז אָנגעזאַמלט.

פונוואַנען האָט זיך גענומען דיזאָזיקע עשירות ? מיר האָבן דאָך ניט געהאַט קיין פאָנדן, קיין הילף, קיין אונטערשטיצונג. און דאָך — זעט, ווי די יידישע שפּראַך, ווי די יידישע ליטעראַטור איז זיך צעוואַקסן. דער מאָדערנער קולטור־מענטש קען זיך אינגאַנצן אויסלעבן אויף יידיש.

איז עס גענוג ? ניין. מען דאַרף טון אַלץ, כדי אויסצובררייטערן די יידישע קולטור. מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַן אַלזייטיקן פּראָגראַם. מיר ווילן בילדן איין גרויסן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־צענטר, וואָס זאָל

אָנפירן מיט דער יידישער קולטור־טעטיקייט אין גאַר דער וועלט.

מיר, אין אַמעריקע, האָבן געהאַט אויסצושטיין, אין אונזער צוגרייטונגס־אַרבעט, פאַרלוימדונגען און רדיפות. מיר האָבן זיך אָבער ניט אָפּגעשראָקן, מיר זענען ניט אַנטמוטיקט געוואָרן. אַ שטיין נאָך אַ שטיין איז געלייגט געוואָרן צום בנין. און אַט האָבן מיר געהאַט דעם 28־29 אויגוסט די ערשטע אַל־אַמעריקאַנער קולטור־קאָנפערענץ מיט העכער 800 דעלעגאַטן, וואָס האָבן פאַרטראַטן 450 אָרגאַניזאַציעס. די קאָנפערענץ איז אַדורך מיט ענטוזיאַזם. עס איז שוין פון איר אַרויסגעוואַקסן אַ צענטראַל־קאָמיטעט אויף אָנצופירן מיט דער יידישער קולטור־אַרבעט אין אַמעריקע.

איין סעקציע, אין אַ גרויסן לאַנד, פונם אַלוועלטלעכן קולטור־צענטער, איז שוין דאָ. און אויף דער סעקציע מעגט איר זיך פאַרלאָזן. עס וועלן נאָך זיין שטרויכלונגען, אָבער דער אָנהייב איז געמאַכט.

עס האָבן זיך צונויפגענומען פאַרשיידענע מענטשן, פון פאַרשיידענע ריכטונגען. עס הערשט אָבער ביי אונז דער פולסטער קעגנזייטיקער רעספעקט. מיר האָבן אַזויפיל פּראַקטישע אַרבעט אַדורכצופירן, אַז דאָס וועט אונז פאַראייניקן.

לאָמיר אַרבעטן געאייניקט פאַר אַ שענערער, העכערער יידישער פאָלקס־קולטור.

דניאל טשאַרני (פראַנקרייך)

איך בין שטאָלץ מיט דעם גרויסן כבוד צו קענען הייננט באַגריסן פון אַט דער הויכער טריבונע די חשובע דעלעגאַטן און געסט פון דעם ערשטן אַלוועלטלעך־יידישן קולטור־קאָנגרעס.

ערשט מיט 29 יאָר צוריק איז אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ אונזער „זשאַרגאָן" פּראָקלאַמירט געוואָרן פאַר אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך פונם יידישן פאָלק, און היינט, דעם 17־טן סעפּט. 1937, ווערט אין פּאַריז מאַניפעסטירט דער גרויסער שעפערישער כּוח פון אונזער פאָלקס־שפּראַך, וואָס האָט זיך אַזוי ברייט און מעכטיק פונאַנדערגעשפּרייט אין עטלעכע און צוואַנציק לענדער פון גאַר דער וועלט.

פאַר דעם זעלבן צייט־שטח האָט זיך אונזער פאָלקס־קולטור באַ־

זונדערס שטאַרק אַנטוויקלט אין די פּאַריזער שטאָטן. די זייער אַנגעזעענע און צאָלרייכע אַמעריקאַנער דעלעגאַציע, וואָס זיצט דאָ אויף דער טריבונע, האָט, לויפנדיק פון די צאַרישע תפיסות און קאַטאָרגעס, מיטגעבראַכט אין איר נייער היים דעם גרויסן שעפערישן דראַנג ווייטער צו קעמפן פאַר אונזער נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן אויפשטייג.

די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן האָבן געבראַכט דעם ערשטן יידישן קולטור־קאָנגרעס צוויי פּרעכטיקע מתנות.

די ערשטע מתנה — זענען די ערשטע שפּראָצונגען פון דעם דריטן עמיגראַציע־דור אין אַמעריקע. יונגע לייוויקס און אָפּאַטשאָוס ווילן פאַרזעצן די קולטור פון זייערע טאַטעס און זיידעס !

די צווייטע מתנה — זענען די שליסלען צו דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע. די יידישע פאָלקס־מאַסן אויף יענער זייט אַטלאַנטיק ווילן ווייטער טראָגן אויף זייערע שטייפע אַקסלען אונזער פאָלקס־קולטור אין אַלע אירע נייע פאָרמען און אַנטפּלעקונגען.

פאַר אָט די דאָזיקע צוויי פּרעכטיקע מתנות איז די אַמעריקאַנער דעלעגאַציע ווערט דאָפּלט באַגריסט צו ווערן.

איך ווייס, אַז ווייט ניט אַלע פאַרטרעטער פון די יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס און קולטור־אינסטיטוציעס אין אַמעריקע און אין איראָפּע זיצן דאָ היינט אויף דער הויכער טריבונע.

עס זענען נאָך פאַראַן אַ סך קעגנער און צווייפלער פון אָט דעם פאַרמעסט אונזערן צו שאַפן, ענדלעך, אַ צענטראַלן אַדרעס פאַר דעם אַזוי־גערופענעם יידיש־לאַנד.

איך בין אָבער מער ווי זיכער, אַז פריער־שפּעטער וועלן אַלע קעגנער און צווייפלער זיך אָנשליסן אין דעם ערשטן יידישן קולטור־קאָנגרעס, וואָס איז געגנוג באַרופן צו שאַפן דעם ערשטן יידישן קולטור־צענטער, און איך בין מער ווי זיכער, אַז דער צייט־שטח צווישן דעם ערשטן און צווייטן קולטור־קאָנגרעס וועט זיין אַ סך קירצער פאַר דעם צייט־שטח צווישן טשערנאָוויץ און פאַריז.

זאָל לעבן דער ערשטער יידישער קולטור־קאָנגרעס !

זאָל לעבן די יידישע פאָלקס־קולטור אין דעם אַלוועלטלעכן יידיש־לאַנד !

קינדער דעלעגאַציע: אין נאָמען פון אַלע קינדער פון די 9 פאַריזער יידיש־וועלטלעכע צוגאָב־שולן ביי דער געזעלשאַפט „פריינט פון אַרבעטער־קינד“, באַגריסן מיר דעם קולטור־קאָנגרעס און אונזערע ליבע גרויסע שרייבער, וואָס זענען דאָ פאַרזאַמלט. מיר ווינטשן דעם קאָנגרעס אַ סך דערפאָלג און שענקען אים בלומען.

י. טשערניכאָוו (פוילן)

מיינע פריינט, מיר זענען געקומען אַנטיילצונעמען אין קאָנגרעס, ניט געקוקט אויף כלערליי שוועריקייטן, וואָס זענען אונז געמאַכט געוואָרן.

אונזער דעלעגאַציע פון פוילן איז ניט גרויס, אָבער גרויס איז די צאָל פון די, וואָס האָבן אונז געשיקט.

אין פוילן לעבט דער עלטסטער יידישער קיבוץ אין דער וועלט. כ׳ברענג אייך אַ גרוס פון אים. כ׳ברענג אייך אַ גרוס פון ווילנע פון מיין היים־שטאָט.

עס לוינט ניט צו פטרן קיין איין וואָרט אויף דעם, אין וואָס פאַר אַ לאַגע די יידישע מאַסן אין פוילן געפינען זיך. ווייסט בלויז, אַז מיר האָבן דעם מוט ניט פאַרלוירן, אַז מיר פירן אונזער אַרבעט מיט ענערגיע און איבערגעגעבנקייט. מיר פילן, אַז מיר זענען דער חוט־השדרה פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין גאַר דער וועלט.

קיינער ספקט ניט, אַז עס איז נייטיק אַ פאַראייניקונג פון אַלע כוחות. עס זענען אָבער אויך נייטיק נייע ווערטער, נייע עמאָציעס, נייע געפילן. איך בין אינגאַנצן מסכים מיט מיינע פאָרעדנער וואָס האָבן אריינגעבראַכט אין דער אַטמאָספער פונם איצטיקן קאָנגרעס דעם ברייטן אָטעם פון יידישן פאָלק.

מיר, די פוילישע דעלעגאַציע, זאָגן צו אייך: קומט צוזאַמען מיט אונז, מיטן גאַנצן פוילישן יידנטום, לאָמיר מיטאַרבעטן פאַר אַ גרוי־סער, בליענדיקער יידישער קולטור, פאַר אַ גרויס און גליקלעך יידיש פאָלק.

ד״ר מ. סודאַרסקי (ליטע)

כ׳וויל אייך איבערגעבן אַ גרוס פון אַ לאַנד, ווו דער קולטור־קאָנגרעס האָט ניט קיין קענגערשאַפט אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט.

ליטע איז געווען פון די ערשטע לענדער, וואָס האָט ברייט און וואַרעם אויפגענומען די אידעע וועגן יידישן קולטור־קאָנגרעס. ליטע איז אַ לאַנד אַ קליינס און איז איזאָלירט פון די גרויסע יידישע קולטור־צענטערן און מיר האָבן אפשר מער ווי אַלע געפילט שטענדיק די נויטיקייט פון אַן אַלוועלטלעכער יידישער צענטראַלער קולטור־אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער מיר זאָלן זיין ענג פאַרבונדן, דורך וועלכער מיר זאָלן קענען איינשטעלן אַ קאָנטאַקט מיט די אַנדערע יידישע קולטור־ישובים. און דעריבער האָט די אידעע וועגן שאַפן אַזאַ צענטראַלן אָרגאַן אָנגעטראָפן ביי אונז אויף אַ גוט צעאַקערטן באָדן.

מיר פאַרמאָגן אַ סך יידישע קולטור־געזעלשאַפטן און אַנשטאַלטן, און יידיש איז די אומגאַנג־שפּראַך ביי אונז סיי אין שטוב און סיי אין גאַס. די יידישע פאָלקס־מאַסן ביי אונז, דער עיקר די יוגנט, לעבן זיך אוים כמעט נאָר אין יידיש און אין יידישער קולטור, וואָס איז געוואָרן פאַר אונז ניט קיין לוקסוס־ארטיקל, נאָר דאָס טאָג־טעגלעכע ברויט. אָבער מיר ליידן פון דער צעשפּליטערונג, וואָס שוואַכט אָפּ אונזערע כוחות און וואָס ברענגט אריין אַ צעשטערונג אין אונזער ארבעט פאַר דער יידישער קולטור.

דעריבער איז דער יידישער קולטור־קאָנגרעס, וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס ציל צו פאַראייניקן אַלע אונזערע שאַפנדיקע און ווירקנדיקע אין לעבן קולטור־כוחות, אַ דבר בעתו, און דאַרף אויפן וואָרעמסטן אופן באַגריסט ווערן פון אַלע פריינט פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור.

די יידישע מאָדערנע קולטור־באַוועגונג, וואָס שטייט אין איינקלאַנג מיט די באַשטרעבונגען און קולטור־אויפגאַבן פון דער גאַנצער פּראָגרעסיווער מענטשהייט, וועט ביי אַ קאָאָרדינירונג און צענטראַליזירונג פון דער גאָרער קולטור־ארבעט קענען אויף אַ בעסערן און צוועקמעסיקערן אופן דינען דער קולטורעלער דערהויבונג פון די יידישע מאַסן, דער פאַרשענערונג און פאַרבעסערונג פון זייער לעבן.

ווען מיר האָבן פאַר אונז אַזאַ דערהויבענע און וויכטיקע אויפגאַבע דאַרפן אויך יענע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, וואָס פעלן היינט אויפן

קולטור־יום־טוב, ניט שטיין פון דערווייטן און זיך אָנשליסן אין דער וויכטיקער אַרבעט, וואָס שטייט פאַר אונז אַלעמען אין איצטיקן אחריות־פולן מאָמענט פון אונזער פאָלקס־לעבן.

זאָל פון דעם גרויסן היסטאָרישן צונויפקום אַרויסגיין דער רוף צו אַלע פריינט פון דער יידישער קולטור און צו די יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען היינט דאָ ניט פאַרטראָטן, אַז זיי זאָלן קומען העלפן בשותפות בויען די יידישע פאָלקס־קולטור און פאַרווירקלעכן אין לעבן דעם חלום פון אַ געמיינזאַמער, פאַראייניקטער צוזאַמענאַרבעט לטובת דער קולטור פון די יידישע ברייטע פאָלקס־מאַסן.

חיים קראַפט (רומעניע)

חשובער קאָנגרעס, נעערטע געסט,

דאָס יידיש־רעדנדיקע רומעניע שיקט דורך מיר זיינע פלאַמענדיקע גרוסן די שלוחים פון אַלע יידישע ישובים צום ערשטן וועלט־קאָנגרעס פון דער נייער יידישער קולטור, וואָס איז אַ וועלטלעכע און אַ מאַסן־קולטור.

מיר נעמען אַרום מיט אונזער גאַנצער ליבשאַפט און האַרציקייט אַלע די, וואָס זייער מוח און זייער נשמה, זייער טראַכטן און פילן גילט דעם יידישן וואָרט און דער יידישער שפּראַך, אונזערע גרויסע וואָרט־ און שפּראַך־קינסטלער, וואָס זייערע חשובסטע רעפּרעזענטאַנטן האָבן מיר דאָס גליק צו זען צווישן אונז דאָ אין זאַל.

ס'איז אויך אַ באַדערפעניש אין דער דאָזיקער פייערלעכער שעה אויסצושטרעקן אונזער ברידערלעכע האַנט און זאָגן עטלעכע דערמוטיקנדיקע ווערטער אונזערע פריינט, וואָס קעמפן אין די פאַשיסטישע און האַלב־פאַשיסטישע לענדער פאַרן יידישן קיום, פאַרן יידישן כבוד און פאַר יידישע קולטור־ווערטן.

אונזערע געדאַנקען טראָגן זיך אויך צו די מוטיקע קעמפער, וואָס האַלטן הויך די פאָן פון יידיש אין פּאַלעסטינע.

מיר גריסן די מאַסן יידיש־רעדנדיקע פון פּאַריז. מיר גריסן די פראַנצויזישע פאָלקס־פראָנט־רעגירונג, וואָס אַ דאַנק איר האָט געקענט דער יידישער ישוב אָרגאַניזירן דעם היינטיקן קאָנגרעס.

מיר דאַנקען פון טיפן האַרצן די איניציאַטאָרן פון איצטיקן קאָנ־

גרעס, וואָס האָבן געהאַט דעם מוט צו נעמען אויף זיך די גרויסע היס־טאָרישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

חשובע פריינט, מיר, אין רומעניע, האָבן ביי אתּו אין לאַנד אַ שווערן שטאַנד. איר ווייסט עס אַלע. פאַראַן אַ רומעניש לעגענדע. אַ וואַלעכעשער פירשט האָט געגעבן דעם באַפעל זיין בוימייסטער מאַנאָלע אויפצובויען אַ גראַנדיעזן קלויסטער. דער מייסטער האָט זיך גענומען מיט באַגייסטערונג פאַר דער אַרבעט. ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין פּעולה. וואָס ס'איז בייטאָג אויפגעבויט געוואָרן, איז ביינאַכט איינגע־פאַלן. דעם פאַרצווייפלטן מייסטער איז ענדלעך געזאָגט געוואָרן אין חלום ער זאָל איינמויערן אַ ווייבלעך ווען אין דער מויער, וועט דער בנין האָבן אַ קיום. אינדערפרי איז דעם מייסטער אַנטקעגנגעקומען זיין אייגענע פרוי, האָט ער זי גענומען און איינגעמויערט אין דעם מויער. פון דאַן אָן איז די אַרבעט אַוועק און דער פּרעכטיקער קלויסטער איז אין קורצן פאַרטיק געוואָרן.

אונז גייט מיט אונזער קולטור־אַרבעט אין רומעניע, ווי דעם מייס־טער מאַנאָלע. וואָס מען בויט אויף, צעשטערן די פינסטערע כוחות. מיר דערוואַרטן פונם וועלט־קאָנגרעס, ער זאָל זאָגן דאָס גרויסע כישוף־וואָרט, וואָס זאָל באַזיגן די שדים, און אונזער קולטור־בנין זאָל קענען וואַקסן און זיך אַנטוויקלען.

יידיש איז דער לעצטער ווילנס־אַנשטרענג פון די יידישע מאַסן צו זאָגן זייער נאַציאָנאַל אייגן וואָרט צווישן די פעלקער, און מיט זיי איני־נעם צו דערפילן די גרויסע סאָציאַלע מיסיע, וועלכע ר' שלמה ביי פּרצן באַצייכנט מיט די ווערטער: אויסגעלייזט זאָל ווערן די וועלט פון נויט און פּיין!

זאָל דער איצטיקער קאָנגרעס זיין אַ דעציזירנדיקער מאָמענט אינם גרויסן מענטשלעכן געראַנגל פאַר פרייהייט און מענטשן־ליבע, פאַר אַל־געמיינער גערעכטיקייט און קולטורעלן אויפשטייג!

ב. אַדאַמיטש (פּאַריז)

לייענט פאָר אויסצוגן פון די באַגריסונגען, וואָס עס האָבן געשיקט דעם קולטור־קאָנגרעס: ע ד וואַ ר ד ה ע ר י אָ, פאָרזיצער פון פראַנ־

צוויזישן פּאַרלאַמענט, ל ע אָ ל א ג ר א נ ז ש, מיניסטער פאַר פּי־זישער דערציונג, ב ע נ ז ש א מ ע ן ק ר ע מ י ע, סעקרעטאַר פון אינטערנאַציאָנאַלן פּען־קלוב, דער יידישער פּען־קלוב אין וואַרשע, יידי־שער פּען־קלוב אין ווילנע, פאַריין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַ־ליסטן אין ווילנע, רעדאַקציע „גרינינקע ביימעלעך“, „חבר“ און „שול־פריינט“, גרופּע „יונג־ווילנע“, די יידישע שרייבער פון רומעניע, גרופּע יידישע אַרטיסטן פון פּוילן, קונסט־גאַלעריע בן־אורי אין לאָנדאָן, על־טערן־קאָמיטעט פון דער פאָלקס־שול אויפן נאָמען פון י. דינעזאָן ביים צ. ב. ק. אין ווילנע, נאַציאָנאַלע יידישע שול־קאָמיסיע פון אינטערנ. אַרב.־אָרחן אין אַמעריקע, רעדאַקציע „שריפטן“ וואַרשע, רעדאַקציע „פּריוואַטס־קעמפער“ אָרגאַן פון די יידישע פרייוויליקע אין שפּאַניע, אַרבעטער־רינג אין מאָנטרעאַל (קאַנאַדע), יידישע לערער פון ליטע, גרופּע אַביטוריענטן פון יידיש־וועלטלעכע פאָלקס־שולן, ייד. דראַמ.־קלוב א. נ. פון ש. אַנסקי אין זלאָטשעוו, שלום־עליכם־ביבליאָטעק אין ריאָ־דע־זשאַנעירא (בראַזיליע), יידישער אַרבעטער־קלוב אין יאָהאַנעס־בורג (דרום־אַפריקע), קולטור־פראָנט יאָהאַנעסבורג, קאָנגרעס־קאָמיטעט אין מעקסיקע, אַרבעטער־רינג אין לאָנדאָן, וועלט־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אויסלאַנד (ד״ר טאָובעס), געז. פריינט פון יידיש (טאַרטו), קולטור־געז. אויפן נאָמען פון שלום אַש (סטרי), יידישע פאָלקס־ביב־ליאָטעק אין יאַסי, געזאַנג־פאַריין „הזמיר“ (קאָפּענהאַגן), דראַמאַטישע גרופּע ביים מזרח־יידישן פאַרבאַנד אין האַאַג.

ד״ר ש. ביקל (בוקאַרעשט), י. גערשטיין (ווילנע), ב. הורוויטש (ראָטערדאַם), ד״ר מ. וויינערט (וואַרשע), זרבבל (תל־אביב), העלענע באַצקעלס (קאָוונע), יוסף הלל לעווי (מינכען), הירש מלמד (ריגע), נח פרילוצקי (וואַרשע), לעאָ קעניג (לאָנדאָן), ד״ר מאַטיס (קאָוונע). קי־וואָוויטש (לידע), א. ב. שטענצל (לאָנדאָן). ל. שאַפּירא (ניו־יאָרק), יעקב שטערנבערג (בוקאַרעשט), מאַרק שאַגאַל (פּאַריז).

פּיניע קאַץ (אַרגענטינע, אורוגוואַי)

חשובע פריינט,

איך קום אייך ברענגען אַ גרוס פון צוויי שכנותדיקע לענדער: אַרגענטינע און אורוגוואַי.

ביי די ערשטע געצעלטן, וואָס די יידישע עמיגראַנטן האָבן אויפגע־שטעלט אין די דאָזיקע צוויי מדינות, איז אוועקגעשטעלט געוואָרן דאָס געצעלט פון דער יידישער קולטור. מיר האָבן ביי אונז אַן אַלזייטיקן יידישן קולטור־לעבן, ליטעראַטור, טעאַטער, שול, צייטונגס־וועזן א.אַ.וו.

אין אונזער אַרבעט האָבן מיר גרויסע שוועריקייטן. לעצטנס איז געוואָרפן געוואָרן אַ לאָזונג פון די פּאַשיסטישע קרייזן, אַז יידיש איז קאָמוניזם און אונטער אַט דעם אויסרייד זענען געשלאָסן געוואָרן 8 שולן.

אָבער מיר זענען ניט אַנטמוטיקט. מיר זענען אָפּטימיסטן. אַ גרוי־סער אָפּטימיזם באַהערשט דרום־אַמעריקע. מיר זענען זיכער, אַז צוזאַ־מען מיט אייך, צוזאַמען מיט אַלע יידישע ישובים פון גאָר דער וועלט, וועלן מיר, ניט געקוקט אויף אַלע מכשולים, בויען דעם גרויסן בנין פון דער יידישער פאָלקס־קולטור.

ד״ר א. מוקדוני (פּאַריינ. שטאַטן)

חשובע פאַרזאַמלטע,

איך ברענג אייך אויך אַ גרוס פון אַמעריקע, כאָטש אַ ביסל אַן אַנדערן ווי פריינט אַלגין.

ער האָט זיך דאָ געקלאָגט אויף דער קעגנערשאַפט, וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין. איך האַלט, אַז די קעגנער זענען געוועזן נייטיק. אַן קעגנער וואָלטן קיין פריינט ניט געווען. פאַר אַ צו גרויסן שלום ביי יידן האָב איך מורא.

די קעגנער זענען אָבער קיין קעגנער ניט. זיי וועלן קומען. זייער איינציקע טענה איז: עס ברענט איצט אויף דער וועלט, דאַרף מען ניט רעדן וועגן קולטור. די טענה איז אַן אומגערעכטע. אין אַ שרפה געפינען זיך תמיד יידן, וואָס ראַטעווען די ערשטע זאַך די ספר־תורה. מיר, יידן, ראַטעווענדיק זיך פון פייער, טאָרן ניט פאַרגעסן אויף איין מינוט וועגן אונזער נייער, גרויסער, יידישער קולטור.

חשובע פארזאמלטע, יידן אין אמעריקע לעבט זיך גוט. אונזער שפראך ווערט ניט פארפאלגט. ס'זענען געווען ביי אונז נביאים מיט א פערטל יארהונדערט צוריק, וואס האבן פארויסגעזאגט, אז אין אונזער צייט וועט שוין פון יידיש קיין זכר ניט בלייבן אין די פארייניקטע שטאטן. דאס זענען געווען פאלשע נביאים. איך קען אייך אפגעבן א גרוס: וואס א טאג וואקסט דער אינטערעס צו יידיש. נאך קיינמאל האט אונזער שפראך ניט געהאט אזא אנזען ווי איצט.

זייט זיכער, אז בנוגע אלץ, וואס איר וועט דא אננעמען, וועלן אלע אין אמעריקע אונטערשטעלן א פלייצע, אפילו די קענער.

ד״ר י. קרוק (פוילן)

חברים,

אדוו. טשערניכאוו האט געזאגט, אז די פוילישע דעלעגאציע איז קליין. ס'איז אמת. איך פארזיכער אייך אבער, אז אויב מיר אין פוילן וואלטן געהאט די זעלבע ארבעטס־באדינגונגען, די זעלבע מעגלעכקייטן, ווי די חברים פון די פאראייניקטע שטאטן, פון פראנקרייך אדער ענגלאנד, וואלט אונזער דעלעגאציע געציילט ניט 5 נאר 50 מיטגלידער.

כ'וויל אייך זאגן, חברים, אין מיין גרוס פון פוילן, אז אין קאמף פאר אונזער לעבן און פאר אונזערע רעכט זענען מיר ניט איינגאנצן אליין. אין א סך פוילישע שטעט און שטעטלעך איז גערונען בלוט ניט נאר פון יידישע פאלקס־מענטשן, נאר אויך פון פוילישע ארבעטער, וואס זענען ארויס אויף דער גאס, כדי צו פארטיידיקן זייערע יידישע ברידער.

מיר האפן, אז דער צווייטער יידישער אלוועלטלעכער קולטור־קאנגרעס וועט פארקומען אין ווארשע, אין אן אפיציעלער מלוכהשער אינסטיטוציע.

עס וואלט געווען אן אומזין, חשובע פארזאמלטע, צו זאגן, אז עס זענען דא ניטא צווישן אונז קיין מיינונגס־פארשיידנקייטן. מיר האבן דא פראלעטארישע טוער, בירגערלעכע דעמאקראטן, ציוניסטן א.אנד. און דאך באגריסן מיר דאס, וואס אלע גייען צוזאמען.

אין 1933 האט היטלער ניט געפרעגט, צו וועלכער פארטיי עס גע־הערן ברוך שפינאזא, היינריך היינע און קארל מארקס, בעת ער האט

געוואָרפֿן זייערע ווערק אויפֿן שייטער־הויפֿן. בלויז אין דער איינהייט ליגט היינט אונזער קראַפֿט.

דאָס מערקווירדיקע פֿון היינטיקן קאָנגרעס איז דאָס, וואָס צום ערשטן מאָל האָט ער פֿאַראייניקט מאַסן־אָרגאַניזאַציעס מיט גרויסע טוער, מיט גרויסע אינטעלעקטועלע. דער דאָזיקער וועג איז אַ ריכטיקער. לאָמיר שאַפֿן אַ גרויסע, רייכע יידישע קולטור, געשטיצט אויפֿן באַוווסטזיין פֿון אַלגעמיינער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט.

י. טשערניאַק (קאַנאַדע)

איך ברענג אייך אַ גרוס פֿון אַ יידישן ישוב, וואָס פֿאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל קולטור־אַנשטאַלטן. ביי מיר אין שטאָט, אין וויניפּעג, באַזוכן יידישע שולן 60 פּראָצענט פֿון אַלע יידישע קינדער.

די יידישע קולטור, אין איר אַלוועלטלעכקייט, איז ווי איין שיינער, גרויסער טעפּעך. שאַפֿט זיך ערגעץ וווּ אַ יידישע קולטור־אינסטיטוציע — איז נאָך אַ טאָן צוגעקומען אין דער אַלגעמיינער פֿאַרבן־גאַמע.

לאָמיר אַרבעטן צוזאַמען פֿאַר דער באַרייכערונג און פֿאַרשענערונג פֿון אונזער קולטור.

מאָריס מייער (ענגלאַנד)

חשובער קאָנגרעס, געערטע געסט,

איך וויל אייך באַגריסן מיטן וואָרט „שלום“.

איך קום פֿון דער שטאָט, ווו ס'האָבן געלעבט און געווירקט מאָריס ווינטשעווסקי, א. ליבערמאַן, פֿיליפּ קראַנץ. דאָ האָבן זיי אָנגעהויבן דעם קאַמף, וועלכער איז דערנאָך איבערגעטראָגן געוואָרן קיין אַמעריקע.

אונזער צוזאַמענפֿאָר קומט פֿאָר אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד. דאָס פֿאַרפּליכטעט אונז. אונזער אויפֿגאַבע דאַרף זיין קיינעם ניט אויסצושליסן, נאָר אַלעמען צו פֿאַראייניקן.

איך באַגריס דעם קאָנגרעס, אַלס אויסדרוק פֿון איינהייט אין דער יידישער קולטור־וועלט.

זשאַק (פּאַריז)

באַגריסט דעם קאָנגרעס אין נאָמען פון 12.000 פּאַריזער יידישע ארבעטער, אָרגאַניזירטע אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. ער גיט אי־בער דעם קאָנגרעס בלומען.

י. טאָפּטשע (פראנקרייך)

אין נאָמען פון די באַראַכאָוו־קולטור־אַנשטאַלטן אין גאַר דער וועלט ברענג איך אייך אונזער גרוס און אָנשלוס אין היינטיקן קולטור־קאָנגרעס.

אין 1913 האָט באָראָכאָוו אין „ווילנער פּנקס" פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן מענדעלען, שלום־עליכמן און פּרצן, וואָס זייערע בילדער הענגען דאָ איבער אונז. ער האָט געזאָגט: „מענדעלע איז דער קאָלומבוס פון דער יידישער שפּראַך; שלום־עליכם איז איר גרויסער פּאָפּולאַריזאַטאָר; פּרץ איז דער נאַפּאָלעאָן פון דער יידישער שפּראַך, ער האָט איינגענומען פאַר איר נייע אייראָפּעישע האָריזאָנטן, — לאָמיר פאַר דער באַפרייונג פון דעם אונטערדריקטן פאָלק די אַנדעקטע, פּאָפּולאַריזירטע שפּראַך פאַרשן און פאַרשפּרייטן ווייטער".

שוין מיט צענדליקער יאָרן צוריק האָבן מיר פּראָקלאַמירט די אידעע פון דער אַלוועלטלעכקייט פון דער יידישער קולטור, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט קעגן זיך פיל קעגנער.

מיר מוזן געדענקען, אַז מיר בויען די קולטור אין אַ צייט, ווען מען ברענט ביכער אויף שייטער־הויפנס און מען פאַרטרייבט שרייבער פון זייערע היימען; מיר בויען — די רעאַקציע צעשטערט; ווען אונזערע חברים האָבן געקעמפט אין פּאַלעסטינע פאַר יידיש, האָבן די יידישע פאַשיסטן דערפאַר זיי געשפּאָלטן די קעפּ.

מיר זענען זיך דאָ היינט צונויפגעקומען אַלע, טאַטעס, מאַמעס, קינדער, — מיט אייך, שרייבער און אינטעליגענץ, ווייל מיר ווילן אייך ניט לאָזן איינזאַם און אויך אַליין ניט בלייבן איינזאַם. מיר ווילן ווייטער עקשנותדיק בויען די יידיש־וועלטלעכע קולטור אין דער גאַרער וועלט — בויען זי פאַרן סאָציאַליזם.

דוד איגנאַטאָוו (פאריינ. שטאַטן)

רבותי,

יעדע שפּראַצונג שטרעבט צו ליכט, די יידישע ליטעראַטור איז אַ וווּנדערלעך געוויקס, וואָס רייסט זיך צו דער זון, צו ליכט. אין נאָמען פון אַט דעם ליכט באַגריס איך אייך.

ד״ר שאַץ אַנין

פריינט פון דער וועלטלעכער יידישער מאַסן־קולטור,

ניט צופעליק זענען מיר זיך צונויפגעקומען אין פּאַריז — דער שטאָט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, פון דער קאָמונע, פון דעם דערפאָלגרייכן פאָלקס־פראָנט, וואָס באַטייט אַ ווענדפּונקט פון שקלאַפעריי צו פרייהייט. פון פאַרשיידענע לענדער און פון פאַרשיידענע ריכטונגען זענען מיר זיך צונויפגעקומען, כדי מיט געאייניקטע כוחות צו באַקעמפן דעם געמיינזאַמען פיינט און צו פאַרפעסטיקן די יסודות פון דער מאָדערנער יונג־יידישער מאַסן־קולטור.

דער פאַשיזם און באַזונדערס זיין אוואַנגאַרד — דער היטלעריזם, האָט אידענטיפיצירט די יידן מיט דעם אוואַנגאַרד פון די כוחות, וואָס קעמפן פאַר דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייונג פון די פאָלקס־מאַסן פון דער גאָרער וועלט. אַט די אידענטיפיצירונג מוז אונז אָנפילן מיט שטאָלץ. און באמת: די איבערוויגנדיקע מערהייט פון יידישן פאָלק שטייט לויט איר עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און קולטורעלער לאַגע אין שאַרפסטן אָפּוואַר־קאַמף קעגן פאַשיזם.

מיר האָבן אויפגענומען אין זיך אויף אונזער היסטאָרישן וועג די בעסטע און העכסטע ווערטן אויך פון דער דייטשער קולטור, די שפּראַך פון האַנס זאַקס, שילער, געטע, לעסינג, היינע, די געדאַנקען פון קאַנט, העגעל, פייערבאַך, מאַרקס און ענגעלס. מיר האָבן דעריבער דאָס פולסטע רעכט זיך צו האַלטן פאַר די טרעגער פון די בעסטע קולטור־טראַדיציעס פון דעם דייטשן פאָלק קעגן די צעשטערער פון דער גרויסער שאַפערישער דייטשער קולטור. מיר זענען בעסערע דייטשן, ווי די געבעלס און ראָזענבערגס.

מיר, אונזער דור, זענען קינדער פֿון צוויי רעוואָלוציעס. פֿון 1905, וואָס האָט צעשטערט אין אונז די יסודות פֿון דער אַלט־יידישער קולטור, פֿון רעליגיעזע און שאָוויניסטישע טראַדיציעס. אין 1912 נאָכן בייליס־פּראָצעס איז אין צער און צאָרן געשליידערט געוואָרן דער פּראָגנאָז: די גע־וואַלט־הערשאַפֿט פֿונעם צאַריזם וועט נאָך אין אונזערע טעג געבראָכן ווערן, און דער קאָלאָס־גולם אויף ליימענע פֿיס וועט באַלד צוזאַמענברעכן. אין פֿינף יאָר אַרום האָט די געשיכטע דעם פּראָג־נאָז פֿאַרווירקלעכט. אַ צווייטע רעוואָלוציע האָט אונזער דור דורכגעמאַכט אין 1917, וואָס האָט געגעבן נייע פּאָזיטיווע אינהאַלטן און גרויסע סטי־מולן אויך פֿאַר אונזער גייסטיקער קולטור־אַנטוויקלונג. עס האָט זיך אָנ־געהויבן דער פֿונדאַמענטאַלער איבערבוי פֿון דער וועלט פֿון אונטן ביז אויבן. אַלע כוחות פֿון דער רעאַקציע זענען איצט אויפֿגעשטאַנען קעגן אונז אין געשטאַלט פֿון וועלט־פֿאַשיזם. ווער פֿון אונז צווייפֿלט אין דעם, אַז אויך אָט דער לעצטער אָנגריף פֿון די רעאַקציאָנערע כוחות וועט אָפּגעשלאָגן ווערן נאָך אין אונזערע טעג און אַז אונזער דור וועט נאָך איבערלעבן דעם אַנטגילטיקן צוזאַמענבראָך פֿון פֿאַשיזם.

ניט נאָר קעמפֿן, נאָר אויך בויען זענען מיר זיך דאָ אַלע צונויפֿגעקו־מען. אויף די חורבות פֿון דער אַלט־יידישער קולטור, פֿון טויטע פֿאַרשטיי־נערטע ווערטן און היסטאָרישע רודימענטן וועלן מיר אויפֿבויען אַ נייעם יונג־יידישן קולטור־בנין. אויפֿן אָרט פֿון פֿאַרייניצלטע פּאַרטיזאַנישע קול־טור־פּרוון ווילן מיר אַהערשטעלן אַ גרויסן איינהייטלעכן קול־טור־פּלאַן. אויסגערעכנט און אָרגאַניזירט מוז געפֿירט ווערן אונזער גרויסע און פֿאַרצווייגטע קולטור־ווירטשאַפֿט. אַלע כוחות אויסגענוצט אויפֿן געהעריקן אָרט און צו דער געהעריקער צייט. דער אַנאַלפֿאַבעטיזם מוז אָן רעשטן ליקווידירט ווערן. די יידישע שפּראַך מוז פֿאַרייניקהייטלעכט און דערהויבן ווערן אויף אַ העכערער מדרגה פֿון אַ גרויסער קולטור שפּראַך, וואָס באַדינט אַ סך מיליאָנען מענטשן.

די יידישע ליטעראַטור מוז אָנגעזאַפּט ווערן מיט נייע, מוטיקע מאָ־טיוון. דעם אָרט פֿון די איכה־ניגונים מוזן פֿאַרנעמען מוט, אַרבעטס־לוסט און לעבנס־פֿרייד.

אין דער יידישער מוזיק מוז דער בית־מדרש־מינאָר אַרויסגעשטופּט ווערן דורך דעם פֿריידיקן געזאַנג פֿון אַרבעט און שאַפֿן.

אין דער יידישער מאַלעריי און פּלאַסטיק מוזן די אַש־גראָע גאַ־

מעם פון אומעט פארבימן ווערן דורך העלע, ליכטיקע פארבן־גאמעס פון אויפמונטערונג און אויפשטייג.

די קריכנדיקע ליניעס פון יידישע שטיבלעך מוזן אפטרעטן זייער ארט דעם שטאלץ־ווערטיקאלן אויפשטייג פון א יונג־יידישער ארכיטעק־טור: יידישע טעאטערס, קונסט און וויסנשאפט־פאלאצן, גרויסע קאמבי־נאטן פאר מאטעריעלער און גייסטיקער קולטור.

אויף אלע געביטן שטייען פאר אונז מעכטיקע, שעפערישע אויפ־גאבן. די פארשריטלעכע יידישע פאלקס־מאסן וועלן מיט געאייניקטע כוחות אויפבויען דעם גרויסן צוקונפטס־בנין.

אונזער וועג פירט :

פון גרויסע פלענער דורך אנגעשטרענגטער געאייניקטער ארבעט — צו גרויסע שאפערישע מעשים — צו א ליכטיקער צוקונפט.

קלמן מרמר (פאריינ. שטאטן)

איך וועל קורץ רעזומירן. איך ווייס, אז א סך מענטשן, אין דער איצטיקער צייט, פאלן אריין אין יאוש. די יוגנט, א גרויסע צאל קינדער — זאגן זיי — איז ניט מיט אונז. לאמיר זיך טרייסטן. „טרייסט דעם פאלק" — האט פרץ געזאגט.

די גאנצע וועלט מיינט, אז אין אמעריקע ווערן אלע פעלקער איינס. אט די מיינונג איז א פאלשע. כ'קען אייך אפגעבן א גרוס פון אמערי־קאנער יידישן פאלקס־אוניווערסיטעט, וועמענס דירעקטאר איך בין. עס וואקסט דארט איצט א נייער יידישער דור, וואס וועט אונז געבן נייע דיכטער און נייע קינסטלער.

מיר האבן ביי אונז שולן, אין וועלכע עס לערנען די אייניקלעך פון זוינטשעווסקין און שלום־עליכמען — דער דריטער דור פון די אנגעקומע־נע אין אמעריקע. קינדער פון אונזערע שולן, שוין געבוירענע אין לאנד, לערנען א גומן, ריכטיקן יידיש זייערע מאמעס און באבעס, וועמענס שפראך עס איז פארגרייזט געווארן דורך די אמעריקאניזמען.

געדענקט, אז אמעריקע איז איצט ניט בלויז דער רייכער פעטער, וואס גיט געלט. ס'אנטשטייט ביי אונז א גרויסע יידישע פאלקס־אינטע־ליגענץ, וואס וועט זיין טעטיק אויף אלע געביטן פון אונזער קולטור.

ב ן־א ד י ר: דאָס לעצטע וואָרט, צו אַ באַגריסונג, האָט ה' לייוויק.

ה. לייוויק (פֿאַרייניקטע שטאַטן)

אַ מערקווירדיקער מאָמענט, מיינע פֿריינט, צו שטיין אויף דער טריבונע אַנטקעגן אַזאַ יום־טובֿדיקן עולם און אַרומגערינגלט מיט פֿאַרשטייער פֿון אונזער יידישער קולטור און ליטעראַטור פֿון אַזוי פֿיל לענדער. איך וויל זיך איינהאַלטן פֿון צו זיין סענטימענטאַל, אָבער דער מאָמענט באַוועלטיקט און באַהערשט. וועגן די אינערלעכע אָנגעווייטאָקטע פּראָבלעמען פֿון אונזער קולטור־לעבן, וועלן מיר רעדן מאָרגן. און ס'איז דאָ וועגן וואָס צו רעדן. ס'זענען אָנגעוואַקסן גענוג קאָנפֿליקטן אין אונזער לעבן, אין יעדן פֿאַר זיך אַליין און אין דעם גאַנצן יידישן אַרום. און מיר וועלן רעדן וועגן זיי מיט ברידערלעכער כּוונה, מיט פֿאַרשטענדעניש פֿאַר אונזער קיום, פֿאַר אונזער גורל, פֿאַר אונזער הארץ, וואָס וויל אָפּאָטעמען מיט נייער לופֿט, מיט פֿרישער לופֿט. אַריינקוקן איינע די אַנדערע אין די אויגן און דערזען אין די אויגן פֿון יעדן פֿון אונז ניט קיין שדימלעך, ווי מען האָט מיך געסטראַשעט קינדווייז, נאָר ליכטיקע געשטאַלטן. אַזוי מיד זענען מיר פֿון האַס און פֿון פּרוכטלאָזן קריג, אַזוי מיד זענען מיר פֿון אָנהאַלטן נאָכאַנאַנד אַ צושטאַנד פֿון חשדים און באַשולדיקונגען, פֿון זעען נאָכאַנאַנד דעם צווייטן נאָר אין קליינלעכן, אין צעשאָטנקייט, אין צעשפּליטערטקייט, אין דער מדרגה פֿון צעשטערונג.

ס'וועט דאָך ניט זיין קיין גאווה, ווען איך וועל זאָגן, אַז מיר זענען דאָך אַלע שעפֿערישע מענטשן, אונזער חלום איז שיינקייט, רחבֿות, באַפֿרייונג, אונזער חלום איז — זיין פֿולע, דערהויבענע, געלייטערטע פּערזענלעכקייטן, און אונזער קולטור און אונזער ליטעראַטור און אונזער פֿאָלק, דעם גרויס געפּייניקטן און פֿיל געפּרוּווטן, ווילן מיר זען אַוודאי און אַוודאי אין דערהויבנקייט, אין ליכטיקייט, אין שיינקייט, באַפֿרייט און אויסגעלייזט. — איז פֿאַרוואָס זאָלן מיר נישט אָנשטרענגען אַלע אונזערע כּוחות אָפּצוראַמען טויטע און פֿאַרפֿוילטע מחיצות, וואָס צעטיילן אונז, כּדי די שעפֿערישע אַנדערשקייטן, וואָס זענען אין

יעדן פון אונז און אין אונזערע לעבעדיקע אקטיווע באוועגונגען, זאלן ווערן נאך שעפערישער, נאך אקטיווער, געזונטער און נארמאלער?

מיר זיצן דא — א מין קיבוץ־גליות פון איבער 20 לענדער. פון ווייטסטע איבעראקעאנישע לענדער — פון אפריקע, פון דרום־און צפון־אמעריקע.

לאמיר זיך דערמאנען. — מיט צענדליקער יארן צוריק זענען מיר אלע צו יענע ווייטע לענדער געלאפן ווי פון א פייער, ווי פון א בהלה. מיר זענען אנגעקומען אין ניו־יארק, אין בוענאס־איירעס, אין ריא דע זשאניירא. אין ניו־יארק געדענק איך נאך אליין די פארלארנקייט פון דער גרויסער עמיגראנטישער מאסע. אויף די שיפן — ווי סטאדעס שאף. אויף די טיפע דעקן. אין ניו־יארק — אין די שעפער. געשלעפט די ניי־מאשינקעס אויף די פלייצעס, געריסן די קעפ צו די הויכע מויערן, און די נשמה האט זיך געריסן אויף שטיקער אין די טיפע קעלערן, אין קווארטיראנטן־צימערלעך.

שטויב — נישט קיין פאלק. מדבר — נישט קיין קולטור. צעקרימטער זשארגאן — נישט קיין ליטעראטור. דאס ליד פון ערלשטאט האט געיאמערט: „אין שטורעם און קאמף האב איך מיין לעבן פארלארן“; דאס ליד פון ראזענפעלד האט געגאסן טרערן אויפן הייסן פרעס־אייזן.

אבער ס'איז געווען א גרויסער אקט פון געשיכטע. א גרויסער גורל און א גרויסע דראמע.

די געשיכטע, די אייביקע ראד פון אונזער געשיכטע. פון א לאנד ארויס — אין א לאנד אריין. נאקעט און עלנט. איינזאמקייט עסט אויף דאס הארץ. א, וואס פאר א גרויסן עלנט עס האט דורכגעטראגן דער ערשטער עמיגראנט אין אמעריקע.

אבער — אט האט דער עמיגראנט אנגעהויבן פארזייען דעם באדן פון נייעם לאנד ניט נאר מיט שוויים און פעדלעריי, נאר אויך מיט נייע דורות, ער האט אריינגעשטעלט א פוס נישט נאר אויפן מארק, און ניט נאר אין פינסטערן שאפ, נאר אויך גענומען אריינשטעלן צוריק א פוס אין דער טיפעניש פון געשיכטע, פון העראישע אויפטוונגען, פון מסירת־נפש און קרבנות. — ער האט אויך אריינגעשטעלט א פוס אין טיפעניש פון ערד. קברים האט ער געגראבן און אריינגעלייגט אין זיי זיינע טייערסטע. לעבן האט זיך באהעפט מיט טויט, מיט גרויסן צער און אין גרויסן ווילן. אויפן בית־עולם אין ניו־יארק ליגן שוין ביי אונז עדל־

שטאם, ווינטשעווסקי, ראזענפעלד, באוושאווער, שלום־עליכם, יהואש, סירקין, האלפערן, לאנדוי, דילאן, קאטלער, י. ל. כהן, קאראלניק און נאך. — די ערד איז שוין ווארעם, מיר האבן שוין אונזער טונעל און אונזער טיף. און אזוי אויך אין אנדערע לענדער.

שיפן האבן אונז אמאל געשלעפט ווי נשרפים און חורבן־אנטרונענע פון דאנען, פון אייראפע, שיפן האבן אונז היינטיקע וואך, נאך צענדליקער יארן צעשיידונג, פיין און בויאונג און שאפונג, געבראכט אהער אונטער איין דאך.

אין עס נישט א געשיכטלעכער נס? קוקט — שאצט עס אפ.

אט אויף שטולן זיצן לענדער. פארשטייער פון אונזער טיף און טראגיש לעבן. — איין שטול זע איך ניט קיין פארנומענעם. דעם שטול, אויף וועלכן עס האט היינט דא באדארפט זיצן דער שליח פון דער נייער יידישער קולטור אין סאוועטנפארבאנד. ער איז ניטא — ער איז נישט געקומען. זיין שטול שטייט ליידיק. מיר וועלן האלטן דעם שטול גרייט פאר דעם שליח. דער שטולווארט. דער שטול זאל זיך דערווארטן.

אונזער יידיש לעבן און קולטור לעבט אין א סך לענדער פון אייראפע ווי אין א קאנצענטראציע־לאגער.

די בייטש הענגט איבער אונז. די טורמע־שליסלען לעבערן אונז דאס הארץ. שלאנגיקע סוואסטיקעס וויקלען זיך ארום אונזער האלז.

איך דערמאן זיך א בילד, ווי איך בין מיט 25 יאר צוריק געגאנגען מיטן עטאפ איבער די סיבירער טראקטן אויף קאטארגע און פארשיקונג.

מיר זענען געגאנגען צופוס איבער די בוראטישע סטעפעס. דריי הונדערט מאן ארעסטאנטן און א הונדערט מאן באוואפנטע זעלנער, וואס האבן אונז באגלייט. מיט אייניקע פארשיקטע זענען מיטגעגאנגען זייערע ווייבער און קינדער. אייניקע פון זיי האבן שוין געהאט א געוויסע צייט געלעבט אין א דארף מיט זייערע פרויען, און איצט האט מען זיי געשיקט נאך ווייטער, צו יאקוטסק, און נאך ווייטער.

ביינאכט פלעגן מיר זיך אויסלייגן אין דעם גרויסן הויף פון די עטאפן־טורמעס. מיר לייגן זיך אוים גרופנווייז, מיר לייגן פונאנדער פייערן, מיר רוען פון לאנגן טאג צופוסגאנג, מיר זענען מיד און הונגעריק. מיר זענען געשמידט אין קייטן, אנגעטאן אין ארעסטאנטן־כאלאטן.

אָבער די נעכט זענען יוליקע, ווונדערלעכע און ליכטיקע. דער הימל איבער אונז — בלוי און פאַטערלעך. די נאַטור האָט אונז ליב. דער ווינט האָט אונז ליב. די גראָזן האָבן אונז ליב.

דער גאַנצער לאַגער שלאָפט איינגענורעט אין זיך. ווי נאָר זון וועט אויפגיין, דאַרף מען אויפהייבן זיך און ווייטער נעמען שפּאַנען איבערן גרויסן סיבירער טראַקט.

און אָט הייבט אָן בלייען זיך דער באַגינען און מיט אַמאָל איבערן גאַנצן לאַגער — אַ געשריי, אַ געיאָמער, אַ געקרעכץ, אַ טיפער, שניידנדיקער געקרעכץ.

אַ געקרעכץ פון אַ פרוי. אַ געשריי פון אַ פרוי, וואָס גייט צו קינד.

אַ פרוי פון אַן אַרעסטאַנט געבוירט אַ קינד אויפן אַרומגעצאַמטן הויף פון עטאַפּ־טורמע.

אַלע שפּרינגען אויף. איך די סאָלדאַטן שפּרינגען אויף. אַ הייליקער פּחד נעמט אַלעמען דורך.

דער אָטעם נעמט אָפּ.

דער באַגינען שאַרט זיך. ווערט העלער און העלער.

און די ווייען פון דער געווינערין ווערן שטאַרקער, שטאַרקער.

די אָנגעשפּאַנטסטע רגע, וואָס איך האָב ווען ניט איז איבערגעלעבט אויף מיין לעבן.

און אָט געשעט —

אַ געשריי צעטראָגט זיך איבערן גאַנצן לאַגער, אַ געשריי פון אַ ניי־געבוירן קינד.

אַ קולכל אַ שניידיקס, אַ שאַרפס, אָבער אַ ליכטיקס, ווי אַ שטראַל פון דער אויפגייענדיקער זון.

ווי אַ שופר־שאַלונג וואָלט זיך צעטראָגן איבער אַלעמענס קעפּ.

שטייט אויף! הייבט זיך אויף! אַ ניי לעבן איז דאָ!

עס קומט מיר אויפן זינען די דאָזיקע דערינערונג.

דאָס איז אונזער צוזויפקום איצט. — אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון אַרומיקן פּאַשיזם, אַרומגערינגלט מיט אונזערע אייגענע שטעכיקע דראָטן און קאָנפליקטן — זאָל אונזער צוזויפקום הייַנט זיין ווי דאָס ניי־געבוירן קינד און זאָל עס האָבן אַן אמתן, לעבעדיקן, שאַרפן געשריי, זאָל עס האָבן אַן אמתע, וואַרעמע, מוטערלעכע ברוסט, וואָס זאָל אים שפּייזן און האָדעווען. —

זאָלן זיין געגריסט אַלע דעלעגאַטן, אַלע געסט און פריינט פון פּאַ־ריז, זאָל זיין געגריסט פראַנקרייך, וואָס גיט אונז גאַסטפריינטלעכ־קייט, זאָל זיין געגריסט די גרויסע קונסט פון פראַנקרייך, זאָלן זיין גע־גריסט די יידישע קינסטלער, די וואָס האָבן אַנטפּלעקט די שיינקייט פון דער יידישער קונסט, זאָלן זיין געגריסט אַלע שעפערישע כוחות פון היגן יידישן וואָרט.

שבת, 18 סעפטעמבער 1937 (10 אינדערפרי)

פאָרזיצער: ד"ר מוקדוני. פּרעזידיום: אַפּאַטאַשו, אַלגין, ד"ר גענש, זאַלצמאַן, י. זיננער, י. טשערניכאָוו, ד"ר ש. לעווין, ה. לייוויק, י. נוימאַן, ד"ר סלאָוועס, ד"ר י. צפּור, מאַנע קאַץ, פּראָפ. קיוועליאָוויטש.

ד״ר מוקדוני:

חשובע חברים, נעכטן האָבן מיר געהאַט די פייערלעכע דערעפענונג פונם קאָנגרעס. היינט הייבט זיך אָן די פּראַקטישע אַרבעט. איך בעט אַלע דעלעגאַטן, וואָס ווילן דאָ אַרויסטרעטן, רעדן אַזוי קורץ, ווי מעגלעך, און צום סדר־היום. מיר האָבן גאָר ווייניק צייט, אָבער אַ סך רעפעראַטן און אַ סך פּראָבלעמען. איך בעט די דעלעגאַטן, וואָס ווילן באַגריסן היינט דעם קאָנגרעס, ניט מער צו רעדן ווי 5 מינוט. איך וועל איצט פאָרלייענען די ליסטע פון די דעלעגאַטן. (זע די ביילאַגע).

דאָס וואָרט האָט חבר קאַפּעלמאַן.

קאַפּעלמאַן (בראַזיליע):

איך קום פון אַ ישוב, וואָס איז ביז איצט געווען אָפּגעריסן פון דער יידישער וועלט. פאַר אונז איז דער היינטיקער קאָנגרעס אַ סימבאָלישער. עס איז צום ערשטן מאָל, אַז אויף אַ יידישן אַלוועלטלעכן צוזאַמענפאָר טרעפט זיך דער יידישער ישוב פון בראַזיליע, אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן, מיט אַלע אַנדערע יידישע ישובים. בראַזיליע האָט ניט געשיקט קיין דע־לעגאַטן צו קיין ציוניסטישן קאָנגרעס, אויך ניט צום יידישן וועלט־קאָנ־גרעס, אָבער זי האָט געשיקט אַ דעלעגאַט צום היינטיקן קאָנגרעס, ווייל אויף דעם קולטור־קאָנגרעס לייגט די יידישע בראַזיליע גאָר גרויסע האָ־

פענונגען. נײנציק פּראָצענט פֿון דעם ייִדישן ישוב אין בראַזיליע זענען מיט הארץ און נשמה ביי דעם היינטיקן צוזאמענקום.

אין גאָר שווערע באַדינגונגען קומט אונז אויס צו פירן אונזער קול־טור־אַרבעט.

די ייִדישע איינוואַנדערונג קיין בראַזיליע ציילט שוין אַן ערך פינף יאָרצענדליק. ס'איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט, ווער ס'זענען געווען דער רוב פון די ערשטע עמיגראַנטן. דאָס זענען געווען: פרויען־הענדלער, פּראָסטי־טוטקעס, קאַסע־ברעכער, געלט־פעלשער. זיי זענען געווען די פּיאָנערן פון דער ייִדישער מאַסן־עמיגראַציע, וועלכע, ווי מיר וועלן באַלד זען, האָט שפּעטער אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדערע ווענדונג.

אָבער חוץ די דאָזיקע לייט, זענען צווישן די ערשטע איינגעוואַנדער־טע געווען ערלעכע מענטשן אויך. דאָס זענען געווען ייִדן פון דרום־רוס־לאַנד און בעסאַראַביע, געטריבענע דורך די פּאָגראָמען פון דער צאַרי־שער רעגירונג.

בראַזיליע איז אַן אומגעהויער גרויס לאַנד, איינס פון די גרעסטע לענדער אויף דער וועלט.

דעריבער איז קיין ווונדער ניט, וואָס די ערשטע ייִדישע עמיגראַנטן זענען פאַרלוירן געגאַנגען, ווי אַ טראָפּן אין ים. עס האָט לאַנג געמוזט דויערן ביז איין ייד האָט געקענט געפינען דעם צווייטן. און ערשט אַן ערך מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט זיך אַ גרופּע ייִדן אין סאַן־פּאַולאָ צונויפגערעדט וועגן גרינדן אַ ייִדישע ביבליאָטעק. צו דעם צוועק האָבן זיי איינגעאָרדנט אַ פאַרוויילונגס־אָוונט און די הכנסה איז געגאַנגען אויף איינצוקויפן די ערשטע פּאָר ביכער. אַזוי האָט מען געשאַפן די ערשטע ייִדישע ביבליאָטעק אין סאַן־פּאַולאָ, וועלכע איז אינסטאַלירט גע־וואָרן אין אַ בית־מדרש און דער שמש איז געווען דער ביבליאָטעקער. די דאָזיקע דערשיינונג איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַנטוויקלונג פונם בראַזיליאַנער ייִדישן ישוב. מיט דער דאָזיקער ביבליאָטעק איז פאַר־בונדן אַ גאַנצע עפּאָפּייע, וועלכע וואָלט דאָ פאַרנומען צופיל צייט, ווען מ'זאָל זיך אויף איר אָפּשטעלן.

מיט דער מאַסן־עמיגראַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די יאָרן 1925-26 און זיך געצויגן ביז 1934, איז געקומען אַ שטאַרקע ענדערונג אין דעם צוזאַמענשטעל פון בראַזיליאַנער ישוב. ס'האָבן אָנגעהויבן אָריינ־צושטראָמען מאַסן נייע עלעמענטן, ס'רוב אַרבעטס־מענטשן, וועלכע זענען

אין גרעסטן טייל דערצוינג געוואָרן אין א געזעלשאַפטלעכער סביבה. דעם חוש פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט טראָגן זיי מיט זיך איבער אין דער נייער היים, ווו זיי הייבן אָן צו פאָרמירן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין די גרעסערע צענטערן פון בראַזיליע. פון דער צייט הייבט זיך פּאַק־טיש אָן די געשיכטע פון אָרגאַניזירטן יידישן ישוב אין בראַזיליע. אמת, דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן טראָגט נאָך דאָרט אויף זיך דעם שטעמפּל פון עמיגראַנטישקייט, אָבער ס׳הייבן זיך שוין אָן צו ווייזן סימנים פון איינגעזעסנקייט. דאָס, וואָס ס׳ווערט געטון אויפן געביט פון קולטור־אַרבעט, איז נאָך מיט טויזנטער פעדים פאַרבונדן מיט די אַלטע היימען און בלויז צוגעפּאַסט צו די אָרטיקע באַדינגונגען. אָבער פון דער באַזונדערער פאָרם טיילט זיך ביסלעכווייז אויס דער איינגאַרטיקער כאַ־ראַקטער פונם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין בראַזיליע.

אָט די מאַסן האָבן מיך באַופטראָגט צו קומען צו אייך. פינף און צוואַנציק טעג בין איך געפאָרן, כדי אַהערצוקומען. דער יידישער אַרבע־טער־עלעמענט פון בראַזיליע שיקט אַהער נישט קיין פאַרטרעטער פון דער ליטעראַטור, אָדער קונסט, נאָר א פאַרטרעטער פון די מאַסן־קאָנסו־מענטן פון דער יידישער ליטעראַטור. די יידישע בראַזיליע האָט נאָך נישט אַרויסגעגעבן קיין שרייבער, זשורנאַליסטן און קינסטלער. זי צעאַקערט ערשט דעם באָדן פאַר דער יידישער קולטור־אַרבעט. מיט אָט דער אַר־בעט קומען מיר אַהער, אונזער אַרבעט גייט אויף דער ליניע פון שאַפן געברויכער פאַר דער יידישער קולטור.

מיר באַציען זיך מיט גרויס ערנסט צום יידישן קולטור־קאָנגרעס. מיר האָבן שוין פריער געהאַט א געלעגנהייט אויסצודריקן אונזער דאַנק און אונזער אָנערקענונג די אָרגאַניזאַטאָרן פונם היינטיקן קאָנגרעס. מיר האָבן פיל פראַגן, וואָס דאַרפן דאָ באַקומען זייער פאַרענטפערונג. אונזע־רע בליקן זענען געווענדעט אויף די באַשלוסן, וואָס וועלן דאָ אָנגענומען ווערן.

אין 1927 האָבן מיר אָנגעהויבן די אָרגאַניזיר־אַרבעט, מיר האָבן זיך אָבער אָנגעשטויסן אויף גאָר גרויסע שוועריקייטן. ווי געזאָגט, איז בראַ־זיליע אומגעהויער גרויס, כמעט אַזוי גרויס ווי גאַנץ אייראָפּע. עס איז זייער שווער ביז וואַנען איין ייד טרעפט א צווייטן. אָבער מיט דער יידי־שער קאָנצענטראַציע אין די גרויסע שטעט האָט זיך גלייכצייטיק אָנגע־הויבן אָן אינטענסיווע בוי־אַרבעט. עס זענען געשאַפן געוואָרן קלובן און

ביבליאָטעקן. און, חברים, איר מוזט וויסן, אַז ס'זענען געקומען עמי־גראַנטן, אויסגעהונגערטע, מיט פּוסטע קעשענעס — און מיט זיי האָבן מיר דאָס אַלץ געדאַרפט שאַפן. ביכער קאָסטן אין בראַזיליע זייער טייער. אָבער היינט האָבן מיר ביבליאָטעקן אין סאַן־פּאַולאָ, סאַנטאָס, פּער־נאַמבוקאָ און ריאָ דע זשאַנעיראָ, אַ יעדע מיט טויזנטער ביכער, און אין יעדן בוך איז אַריינגעלייגט געוואָרן אומגעהויער פיל אַרבעט און ליבשאַפט פון די ערשטע עמיגראַנטן. יעדער פון זיי האָט פון די ערשטע פאַרדינגטע גראָשנס, באַשטימטע אויף ברויט און נאַכטלעגער, אַ טייל אָפּגעגעבן פאַרן גייסטיקן געברויך.

איך קום דירעקט פון סאַאָ פּאַולאָ, סאַנטאָס, וווּ עס זענען דאָ אַזעלכע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, ווי דער „יוגנט־קלוב", דער „קולטור־צענטר" אויפן נאָמען פון ח. זשיטלאָווסקי און די פּרץ־ביבליאָטעק. האַנט ביי האַנט מיט דער יוגנטלעכער אָרגאַניזאַציע פאַר אַ ברייטער קולטור־אַרבעט, האָבן מיר אויך אָרגאַניזירט די עקאָנאָמישע קאַמפּן פונם יידישן אַרבעטער. מיר האָבן אויך געשאַפן אַן אַרבעטער־צענטער, אַ כאָר, דער איינציקער יידישער כאָר פון גאַנץ דרום־אַמעריקע, אַ ביבליאָטעק פון 2.000 ביכער, מיר אָרדענען איין פאַרלעזונגען, רעפעראַטן. מיר לאַדן איין באַרימטע פאַרטרעטער פון דער יידישער קולטור.

דערלויבט מיר אויך אַ פּאָר ציפערן וועגן דער גרעסטער קולטור־אָרגאַניזאַציע אונזערער, וועגן „יוגנט־קלוב", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דעם 16־טן אַפּריל 1933. אַקטיווע מיטגלידער ציילט ער 220. ער ווערט איינגעטיילט אין פאָלגנדיקע סעקציעס: קולטור־קאָמיסיע, פּרעסע־קאָמיסיע, דראַמ.־קרייז, כאָר־סעקציע און מאַנדאָלין־אָרקעסטער. די קולטור־קאָמיסיע האָט אין משך פון איר טעטיקייט איינגעאָרדנט 26 רעפעראַטן. אַ חוץ דעם ווערן איינגעאָרדנט יעדן שבת אָוונט סיסטעמאַטישע קעסטל־שמועסן איבער אַקטועלע פראַגן. די פּרעסע־קאָמיסיע פאַרנעמט זיך מיטן לייען־זאַל און פאַרשפּרייט עטלעכע הונדערט עקז. פון דער אורוגוואַיער פּרעסע.

דער דראַם־קרייז ציילט 24 מיטגלידער און האָט אין משך פון זיין עקזיסטענץ אויפגעפירט פּיעסן פון: שלום־עליכם, גאָטעספעלד, לייוויק, בימקאָ און זייער פיל איינאַקטערס און אינסצענירונגען.

די פאָרשטעלונגען פון דראַם־קרייז ווערן כסדר פאַרוואַנדלט אין אַ דעמאָנסטראַציע פאַר אַ בעסער יידיש טעאַטער.

דער כאָר האָט אין משך פון זיין טעטיקייט געגעבן 12 עפנטלעכע קאָנצערטן און זייער פיל ארויסטריטן אין אייגענעם לאָקאַל.

דער רעפּערטואַר פון כאָר באַשטייט מערסטנס פון אַרבעטער און פאָלקס־לידער.

די ביבליאָטעק „קולטור", וואָס ווערט אָנגעפירט פון יוגנט־קלוב, ציילט 1.300 ביכער און 80 לייענער. די ביבליאָטעק איז טעטיק יעדן אָוונט. דורכשניטלעך ווערן געטוישט 400 ביכער אַ מאָנאַט.

חברים, דאָס אַלץ איז גאָרניט לייכט. בראַזיליע האָט אַ האַלב־פאַשיסטישן רעזשים. אויף יעדן טריט און שריט שטויסן מיר זיך אָן אויף שוועריקייטן. אָבער פונדעסטוועגן שאַפן מיר, זוכן מיר נייע וועגן און מעגלעכקייטן און אַז מען יאָגט אונז אַרויס דורך דער טיר, קומען מיר צוריק דורכן פענצטער. דאָס איז אונזער טאָג־טעגלעכע אַרבעט, און מיט אָט דער אַרבעט קומען מיר אַהער.

מיר, די בראַזיליאַנער יידישע מאַסן, טויזנטער און טויזנטער פון דער אַלטער היים, באַגריסן דעם ערשטן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס און ווינטשן אים, אַז זיין אַרבעט זאָל זיין געקרוינט מיטן גרעסטן דערפאָלג, ווייל זיין אַרבעט איז אונזער אַרבעט, און אונזער אַרבעט איז די אַרבעט פון אַלע לענדער אין דער וועלט.

אַראָנאָווסקי (קובאַ)

חברים און פריינט, איך ברענג אייך אַ גרוס פון אַ יינגן יידישן ישוב, וואָס איז געוואָרן נאָר וואָס בר־מצוה. עס איז אַ פריילעכער גרוס פון זיין אַרבעט, פון זיין אויפקום.

באַלד ביי אונזער אָנקומען קיין קובאַ האָבן מיר, די ערשטע עמיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע, גלייך געשאַפן אַ קולטור־פאַריין, האָבן איינגעאָרדנט פאַרזאַמלונגען און פאָרטראַגן אין יידיש. מיר האָבן געשאַפן אַ יוגנט־קלוב, אַן אָרקעסטער, מיר האָבן געשאַפן אַ גרויסע יידישע קולטור־באַוועגונג. ווען מיר האָבן שוין געהאַט אַ ביבליאָטעק פון אַ פּאָר טויזנט ביכער און זיך געגרייט צו עפענען אַ יידישע שול, איז געקומען אַ שוואַרצע האַנט און האָט געשלאָסן דעם פאַריין און פאַרברענט די ביכער און דער פאַריין איז ביזן היינטיקן טאָג געשלאָסן.

אָבער דער קובאַנער יידישער ישוב האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון יידישער קולטור־אַרבעט: עס איז געשאַפן געוואָרן אַ געזעלשאַפט פאַר קונסט און קולטור אין האַוואַנע, וועלכע איך האָב דעם כבוד דאָ צו פאַרטרעטן. עס איז ווידער געשאַפן געוואָרן אַ ביבליאָטעק און אַ לייען־זאַל, עס האָט זיך געגרינדעט אַ כאָר, וואָס פאַרשפּרייט דאָס יידישע ליד און מיר אָרדענען איין רעפעראַטן פון שריפטשטעלער און קולטור־טוער.

גלייכצייטיק מיטן קולטורעלן קאַמף פירן מיר אויך אַ געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. מיר האָבן געשאַפן אַ הילפס־קאָמיטעט פאַר די שפּאַנישע קינדער און אין משך פון אַ פיר וואָכן צייט האָבן מיר געזאַמלט 600 דאָלאַר און 20 זעק קליידער. מיט איין האַנט שאַפן מיר קולטור־אַרבעט, מיט דער צווייטער באַקעמפן מיר דעם פאַשיזם.

אונזער קולטור־פאַריין פירט אָן אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער אַקטיוויזירונג פונם „יידישן צענטר", אַ באַלעבאַטישע אינסטיטוציע, וואָס האָט אויך אָן אייגענע יידישע שול. דאָס וואָרט „אַסימילאַציע" עקזיסטירט ניט ביי אונז, אַפילו די רייכע געבן זייערע קינדער אַ־געוויסע יידישע דערציונג.

די ערשטע שול פאַר יידישע קינדער איז געעפנט געוואָרן אין 1918, פון די ספרדישע יידן. אַזוי ווי זייער מוטער־שפּראַך איז נאָך דאָס אַלטע שפּאַניאָליש, געבן זיי זייערע קינדער אַ דערציונג אויף דער שפּאַנישער שפּראַך.

די ערשטע שול, וו ס'איז שוין געלערנט געוואָרן אויך יידיש, האָט זיך געעפנט אין 1923 אין לאָקאַל פון די ספרדישע יידן. די שול האָט געטראָגן דעם נאָמען „טעאָדאָר הערצל". די זעלבע שול איז נאָכדעם אַריבער צום „יידישן צענטר" און זי הייסט היינט „די יידישע שול ביים צענטר".

די ערשטע צייט האָט מען אָפּגעגעבן פאַר יידיש בלויז דרייסיק מינוט. לעצטנס איז שוין דורכגעזעצט געוואָרן, אַז דעם ערשטן האַלבן טאָג זאָל מען לערנען יידיש, דעם צווייטן האַלבן טאָג — שפּאַניש און אַלגעמיינע לימודים, אָבער צו אַ יידישער מאָדערנער וועלטלעכער שול קומט עס נאָך ניט. עס פעלט דערצו, חוץ אַלעמען, אַ קוואַליפיצירטער דירעקטאָר.

עס איז דאָ אַ צווייטע יידישע שול ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וו דער טראָפּ ווערט געשטעלט דער עיקר אויף העברעיש און יידיש קומט אויפן דריטן פּלאַן. עס איז אויך פאַראַן אַ פּריוואַטע יידי־

שע שול „יבנה“, וווּ מ׳לערנט יידיש, העברעיש, שפּאַניש. זי איז ווייט פון צו זיין צופרידנשטעלנדיק.

עס לערנען אויך יידישע קינדער אויף דעם אַלטן היימישן שטייגער אין דער תלמוד־תורה, וווּ ס׳ווערט געלערנט אויך יידיש. א חוץ דעם האָט מען לעצטנס איינגעפירט יידיש אַלס אַ לימוד פאַר די יידישע קינדער פון אַ שפּאַנישער פּריוואַטער שול. איך ברענג דאָס אַלץ, בכדי צו באַווייזן, אַז עס איז דאָ אַ ווילן ביי די קובאַנישע יידישע עלטערן צו לערנען זייערע קינדער יידיש. מיר דאַרפן אָט דעם ווילן זען אויסצונוצן, כדי אויפצובויען אַ מאָדערנע יידישע פאָלקס־שול אין קובאַ.

עס איז ביי אונז דערשינען אַן איינמאַליקער קינדער־זשורנאַל אונטערן נאָמען „קינדער־זשורנאַל“.

אויך אויפן געביט פון טעאַטער ווייזט דער יידישער ישוב אין קובאַ אַרוים איניציאַטיוו. צום ערשטן מאָל איז געשפּילט געוואָרן יידיש טעאַטער אין 1924 דורך אַ גרופּע אַמאַטאָרן, זיי האָבן אויפגעפירט י. גאָרדינס „דער פרעמדער“.

די גרופּע האָט זיך דאַן אָרגאַניזירט אין אַ קאָלעקטיוו „יעקב גאָרדין“ אונטער דער רעזשי פון א. וואָלערשטיין. אַז עס האָט זיך געעפנט דער „צענטער“ איז דער קאָלעקטיוו אַריבער אַהין, וווּ ער האָט אויפגעפירט דאָס רוב מעלאָדראַמעס.

אין 1924 איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ דראַם־סעקציע אין „צענטראַ העברעאַ“, אין 1925 זענען געגרינדעט געוואָרן צוויי דראַם־סעקציעס, איינע אין „יידישן צענטער“ און די צווייטע אין קולטור־פאַריין, די ערשטע האָט פון צייט צו צייט אויפגעפירט ערנסטע פּיעסן, די צווייטע האָט זיך אויסגעבילדעט אין אַ סטודיע, וואָס האָט אָרגאַניזירט אַ ריי אויפפירונגען. ס׳עקזיסטירט אויך אַ דראַם־סעקציע ביי דער געזעלשאַפט „קולטור און קונסט“, וואָס האָט אויפגעפירט פאַר דער לעצטער צייט פאָלגנדיקע פּיעסן: „אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל“, „די נבלה“, „די טעג פון אונזער לעבן“, „זישע גוי“, „זשאַן און מאַדלענאַ“. און צוזאַמען מיט טורקאָוון — „די זיבן געהאַנגענע“, „דער זינגער פון זיין טרויער“, „הירש לעקערט“ און „אָנקל מאָזעס“. און צולעצט, צוזאַמען מיט דוד הערמאַן — „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק“, וואָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די טעאַטער־באַזוכער. די דראַם־סעקציע ביי דער געז. „קולטור און קונסט“ שטייט אָן ספק אויף אַ געוויסער הויך און מיר קענען פון איר

א סך דערוואַרטן אין פּרט פון אַן ערנסטן, קינסטלערישן יידישן טעאַטער אין האַוואַנאַ.

די ערשטע יידישע צייטונג אין קובאַ איז דערשינען דעם 1־טן אַפּריל 1925, אונטערן נאָמען „דאָס פרייע וואָרט", רעדאַגירט פון חיים בערניקער. זי איז געדרוקט געוואָרן אויף אַ שרייב־מאַשין. די צייטשריפט האָט לאַנג ניט עקזיסטירט.

אין אַפּריל 1927 דערשיינען די „קובאַנער יום־טוב־בלעטלעך", וואָס האָבן געזאָלט אַרויסגיין צו אַלע יום־טובים, אָבער מער ווי איין נומער איז ניט דערשינען.

אין 1927 דערשיינט דער „אויפגאַנג", אַרויסגעגעבן דורך דער קולטור־קאָמיסיע ביים „יידישן צענטער". עס האָט געזאָלט זיין אַ חודש־שריפט, אָבער אין פאַרלויף פון 4 יאָר זענען דערשינען ניט מער ווי 29 נומערן.

ס'זענען אויך אַרויס עטלעכע נומערן פון „דאָס פרייע וואָרט", „די שטימע" — איין נומער, עס זענען אויך דערשינען עטלעכע נומערן פון אַן אָרגאַן פון דער לינקער פּ.צ.־גרופּע. שפּעטער איז אויך אין פאַרלויף פון אַ יאָר צייט אַרויסגעגאַנגען „דער אויפגאַנג", וואָס איז דערשינען יעדן חודש.

פאַר דער צייט זענען אויך דערשינען צייטונגען, איין העלפט אין יידיש, די צווייטע העלפט אין שפּאַניש, איינע אונטערן נאָמען „עלמונד העברעא" און די צווייטע „לאַ רעוויסטאַ העברעאַ". אויך אין די קובאַנער שפּאַנישע טאָג־צייטונגען זענען געווען יידישע אָפּטיילונגען אויף דער שפּאַנישער שפּראַך, מיט אַ יידישן טיטל.

דעם 11־טן נאָוועמבער 1932 איז דערשינען דער ערשטער נומער „האַוואַנער לעבן", וואָס דערשיינט וועכנטלעך, אַן איבעררייס, ביז היינט. דעם 5־טן אַפּריל 1933 איז דערשינען דער ערשטער נומער „דאָס יידישע וואָרט", וואָס ציילט שוין עטלעכע און צוואַנציק נומערן. דאָס איז געווען די ערשטע יידישע וועלטלעכע צייטונג, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר קאַמף־כאַראַקטער און וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס יידישע און אַרומיקע לעבן.

עס איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן איינמאַליקע אויסגאַבע דורך דער ליטעראַרישער גרופּע פון קולטור־פאַריין, אונטערן נאָמען „יונגע שפּראָצונגען".

דאָס ערשטע יידישע לידער־בוך איז דערשינען אין 1927. פון דאַן אָן זענען ביי אונז דערשינען 10 ביכער אין יידיש, ווי אויך צוויי איבערזעצונגען פון דער יידישער ליטעראַטור אויף שפּאַניש, אַ באַווייז פאַר דער קובאַנער באַפעלקערונג, אַז מיר האַנדלען ניט בלויז מיט קראַוואַטן, נאָר פירן אָן אַ גרויסע קולטור־אַרבעט, באַזינגען די קובאַנער פרייהייטס־העלדן און פירן געמיינזאַם מיט די קובאַנער מאַסן דעם קאַמף קעגן פאַשיזם.

דאָס יידישע לעבן אין קובאַ, און ספּעציעל דאָס קולטורעלע לעבן, וועט אָנגיין מיט אַ שנעלערן טעמפּ און מיט מער ענערגיע, אויב מיר וועלן שטיין אין קאָנטאַקט מיט אַ צענטראַלער אינסטיטוציע, וואָס וועט אונז געבן אָנווייזונגען און אָנצייכענען די וועגן ווי אַזוי אָנצוווענדן אונזער ענערגיע, כדי מיר זאָלן ניט אָפּשטיין אין אַלגעמיינעם בוי פון דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור.

בעלעמאָוויטש (מעקסיקע)

מעקסיקע איז ווייט פון די איבעריקע יידישע קיבוצים אָבער נאָענט צו דער אידעע פונם יידישן קולטור־קאָנגרעס.

די יידישע עמיגראַציע קיין מעקסיקע האָט זיך אָנגעהויבן בערך מיט 15 יאָר צוריק. אין 1921 הויבן אָן צו קומען אין לאַנד יידן פון די אַנדערע אַמעריקאַנישע מדינות, אויך פון מזרח־אייראָפּע.

אין דער מעקסיקאַנישער הויפּט־שטאָדט האָבן זיי שוין געפונען אַן אָרגאַניזאַציע פון יידן, געקומענע פון די פאַר. שטאַטן, וועלכע האָט זיך גערופן „יאַנג מען היברו אַסאָסיישן", וואָס איר קולטור־אַרבעט איז באַשטאַנען אין אויסשרייבן יידישע צייטונגען פון די פאַרייניג. שטאַטן. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט אָבער ניט געוואָלט האָבן קיין שום געמיינזאַמס מיט די ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטן.

גלייך ווי די מזרח־אייראָפּעישע יידן האָבן זיך איינגעאָרדנט און באַקומען די זיכערקייט, אַז זיי בלייבן אויף אַ געוויסער צייט אין מעקסיקע, האָבן זיי אָנגעהויבן טראַכטן וועגן קולטור־אַרבעט. אויף דער איניציאַטיוו פון אַ גרופּע יידישע אַרבעטער ווערט געשאַפן דער ערשטער יידישער קלוב אין מעקסיקע אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ. די קולטור־טעטי־

קייט איז באשטאנען אין איינאָרדענען קעסטל־אָוונטן, שמועסן, א דראַ־מאטישע סעקציע און א כאָר.

ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט ארויסצוגעבן א צייטונג אין מעק־סיקע, פלעגט מען אויסשרייבן יידישע צייטונגען פון די פאריינ. שטאטן. אזוי ארום האָבן די יידן אין מעקסיקע דורכגעמאכט און מיטגעלעבט אלץ, וואָס איז פאָרגעקומען מיט די יידן אין די פאריינ. שטאטן. דער פרץ־קלוב האָט קיין לאנגן קיום ניט געהאט, ווייל א טייל מיטגלידער זע־נען זיך צעפאָרן אין דער פראָווינץ און נאָך א טייל — אין די פאריינ. שטאטן.

אין די יאָרן 25-1926 קומען אָן נייע אימיגראנטן. צווישן זיי עלע־מענטן, וואָס ברענגען מיט זיך פון אייראָפּע דעם דראנג נאָך יידי־שער קולטור. אין 1927 ווערט געשאפן די „יידישע קולטור־געזעל־שאפט", וואָס גרופירט ארום זיך אלע ראדיקאלע און לינקע עלעמענטן. די געזעלשאפט גיט ארויס מיט גרויסע שוועריקייטן די ערשטע יידישע צייטונג אין מעקסיקע „מעקסיקאנער יידיש לעבן". דעם זעלבן יאָר דערשיינט דאָס ערשטע יידישע בוך „דריי וועגן" פון י. בערלינער, י. גלאנץ און מ. גליקאָווסקי. די געזעלשאפט פארנעמט זיך מיט קולטור־ארבעט און שאפט א קליינע ביבליאָטעק פון יידישע ביכער.

די געזעלשאפט האָט אָבער לאנג ניט געלעבט מחמת די סכסוכים צווישן די רעכטע און לינקע. דער רעכטער פליגל (בונדיסטן און סימפּאַ־טיקער) שאפן די געזעלשאפט „קולטור־ליגע", די לינקע — דעם „ראַ־דיקאלן ארבעטער־צענטער". דער סוף אָבער איז געווען, אז ביי אונזער אָרעמקייט אין קולטורעלע כוחות האָבן די אידעאָלאָגישע קאמפן און רייסענישן גורם געווען א באדייטנדיקן אָפּשוואך פון דער גאנצער קולטור־טעטיקייט.

צו דעם אלעם קומט נאָך צו דאָס, וואָס די דעמאָלטיקע רעגירונג פון מעקסיקע האָט זיך גענומען באנוצן מיט פאשיסטישע מעטאָדן און פאר־פּאָלגן די יידישע אָרגאניזאציעס. רעדנער ווערן ארעסטירט נאָך א מי־טינג, יידישע ארבעטער ווערן ארויסגעשיקט פון לאנד פאר אָנפירן מיט א שניידער־סינדיקאט, וועלכער פלעגט אויך טון קולטור־ארבעט אויף יידיש.

אונטערן דרוק פון מעקסיקאנער פאלק, וואָס האָט הינטער זיך לאנ־גע טראַדיציעס פון קאמף פאר פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, ווערן די

פאשיסטישע אָרגאַניזאַציעס געשלאָסן. א נייער פּרעזידענט ווערט גע־ווילט. אין לאַנד ווערן, אין א געוויסער מאָס, איינגעפירט דעמאָקראַטי־שע פרייהייטן. די ראַדיקאַלע עלעמענטן אויף דער יידישער גאַס נוצן אויס די געלעגנהייט און ס'ווערט געשאַפן דער „געזביר" — געזעלשאַפט צו שטיצן די יידישע קאָלאָניזאַציע אין בירעבידזשאַן. דידאָזיקע אָרגאַ־ניזאַציע גרופּירט ארום זיך אַלע ראַדיקאַלע עלעמענטן פון דער יידישער קאָלאָניע אין מעקסיקע. ס'ווערט געשאַפן א יוגנט־קלוב „יוגנט־געזביר", א מאָנאַטלעכע אויסגאַבע „אויפבוי", ווו ס'נעמען אנטייל אַלע ליטעראַרי־שע כוחות פונם יידישן מעקסיקע. ס'ווערן איינגעאָרדנט רעפעראַטן, מען פירט א קולטור־אַרבעט, מען רעאַגירט אויף אַלץ, וואָס קומט פאָר אין אַרומיקן לעבן. דער „געזביר" ציילט היינט צו טאָג 300 מיטגלידער.

חוץ דעם „געזביר" זענען טעטיק אין מעקסיקע:

די „קולטור־ליגע" — א געזעלשאַפט, וואָס גרופּירט ארום זיך די בונ־דישע עלעמענטן און סימפּאַטיקער, זי פירט א קולטור־אַרבעט און האָט אויך א ביבליאָטעק. ס'עקזיסטירט אַן אַנטיפאַ־קאָמיטעט, צו שטיצן די גע־ליטענע פון פאַשיזם אין אייראָפּע, וואָס פירט אויך א קולטור־טעטיקייט אין יידיש. עס עקזיסטירט א פאַרבאַנד פון ייד. סטודענטן, וועלכע לערנען אין מעקסיקאַנער אוניווערסיטעטן און נעמען אָנטייל אינם יידישן לעבן.

עס עקזיסטירט א שרייבער־גרופּע, וועלכע גיט ארויס א מאָנאַטלע־כע ליטעראַרישע אויסגאַבע. עס דערשיינען 2 ציימונגען צו צוויי מאָל אין וואָך — א פּריוואַטע, א ציוניסטיש־געשטימטע „דער וועג" און „די צייט" — ארויסגעגעבן דורך א קאָאָפּעראַטיוון פאַרלאַג, ראַדיקאַל גע־שטימט. די ציוניסטן גיבן ארויס א חודש־זשורנאַל „פאָרן פאָלק", אין יידיש.

אין מעקסיקע שפּילט טעאַטער א גרופּע יידישע אַקטיאָרן, וואָס גיט 2 פאָרשטעלונגען א וואָך. דער רעפּערטואַר איז אָבער אַן אַלטער.

פונם קולטור־קאָנגרעס פאַרלאַנגט מעקסיקע א ספּעציעלן אַרבעטס־פּראָגראַם, ווייל אויפן געביט פון קולטור־שטח הערשט ביי אונז א גרוי־סע צוריקגעשטאַנענקייט. יידן אין מעקסיקע לעבט זיך ניט שלעכט, די רעגירונג מאַכט ניט קיין שוועריקייטן און זיי געניסן פון אַלע רעכט. מען וואָלט געקענט זייער פיל אויפטון, אָבער עס פעלן די כוחות, וואָס זאָלן אָנפירן מיט דער אַרבעט.

לייבל פעלדמאַן (דרום־אפריקע)

חברים,

אין די נײַנציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט איז שוין געווען אין יאָהאַנעסבורג אַ באַדײַטנדיקער ישוב פון יידיש־רעדנדיקע יידן. מען פלעגט זיך גרופּירן אַרום די קליינע בתי־מדרשים און לאַנדסמאַנשאַפט־גרופּעס. נאָך דער ענגליש־בורישער מלחמה, ווען עס האָבן זיך צוריקגע־קערט די עמיגראַנטן, וואָס האָבן אין צייט פון דער מלחמה פאַרלאָזן טראַנסוואַל, און עס האָט זיך אָנגעהויבן בכלל אַ פאַרשטאַרקטע אימיגראַ־ציע — אָנשטייען די ערשטע פאַריינען, וועלכע האָבן אָנגעפירט זייער אַרבעט אין יידיש. זיי זענען אויך געווען אין דער זעלבער צייט די פּיאָ־נערן צו פאַרשפּרייטן דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט אין טראַנסוואַל.

אין יאָר 1916 האָט זיך ביי דער „אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליס־טישער ליגע" געשאַפן אַ יידיש־רעדנדיקע סעקציע, וועלכע האָט זיך גע־שטעלט פאַר אַ ציל צו פירן סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין יידיש (לעקציעס, ביבליאָטעקן). די דאָזיקע סעקציע האָט געפירט אַ לעבעדיקע טעטיקייט.

אין די יאָרן 1911־1912 האָט זיך געשאַפן אַ יידישע גרופּע אונטערן נאָמען „יידישער ליטעראַרישער און דראַמאַטישער פאַריין", וואָס האָט געגרינדעט אַ ביבליאָטעק פון יידישע און העברעישע ביכער און פלעגט איינאָרדענען לעקציעס אין יידיש, אויך לעבעדיקע ציטונגען.

דער יידישער ליטעראַרישער פאַריין, אַלס די גרעסטע און וויכטיקס־טע און אָפּט איינציקע קולטור־אָרגאַניזאַציע אין יידיש, איז געווען אַזוי צו זאָגן דער אַפּוטראָפּוס איבערן יידישן וואָרט אין דרום־אַפריקע. ווען אַ וועלכע ניט איז געזעלשאַפט פלעגט ווען קויפן יידישע ביכער, שטעלן אַ פּיעסע אין יידיש, אָרגאַניזירן אַן אָוונט פון ייד. פאָלקס־לידער, פלעגט מען זיך ווענדן צום פאַריין נאָך אַן עצה אָדער נאָך אַן אָנווייזונג. דער פאַריין האָט, אַזוי צו זאָגן, געהאַלטן אַן אויג איבער אַלץ, וואָס איז נוגע יידיש.

האָט עמיצער באַליידיקט אָדער אָנגעגריפן יידיש, האָט דער פאַריין גענומען די קריוודע אויף זיין אַדרעס. דער פאַריין האָט אָנגעפירט אַן אַגיטאַציע, מען זאָל אַריינגעמען יידישע ביכער אין דער שטאָט־ביבליאָ־טעק. דער פאַריין האָט געווענדעט די אויפמערקזאַמקייט פון טעאַטער־

און פילם־געזעלשאַפטן אויפן שלעכטן יידיש, וואָס זיי באַנוצן אין זייערע אַנאָנסן. זינט דאַן אַנאָנסירן זיי טאַקע אין אַ פאַרהעלטנסמעסיק בעסערן יידיש. דער פאַריין האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון לאַנדסמאַנשאַפטן און חברות אויף דעם צעקאַלעטשעטן יידיש, וואָס זיי באַנוצן אין זייערע אויפרופן און צירקולאַרן.

אפילו צו די מוכר־ספרים'ניקעס, וועלכע פלעגן אַ חוץ אַנדערע אַרטיקלען פאַרקויפן אויך יידישע ביכער, פלעגט מען זיך ווענדן וועגן דעם פאַרקריפּלטן יידיש, וואָס זיי באַנוצן ביים ארויסשיקן מעלדונגען וועגן יידישע ביכער. דער פאַריין האָט געפאָדערט רעספּעקט צו יידיש. דער פאַריין איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אויטאָריטעט אין ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו יידיש, אָדער יידישע ליטעראַטור אין דרום־אפריקע.

אין יאָר 1918 האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף אין דעם ליטעראַרישן פאַריין אַרום דער פראַגע פון העברעיש. סוף 1918 איז געבליבן, אַז קיין העברעישע ביכער זאָלן ניט זיין מער אין דער ביבליאָטעק. מען האָט אויך באַשלאָסן זיך אָפּצוזאָגן פון נאָמען „דראַמאַטישער" און עס איז געבליבן דער נאָמען „ליטעראַרישער פאַריין". פון 1920 האָט דער פאַריין אָנגעהויבן אַ ברייטערע טעטיקייט. ער האָט אויך אונטערגענומען אַן אַקציע, אַז אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק זאָל איינגעפירט ווערן אַ יידישע אָפּטיילונג, געמאַכט אַ פּרוּוו צו עפענען אַ יידישע שול, ארויסגעגעבן אַ זשורנאַל „דרום־אפריקע".

אין 1920 איז אַריבערגעקומען אַהער אַ יונגער ראַדיקאַלער עלעמענט, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן פאַריין, אָבער דער פאַריין האָט אים ניט באַפרידיקט און דעריבער האָט ער גלייכצייטיק אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַן אַרבעטער־קלוב. דער אַרבעטער־קלוב האָט אָפּגעצויגן אַ באַדייטנדיקע צאָל מיטגלידער פון ליטעראַרישן פאַריין. דער ליטעראַרישער פאַריין איז געוואָרן שוואַכער און שוואַכער. אין 1932 איז דער פאַריין געשלאָסן געוואָרן.

אין משך פון אַ פּאָר יאָר איז ניט געווען קיין צענטער פאַר די עלעמענטן, וואָס האָבן פריער געהערט צום ליטעראַרישן פאַריין. עס האָבן זיך געשאַפן קליינע גרופּעס, וואָס פלעגן זיך צונויפקומען אין פּריוואַטע הייזער. פון די דאָזיקע גרופּעס האָט זיך אין 1935 געשאַפן דער קולטור־פאַריין, וועלכער האָט אין משך פון אַ יאָר־אַנדערטהאַלבן איינגעאָרדנט

נאָך לעקציעס. לעצטנס האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל „פּאָרויס", האָט געגרינדעט אָוונט־קורסן אונטערן נאָמען „הומאַנסטיק־קאָלעדזש", האָט אויך אַן אייגענעם לאָקאַל.

פרילינג, 1936, איז דאָ געשאַפן געוואָרן אַ „יידישער קולטור־פראָנט", וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרשטאַרקן דאָ די יידיש־וועלטלעכע קולטור, אויפצוקלערן דער יידישער געזעלשאַפט וועגן פאַשיזם און מיטהעלפן צו באַקעמפן אים. לכתחילה זענען צו אים צוגע־שטאַנען פאָלגנדיקע געזעלשאַפטן: יידישער קולטור־פאַריין, אַרבעטער־קלוב, בונדישע גרופע, „געזערד", יוגנט־„געזערד", ווילנער „סאָסיעטע"־קלוב פאַר פוילישע יידן און די לאַטווישע „סאָסיעטע". אָנהייב 1937 זע־נען די בונדישע גרופע, קולטור פאַריין, און קלוב פאַר פוילישע יידן אַרויסגעטראָטן פון קולטור־פראָנט. דער קולטור־פראָנט האָט איינגע־אָרדנט עטלעכע אָוונטן, אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף צו דער באַפעלקערונג, אַ ביולעטען, אָרגאַניזירט אַ פראָטעסט־מיטינג קעגן די פּאָגראָמען אין פוילן.

אויב מען זאָל משפטן אויבערפלעכלעך, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז לעצטנס ווערט דאָ געפירט אַ גאַנץ ברייטע יידישע קולטור־אַרבעט. אַזוי למשל: דערשיינען אין יאָהאַנעסבורג דריי וועכנטלעכע יידישע צייט־טונגען און איין מאָנאַטלעכער ליטעראַרישער זשורנאַל. יידישע רעפע־ראַטן און פאַרווײַלונגס־אָוונטן ווערן אַראַנזשירט. יידישע דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען ווערן אָפט אויפגעפירט און גוט באַזוכט. ס׳פונקציאָנירט אַ יידישע סעקציע ביי דער היגער שטאָט־ביבליאָטעק. אויסלענדישע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן קומען אַריין אין אַ לפי־ערך גרויסער צאָל. אַקציעס לטובת קולטור־אָרגאַניזאַציעס און אונטערנעמונ־גען מעבר לים ווערן וואַרעם אונטערשטיצט.

אָבער אין תוך גענומען פעלט דאָ אַן אָרגאַניזירטע יידישע קולטור־אַרבעט. די היגע יידישע יוגנט שטייט ביי דער זייט פון דער יידישער שפּראַך און קולטור. דער ציוניזם, וואָס האָט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף דער היגער יידישער באַפעלקערונג, איגנאָרירט און פאַרפאָלגט אָפטמאָל דאָס יידישע וואָרט און קולטור־שאַפונגען אין דער יידישער שפּראַך.

עס פעלט די אינסטאַנץ, וואָס זאָל צונויפנעמען דאָס ביסל כוחות וואָס מיר פאַרמאָגן. אין די לעצטע יאָרן זענען פאַרטיי־קאַמפן פון מזרח־אייראָפּע אימפּאָרטירט געוואָרן צו אונז און אַנשטאָט אַ פאַראייניקטער קול־

טור־ארבעט ווערט פיל צייט און ענערגיע פארלאָרן אויף קריגערייען און רייסערייען.

די יידישע קולטור־טוער דאָ אין לאַנד האָבן נים געליינגט די נייטיקע אויפמערקזאַמקייט אויף דער היגער יידישער יוגנט. דאָס, וואָס עס איז צום היינטיקן טאָג אין יאָהאַנעסבורג ניטאָ קיין יידישער קינדערגאָרטן, קיין יידישע שול, איז אויך געווים די שולד פון די היגע קולטור־טוער, ווייל עס איז שוין מיט עטלעכע יאָר צוריק באַוויזן געוואָרן, אַז אַ סך על־טערן וואָלטן וועלן, אַז זייערע קינדער זאָלן קענען רעדן יידיש און זיך באַקענען מיט דער ייִדישער קולטור און ליטעראַטור.

אויך אויפן טעאַטער־געביט לאָזט זיך אַ סך אויפטון.

אין יאָהאַנעסבורג, אין דעם גרעסטן יידישן צענטר אין דרום־אַפרי־קע, איז דאָ אַ באָדן פאַר אַ יידישן טעאַטער. — ס׳פעלט נאָר אַ פּאַסיקער רעזשיסאָר און אַ ספּעציעלע געזעלשאַפט, וואָס זאָל זיך דערמיט אָפּגעבן.

די לאַגע ביי אונז איז געווים אין אַ גרויסער מאָס ענלעך צו דער לאַגע אין אַ גאַנצער ריי ווייטע און קליינע יידישע ישובים. אונזער יידי־שער קולטור־פּראָבלעם איז אַ וועלט־פּראָבלעם און דער קולטור־קאָנגרעס דאַרף זיך שטאַרק פאַראינטערעסירן מיט דעם ענין פון דער יידישער קול־טור אין די ווייטע ישובים. דער קאָנגרעס, וואָס דאַרף ווערן אַ שטענדי־קע אינסטיטוציע, וועט דאַרפן זען אַריינצוברענגען אָרדענונג און קלאָרקייט אין דער יידיש־וועלטלעכער קולטור־ארבעט, וועט דאַרפן אָנווייזן דעם וועג און אויסאַרבעטן אופנים, וועלכע זאָלן אונז העלפן, פּונקט ווי אַנ־דערע ווייטע יידישע קיבוצים, אָנצופירן ענערגיש און שעפעריש די אַר־בעט פון פאַרשפּרייטן דאָס יידישע וואָרט און שטאַרקן די יידישע קול־טור־אַרבעט.

א. ראבלין (עסטלאַנד)

דערלעגירטע פריינט און חברים,

אונזער עסטלאַנדישע דעלעגאַציע קומט פון דעם קלענסטן יידישן קיבוץ, פון אַ קליין לאַנד. מיר לעבן אין עסטלאַנד צווישן אַ פאָלק פון אַן איינגעבוירענער הויכער מאָראַל, אַ פאָלק, וואָס האָט דורכגעמאַכט, צוזאַמען מיט אונז, אַ שווערן וועג פון אונטערדריקונג און פאַרפאָלגונג. דאָס עסטלאַנדישע פאָלק, וואָס איז געווען אונטערדריקט אין משך פון

יאָרהונדערטער, האָט פאַרשטאַנען אין דער צייט פון באַפרייונג, אויך צו־צוטיילן געוויסע פרייהייטן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס לעבן מיט אים אויף איין באָדן. מיר זענען דער איינציקער יידישער קיבוץ, וואָס האָט זיך באַנוצט מיט דעם געזעץ פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. מיר האָבן די ערשטע פאַרווירקלעכט דעם אי־דעאַל, וואָס יידן אין משך פון יאָרהונדערטער האָבן געשטרעבט צו אים: די יידישע קולטור־אויטאָנאָמיע! און ס'איז מיר אַ פאַר־גענינן דאָ צו קאָנסטאַטירן, אַז מיר קומען פון אַ לאַנד, צו וועלכן מיר קע־נען ניט האָבן קיין טענות.

אָט דער קליינער יידישער קיבוץ האָט דוקא געשיקט אַ גרויסע דע־לעגאַציע, ווייל כאָטש מיר זענען קליין, האָבן מיר ביי אונז אַלע שאַטירונ־גען פונם יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן. און הגם עס זע־נען ביי אונז פאַראַן פיל אָרגאַניזאַציעס מיט פאַרשיידענע איינשטעלונ־גען, זענען מיר אַלע באַגייסטערט פאַרן געדאַנק פונם קולטור־קאָנגרעס. אָט דער געדאַנק האָט אונז באַוויזן זיך צו פאַרייניקן אין אַן איינהייטלעכן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, און אַזאַ פאַרייניקונג, אין אַן אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב — דאַרף זיין די אויפגאַבע פון דעם איצטיקן קאָנגרעס. אָבער מיר דאַרפן דאָ אונטערשטרייכן, אַז אויך ביי אונז איז ניט אַלץ אינגאַנצן גוט און צופרידנשטעלנדיק. מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן, ניט אין דעם לאַגער פון פרעמדע, נאָר דוקא אין לאַגער פון די אייגענע. די קולטור־אויטאָנאָמיע, וואָס איז ניט געוואָרן אויסגעקעמפט פון אונז, נאָר וואָס מען האָט זי אונז געשענקט, זי עק־זיסטירט ניט אין דער אמתער פאָרם. מיר ווילן דאָ ניט אריינפירן קיין מאָמענטן פון צעריסנקייט. דוקא דער קולטור־קאָנגרעס דאַרף געבן דעם אָנשטויס צו אַ פאַרייניקונג פון אַלע גרופן פון דער יידישער געזעלשאַפט. אין נאָמען פון דער עסטלאַנדישער דעלעגאַציע האָף איך, אַז דער קולטור־קאָנגרעס וועט אויך באַטראַכטן די פּראָבלעמען און די אויפגאַבן פון דער קולטור־אויטאָנאָמיע.

ד״ר מוקדוני: איידער מיר זעצן פאָר אונזער טאָג־אָרדענונג וועל איך פאָרלייענען אַ באַגריסונג פון די ייד. פרייוויליקע אין שפּאַניע (זע צוגאָב).

אַנאַ. פּ. (רומעניע).

חברים, כ'וויל אָפּגעבן אַ קורצן באַריכט, אין גאַר אַלגעמיינע שטריכן, וועגן אונזערע שולן אין בעסאַראַביע.

אונזערע שולן עקזיסטירן שוין אַן ערך 50 יאָר. זיי ווערן באַזוכט פון טויזנטער קינדער און זיי זענען דורכגעזאַפּט מיט יידישער קולטור. אינם נאָמען פון אונזערע שול־קינדער ווינטש איך דעם קאָנגרעס גליק.

ליבע שרייבער, כ'וויל אייך זאָגן, אַז די בעסטע לייזונג פאַר אייערע פּראָבלעמען ברענגען אייך מיר, יידישע לעעזר, וואָס לייענען אייך און שעצן אייך. ווען איר וואָלט געוווסט, ווי טייער איר זענט אונז, וואָלט פון אייערע רייד געשלאָגן מיט נאָך מער מוט.

מיר האָבן ניט אין אונזערע שטעטלעך קיין קינאָ, קיין טעאַטער און קיין שום קולטור־אַנשטאַלטן. אָבער אַלע אונזערע קינדערלעך ווייסן, ווער עס איז לייוויק, אַפּאַטאָשו און אַנדערע אונזערע דענקער און שרייבער. אין די גרויסע שטעט פון בעסאַראַביע און רומעניע זענען אָט די נעמען ניט באַקאַנט, דאָס איז אַ חרפּה פאַר דער אַסימילירטער יידישער אינ־טעליגענץ.

אָט די קליינע שולן אונזערע אין די קליינע שטעטלעך — זיי געבן אַרויס די יידישע קולטור־טרעגער. מיר לעבן איבער שווערע ציטן און איר קענט אייך ניט פאָרשטעלן, וויפיל מען דאַרף קעמפן פאַר אַ ביבליאָ־טעק, למשל, און אַ ביבליאָטעק איז אַ גרויסע זאַך, זי איז אַ פאָלקס־או־ניווערזיטעט, זי קעמפט ניט נאָר מיט פרעמדע, נאָר אויך מיט דער איי־גענער יידישער סביבה.

מען שליסט אונזערע קולטור־אַנשטאַלטן, מען זעצט אונזערע מענטשן אין תפיסה, פונדעסטוועגן הערן מיר ניט אויף און וועלן ניט אויפהערן צו קעמפן פאַר דער יידישער קולטור.

אַזוי איז די לאַגע אין גאַנץ בעסאַראַביע. אין יענע שטעט און שטעט־לעך ביי אונז, וווּ עס איז ניטאָ קיין יידישע שולן, זענען פאַראַן יידישע אַרבעטער, קעמפער פאַר אונזער קולטור און פאַרשפּרייטער פון אונזער ליטעראַטור. אין נאָמען פון די שולן און פון די קינדער, גיב איך אייך איי־בער אַ האַרציקן גרוס. זאָל אונזער קאָנגרעס טון פּראָדוקטיווע אַרבעט, כדי מיר זאָלן קענען צוריקקומען אין אונזער לאַנד מיט נייע כוחות פאַרן אויפבוי פון אונזער קולטור.

ד״ר י. קאַלק (איטאַליע)

חשובער קאָנגרעס,

איך קום פון אַ לאַנד, אין וועלכן עס איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון אונזער יידישער ליטעראַטור און קולטור, פון אַ לאַנד, מיט וועלכן עס איז אינטים באַהעפט דאָס יידישע דרוק־און פאַרלאַג־וועזן. איך קום פון דער שכנותדיקער איטאַליע.

אין איטאַליע האָט געלעבט און געווירקט דער באַרימטער דיכטער, פילאָלאָג און ראָמאַניסט, דער נעסטאָר פון דער יידישער ליטעראַטור, אליהו בחור, וואָס זיינע ראָמאַנען „בבא־בוך" (פּאַדוא 1507) און „פּאַריזש און וויענא" (ווענעציע 1514) געהערן צו די עלטסטע דענקמעלער פון אונזער געדרוקטער וועלטלעכער יידישער ליטעראַטור.

די דרוקערייען פון ווענעציע, מאַנטוא, קרעמאָנא און וועראנא האָבן גאָר אַ נאָענטע שייכות צו אונזער קולטור, ווייל דאָרטן זענען טאַקע געדרוקט געוואָרן, נאָך מיט 400 יאָר צוריק, די ערשטע יידישע ביכער — און ניט נאָר טייטש־חומשים און מוסר־ספרים, נאָר אויך, און טאַקע צום גרעסטן טייל, ביכער מיט וועלטלעכן אינהאַלט, ווי זאַמלונגען פון לעגענדעס און משלים, נאָוועלן, א. א. וו.

דאָס יידישע פאַרלאַג־וועזן אין איטאַליע האָט בשעתו געדינט אַלס מוסטער פאַר די פאַרלאַגן אין אַנדערע לענדער. די יידישע ביכער־פּראָדוקציע פון איטאַליע פלעגט זיך דורכשלאָגן אַ וועג צו די וויימסטע יידישע קיבוצים.

און ניט נאָר ביכער פלעגט איטאַליע צושטעלן, נאָר אויך מוזיק און געזאַנג. די וועלשע ניגונים פלעגן איבערוואַרפן אַ חוט דער גייסטיקער מחיצה, וואָס עס איז אין מיטלאַלטער געשטאַנען צווישן יידן און ניט־יידן, אויך די הונדערטער און די טויזנטער קילאָמעטערס דיסטאַנץ, וועלכע האָבן אָפּגעטיילט די איטאַליענישע יידן פון זייערע ברידער אין אַנדערע לענדער.

אויך די אַנטוויקלונג פון אונזער יידישן טעאַטער איז פאַרבונדן מיט איטאַליע, און די אַזוי גערופענע איטאַליענישע קאָמעדיאַנטן פלעגן אַריינברענגען אַ שטראַל פון ליכט, פון צעשטרייונג, צווישן די קיבוצים, דורך וועלכע זיי פלעגן וואַנדערן.

דאָס אַלץ געהערט אָבער, מיינע פריינט, צו דער ווייטער פאַרגאַנ־

גענהייט, וואָרום פון דעם גאָלדענעם פעריאָד זענען שוין פאַרביי, ווי געזאָגט, גאַנצע פיר יאָרהונדערטער, און פאַר דער צייט האָט זיך די לאַגע אַזוי ראַדיקאַל געביטן, אַז היינט איז פון דעם אַלעמען קיין זכר ניט געבליבן.

די אַסימילאַציע האָט אַלצדינג אויסגעוואָרצלט און אַלץ אָפּגעווישט און דער יידישער קיבוץ אין איטאַליע האָט זיך אַרונטערגעקייקלט ביז צו דער מדרגה פון פולשטענדיקע אַנאַלפאַבעטן אין שייכות צו דער מאָדערנער וועלטלעכער יידישער קולטור. און אויב מען דאַרף נאָך פאַר וועמען עס איז אַ באַוויז, אַז היינט־צו־טאָג אידענטיפיצירט זיך יידישקייט מיט אונזער וועלטלעכער יידישער קולטור, איז קיין בעסערער ביישפּיל, ווי דער איטאַליענישער יידישער קיבוץ ניט פאַראַן.

די באַמיונגען פון די בעסערע און באַוווסטזיניקערע עלעמענטן אָפּצוהאַלטן דעם 50 טויזנטדיקן יידישן קיבוץ אין איטאַליע פון פולשטענדיקן נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג, האָט קיין פּעולה ניט געהאַט, ווייל ניט די ציוניסטישע פּראָזעלאַגיע און ניט די קלעריקאַלע שולחן־ערוך־דיסציפּלין קענען פאַרבייטן די באַלעבנדיקע ווירקונג אין נאַציאָנאַלן זין פון אונזער יידישער שפּראַך און פון אונזער יידישער קולטור. אין מילאַן און אין אַנדערע גרעסערע שטעט פון איטאַליע זענען אַפילו פאַראַן עטלעכע טויזנט יידיש רעדנדיקע יידן. דאָס רוב איינגעוואַנדערטע אין די לעצטע 15־20 יאָר פון מזרח־אייראָפּע. אָבער דער צוזאַמענשטעל פון דער יידישער קאָלאָניע — סוחרים און פאַרטרעטער פון די פרייע באַרופן — איז אַזאַ, אַז קיין גרויסע האָפענונג אויף דעם קיום פון דער יידישער קולטור דאָרט קען מען ניט לייגן, ווייל דאָרט פעלט אינגאַנצן דער מאַסן־און דער אַרבעטס־מענטש, וועלכע — ווי די דערפאַרונג האָט אונז באַוויזן — זענען די אמתע טרעגער פון אונזער יידיש וואָרט און פון אונזער וועלטלעכער קולטור, סיי אין די לענדער, וווּ מיר לעבן אין קאָמפּאַקטע קיבוצים, און סיי אין די נייע היימען, וווּ די אַסימילאַציע לויערט אויף אונז אויף יעדן טריט און איז אָפט שטאַרקער פאַר דעם גרעסטן ווילן צו דערהאַלטן אונזער אייגענע אינדיווידואַליטעט.

ניט געקוקט אָבער אויף די אומגינסטיקע באַדינגונגען, איז דאָך די לעצטע יאָרן געלונגען אונזער יידישער קולטור צו געווינען געוויסע פּאָזיציעס אויך אין איטאַליע.

די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור ווערט צו ביסלעך איבערזעצט אויף

איטאַליעניש, אָנגעהויבן מיט פּרצס פֿאָלקסטימלעכע געשיכטעס און שלום־עליכם'ס „טוביה דער מילכיקער" און געענדיקט מיט דער לעצטנס דערשינענער טרילאָגיע „פּאַרן מבול" פון שלום אַש.

אויך די בעסערע ווערק פון אונזער אָריגינעלן טעאַטער־רעפּערטואַר זענען געשפּילט געוואָרן אויף דער איטאַליענישער בינע מיט גרויס דערפֿאָלג. איך וועל נאָר דערמאָנען שלום אַשס „גאָט פון נקמה", יעקב גאָרדינס „מירעלע אפרת" און ש. אַנסקי'ס „דיבוק", וועלכער איז דאָ געשטעלט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן אין די גרעסטע איטאַליענישע אָפּערע־הייזער.

ד"ר מוקדוני: דעם ערשטן רעפעראַט אויף דער טעמע „טשערנאָוויץ און פּאַריז — שפּראַך־קאָנפערענץ און קולטור־קאָנגרעס", האָט אונז צוגעשיקט דער פֿאָטער פון דער יידישיסטישער באַוועגונג, ד"ר חיים זשיטלאָווסקי.

אונזער אַל־באַליבטער ד"ר זשיטלאָווסקי איז לײדער קראַנק און האָט ניט געקענט קומען אויפן קאָנגרעס. זיין רעפעראַט וועט לייענען דער דיכטער ז. ווײַנפּער.

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי (פּאַרייניקטע שטאַטן)

אין דעם יאָר 1908 איז אין טשערנאָוויץ אָפּגעהאַלטן געוואָרן די באַרימטע געוואָרענע אַלוועלטלעך־יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ. נאָך אַן איבעררײַס פון באַלד דרייסיק יאָר (זומער 1937), זאַמלט זיך צונויף אין פּאַריז אַ צווייטער אַלוועלטלעך־יידישער צונויפקום, וואָס טראָגט שוין ניט דעם נאָמען „שפּראַך־קאָנפערענץ", נאָר „קולטור־קאָנגרעס".

עס איז איצטער ניט מיין אויפגאַבע צו שילדערן דעם גורל פון יענע שטרעבונגען, צו וועלכע טשערנאָוויץ האָט געגעבן אַזאַ מעכטיקן שטויס — אַ גורל, וואָס גיט איצטער אַ רעכט צו שטעלן דעם טראָפּ ניט אַזוי אויף דעם ענין יידישע שפּראַך, ווי פיל מער אויף דעם ענין קולטור אין דער שפּראַך־ספערע. אָבער אַ פּאָר ווערטער וועגן דעמאָלט און איצטער, וועגן די דעמאָלטיקע אויפגאַבן און די איצטיקע, מוזן דאָ געזאָגט ווערן.

די צונויפרופער פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָבן געהאַט

אין זינען ניט נאָר די יידישע שפּראַך, נאָר אויך די קולטור אין איר. עס איז ניט געווען נאָר אַ פילאָלאָגישע קאָנפערענץ. עס האָט גערדאַרפט פאָרמולירט ווערן די שטעלונג פונם יידישן פאָלק און דער יידישער עפנטלעכקייט צו יידיש, ווי אַ שפּראַך, און צו איר נאַציאָנאַלן באַדייט. עס האָבן געזאָלט אויף דער קאָנפערענץ אויסגעאַרבעט ווערן פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען פאַר דעם א ו י ס ב ו י פון דער קול־טור אין דער יידישער שפּראַך־ספערע, און עס האָט געזאָלט באַשאַפן ווערן אַ אַ ל ו ע ל ט ל ע כ ע אָ ר גאַ נ י ז אַ צ י ע, וואָס זאָל דורכ־פירן אָט דעם אויסבוי.

לויט די אומשטענדן פון יענער צייט, האָט דעמאָלט נאָר דער ערשטער טייל פון אָט די אויפגאַבן געקענט, נאָך לאַנגע און העפטיקע דיסקוסיעס, דורכגעפירט ווערן מיט מער אָדער ווייניקער דערפאָלג. יידיש איז אין טשערנאָוויץ דערקלערט געוואָרן פאַר אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך, און דערמיט גופא איז געגעבן געוואָרן דער העפטיקסטער קלאַפּ צו יענעם נבזהדיקן איינשטעל פון כמעט דער גאַנצער יידישער אינטע־ליגענץ, וואָס האָט זיך באַצויגן צו יידיש מיט ביטול אָדער האַס, ווי צו אַ „זשאַרגאָן".

די טשערנאָוויצער שפּראַך־רעזאָלוציע, ביי איר קאָמפּראָמיסלעכ־קייט, האָט באַדייט, אין דער ערשטער ליניע, די דעמאָקראַטישע דערהוי־בונג פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. יידיש פאָלק איז געוואָרן גלייכבאַ־דייטנדיק דער עיקר מיט די גרויסע יידישע פאָלקס־מאַסן; זייער שפּראַך איז אין דער רעזאָלוציע דערהויבן געוואָרן אויב נאָך ניט צו דער מדרגה פון ד ע ר נאַציאָנאַלער שפּראַך, דער יידישער, איז צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך, לפּחות אַ ג ל ײ כ ע ר אין איר נאַציאָנאַלן באַ־דייט מיט העברעיש. דאָס האָט אָבער אויך באַדייט דעם העפטיקסטן קאַמף קעגן דער אַ ס י מ י ל אַ צ י ע.

די אויפגאַבע צו רעאַבילּיטירן דעם כבוד און די חשיבות פון יידיש, ווי פון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך פון דעם יידישן פאָלק, האָט איינ־געשלונגען די גאַנצע צייט פון דער קאָנפערענץ. פאַרגעסט ניט, אַז אפילו אונזער גרויסער י. ל. פּרץ האָט אויף דער קאָנפערענץ פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט, אַז יידיש איז נ אָ ך נ י ט קיין נאַציאָנאַלע שפּראַך, ווייל זי איז נאָך ניט די שפּראַך פון דער „אינטעליגענציע"...

פאַר די קולטור־אויפגאַבן און די דיסקוסיעס וועגן דער אַלוועלט־

לעבער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל געשאַפן ווערן, איז ניט געבליבן קיין צייט. און באַלד נאָך דער קאָנפערענץ האָט זיך אויפגעהויבן דער אידישער שפּראַך־קאַמף אין אונזער עפנטלעכקייט, מיט דעם איינזייטיקן העברעישיזם, ווי דעם העפּטיקסטן, הגם ווייט ניט דעם איינציקן, אָנגרייפער אין דעם קאַמף, — וואָס האָט זיך איינגנטלעך ניט פאַרענדיקט ביז אויף דעם היינטיקן טאָג.

א געוויסע ראָלע אין אָט דעם העפטיקן אידעען־קאַמף האָט געשפּילט דער אומשטאַנד, וואָס די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט, לויט די אומשטענדן, געלייגט די הויפּט־וואָג אויף דעם ענין שפּראַך, וואָס איז די אַלגעמיינסטע פאָרם פון א נאַציאָנאַלער קולטור־ספּערע, און ניט אויף די ענינים פון דער מענטשלעכער קולטור גופא, ניט אויף די וויכטיקסטע ענינים פון א מענטשלעכן לעבן בכלל און פון א נאַציאָנאַלן לעבן בפרט.

די קעגנער, וואָס האָבן ניט אַרויסגעלאָזן פון אויג דעם אמת, אַז שפּראַך איז א דרויסנדיקע פאָרם, און אַז דער עיקר פון א זאַך איז ניט איר דרויסנדיקע פאָרם, נאָר דער אינהאַלט, וואָס איז איינגעקליידט אין איר, האָבן רעוואָלטירט אַנטקעגן „טשערנאָוויץ“, וואָס מאַכט אַזאַ גרויסן ווענזן פון א „ליידיקער כלי“. מען האָט געטענהט: ניט דאָס איז וויכטיק ווי עפּעס ווערט געזאָגט. וויכטיק איז, וואָס עס ווערט געזאָגט.

הינטער אָט דעם זייער וואָגיקן אַרגומענט האָבן פאַרפעסטיקט זייערע פּאָזיציעס אי א סך העברעישיסטן, אי — אין א נאָך גרעסערער מאָס — דאָס רוב אסימילאַטאָרן. אָבער אָט דער זייער וואָגיקער אַרגומענט, וואָס האָט געפאָדערט מען זאָל זיך אינטערעסירן נאָר מיט דעם אינהאַלט און ניט מיט דער פאָרם, איז זייער וואָגיק נאָר אויף דעם ערשטן בליק. א טיפערער איינבליק אין די ענינים „אינהאַלט“ און „פאָרם“ באַווייזט אונז, אַז „פאָרם“ איז דאָס רוב גאָר ניט אַזאַ גלייכגילטיקע זאַך, ווי דאָס דוכט זיך אויס אין פלוג.

מיר קענען זיך נאַטירלעך ניט אַריינלאָזן אין דער טיפער חקירה וועגן „אינהאַלט“ און „פאָרם“, וואָס א היבש ביסל וויכטיקע זייטן פון אָט דעם פּראָבלעם זענען אין דעם טעאָרעטישן געדאַנק נאָך עד־היום ניט אויפגעקלערט געוואָרן אויף א באַפרידיקנדיקן אופן.

דאָ זאָלן נאָר קאָנסטאַטירט ווערן זייניקע וויכטיקע פּונקטן, וועל־

בע מען לאָזט געוויינטלעך ארויס פון אויג. איינמאָל דאַרף מען געדענ־קען, אַז אומעטום, סיי אין דער נאַטור, סיי אין דער קולטור־וועלט, קענ־נען די צוויי באַגריפן „אינהאַלט" און „פאָרם" ניט אָפּגעטיילט ווערן איינס פון דעם אַנדערן, סיידן נאָר אין דעם אַבסטראַקטן דענ־קען, צוליב די אינטערעסן פון דעם טעאָרעטישן פאָרשן. עס איז אין ערגעץ ניטאָ קיין ריינער „אינהאַלט", וואָס זאָל ניט האָבן אַ וועלכע עס איז „פאָרם", און עס איז אין ערגעץ ניטאָ קיין ריינע „פאָרם", וואָס זאָל ניט האָבן אין זיך וועלכן עס איז „אינהאַלט".

צווייטנס, מוז מען איינזען, אַז גאָר אין אַ סך וויכטיקע פאַלן — דערהויפּט אין דער קולטור־וועלט — זענען „אינהאַלט" און „פאָרם" ניט קיין אַבסאָלוטע באַגריפן, נאָר רעלאַטיווע. דאָס, וואָס פון איין שטאַנדפּונקט און פאַר איין גערדאַנקלעכן אינטערעס איז „אינהאַלט", ווערט פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט און פאַר אַן אַנדער גערדאַנקלעכן אינטערעס באַטראַכט, ווי „פאָרם", און פאַרקערט.

לאָמיר נעמען ווי אַ ביישפּיל יענע שאַפונג פון דער מענטשלעכער קולטור, וואָס באַשטייט אין פּראָדוצירן קליידער. וואָס איז דאָ אינ־האַלט, וואָס איז דאָ פאָרם? דער „אינהאַלט" זיינען אין דער ערשטער ליניע — די מאַטעריעלע שטאָפן, דורך וועלכע עס ווערט באַפרידיקט ווערן אַ מענטשלעכע קולטורעלע באַדערפעניש צו טראָגן קליידער. די „פאָרם" זענען די פאַרשיידענע פאַסאָנען — מענערשע, ווייבערשע, קינדערשע, אין וועלכע די שטאָפן קליידן זיך איין אין די פאַרשיידענע פּראָדוצירטע מלבושים.

די פאַרטיקע קליידער ווערן פאַנאַנדערגעפירט אין לאַגערן און קראָמען. האָרט ווערן סיי זייער אינהאַלט, סיי זייער פאָרם אַ נייער אינ־האַלט פאַר אַ העכערן קרייז פון פאָרמען. זיי, ווי נאָך אַנדערע מאַטעריע־לע פּראָדוקטן, באַקומען אַ באַשטימטע פ א ר ם פון דעם עקאָנאָמישן לעבן, וואָס רופט זיך אָן די סחורה־באַלעבאַטישקייט. ווי מ א ר ק ס באַווייזט עס אויפן קלאָרסטן אופן, זענען סחורות נאָר אַ באַשטימטע היסטאָרישע פ א ר ם, וועלכע די פּראָדוקטן נעמען אָן, כדי פאַרטיילט צו ווערן צווישן די קאָנסומענטן. דער פּראָדוקט, ווי אַן א י נ ה א ל ט, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ סחורה, ווי אַ פ א ר ם.

אויב די קליידער און אַ סך אַנדערע סחורות ווערן פּראָדוצירט פון לוין־אַרבעטער פאַר באַלעבאַטים, ווערן זיי, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס

אַנגעוויזן, באַטראַכט, ווי פֿאָרמען, זיי ווערן אַן אינהאַלט פֿאַר נאָך אַ ברייטערן פֿאָרם־קרייז, וועלכן די וויסנשאַפֿט רופֿט אָן — די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוציר־פֿאָרם.

אָבער אויך די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוציר־פֿאָרם, אינאיינעם מיט נאָך אַנדערע אויסגעשטאַלטונגען און פֿאָרמען פֿון אַ קולטורעלן לעבן און שאַפֿן, ווערן אַן אינהאַלט פֿאַר נאָך אַ ברייטערן קרייז פֿון פֿאָרמען, וועלכע מיר אַלע רופֿן אָן מיט דעם נאָמען: די פּאָליטישע פֿאָרמען פֿון דעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, ווי די מאָנאַרכישע פֿאָרם, די רעפּובליקאַנישע פֿאָרם, דער פֿאַשיזם.

רייסט זיך דאָ איבער דער פֿאַרוואַנדלונגס־פּראָצעס פֿון אינהאַלט און פֿאָרם, פֿאָרם און אינהאַלט? ניין. די פּאָליטישע פֿאָרמען ווערן פֿון זייער זייט אַן אינהאַלט פֿאַר דעם היסטאָרישן פּראָצעס פֿון דער פּאָליטישער טעטיקייט, פֿאַר דעם פּאַרטיי־קאַמף, פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג אין לעבן פֿון דער אָדער יענער פּאָליטישער פֿאָרם. און אויך אָט די היסטאָרישע טעטיקייט פֿון איבעראַנדערשן די פּאָליטישע פֿאָרמען ברענגט אַרויס אירע פֿאָרמען: רעפֿאָרמען, רעוואָלוציעס, פֿאַרשווערונגען, אויפֿשטאַנדן, דעמאָנסטראַציעס א. ד. ג.

דאָ וועלן מיר זיך אָפּשטעלן. וואָלטן מיר געהאַט צייט און חשק צו טעאָרעטישע אַנאַליזן, וואָלטן מיר געקענט נאָך ווייטער שפּינען דעם פֿאָדעם און באַווייזן, ווי אויך אָט די פֿאָרמען ווערן אַן אינהאַלט פֿאַר אַנדערע פֿאָרמען. זאָל יעדער איינער זיך פּרווון אָפּגעבן אַ פֿולן דין וחשבון וועגן „אינהאַלט" און „פֿאָרם" אין אַזאַ קולטור־דערשיינונג, ווי, זאָגן מיר, אַ טעאַטער־שפּיל פֿון „אוריאל אַקאָסטאַ". זאָל ער זיך אַריינטראַכטן אין די געדאַנקלעכע אינטערעסן, וואָס זענען פֿאַרבונדן ערשטנס, מיט דעם סיפּור המעשה; צווייטנס, מיט דער אידעע, וואָס האָט זיך איינגעקלײדט אין אים, דעם קאַמף פֿון אַלט אַנטקעגן נײַ; דריטנס, מיט דער שיינקייט פֿונם יידישן לשון, וואָס האָט זיך דאָ איינגעקלײדט אין דער איבערזעצונג; פֿערטנס, אין אייגנטימלעכן כאַראַקטער פֿון דעם אַקטיאָרס טאַלאַנט, וואָס קלײדט זיך איין ניט נאָר אין דער ראָלע פֿון „אוריאל אַקאָסטאַ", ווי אין אַ פֿאָרם, נאָר אין די פֿאַרשיידענע אַנדערע ראָלען פֿון זיין רעפּערטואַר. — זאָל דאָס אַלץ איינער פּרווון דורכטראַכטן, און ער וועט איינזען, ווי קאָמפּליצירט עס איז דער ענין פֿון „אינהאַלט" און „פֿאָרם", פֿון דעם „וואָס" און „ווי", און ווי זיי

ביידע בייטן זיך מיט זייערע ערטער לויט דעם שטאַנדפּונקט פון דעם געדאַנקלעכן אינטערעס.

הונדערטער און הונדערטער ביישפּילן, דער עיקר פון דער קולטור־וועלט, וואָלט איך געקענט ברענגען און, אַנאַליזירנדיק זיי, באַווייזן, אַז זיי זענען דאָס רוב אַ קרייז, אַ ספערע, וואָס איז אָנגעפילט מיט אַלע קלענערע און קלענערע קאָנצענטרישע און צונויפגעקייטלטע קרייזן אָדער ספערעס. און יעדע ספערע איז אַ „פאָרם" פאַר דעם אינעווייניקסטן קרייז, וואָס ליגט אין איר, און אַן „אינהאַלט" פאַר אַ גרעסערער ספערע, וואָס נעמט זי אַרום.

אין דער גאַנצער נאַציאָנאַלער קולטור פון אַ פאָלק האָבן מיר אָבער אַן אַ ל ג ע מ י י נ ע ם אינהאַלט, וואָס פילט אָן אַלע ספערעס, און אַן אַלגעמיינע פאָרם, די גאָר גרעסערע ספערע, די וואָס נעמט אַרום אַלע אינהאַלטן: דער אַלגעמיינער אינהאַלט איז דאָס מ ע נ ט ש ל ע כ ע ל ע ב ן, אַן אויסגעפורעמטער אין דעם קולטור־פּראָצעס פון דער מענטשהייט. די אַלגעמיינע פאָרם איז די ש פּ ר אַ ך־ס פ ע ר ע, אין וועלכער אָט דאָס מענטשלעכע קולטורעלע לעבן שפּילט זיך אָפּ.

זיבער האָט טשערנאָוויץ ניט געהאַט אין זינען אַ ל יי ד י ק ע שפּראַך־ספערע, ווען די קאָנפערענץ האָט געלייגט די הויפּט־וואָג אויף איר. קיין איין דעלעגאַט צו דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט ניט באַטראַכט יידיש, ווי אַ ליידיקע כלי, זאָגן מיר, ווי אַ שיינע, אַלט־גריכישע וואַזע, וואָס ווערט געשעצט צוליב די הויכע מעלות פון איר דרויסנדיקער געשטאַלט, און בלייבט שטיין אַ ליידיקע, לא להשתמש בה, אלא לראותה בלבד; אגב, אויך דאָס דאַרף ניט פאַרגעסן ווערן, אַז טשערנאָוויץ האָט דורך זיינע עפנטלעכע רעדעס אין יידיש, אויפגעעפנט די אויגן פון אַ סך יידישע אינטעליגענטן גראַד אויף דער ש יי נ ק יי ט פון דער יידישער שפּראַך און האָט דערמיט געבראַכן זייער פיינטשאַפט צו דעם „זשאַרגאָן". „עס קלינגט ווי אַן אייראָפּעישע שפּראַך" — האָבן פאַרפלעפטע „מבינים" געזאָגט אויף די רעדעס פון דעם באַרימטן „באַנקעט". אָבער זיבער ניט צוליב דער שיינקייט פון יידיש איז זיך צונויפגעקומען די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. עס איז געווען זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז דער אינהאַלט, וואָס פילט אָן און דאַרף אָנפילן די שיינע כלי, די גאַנצע שפּראַך־ספערע, איז דאָס מענטשלעכע לעבן פון דעם יידישן פאָלק, סיי פון זיינע פאָלקס־מאַסן, סיי פון זיין אינטעלי־

גענץ, דאָס מענטשלעכע לעבן, מיט אַלע זיינע קאָנצענטרישע אָדער צונויפגעקייטלטע ספערעס, אין וועלכע „אינהאַלט" און „פאָרם" בייטן זיך אַזוי אָפט מיט זייערע ערטער, לויט די פאַרשיידענע שטאַנדפונקטן און אינטערעסן.

און פונדעסטוועגן איז אַבסאָלוט אמת, אַז טשערנאָוויץ האָט געהאַט צו טון כמעט ווי נ אָ ר מיט דער פאַרטיידיקונג פון דער אַלגעמיינער פאָרם און ניט פון אַ וועלכן עס איז „אינהאַלט". אָבער אויך אָט די איינזייטיקייט, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזוי פיל אומפאַרשטייעניש אין דעם שפּראַכן־קאַמף, געפינט איר באַרעכטיקונג אין אַ דריטן מאָמענט פון דעם זעלביקן טעאָרעטישן ענין: „אינהאַלט" און „פאָרם". סיי פון דער נאַטור־וועלט, סיי פון דער קולטור־וועלט קענען מיר ברענגען הונדערטער ביישפּילן, ווו די פאָרם איז שוין גאָר ניט קיין ריין דרויסנדיקע, גלייכגילטיקע זאַך.

דאָס רוב כעמישע שטאָפן, מיט וועלכע מיר זענען באַקאַנט אין דער טאָגטעגלעכער ווירקלעכקייט, ווי צ"ב וואַסער, קומען באַקאַנטלעך פאָר אין דריי פאַרשיידענע פיזיקאַלישע צושטאַנד־פאָרמען: דער סאָלידער (אייז), דער פליסיקער (וואַסער) און דער אַזוי אָנגערופענער גאַז־פאָרמיקער, אָדער לופט־פאָרמיקער (דאַמף). קיינער וועט ניט לייקענען, אַז יעדע פאָרם האָט גאַנץ באַזונדערע אייגנשאַפטן און אופנים פון רעאַלער ווירקונג. עס איז שוין אַ גרויסע נפקא־מינה, צי לעבעדיקע ברואים זאָלן שטילן זייער דאָרשט מיט פליסיקן וואַסער, צי גאָר מיט הייסן דאַמף. די פראַגע וועגן פאָרם איז שוין דאָ גאָר ניט קיין גלייכגילטיקע זאַך. און דאָס אייגענע איז אויך מיט די קולטור־דערשיינונגען. נעמט די פּ אָ ל י ט י ש ע זייט פון לעבן אין אַ מענטשלעכער געזעלשאַפט: מאָנאַרכיע, רעפּובליק, דעמאָקראַטיע, פאַשיזם ווערן, ווי מיר האָבן געזען, אָנגערופן פּאָליטישע פאָרמען. נעמט די סחורה־פאָרם פון די פּראָדוקטן. נעמט די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוציר־פאָרם. קען דען ווער לייקענען, אַז אויך זיי, ווי די פיזיקאַלישע צושטאַנד־פאָרמען, האָבן זייערע אייגנשאַפטן און כאַראַקטעריסטישע אופנים פון רעאַלער ווירקונג?

אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אַ פאָלק קומען פאָר גאַנצע היסטאָרישע פּעריאָדן, ווען סיי ביי די קאָנסערוואַטיווע שיכטן פון אַלע מינים, סיי ביי די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אויך פון אַלע מינים קאָנצענטרירט זיך דער עפנטלעכער אינטערעס גראָד אויף דער פראַגע וועגן

פּאָליטישער, עקאָנאָמישער אָדער סאָציאַלער פאָרם. די פאָרם ווערט דאָ דער הויפּט אינהאַלט פון דער עפנטלעכער טעטיקייט אָפּט פאַר אַ גאַנצן היסטאָרישן פּעריאָד. און אַזוי איז דאָס אויך מיט דער שפּראַך, ווי אַ פאָרם. ביי אַלע פעלקער, וואָס לעבן ווי מינאָריטעטן צווישן אַנדע־רע, און ווילן אויפהאַלטן זייער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ, קאָנצענטרירט זיך אויף דעם זעלביקן אופן דער עפנטלעכער אינטערעס גראָד אויף דעם ענין פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך־פאָרם.

טשערנאָוויץ האָט דעמאָנסטרירט פאַר דער יידישער וועלט, אַז אויך פאַר די יידישע מיעוטים איז געקומען די צייט צו קאָנצענט־רירן דעם אינטערעס פון דער יידישער עפנטלעכקייט אויף דער פראַגע וועגן יענער שפּראַך־פאָרם, דער אַלגעמיינער פאָרם, אין וועלכער עס זאָל זיך אויסדריקן דאָס לעבן און שאַפן פון דער יידישער קולטור־ספערע.

די שפּראַכן־פראַגע איז שאַרף אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דעם סדר־היום און האָט געפירט צו דער דיפערענצירונג פון דער יידישער עפנטלעכקייט אין פאַרשיידענע לאַגערן: דעם „יידישיסטישן“, דעם העברעישיסטישן, דעם אַסימילאַטאָרישן אָדער לאַנד־שפּראַכלעכן, און די פאַרשיידענע מיטל־ריכטונגען, וואָס האָבן געשטרעבט צו דער אָדער יענער פשרה צווישן די דריי.

איז דאָס געווען נאָר אַ פראַגע פון „פאָרם“, וואָס האָט קיין ברעקל שייכות ניט צו דעם אינהאַלט פון דעם יידישן לעבן?

די דעלעגאַטן צו דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ זענען געווען אָנ־הענגער פון די פאַרשיידנסטע ריכטונגען אין דער יידישער עפנט־לעכקייט. זיי אַלע האָבן געהאַט זייערע אייגענע אידעען וועגן די אינ־האַלטן פון אַ יידישן לעבן. אָבער זיי אַלע האָט פאַראייניקט די זאָרג פאַר דעם גרונט־באַדינג פון אַ יידישן לעבן, ווי אַ לעבן פון אַ באַשטימטן פאָלק. זיי אַלע האָבן געשפּירט, אַז כל־זמן מיר בלייבן לעבן ווי נאַציאָנאַלע מיעוטים אין די פאַרשיידנסטע ווין־לענדער, איז אַ קולטור־לעבן אין דער אַטמאָספערישער לופט פון דער לאַנד־שפּראַך אַ סם־המות פאַר אונזערע לונגען; אַז די הויפּט־אויפגאַבע פאַר אונזער פאָלק, — ד"ה אין דער ערשטער ליניע, פאַר אונזערע פאָלקס־מאַסן, — דאַרף באַשטיין אין אויסקעמפן און אייננבויען אַן אייגענע זעלבשטענ־דיקע עקזיסטענץ און פרייע אַנטוויקלונג, ווי אַ פאָלק, ד"ה ווי אַ באַזונ־דערע שאַפנדיקע איינס, גייסטיק אַריינגעגלידערטע אין דעם קולטור־

שאפנדיקן פראַגרעס פון דער מענטשהייט, שטייענדיק אונטער זיין השפעה און ווירקנדיק צוריק אויף אים.

מיט איין וואָרט: די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ איז געווען דורכגע־דרונגען מיט דעם גייסט פון קאמף אנטקעגן אַ ס י מ י ל אַ צ י ע, פון קאמף פאר דער אייגענער נאַציאָנאַלער דערהאַלטונג און ווייטערער פרייער נאַציאָנאַלער אנטוויקלונג. דער צוועק פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ איז געווען די באַשאַפונג פון אַזאַ אַלוועלטלעכער „גייסטיק־נאַציאָנאַלער היים“, אין וועלכער עס זאָלן זיך קענען קולטורעל אויס־לעבן אַלע קלאַסן און שיכטן פון דעם יידישן פאָלק, דעם צעשפרייטן אי־בער גאָר דער וועלט; אַ גייסטיק־נאַציאָנאַלע טעריטאָריע — „יידיש־לאַנד“ ווערט דאָס איצטער אָנגערופן — וואָס איר אַטמאָספערע איז די פרישע געזונטע לופט פון דער פאָלקס־שפראַך, וואו מיט יעדן אָטעם וואָס מען אָטעמט, מיט יעדן וואָרט, וואָס מען רעדט אַרויס, האַלט מען אויף דאָס לעבן, דאָס זיין אויף דער וועלט ווי אַ פאָלק.

ס'איז ווי אַ גאַנץ פרוכפער לאַנד וואָלט געווען פארפלייצט מיט אַ מבול. איך האָב דאָ אין זינען דעם מבול פון אַסימילאַציע. די אויפגאַבע איז געווען איינצודעמבען דאָס לאַנד פון דעם אַרומיקן ים און אויסצו־פּאָמפּען די פאַרפלייצונג פונקט ווי די האָלענדער האָבן איינגעדעמ־בעט דעם „זאַדער־זעי“ און אויסגעפּאָמפּעט די וואַסערן פון אָט דעם ים. וואָס פאַר אַ זין וואָלט דאָס געהאַט, ווען די האָלענדער, איידער זיי זענען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, וואָלטן אָנגעהויבן פירן וויכוחים, וואָס מען זאָל פלאַנצן אויף דעם ניי־געוואונענעם באָדן, פון וועלכער אַר־כיטעקטור מען זאָל בויען די הייזער, וועלכע עקאָנאָמישע און סאָציאַ־לע פרינציפּן עס זאָלן הערשן אין דעם ניי געוואונענעם לאַנד?

דער קאמף אַנטקעגן דער פאַרפלייצונג איז געווען און איז נאָך עד היום דער אַלגעמיינער פאַרבאַדינג פון אַלע מעגלעכע אינהאַלטן פון אַ מענטשלעכן לעבן, און פאַר די באַלד 30 יאָר זינט „טשערנאָוויץ“ קומט פאַר אונז פאַר דער גרויסער היסטאָרישער פראָצעס פון אָט דעם קאמף אַנטקעגן דער אַסימילאַטאָרישער פאַרפלייצונג, די איינדעמבונגען דאָ און דאָרט, דער אויסבוי פון קולטורעלע אינזלען מיט פרעכטיקע בנינים אויף זיי, די איינפעסטיקונג פון קולטורעלע פּאָזיציעס.

מען באַקלאָגט זיך איצטער אויף אַ קריזיס אין דער יידישער קול־טור־שאַפונג און אין דער אויסברייטערונג פון דעם „יידישלאַנד“. מיר

דוכט זיך, אַז אַט די „איכה'ס" שטאַמען מער פון די יונגערע דורות און ניט פון די עלטערע. מיר, די עלטערע, געדענקען נאָך די צייט, ווען עס איז נאָך ניט געווען קיין יידישע וועלטלעכע שול מיט יידיש, ווי די שפּראַך פון די לימודים; ווען מען האָט נאָך ניט געקענט טראַכטן וועגן אַ טעגלעכער צייטונג אין יידיש; ווען די שיינע ליטעראַטור איז געווען באַהערשט פון שמרס און בלאַשטיינס שוין גאָר ניט קיין שיינע ראָמאַנען; ווען וועגן דער איבערזעצונג פון אַזאַ קאַפּיטאַל ווערק, ווי קאַרל מאַרקס „קאַפּיטאַל", אָדער דאַרווינס „אַנטשטייונג פון די מינים", אָדער ספּינאָזאַס „עטיק", אָדער ספּענסערס פילאָזאָפיע, האָבן נאָר איינצלנע געקענט טרוימען; ווען שרייבן אַ גרויס פילאָזאָפיש ווערק אין יידיש האָט גאָר קיינעם ניט געקענט אַרויפקומען אויפן זינען.

ווי ווייט איז יענע צייט פון אונז! וויפל מיליאָנען יידן איבער גאָר דער וועלט לעבן זיך איצטער אויס קולטורעל אין דער יידישער שפּראַכ־ספערע און באַפרידיקן זייערע קולטורעלע נויטן אין יידיש! מען לייענט יידישע טעגלעכע צייטונגען כמעט איבער גאָר דער וועלט; מען גייט אויף יידישע לעקציעס, פאַרלעזונגען, פאַרזאַמלונגען, מען באַזוכט יידישע טעאַטער־שפּילן, אפילו יידישע טאָן־פילמען, און מען הערט זיך צו צו יידישע ראַדיאָ־שטונדן. יאָ, אפילו ערנסטע ביכער ווערן פאָרט געדרוקט און פאַרקויפט. און אַזאַ אויסלעבן זיך אין דער גייסטיקער שפּראַך־ספערע פון יידיש וואַקסט און שפּרייט זיך פונאַנדער אין אַלע לענדער פון דער וועלט, וווּ עס געפינען זיך גרעסערע אָדער קלענערע קיבוצים פון מזרח־אייראָפּעישע יידן.

אין אַן אַנדער אָרט האָב איך געשריבן: „עס וואָלט זיכער געווען פון גרויס אינטערעס צו קענען געווינען אַ קלאָרן איבערבליק איבער דעם פאַרנעם פון יידיש אין דער איצטיקער יידישער וועלט. עס קען גרייך זיין, אַז די געדעטע יידישע שפּראַך־ספערע האָט זינט דעם וועלט־קריג פאַרלאָרן אַ געוויסן טייל פון איר שטח, אָדער געבליבן סטאַביל, ניט געקוקט אויף דעם צו־וווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג. און אפשר איז אויך פאַראַן אַ צו־וווּקס פון דעם שטח. קיין סטאַטיסטיק וועגן דעם האָבן מיר נישט. מען קען אָבער אָננעמען, אַז אַ געוויסער צוריקגאַנג פון יענעם שטח איז באמת פאָרגעקומען, אַ דאַנק די אָביעקטיוו־ווירקנדיקע אַסימילאַטאָרישע טענדענצן אין דעם יידישן לעבן און נאָך מער אַ דאַנק דער אַסימילאַטאָרישער און דער ציוניסטיש־העברעיִסטישער

אידעאָלאָגיע. לויט דעם גורל פון דער אייגענער שפּראַך־ספערע ביי די אַנדערע מינאָריטעטן־פעלקער, מוזן מיר אויך ביי אונז אָננעמען, אַז גראַד דער „אידעאָלאָגישער פאַקטאָר" שפּילט אומעטום אַ שטאַרקע היסטאָרישע ראָלע סיי אין דעם צעשטערנדיקן זין, סיי אין דעם אויפהאַלטנדיקן און אַנטוויקלנדיקן.

„האָט מען אָט דעם צושטאַנד אין זינען, קענען מיר מיט זיכערקייט קאָנסטאַטירן, אַז די אַסימילאַטאָרישע אידעאָלאָגיע האַלט ביי אונזער פאָלק אין פאַרשווינדן, ניט אין אָנוואַקסן. די אינעווייניקסטע לאָגיק פון אונזער אָביעקטיווער לאַגע צווישן די פעלקער ברענגט, זינט דעם וועלט־קריג, פון זיך אַליין אַרויס אַ שטאַרקן נאַציאָנאַליזירונגס־פּראָצעס, וואָס טרייבט צו דער באַהעפטונג מיט דעם יידישן פאָלק, און אין דער אינעווייניקסטער לאָגיק פון אָט ד ע ם נאַציאָנאַליזירונגס־פּראָצעס ליגט די דערנענטערונג צו די יידישע פאָלקס־מאַסן, צו ז ײ ע ר לעבן און זייער שפּראַך־ספערע י י ד י ש. מיר קענען קאָנסטאַטירן אַזאַ דערנענטערונג אין אַ היבש ביסל פריערדיקע, ריין אַסימילאַטאָרישע קרייזן".

קען דאָ באמת גערעדט ווערן וועגן אַ קריזיס?

נאָר — קריזיס, צי ניט קריזיס. דער פאַקט אַליין, וואָס עס ווערט גערעדט וועגן אַ קריזיס אין אונזער קולטור־לעבן באַווייזט, אַז אין דער יידישער שפּראַך־ספערע, פאַר וועלכער טשערנאָוויץ האָט געקעמפט, איז שוין באַשאַפן געוואָרן אַ יידישע קולטור־ספערע אין אירע פאַרשיידענע אַרויסצווייגונגען — אַ קולטור־ספערע, וואָס וו אַ ק ס ט סיי אין דער קוואַנטיטעט פון דעם געברויכטן יידישן וואָרט, סיי אין דעם באַדייט אירן פאַר אונזער נאַציאָנאַלן לעבן. די אַלגעמיינע שפּראַך־פאָרם, וואָס איר באַדייט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין טשערנאָוויץ, האָט זיך אָנגעפילט מיט אַ נייעם קולטורעלן א י נ ה אַ ל ט. אָט דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט, אַז „פאַריז", די אידעישע פאָרזעצונג פון טשערנאָוויץ, זאָל אַריבערטראָגן דעם טראָפּ פון דער שפּראַך אויף דער קולטור, פון דער „פאָרם" אויף דעם „אינהאַלט", און אַז אַנשטאָט אַ שפּראַך־קאָנפערענץ, זאָל זיך צונויפקומען אַ „קולטור־קאָנגרעס".

אַ דאַנק דעם אָביעקטיוון קאַמף, וואָס דאָס יידישע לעבן האָט אומבאַוווּסטזיניק געפירט אַנטקעגן דער אַסימילאַטאָרישער פאַרפלייצונג, אַ דאַנק דעם אויסבוי פון דער קולטור אין יידיש, וואַקסט איצטער פאַר אונז אויס אַ נייע אויפגאַבע. זי קען פאַרגליכן ווערן צו דער קאָלאָניזי־

רונג פון א גרויסער, וואלדיקער און אין דער זעלבער צייט זומפּיקער געגנט, וואָס האָט זיך אויפגעדעקט פון אונטער א פאַרפלייצונג. די געגנט ווערט קאָלאָניזירט דורך איינצלנע גרופּן. יעדע האַקט אויס שטח, טרוקנט אויס אירע זומפּן, גראָבט אויס אירע ברונימער, בויט אויס אי־רע הייזער, און עס קומען אָפט פאָר אומפאַרמיידלעכע גרענעץ־קריגע־רייען און רעכטלעכע שטרייטיקייטן. די אַלע גרופּן מוזן אָבער געדענקען, אַז עס ליגן נאָך גרויסע שטרעקעס לאַנד אין אַ זומפּיקן צושטאַנד און אַז דער זומף פאַרסמט די לופט פון דער גאַנצער געגנט. און מער פאַר אַלץ מוזן זיי האָבן אין זינען, אַז עס זענען נאָך ניט אינגאַנצן איינגע־דעמבעט געוואָרן יענע שטראָמען, וואָס האָבן געבראַכט די גאַנצע פאַר־פלייצונג, און אַז זיי, די שטראָמען, קענען נאָכאַמאָל אָנשוועלן צו אַ מבול. זענען די גרופּעס איין, אַז יעדע פון זיי, וואָס טריקנט אויס אַביסל זומף אָדער דעמבעט איין אַ טייל פון אַ שטראָם, טוט אין לעצטן סך הכל אַ נוצלעכע אַרבעט פאַר דער קולטיווירונג פון דער גאַנצער געגנט, הייבן זיי אָן צו פאַרשטיין, אַז פּונקט ווי עס זענען אומפאַרמיידלעך זיי־ערע סכסוכים, איז פאַר זיי נאָך אַ גרעסערער געבאָט פון נויטוועדיקייט די קעגנזייטיקע הילף. שטרעבן זיי צו קומען צו אַ געמיינשאַפטלעכער פאַרשטענדעניש, צו ה ע ל פ ן א י י נ ע ר ד ע ם א נ ד ע ר ן אין וואָס זיי אַלע נייטיקן זיך, און אויסצואַרבעטן צוזעקמעסיקע פּלענער פאַר יענע אויפטועז, וואָס יעדע גרופּע באַזונדער מוז, לויט דער טבע פון דער אַרבעט גופא, טון אויף דעם זעלביקן אופן.

דער נמשל ליגט דאָ אויף דער האַנט. טשערנאָוויץ, איינהערנדיק זיך אין דעם רוף פון דעם לעבן, אין די לעבנס־נויטן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, האָט אַרויסגעלאָזן דעם רוף צו קולטיווירן „יידישלאַנד“, — אַ קולטור־געגנט פול מיט אָפּגעלעבטע טראַדיציעס, ווי צעפוילטע בוי־מער אין אַ וואַלד, פול מיט אָפּגעשטאַנענע השגות, אור־אַלטע עם־הארצות, ווי פאַרשימלטע זומפּן, — אַ קולטור־געגנט, אויף וועלכער עס טראָגן זיך פאַרפלייצונגס־שטראָמען סיי אַסימילאַטאָרישע, פון די פאַר־שיידענע לאַנדשפּראַכן, סיי איינזייטיק העברעישיסטישע פון די אייגענע היסטאָרישע קוואַלן. דער רוף פון טשערנאָוויץ האָט ניט געקענט זיין קיין אַנדערער, ווי נאָר דער קאַמף אַנטקעגן יענע שעדלעכע, לעבנס־גע־פערלעכע שטראָמען. זיין אינהאַלט האָט געמוזט זיין דער רוף צום קאַמף פאַר דער אַלגעמיינער „פאָרם“ פון אַ פאָלקס־קולטור־לעבן, פאַר דער

שפראַך־ספערע פון די פאָלקס־מאַסן.

אָבער אַן אַלגעמיינע שפּראַך־פאָרם קען זיך ניט פאַרווירקלעכן אין לעבן, סיידן זי ווערט רעאַליזירט אין באַשטימטע קולטורעלע אינהאַלטן, אין באַשטימטע קולטור־אַרבעטן, אין דערציִונג, קונסט, ליטעראַטור, טעכניק, פּאָליטיק, וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע, אין באַשטימטע אָרגאַניזאַציעס, פּאָליטישע פאַריינען, רעליגיעזע ריכטונגען, אָרדנס און פאַרבאַנדן א. א. וו.

זענען אויפגעקומען פאַרשיידענע גרופּן מיט פאַרשיידענע אינטערעסן און האָבן יעדערע, לויט איר שטאַנדפּונקט און אינטערעס, געגומען אָנפילן מיט די פאַרשיידנאַרטיקסטע אינהאַלטן די אַלגעמיינע שפּראַך־ספערע, אויף די פאַרשיידנסטע פעלדער פון מענטשלעכן לעבן. אַזוי אַרום איז געוואָרן ברענענדיק דאָס פּראָבלעם צו פאַרנעמען זיך מיט דעם גורל פון די פאַרשיידענע אינהאַלטן. אין וואָס באַשטייט דאָס פּראָבלעם? יעדע אַרבעט פון יעדער גרופּע, אָדער פּאַרטיי, אָדער קלאַס, וואָס ווערט געטון מיט די מיטלען פון דער יידישער שפּראַך, אָדער אין דער סביבה פון דער יידישער שפּראַך־ספערע, איז אַ יידישע קולטורעלע אַרבעט.

ווייל קולטור איז אַלץ, וואָס קומט אַרויס פון אַ מענטשלעכן שאַפונגס־פּראָצעס, אַ מאַטעריעלן צי אַ גייסטיקן.

אָבער די קולטור־אַרבעטן, לויט פאַרשיידענע ריכטונגען אויף די פאַרשיידנסטע פעלדער פון דעם מענטשלעכן שאַפן, לייקענען אָפּ זייער אָפּט איינס דאָס אַנדערע, זיי זענען אָפט פון אַ גאַנץ קעגנזעצלעכן אינהאַלט; זיי מוזן אָפט באַקעמפן איינס דאָס אַנדערע. איז — ווי זאָל זיין? ווי זאָל דורכגעפירט ווערן די פאַריייניקונג פון „פאָרם" און „אינהאַלט" אין דער יידישער קולטור? וועלכע אינהאַלטן זאָלן אָנפילן און וועלכע טאָרן ניט אָנפילן די יידישע שפּראַך־פאָרם? אָט די פראַגע איז אַרויסגעשווומען נאָך טשערנאָוויץ, שוין ביי די אָנהענגער פון דער יידישער שפּראַך־ספערע גופא — אַ פראַגע, וואָס האָט אַרויסגערופן און רופט נאָך איצטער אַרויס גאַנץ העפטיקע דיסקוסיעס. די צרה אָבער מיט אָט דער פראַגע איז, וואָס דער פּרינציפּ פון אַן אַלגעמיינער שפּראַך־פאָרם גיט אונז ניט קיין ברעקל אָנדייט, מיט וועלכן באַשטימטן אינהאַלט זי זאָל אָנגעפילט ווערן.

איך וויל מיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף פילע ביישפּילן, וואָס באַווייזן

די ריכטיקייט פון אָט דעם געדאַנק. נעמט נאָר די קינדער־דערציונג. זי קען זיין אַ רעליגיעזע אָדער אַ פרייזיניקע; אַ בורזשואַזע אָדער אַ סאָציאַליסטישע; אַ טרוקענע, אוטיליטאַריש־„תכליתדיקע“, אָדער גאָר, זאָגן מיר, אַ ריין עסטעטישע, צי מאָראַלישע. שטעלט איר אַוועק די גרונט־פאָדערונגען, די קינדער־דערציונג זאָל פאָרקומען אין דער יידישער שפּראַך, זעט איר ניט איין, פאַרוואָס איין אָרט דערציונג זאָל זיין מער מיוחס איידער אַן אַנדער אָרט. די בכורה ווערט געגעבן איינער אָדער דער אַנדערער ניט אין די אינטערעסן פון דער שפּראַך־פאָרם, נאָר אין די אינטערעסן פון אַ באַשטימטן אַנדערן קולטור־אינהאַלט.

דער ענטפער אויף דעם פּראָבלעם ווערט גרינגער, ווען מיר זעען איין, אַז די אַלגעמיינע שפּראַך־פאָרם פון אַ פאָלקס־קולטור קען האָבן נאָר אַן אַלגעמיינעם קולטור־אינהאַלט, און דאָס איז, ווי מיר האָבן פריער געזען, די גאַנצע מענטשלעכע קולטור, אין אַלע אירע פאַרשיידענע אויסגעשטאַלטונגען און ריכטונגען, אין אַלע באַשטימטע אינהאַלטן, אין אַלע פּראָדוקטן פון אַ מענטשלעכן שאַפונגס־פּראָצעס. אָבער זיי אַלע, ווי זיי זאָלן ניט זיין סתירהדיק איינס צום אַנדערן, האָבן פונדעסטוועגן געמיינשאַפטלעכע אויפגאַבן, וואָס שטאַמען פון דער אַלגעמיינער שפּראַך־ספערע גופא. נעמט ווידער ווי אַ ביישפּיל די דערציונג. זי מוז זיין אין יידיש. יידיש מוז געגעבן ווערן ווי אַ לימוד אין דער דערציונג. אָבער די בעסטע מעטאָדן ווי צו לערנען יידיש זענען, אונטער די אומשטענדן אין וועלכע מיר געפינען זיך, די זעלביקע, צי מען לערנט אין יידיש די יידישע רעליגיע, אין דעם אָדער אין יענעם נוסח אירן, צי דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, אין דעם אָדער אין יענעם נוסח זיינעם. אָדער נעמט די פראַגע פון דעם יידישן בוך, ווי אַזוי צו באַשאַפן פאַר אים די גרעסט מעגלעכע פאַרשפּרייטונג. אויך דאָ, אין די פאַרשפּרייטונגס־מעטאָדן, איז קיין חילוק ניט, צי דאָס בוך איז קאַרל מאַרקס קאַפּיטאַל אָדער די איבערזעצונג פון דעם „זוהר הקדוש“.

אָדער די פראַגע וועגן דעם עקאָנאָמישן מעמד פון די קולטור־שאַפער אין יידיש — אַלץ איינס צי דער אינהאַלט פון זייערע שאַפונגען איז רעליגיעז אָדער וועלטלעך אָדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיש צי קאָמוניסטיש. און אַזוי איז דאָס מיט אַלע אַנדערע פעלדער פון דער מענטשלעכער קולטור. אין אַלע פון זיי זענען פאַראַן פּראָבלעמען, וואָס זענען די זעלבע

פאַר אַלע ריכטונגען. וואָס איז דערפון געדרונגען? דערפון איז אַזוי קלאָר ווי דער טאָג, אַז אין דעם אַלגעמיינעם אינהאַלט פון דער יידישער קולטור־ספערע, אין דער מענטשלעכער קולטורעלער שאַפונג בכלל, זענען אַלע קולטורעלע אַרבעטן, אינהאַלטן און ריכטונגען גלייך באַרעכטיקט, אויב זיי נעמען אָן פאַר זיך דעם תנאי, אַז די שאַפונג זאָל האָבן פאָרגעקומען אין דער יידישער שפּראַך צי אָריגינעל, צי איבערזעצט פון אַן אַנדער שפּראַך, אָבער זי זאָל האָבן פאָרגעקומען און זיין אַרויסגעבראַכט אין דער שפּראַך־ספערע פון יידיש, אויב מיר האָבן דאָ צו טון מיט יענע קונסט און טעכנישע פּראָדוקטן, וואָס דריקן זיך ניט אויס אין אַ מענטשלעך וואָרט.

אָט די אַלע גלייכבאַרעכטיקטע ריכטונגען האָבן געמיינשאַפטלעכע אויפגאַבן: צו פאַרטיידיקן די עקזיסטענץ גופא פון דער קולטור־ספערע אין יידיש, אויסברייטערן איר ממשלה אויף אַלע ברייטערע פעלדער פון דעם מענטשלעכן שאַפן, צו הייבן איר חשיבות דורך דעם מענטשלעכן ווערט פון אירע אינהאַלטן, אויסצוקעמפן איר רעכט אויף אַ פרייער אַנטוויקלונג אומעטום, און — דער עיקר — צוצופירן די גרויסע פאָלקס־מאַסן צו אירע קוואַלן, אויפצוהויבן זייער קולטורעלן מעמד, מאַכן זיי פאַר די אמתע באַלעבאַטים פון אונזער היסטאָרישן גורל און אַזוי אַרום — דורך דער דורכפירונג פון די אַלע אויפגאַבן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם „אינהאַלט“ פון דער יידישער קולטור — אויפצוהויבן די חשיבות פון דעם גאַנצן פאָלק אונזערן און מאַכן אים ניט נאָר פאַר אַ גלייכבאַרעכטיקטן, נאָר אויך פאַר אַ קולטורעל גלייכווערטיקן ברודער אין דער פאַרברידערטער משפחה פון דער מענטשהייט.

די אָנהענגער פון דער קולטור־ספערע אין יידיש קענען ניט בילדן קיין פּאַרטיי אין אונזער לעבן, אָבער זיי מוזן בילדן אַ באַזונדערע, גוט אָרגאַניזירטע ריכטונג. עס קען ביי זיי ניט געמאָלדן ווערן קיין אייניהייטלעכער פראָנט אין אַלע קאַמפן פון אונזער צייט. אנשטאָט אַן אייניהייטלעכן פראָנט מוז מען שטרעבן צו אַ פאַרייניקטן פראָנט פון אַלע ריכטונגען, וואָס זאָל האָבן זיין ציל די דורכפירונג פון אַלע נאָר וואָס כאַראַקטעריזירטע אויפגאַבן.

אָט דאָס איז די אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר פּאַריז, ווי די נייטיקע פאָרטזעצונג און דערגאַנצונג צו טשערנאָוויץ. און — הלוואי האָט

„פאריז“ ניט קיין קלענערע ווירקונג אויף דעם גאנג פון אונזער קולטור־רעלער אנטוויקלונג, ווי דאס האט געהאט „טשערנאָוויץ!“

און האפן מעגן מיר זיכער, אז די ווירקונג וועט זיין נאך א גרעסערע און באדייטנדיקערע, ווייל „פאריז“ דארף אויסקלייגן דעם יסוד פאר דער פאראייניקונג פון אלע אונזערע קולטור־שאפנדיקע כוחות, כדי צו דערגרייכן דעם העכסטן אידעאל פון א פאלקס־קולטור־ספערע: זי זאל זיין אי אלזייטיק, ארומנעמענדיק אלע צווייגן פון א מענטשלעכן שאפן, אי רייך אין אירע דערגרייכונגען אויף אלע אט די פעלדער, אי אלוועלטלעך יידיש, אריינעמענדיק אין איר ספערע אלע טיילן און שיכטן פון דעם פאלק איבער גאר דער וועלט, אי באפרוכפערנדיק דורך צוציען די גרויסע מאסן צו אירע קוואלן, — אלץ מעלות, וואס יעדע קולטור־ספערע פון א פראגרעסיוון פאלק האט שוין איצטער — מעלות, וואס קענען אבער אין זייער גאנצן סכום און פארנעם ניט דערגרייכט ווערן ביי אונז אין דער העברעישער קולטור־ספערע, ווייל זי איז ניט פאר די גרויסע פאלקס־מאסן, און ניט אין יענע קולטור־ספערעס, וואס ווערן געשאפן אין די לאנד־שפראכן.

די לעצטערע מוזן זיך באשעפטיקן מיט די ד' אמות פון ריין יידישע ענינים און מוזן על פי טבע זייערער אויסשליסן די אלגעמיין מענטשלעכע שאפונגען. זיי קענען דעריבער ניט זיין אלזייטיק. נאר די קולטור־ספערע אין יידיש קען פארווירקלעכן אלע יענע מעלות, וואס א קולטור פון א פאלק דארף האבן: צו זיין באפרוכפערנדיק פאר די גרויסע פאלקס־מאסן, צו זיין ר י י ך אין אלע אירע דערגרייכונגען. ועל כולם — צו זיין די אלגעמיינע גייסטיקע אטמאספערע, וואס בינדט אלעמען צונויף אין איין קולטור־שאפנדיקער נאציאנאלער איינס און לאזט יעדן איינעם פריי צו פארטיידיקן אין איר זיינע אינטערעסן און זיינע אידעאלן. די קולטור־ספערע אין יידיש שטרעבט אביעקטיוו יצו פארווירקלעכן אט די אלע מעלות. זי טוט דאס אבער דאס רוב ס ט י כ י ש. „פאריז“ דארף באשאפן די מעגלעכקייט דאס צו טון ב א וו ו ס ט ז י נ י ק און פ ל א נ מ ע ס י ק, כדי דער קולטור־אידעאל פון א פאלק זאל אויך ביי אונז פארווירקלעכט ווערן אין זיין פולער מאס.

יוסף טונקל (דער טונקעלער) (פוילן)

מיינע ליבע פריינט,

אייגנטלעך, איז דער אָוונט פון די באַגריסונגען געווען נעכטן, היינט קלינגט אַ באַגריסונג אַ ביסל וואָכעדיק. נעכטן איז געווען אַ פייער־לעכער פּרעלודיום, היינט רעדט מען אין פּראָזע, אָבער איך בין צופרידן, וואָס מיר קומט אויס אייך היינט צו באַגריסן, ווייל דאָס, וואָס מען האָט נעכטן גערעדט, דאָס איז פאַר מיר איבערפליסיק.

נעכטן האָט מען מיר באַוויזן, אַז איך דאַרף רעדן יידיש, אַז איך האָב אַ רעכט צו רעדן יידיש, — אָט דער באַווייז איז פאַר מיר ניט נייטיק. פונקט אַזוי, ווי מען באַדאַרף מיר ניט באַווייזן, אַז איך קען אָטע־מען. איך קען זיך ניט איינלעבן, איך קען ניט זיין אינטים אויסער ווי אין יידיש, ווייל יידיש — דאָס בין איך.

ביי דער געלעגנהייט קומט מיר אויפן זינען אַ וואָרט פון דעם זיידן מענדעלע. מענדעלע האָט געזאָגט: אייגנטלעך איז דאָס שפּראַכן־פּראָב־לעם ביי יידן ווי אַ נאָז מיט צוויי נאָזלעכער, העברעיש און יידיש, און אַזוי ווי ביי אַ מענטשן איז איינער פון די נאָזלעכער שטענדיק אַ ביסל פאַרשטאָפּט, אָטעמט זיך בעסער מיט דעם צווייטן.

דער באַווייז, אַז אַ מענטש מוז אָטעמען מיט דער נאָז, איז אַן אַב־סורד. פונקט אַזוי מוז איך קעמפן קעגן די, וואָס זאָגן, אַז איך זאָל אויפ־הערן צו אָטעמען דורך דער נאָז און אָנהייבן אָטעמען דורכן עלנבויגן, — קעגן אָט דעם דאַרף מען קעמפן.

איך האָב דעם כבוד און די זכיה צו באַגריסן דעם קולטור־קאָנגרעס אין נאָמען פון דעם וואַרשעווער יידישן פּען־קלוב. דער וואַרשעווער פּען־קלוב איז אַ שטאַרקער מחותן אויף דער היינטיקער שמחה: נאָך קיינמאָל האָט ער ניט אַזוי שטאַרק געקעמפט און אַזוי הויך געהאַלטן די פאָן פון דער יידישער קולטור ווי אין די לעצטע צוויי יאָר, סיי אויף די צוויי קאָנג־רעסן, ווו ער האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם אין דער וועלט, סיי דורך דעם, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן די בעסטע ביכער, וואָס זענען אַ כבוד פאַר דער וועלט־ליטעראַטור. איצט אָרגאַניזירט ער אַ קאָנקורס פון ליריק, פּראָזע און וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור.

דער פּען־קלוב האָט זיך ניט צוגעהערט צו אַלע רכילות, וואָס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן איבער דעם קאָנגרעס. אַזוי גיך ווי ער האָט דער־

הערט דעם לאָזונג: קולטור, יידיש, — האָט ער אַלס ערשטער פון אַלע וואַרשעווער אָרגאַניזאַציעס אָנגענומען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צום צוזאַמענפאָר. מיר האָבן געוואָלט אַ קאָנגרעס און מיר האָבן אים, און דאָס איז אונזער שטאָלץ. און ווייל דער קאָנגרעס איז אונזער זאַך, אונזער בלוטיקע זאַך, פאַרלאַנג איך און בעט, אַז מען זאָל איצט אָנהייבן טראַכטן וועגן צווייטן טייל, — דער ערשטער טייל, דאָס, אַז איך ד א ר ף רעדן יידיש איז זעלבסטפאַרשטענדלעך; די פראַגע איז נאָר: ווי זאָל איך ווייטער רעדן? ביי קיין איין פאָלק עקזיסטירט ניט די פראַגע: אין וואָס פאַר אַ שפּראַך מען זאָל רעדן. ניט פּאָליאַקן, ניט פראַנצויזן, קיין פאָלק וועט וועגן דעם ניט צוזאַמענרופן קיין קאָנגרעס. די פראַגע איז נאָר, ווי זאָל איך רעדן, ווי פאַרצויזען דעם וועג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין טשערנאָוויץ? און ווי אַזוי זאָלן מיר בויען דעם בנין, וואָס וועט ארויסשטראַלן פאַר אַלע יידישע ישובים און זיי דערמוטיקן אין קאַמף פאַר אַ נייער קולטור? איך האָף, אַז דער קאָנגרעס וועט ווייטער גיין זאַכלעך און דער קולטור־צענטער וועט וואַקסן און קאָאָרדינירן די יידישע קולטור־טעטיקייט אין גאָר דער וועלט, און צו דעם ווינטש איך אייך און אונז אַלעמען מזל און ברכה!

ד"ר מ ו ק ד ו נ י:

דאָס וואָרט צום רעפעראַט „די אויסערלעכע שונאים און אינערלעכע קאָנפליקטן אין דער יידישער קולטור און ליטעראַטור", אויף וועלכן מיר וואַרטן אַלע, האָט אונזער ליבער, טייערער חבר ל ײ װ י ק.

ה. לייוויק (פאַרייניקטע שטאַטן)

חשובע דעלעגאַטן און געסט,

איך האָב גענומען אויף זיך ניט קיין לייכטע אויפגאַבע, כאָטש רעדן וועגן דער יידישער קולטור און ליטעראַטור איז זייער אָנגענעם. ס'איז אָבער אויך זייער שווער. אָנגענעם — ווייל ס'איז דאָ איבער וואָס

צו רעדן. עס איז דאָ, מיט וואָס איבערצונעמען זיך. אַ רייכטום ליגט פאַר אונזערע אויגן, סיי אין אַמעריקע, סיי אין פּוילן, סיי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַ פאַרזיי אָון אַ גערעטעניש פון אַ פולער עפּאָכע, וואָס כאַפּט אַרום איבער פיר צענדליק יאָר.

איך האָב אָבער געזאָגט, אַז עס איז ניט גאָר אָנגענעם — איך האָב געזאָגט, אַז עס איז אויך שווער. שווער — ווייל קאָמפּליצירט. ווייל וווקס און שפּע מיינט אויך מהות, מיינט אויך כאַראַקטער פון אונזער קולטור און ליטעראַטור, און עס קומען אויף פאַר אונזערע אויגן סיי די אידעאַלן פון דער ליטעראַטור און סיי אירע בלאָנדזשעניש, אירע דערגרייכונגען און דורכפאַלן, אירע שטראָמען און אירע ריכטונגען. עס איז אַ גרויסער טייך מיט אינזלען אין זיך, און מיט פאַרביקע, פאַרדרייטע ברעגן אַרום.

מיט דרייסיק יאָר צוריק אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָבן די עלטערע קאָלעגן אונזערע געהאַט אַ לייכטע אויפגאַבע. די נייע יידישע קולטור האָט דורכגעמאַכט איר געבורט. די בעלי־שמחה אויף דער קאָנפערענץ האָבן באַדאַרפט אַ נאָמען געבן דעם קינד. עס איז געווען אַן איבערלעבונג פון כלל יום־טוב.

דאָס מאָדערנע געזעלשאַפטלעכע לעבן, דאָס יידישע, איז געווען דעמאָלט אין צושטאַנד פון אָנהייב פרילינג. עס האָט געשמעקט מיט הים־טאָרישן בעז, אויב מען קען אַזוי זאָגן. מיט בעז און מיט מאַי האָט געשמעקט אונזער אָרעמע, אָבער גליוביק אויפגעטאַנצטע, שטעטל־קינדרישע, העראָישע אַרבעטער־באַוועגונג פון אַלע ריכטונגען. דער גרויסער פרילינגס־טיש, איבערגעדעקט מיט גרינס, איז געשטאַנען גרייט און גערופן אַלע צדדים, זיי זאָלן זיך זעצן אַרום אים. און די צדדים האָבן זיך געזעצט. אמת, ניט אויף אָפענע סקווערן און ניט אין ברייטע זאַלן איז דער טיש געשטאַנען, נאָר אין באַהאַלטענע שטיבלעך, אין קעלערן, אָדער גאָר אין באַהאַלטענע וועלדער.

אָבער היינט, ווען דאָס קינד איז אויסגעוואַקסן און האָט הינטער זיך צענדליקער יאָרן פון אומגעוויינלעך שווערן, אומגעוויינלעך זעלטענעם לעבן, לעבן פון אינערלעכע שטריטן, מלחמה און סאָציאַלער רעוואָלוציע; היינט, ווען ניט מאַי פלאַטערט איבער אונז, נאָר סעפּטעמבער־רויטקייט, — היינט שטייט אונזער טיש אַ צעשניטענער, אַ צעשפּאָלטענער, און די מחותנים זיינע ליגן פאַרקראָכן אין זיך, אין דערווייטערטע

ווינקלען, ווי אין טיפעניש פון הייל, און קוקן ארוים מיט לויער, מיט פאַרדאַכט און מיט שנאה איינע אויף די אַנדערע.

וואָס איז אַזוינס פאַרגעקומען די גאַנצע צייט מיט אונזער מאָ־דערנער קולטור? וואָס איז אזוינס פאַרגעקומען מיט איר אין ת ו ך?

אַז מ׳יר טראַכטן זיך אַריין, ווערט דער ענין ניט נאָר קאָמפּליצירט און שווער. ער ווערט כמעט טראַגיש.

ווען איך זאָג: טראַגיש, זאָל זיך אייך ניט דורכטן, אַז אָט נעם איך און שילדער פאַר אייך אַ שוואַרצן סוף.

איך בין קיינמאָל ניט פון די, וואָס זאָגן אָן אונזער נייער קולטור און ליטעראַטור דעם סוף. פאַרקערט, איך בין פון די, וואָס רעדן ווען אָנהויב.

איך האָב גרויס אמונה סיי אין דעם היינט פון אונזער מאָדערנער קולטור און סיי אין אונזערע קומענדיקע דערגרייכונגען — אין אונזער צוקונפט. איך חזר איבער וואָס איך האָב אַמאָל געזאָגט שוין, אַז וואָס שייך שטאַרקייט און בטחון, מיט וועלכע אַ היינטיקער שרייבער, און אַ יידישער שרייבער דערצו, דאַרף זיין אַרומגעגאַרטלט, ווילט זיך מיר, אַז מ׳יר אַלע זאָלן געהערן צו די, וואָס האָבן זיך מיטן גאַנצן וועזן איינ־געגלידערט אין געשיכטלעכן בטחון אונזערן, סיי אין בטחון אין יידישן, סיי אין בטחון אין רעוואָלוציאָנערן, אין בטחון פון די אונטערדריקטע, פון די געפייניקטע, — אין בטחון פון קעמפער.

און דעריבער: אויב די וועלט די היינטיקע, די שנאהדיקע, די אונ־טערדריקנדיקע, די קאַפּיטאַליסטישע, — קען ניט און וויל ניט פאַר־טראָגן ניט די שפּראַך, אויף וועלכער מ׳יר שרייבן, און ניט די קולטור, מיט וועלכער מ׳יר לעבן; און אויב דאָס יידישע לעבן אַליין וועט דערגיין דערצו, אַז עס וועט מער ניט וועלן פאַרטראָגן ניט זיך אַליין, ניט די איי־גענע שפּראַך, ניט די אייגענע קולטור, און עס וועט צוזאַמען מיט דער וועלט אויסוואַקסן אַנטקעגן אונז, יידישע שרייבער, ווי אַ פאַרשטיינער־טע גרויזאַמע וואַנט — איז מיין ווונטש, אַז קיינער פון אונז זאָל זיך ניט אונטערגעבן, אַז קיינער פון אונז זאָל ניט ווערן קיין קריכנדיקע פלאַנץ אויף דער דאָזיקער וואַנט, און אויך ניט קיין אונטערקריכער אונטער דער וואַנט, נאָר בלייבן אַליין שטיין, ווי אַ וואַנט, אַנטקעגנדיק, איינגע־עקשנט, מוטיגדיק, — דאָס הייסט: שטאָלץ און עקשנותדיק קעמפן קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט!

איך האַלט, אַז מען דאַרף ניט מורא האָבן צו רעדן וועגן אונזערע קאָנפליקטן אָפן, ניט צוליב דעם כדי גלאַט צו רייצן אונזערע נערוון, אָדער קעגן עמיצן ארויסשטעלן חטאים, — נאָר פאַרקערט, כדי צו פאַרשטיין און עפּעס לערנען פון דעם, וואָס מיר וועלן פאַרשטיין. די ראַנגלעניש און ליידן און טעותן, וואָס מיר האָבן אדורכגעמאַכט אין דער ליטעראַטור, — במילא אויך אין לעבן, — און וואָס מיר מאַכן נאָך אויך איצטער אדורך, זאָלן אונז צו עפּעס פירן, צו עפּעס ווייכטיקס, צו עפּעס נייעס. ווען איך רעד וועגן דעם דראַמאַטישן מצב פון אונזער קולטור, האָב איך אין זינען אַלע יידישע ישובים, וווּ די מאָדערנע יידישע קולטור בויט זיך. אַלע אָן אויסנאַם. איך האָב אין זינען אויך דעם סאָוועטישן ישוב, אויך דעם ארץ־ישראלדיקן.

איך מאַך די דאָזיקע באַמערקונג, ווייל אַ סך זענען געוווינט יעדע מינדסטע קריטיק אויף דעם קולטור־מצב פון סאָוועט־רוסלאַנד און ארץ־ישראל אויפנעמען ווי קעגנערישקייט. ס'האָט זיך איינגעוואָרצלט אַ געדאַנק, אַז נאָר אמעריקע, למשל, אָדער פּוילן מעג מען קריטיקירן.

איבערהויפּט זענען סענסיטיוו די, וואָס מיינען, אַז צו די קולטור־דערשיינונגען פון סאָוועטנפאַרבאַנד טאָר מען זיך בכלל ניט צורירן.

איך האָב שוין ניט איינמאָל דערקלערט און דערקלער אויך איצט, אַז מיין ליבשאַפט צום סאָוועטנפאַרבאַנד און צו דער ליטעראַטור, וואָס קומט דאָרט אויף, און צו דער נייער ליטעראַטור אין דער וועלט בכלל, וואָס קומט אויף אונטער דער ווירקונג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, דיקטירט מיר צו זיין אמתדיק. און אין שייכות צו דער יידישער ליטעראַטור — אַוודאי און אַוודאי. ווייל איך באַטראַכט די יידישע ליטעראַטור פון וועלכן לאַנד עס זאָל ניט זיין, ווי אַ טייל פון זיך; אַלע פּערזענלעכע סכסוכים און קריוודעס ווערן, אין אַנגעזיכט פון גרויס געשעענעם און ווייטאָקדיק דורכגעגאַנגענעם און דורכגעליטענעם בטל ומבוטל. זיי טאָרן ניט שפּילן קיין ראָלע און טאָרן ניט ווירקן אויף דער אָפּשאַצונג פון זאַכן און פּאַסירונגען.

מיר האָבן שונאים. ווער זענען זיי?

קודם־כל — שונא נומער איינס: דער פּאַשיזם.

שונא נומער צוויי: די אַסימילאַציע.

מיר האָבן אינערלעכע קאָנפליקטן. איך וויל רעדן וועגן די הויפּט־קאָנפליקטן:

קאָנפליקט פון יידיש־העברעיש.

קאָנפליקט צווישן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן מאָטיוו.

מיר וועלן גיין פון לייכטערן צום שווערערן.

דעם פּאַשיזם וואָלטן מיר געקענט שנעל אָפּפּטרן. ער איז אויבער־פלעכלעך און אָפן און נאַקעט אין זיין העסלעכקייט. ווען מיר זאָלן וועלן אפילו גריבלען זיך אין אים — איז ניטאָ אין וואָס. זיין פּרצוף איז פינצ־טער און שפּיציק, זיינע הענט זענען פאַרדאַרבנדיקע און מלאך־המוותדי־קע. מיר, יידן, קענען זיין פּרצוף שוין פון הונדערטער, פון טויזנטער יאָרן. מיר קענען אַלע גלגולים, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען. מיר קענען אים פון שייטער־הויפנס, פון קריזצוגן, פון פּאָגראָמען. פון קרייצצוגן ביז האקן־קרייץ און ביז סוואַסטיקא איז איין שפּאַן.

היטלער האָט געברענט ביכער. נו, אונזערע ספרים האָט מען שוין געברענט לאַנג. היטלער איז בשום אופן ניט אָריגינעל. ער איז נאָר פרעכער און אָפענער.

אונזער קאַמף מיט אים איז אויך אַן אָפענער.

אָבער ער איז אויך ניט אַזוי פּשוט, ווי עס דוכט זיך פון אויסזען.

די ניט־פּשוטקייט נעמט זיך דערפון, וואָס די אינערלעכע קאָנ־פליקטן אונזערע זענען פאַרשאַרפט געוואָרן.

די געפאַר פון פּאַשיזם ווערט דעמאָלט קאַטאַסטראָפאַל פאַר אונז, ווען די אינערלעכע קאָנפליקטן אונזערע ווערן ביטערער און אָנגעשפּיצטער. דערפאַר איז אונזער ערשטע און וויכטיקסטע אויפגאַבע צו דערזען, וואָס טוט זיך ביי אונז אינעווייניק.

אַז אַ מענטש וויל קריכן אויף אַ באַרג, מוז ער זיך גוט אונטערגאַרט־לען, גוט דערקוואַדיקן זיך, צי זיין קערפּער איז געזונט. דאָס זעלביקע — ווען אַ מענטש דאַרף זיך אַרונטערלאָזן אין אַ תהום, אין אַ פינצ־טערניש, ער וועט באַגעגענען דאָרט ווילדע שרצים, אָדער ער וועט ווי דניאל אין גרוב, זיך אָנטרעפן מיט הונגעריקע לייבן, מוז דער מענטש באַוואָפענען זיך ניט נאָר מיט געווער, נאָר אויך אינערלעך מוז ער זיך באַוואָפענען. ער דאַרף זיך אָפּגעבן אַ חשבון, צוליב וואָס טוט ער עס, און ער מוז זיך אָנגורטן מיט גרויסן, מיט טיפן גלויבן.

און אויך אַזוי — ווען מיר טראַכטן וועגן אסימילאַציע.

ס'איז לייכט עס אָפּצופּטרן. אפילו אַ קינד קען פאַרשטיין, ווי

חרפּהדיק עס איז זיך צו וועלן פאַרלייקענען, אויפלייזן די אייגענע געשטאַלט, די אייגענע פּערזענלעכקייט.

פונדעסטוועגן, זעט ווי מאָוימדיק עס קומט אונז אָן דער קאַמף מיט אַסימילאַציע. ניט נאָר היינט. שטענדיק.

די גאַנצע געשיכטע אונזערע, די טויזנטיאָריקע, איז פול מיט אָט דעם קאַמף. אין אונז גייען אָן אייביק צוויי שטראָמען:

מיר ווילן זייער שטאַרק עקזיסטירן, און — מיר ווילן זייער שטאַרק אויפהערן צו זיין.

און אָט גיט אונז אַ ברען אַ געדאַנק:

דער ייד פון אַלטן דור האָט געהאַט אַ תורה, איז ער פאַר איר געגאַנגען אין פייער. פאַרוואָס גייט אַ היינטיקער ייד אין פייער?

מיר גייען דורך אַלע פּיניצטערנישן, טורמעס, געטאָס, אַבי אָנהאַלטן אונזער פּערזענלעכקייט; און אין דער זעלביקער צייט — מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט מיר ווארפן אַראָפּ פון זיך אונזער געשטאַלט, מיר בייטן איבער די פּנימער אפילו, מיר טוען זיך אָן אין אַנדערע פאָרמען, כדי אויסצוגלייכן זיך מיט אַלעמען.

וואָס מער מיר פאַרטיפן זיך אין די דאָזיקע עקסטרעמען און מאַניפעסטאַציעס פון אונזער כאַראַקטער, אַלץ שווערער ווערט פאַר אונז דער גאַנצער ענין.

דאָ הייבן זיך אָן די אַנדערע קאָנפליקטן, די אינערלעכע, די טראַגישערע. דאָ מוזן מיר האַלטן קאָפּ. מיר מוזן וויסן די ווירקונגען פון די כוחות, מיר מוזן זיין באַוווסטזיניק און ניט לאָזן זיך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שפּיל פון ליידנשאַפט.

דאָ, נאָך מער ווי אין די פריערדיקע מאָטיוון, מוזן מיר אַריינטראָגן ווילן, שטאַרקייט, קלאָרקייט.

קאָנפליקט פון יידיש-העברעיש.

דער קאָנפליקט האָט אונז אַ סך געגעבן, אָבער — אויך אונז צעשטערט. געגעבן שעפערישקייט, אַקטיווע קנאת סופרים, צוויי שפּראַכן, וואָס ווילן לעבן, ווילן בויען אַ ניי יידיש פאָלק. ווילן איבערבויען.

אָבער צוזאַמען מיט דער שעפערישקייט גייט אויך די צעשטערונג. גייט די ליניע פון פאַרלייקענונג. די ליניע פון אומקולטור.

אָבער איך דאַרף זאָגן, אַז פון יידיש איז ערשט דעמאָלט געוואָרן יידישיזם, זוען פון העברעיש איז געוואָרן: העברעיזם. „העברעישקייט"

האָט אַרויפגעצוווּנגען אויף אונז דעם „איזם“. העברעיש איז שטענדיק געווען אין דער אָפענסיווע, יידיש — אין דער דעפענסיווע. דאָס זעלבע קומט איצט אויך פאָר אין ארץ־ישראל. העברעיש אַטאַקירט, יידיש פאַר־טיידיקט זיך. יידיש מאָנט רעכט. ביי וועמען? ביי א טייל פונם אייגענעם יידישן פאָלק. איז עס ניט דער גרעסטער קוריאָז, דער גרעסטער אומזין פון אונזער געשיכטע?

יידיש מוז קעמפן. מוז.

וווהין פירט דער עקסטרעמער קריג? צו צעשפּאַלטונג פון יידן אויף צוויי באַזונדערע פעלקער. א נייע צעטיילונג אויף יהודה און ישראל.

ווער איז יהודה און ווער — ישראל? דאָס איז א טעמע פאַר פּלפּול און פאַר האָרשפּאַלטעריי. אָבער פאַר מיר איז קלאָר, — אַז ווער דאָס זאָל ניט זיין — וועט עס זיין קאַטאַסטראָפאַל פאַרן גאַנצן יידישן קיום. איך האַלט, אַז דעמאָלט וועט סיי יהודה און סיי ישראל אונטערגיין.

עס מוז געפונען ווערן א סינטעז. א קעגנזייטיקע טיפע פאַרשטענ־דעניש. עס מוז איינגעשטעלט ווערן א גלייכגעוויכט, אַזוי ווי עס מוז איינגשטעלט ווערן א גלייכגעוויכט צווישן דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן מאָטיוו אין אונזער לעבן און אין אונזער ליטעראַטור.

איך קום איצט צום שווערסטן פונקט, צום גורלדיקסטן. צו דער הויפּט־טענדענץ פון אונזער קולטור, וואָס איז אי דער כוח, וואָס הייבט אונז הויך אַרויף, און אויך די סיבה פון בלוטיקע קאָנפליקטן, וואַקלונ־גען און בלאָנדזשעניש. איך האָב שוין געזאָגט, אַז איך מיין מיט דעם די גרויסע דראַמע, וואָס שפּילט זיך אָפּ צווישן דעם נאַציאָנאַלן מאָטיוו און דעם סאָציאַלן מאָטיוו אין אונזער לעבן און אין אונזער ליטעראַטור. אין אונזער ליטעראַטור אפשר נאָך מער ווי אין לעבן.

פון איין זייט — א קריג צווישן די דאָזיקע צוויי הויפּט־מאָטיוון, און פון דער אַנדערער זייט — א געוואַלטיקע בענקשאַפט צו געפינען, און אָנהאַלטן, א נאָרמאַלן, קעגנזייטיק באַווירקנדיקן גלייכגעוויכט פון דיביידע מאָטיוון, אָדער, בילדלעכער געזאָגט, פון די ביידע שאָלן, אויב מיר זאָלן די דאָזיקע מאָטיוון אין אונזער ליטעראַטור זיך פאָרשטעלן ווי א וואָג מיט צוויי שאָלן. קיין אַנדערע ליטעראַטור מאָלט זיך ניט אויס ווי א וואָג מיט צוויי שאָלן ווי אונזערע, און אין קיין שום ליטעראַטור שפּילט ניט די פּאָזיציע, וואָס די צוויי שאָלן פאַרנעמען, אַזאַ געוואַלטיקע, כמעט פאַטאַלע ראָלע, ווי אין אונזער ליטעראַטיר.

שטייען די שאַלן איינע קעגן דער אַנדערער אין גלייכגעוויכט, איז גוט; ווערט אָבער דער גלייכגעוויכט צעשטערט — הייבט זיך אָן אַ קאָנפליקט, אַ מהומה. מיר דערשפירן גלייך די סכנה פון צוזאַמענבריך, עס נעמט זינקען דער באָדן אונטער די פיס, עס הייבט אָן שווינדלען די וועלט אַרום אונז. סיי ווען מיר זינדיקן קעגן סאָציאַלן מאָטיוו, און סיי ווען מיר זינדיקן קעגן נאַציאָנאַלן מאָטיוו. אָן אָט דעם גלייכגעוויכט איז ניטאָ, און קען ניט זיין, קיין נאָרמאַלקייט אין אונז.

די אייביק־אייביקע דראַמע אינזערע.

אין דעם זין איז אונזער יידישע מאָדערנע קולטור אין אַלע אירע ריכטונגען און לאָזונגען אָן אמתער המשך פון דעם גאַנצן יידישן קול־טור־לעבן פון טויזנטער יאָרן. וואָרום דער דראַמאַטישער קאָנפליקט, אויך אין דער אַלטער ליטעראַטור, איז געווען דער זעלביקער. אַלע אויפטרייס־לונגען און רעוויזיעס, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער אַלטער ליטע־ראַטור, ווי אַ שטייגער די רמב״ם־און שפינאָזאַ־אויפטרייסלונגען, די משיחישע אויפטרייסלונגען, דער חסידיזם און די השכלה־אויפטרייסלונ־גען, זענען געווען אַקטן פון אונזער דראַמע, וואָס רופט זיך: י י ד און וועלט.

און ווען עס איז אויפגעקומען די מאָדערנע רעוואָלוציאָנערע אויפ־טרייסלונג אין יידישן לעבן, און אָנשטאָט אַ רעליגיעזער ספרים־ליטע־ראַטור איז אויפגעקומען אַ וועלטלעך־קינסטלערישע, איז דאָס פּראָבלעם פון ייד און וועלט נאָך שטאַרקער געוואָרן, די מאָנונג געלייזט צו ווערן — אָן אינטענסיווערע, און די שווערקייטן — נאָך גרעסערע.

יעדער יידישער שריפטשטעלער, יעדער יידישער לייענער, אָן אויס־נאָם, פון עקסטרעם רעכטן ביז עקסטרעם לינקן, האָט געמוזט דערהערן אין זיך אַ שאַרפן, פּרעגעדיקן געשריי: וואָס טוט מען מיט דעם ייד אין מיר? וואָס איז דאָס אַזוינס? אויף וואָס דאַרף איך עס? ווי ברענגט מען דערצו, עס זאָל זיין רו אין דער נשמה, און די קונסט אונזערע, די ליטעראַטור, דאָס טעאַטער, די דערציונג, די שול־באַוועגונג, זאָלן זיין אַ נויטווענדיקייט, אָן אָרגאַנישע האַרמאָנישקייט, אַ רעזולטאַט פון היס־טאָרישן באַרוף, און ניט קיין צופעליקייט, ניט קיין איבערגאַנגס־מיטל, ניט גלאַט שפּראַכיקייט און מעכאַניסטישער אלף־בית?

די יידישע ליטעראַטור איז אויפגעקומען אין קעלער, צווישן אָרע־מען פאָלק און אַרבעטער, און דאָס איז איר שטאָלצער יחוס. ביים אויפ־

קומען האָט דער קאָנפליקט, וואָס דער השכלה־פּעריאָד האָט געבראַכט, שוין געהאַט אדורכגעמאַכט זיין נויטווענדיקן קלימאַקס און געקומען קו־מען צו אַ מער־ווייניקערן גלייכגעוויכט. די קלאַסיקער אונזערע זענען דערפאַר געווען מזלדיק. זיי זענען געווען אין דער לאַגע צו קענען ווירקן, אַז דאָס צינגל פון דער וואָג זאָל זיין אין צענטער. און זענען זיי אריינ־געפאַלן אַמאָל אין אַ קאָנפליקט מיט זיך — מענדעלע אַמאָל, און פּרץ מער ווי איין מאָל — אָבער צו קיין פאַטאַלן נשמה־ריס איז עס ביי זיי ניט דערגאַנגען. שלום־עליכם האָט אינגאַנצן אויסגעמיטן קאָנפליקטן מיט זיך. אין דעם סכום, וואָס נעמט אַרום אַלע זייערע ווערק, איז דאָ אַ באַלאַנס. דאָס יידישע אין זיי איז געווען אַזוי זיכער, אַזוי אָרגאַניש און אַזוי שטאָלץ, ווי דאָס סאָציאַלע אין זיי. ניט אָפּצוטיילן איינס פון דעם אַנדערן.

מיט דעם אויפקום פון דער אַמעריקאַנער אימיגראַציע, מיט דער פאַרמירונג פון דעם אַמעריקאַנער יידישן קיבוץ, דערנאָך מיט דעם אָנ־קום פון דער מלחמה און דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, איז דאָס גלייכגע־וויכט פון די שאָלן צעשטערט געוואָרן. אין דעם פּעריאָד פון מאַסן־אי־מיגראַציע אין אַמעריקע גיט זיך די סאָציאַלע שאָל אין דער ליטעראַטור מיט אַן אימפּעט אַ ריס אַרויף, די נאַציאָנאַלע שאָל — אַ זינק אַרונ־טער. עדעלשטאַט, באָוושאָווער, ווינטשעווסקי, ראָזענפעלד, קאָברין, לי־בין — די פאָרשטייער פון אָט דעם פּעריאָד.

די רעזולטאַטן דערפון? אין אָנהייב, ווי ביי יעדער אַקטיווער אי־בערלעבונג, זענען די רעזולטאַטן געווען פּאָזיטיווע און פרוכטבאַרע. אָבער גלייך נעמט די פּאָזיטיווקייט דעגראַדירן. די ליטעראַטור און דער מהות פון אונזער סאָציאַלער קולטור נעמען איינפאַלן, ליידיק ווערן. אָן דעם עכטן, נאַציאָנאַלן נערונג־שטאָף ווערט אויך דער סאָציאַלער שטאָף אָן טעם, אָן זאַלץ און אָן ריח. עס שטייט אָן אַ פּעריאָד פון פלאַכער אַסימי־לאַטאָרישקייט — אפילו ניט קיין ריכטיקע אַסימילאַציע. אַ קיי־און שפּיי־קולטור, אַ פון האַנט צום מויל־ליטעראַטור, אַ סאַנדוויי־סקול־יידישקייט.

אין ליכט פון אומגליקלעכער אַסימילאַטאָרישקייט — ד״ה פון אומהיסטאָרישקייט — זע איך די תקופה פון דער ערשטער גרויסער אי־מיגראַציע אין אַמעריקע. ס׳איז אַ גרויס און וווּנדערלעך קאַפּיטל פאַר זיך אַליין. גרויסע אָנשטרענגונגען און גרויסע לייד, גרויסע דראַמען און

גרויסע פארמעסטונגען. עס ווארט נאך אויפן גרויסן ראמאניסט פון אש־אפאטאשו־בערגעלסאן־פארנעם, עס זאל פארקערפערט ווערן אויפן גרויסן לייוונט.

איך וויל אויך קיין האר ניט מינימיזירן דעם טיפן באטייט פונם דאזיקן פעריאד. איך וויל אויך א האר ניט פארקלענערן די ראלע פון די „עם־עולמניקעס", וואס זייער צעטומלטקייט און צעפלאסנקייט אין די ערשטע יארן פון זייער איינבירגערן זיך אין אמעריקע האט ד. איגנא־טאוו געשילדערט אינם ערשטן טייל פון זיין לעצטן ראמאן.

איך וויל אויך א האר ניט פארקלענערן די גרויסע ראלע פון „פאר־ווערטס" און די קערפערשאפטן, וואס זענען אויפגעקומען ביי אונז א דאנק זיין איינפלוס; דעם אויפשוווּנג פון די יוניאנס, פון ארבעטער־רינג, פון א גרויס אקטיוו מאסן־לעבן. ס'איז א גרויס קאפיטל פאר זיך אליין.

אבער דער תוך פון אונזער קולטור דעמאלט, אין איר יידיש־היס־טארישער איינשטעלונג, אין איר נאציאנאלער כאראקטעריזירונג, קען אונז שוין גארנישט צופרידנשטעלן.

א גרויסע שיסל, צו וועלכער מיר אלע האבן זיך צוגעכאפט. זשעד־נע און הונגעריק.

און אויסגעקוקט האבן מיר אזוי ווי מיר וואלטן געווען היסטארי־שע ממזרים. ווי נאר דער עמיגראנט האט אראפגעהאקט די באָרד און וואנצעס — האט ער אראפגעווארפן פון זיך יעדן לבוש, וואס וואלט געקענט דערמאנען, אז דער מענטש האט אמאל געהאט א טאטע־מאמע.

ווי א רעוואלט קעגן דעם, ווי א רעטונג און דערהויבונג, איז געקו־מען דער פעריאד, וואס מען קען אנרופן: דער רענעסאנס פון אונזער ליטעראטור אין אמעריקע. דער פעריאד נעמט אריין: די „יונגע" — די קעמפער פאר דעם רענעסאנס; דער אויפשוווּנג פון אפאטאשו, ראבאי, איגנאטאוו, מאני לייב, האלפערן, ראלניק, לאנדוי, און פון די, וואס האבן זיך אידענטיפיצירט מיט די „יונגע", אדער איבערגרופירט זיך און געזוכט אנדערע וועגן: מנחם באריישא, נאדיר, שווארץ, י. י. סי־גאל, אויערבאך, לאפין, גלאזמאן, כאימאוויטש, לוצקי, נחום יוד, וויינ־פער, גראס; די פולע פאנאנדערבליונג פון די עלטערע שריפטשטעלער — ליעסין, יהואש, רייזען, רויזנבלאט, פינסקי, זשיטלאווסקי, ניגער, אש, שאפירא, הירשביין, יונה ראזענפעלד, נאטאנסאן, ריווקין, קאראלניק; די צעצווייגונג פון דער ליטעראטור אין שטראמען, ווי „אינזיך"־שטראם —

די כאַראַקטעריסטישע פאָרשטייער: לעיעלעס, לודוויג, גלאַטשטיין; און „פּראָלעט־פּען"־שטראָם — די כאַראַקטעריסטישע פאָרשטייער: סול, מענקע קאַץ, סאָבין, ביז א. ש. מילער, טרייסטער, דעמבלין, מעצקער.

די צייט דערלויבט ניט אָפּצושטעלן זיך אויספירלעך אויף דער כאַראַקטעריסטיק פון אָט דעם גרויסן אינטערעסאַנטן פּעריאָד, איבערהויפּט אויף דער כאַראַקטעריסטיק פונם אָנהייב פון אָט דעם פּעריאָד — אויף דעם אויפקום פון די „יונגע".

עס איז אויך ניט מעגלעך פאַר מיר איצט זיך אָפּצושטעלן אויספירלעך אויף די ליטעראַרישע שטראָמען אין פּוילן, — מאַנגער, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, זינגער, ראַוויטש, און די נייע, וואָס קומען אויף דאָרט, ווי גראַדע און סוצקעווער; ס'איז אויך ניט מעגלעך זיך איצט אָפּצושטעלן אויספירלעך אויף דעם נייעם שטראָם, וואָס קומט פון רומעניע: שטיינבאַרג, שטערנבערג, ביקל, טוטשינסקי און אַנדערע. דאָס דאַרף געטון ווערן אין אַ לענגערן רעפעראַט. די יידישע ליטעראַטור אין פּוילן איז אַ וויכטיק קאַפּיטל פאַר זיך אַליין. און די יידישע ליטעראַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד: בערגעלסאָן, כאַריק, פעפער, מאַרקיש, ליטוואַקאָוו, האָפשטיין, קולבאַק, פיניבערג, קושניראָוו, דאַניעל, אַקסעלראָד א. א. — אודאי אַ באַזונדער קאַפּיטל פאַר זיך.

איך קען אָבער ניט אויסמיידן צו זאָגן, אַז דאָס וואָס איז געוואָרן אָפּטמאָל אַ מאָדע צו מינימיזירן דעם גרויסן באַדייט פון אָט דעם פּעריאָד איז עס, מילד גערעדט, ניט מער ווי די מידה אונזערע פון אומדאַנקבאַרקייט, און אויך דער מאַנגל פון אמתן היסטאָרישן חוש. דאָס זענען געווען זיי, די „יונגע", וואָס האָבן אָפּגעראַמט דעם שלומפּער פון אונזער ליטעראַרישן באָדן אין אַמעריקע, אויפגעראַמט אונזער ליטעראַטור־שטוב ביז בלענדנדיקער ציכטיקייט, און צוליב דער דאָזיקער ציכטיקייט האָט מען אָנגעהויבן אַרויסזען דאָס גאַנצע הויז אונזערס. אָבער ליידער האָבן אויך ניט אַלע פון דעם דאָזיקן דור געהאַט גענוג וויטזעעוודיקייט אָנצוהאַלטן גלייכגעוויכט צווישן די אייביקע הויפּט־מאָטיוון אונזערע. די וואָג האָט זיך אַ טרייסל געטאָן ווידער. די שאָלן האָבן זיך צעטאַנצט. די נאַציאָנאַלע שאָל האָט דאָס מאָל אַ פלי געטון אַרויף, און די סאָציאַלע שאָל — אַרונטער. עס שטייט אָן אין דער זעלביקער צייט די געפאַר פון וואָרט־סנאָביזם, פון פאָרמאַליסטישקייט — געקלאַנג פון אותיות ווערט וויכטיקער פאַרן געקלאַפּ פון דופק, פאַרן שלאָג פון לעבעדיקן האַרץ. די

מער באוווסטזיניקע האָבן געזען די געפאַר און האָבן אָנגעשטרענגט אַלע זייערע כוחות צו באַלאַנסירן. אָבער לייכט איז עס זיי ניט אָנגעקומען. ניט אין אַמעריקע און ניט אין אייראָפּע.

איך וויל זיך ניט האַלטן ביי ענגער אַמעריקאַנער פּאַטריאָטישקייט. איך וויל זען דאָס בילד פון אונזער קולטור און ליטעראַטור אין וועלט־מאַסשטאַב. פון דעם אויפקומענדיקן דור נאָך די קלאַסיקער זעען מיר היינט שוין באַרג־שפּיצן, וואָס הייבן זיך אויפן האָריזאָנט פון אונזער נייער קולטור איבער דער גאַרער וועלט.

און אויב איך וועל שענקען אביסל מער אויפמערקזאַמקייט דער ניי־ער יידישער ליטעראַטור פון סאָוועטנפאַרבאַנד, איז עס דערפאַר, ווייל איך באַטראַכט די יידישע ליטעראַטור דאָרט פאַר אַ גרויסן און זייער וויכטיקן באַשטאַנדטייל פון אונז אַלעמען, ניט קוקנדיק אויף דער אי־זאָלאַציע, אין וועלכער זי האָט זיך אַליין אָוועקגעשטעלט אין שייכות צו אונז אַלעמען.

דער נייער ליטעראַטור־שטראָם, וואָס האָט זיך אַ טראָג געטאָן מיט אַ געוואַלטיקן אימפּעט פון סאָוועט־רוסלאַנד, איז געווען אַ פרישער און אַן ענערגישער. עס האָט אַ לויכט געטון דאָס וואָרט פון דעם אַרבעט־דיקן, וועלט־איבערבויענדיקן מענטשן. דאָס וואָרט פון לעצטן, וואָס איז געוואָרן דער ערשטער, דאָס וואָרט פון פאַרשעמטן קעלער־מענטשן, וואָס איז געוואָרן שטאָלץ.

די וואָג האָט זיך ווידער אַ טרייסל געטון. און אַ טרייסל געטאָן זיך ווי פון אַן אמתן שטורם־ווינט. דער שטראָם איז געווען שוין אינגאַנצן אַ סאָציאַלער און אינגאַנצן אַן אַנטי־נאַציאָנאַלער. די ליטעראַטור און די גאַנצע קולטור־איינשטעלונג, די שול־באַוועגונג, דאָס טעאַטער, די פּרעסע האָבן זיך אַ טרייסל געטון ווי אין אַ פיבער. עס איז אָנגעשטאַ־נען ווידער די גרויסע געפאַר פון אַ מעכאַניסטישער, צופעליקער, פון האַנט־צום־מויל־קולטור. די געפאַר פון אַ מעכאַניסטישער אויפפאַסונג פון יידישן לעבן און ליטעראַטור איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דער מחיצה, מיט וועלכער די יידישע ליטעראַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט זיך אָפּגע־טיילט פון אונז אַלעמען.

מען קען זאָגן, אַז דאָס איזאָלירן זיך פון דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור, וואָס אירע וועגן גייען אונז שטאַרק אָן, איז איינער פון די וויטאָקדיקסטע אַקטן אין דער דראַמע פון אונזער ליטעראַטור, און וואָס

גיכער די מחיצה וועט אָפּפאַלן, אַלץ גיכער וועט אָנקומען די קענג־זייטיקע און שעפערישע השפעה פון איינער אויף דער אַנדערער, און דאָס איז אונזער אַלעמענס וווּנטש און רוף.

וואָס קומט פאָר מיט דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועט־רוס־לאַנד ? אין תוך — דאָס זעלבע, וואָס איז פאָרגעקומען ביי אונז אין אַמעריקע אין אָנהייב פון דער גרויסער אימיגראַציע.

פאַרשטייט זיך — אונטער אַנדערע אומשטענדן. אונטער גרעסערע מאַסשטאַבן. אַן אַקט פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע איז ניט קיין אַקט פון אַן אימיגראַציע. אָבער סימפּטאָמען געפינען מיר די זעלביקע במעט. אַ צוגאַנג צום יידישן מענטשן, צום גאַנצן מהות פון יידישן לעבן, אַזוי ווי מיר וואָלטן געווען היסטאָרישע „נאָוויטשקי" (אויב ס'איז שווער צו פאַרטראָגן דאָס וואָרט: היסטאָרישע ממזרים). גלייך ווי די סאָציאַלע רעוואָלוציע וואָלט אונז הויל און נאַקעט אַרויסגעשלעפּט פון עפּעס אַ לאָך, פון אַזאַ הויז, וואָס ס'איז אַ חרפּה צו דערמאָנען, ווו ס'איז אָט דאָס הויז געשטאַנען און ווער ס'האָט דאָס הויז געבויט. אַז מיר האָבן אַ גרויסע, מאַרטירערישע, מענטשלעך־וווּנדערלעכע, יידיש־עקשנותדיקע געשיכטע — ווען דעם האָט מען ניט געטאָרט אַ וואָרט דערמאָנען. אונזער געשיכטע איז געוואָרן אַ געשיכטע נאָר פון קרעמער און פון נישטיקע קליינבירגער.

נו, — פון דעם איז מען שוין אַוועק אין דער יידישער ליטעראַטור דאָרטן. אָבער שפּורן דערפון זענען נאָך אויך איצט דאָרט געבליבן.

די פראַגע: צו וואָס דאַרף אַ יידיש־קינד אין סאָוועט־רוסלאַנד אַ יידישע קולטור, אַ שפּראַך, אַ ליטעראַטור, שטייט איצט דאָרט אַזוי שאַרף ווי אין אַלע לענדער, ווי אין אַמעריקע, און אפשר נאָך שאַרפער.

יאָ — שאַרפער.

דער שטריך פון ניט וועלן זיין ייד, פון אויפהערן זיין ייד, ווערט דאָרט קענטיקער און קענטיקער, ניט קוקנדיק אויף אַלע אויסערלעכע קולטור־דערפאָלגן.

די רעוואָלוציע האָט באַפרייט דעם יידן, אָבער דער ייד דאַרף וועלן זיין אַ ייד. איז — צו וואָס זאָל ער עס וועלן ? צוליב וואָס ?

ס'איז אינטערעסאַנט אָפּצושטעלן זיך אויף דעם פאַקט, וואָס מען האָט אין דער יידישער ליטעראַטור און קולטור אין סאָוועט־רוסלאַנד, איבערהויפּט אין די ערשטע יאָרן, אויפגענומען שלום־עליכמען מער פאַר

פּרצן. אין דער צייט, וואָס די אמתע לאָגיק פון דער רעוואָלוציע האָט באַדאַרפט דיקטירן, אַז פּרץ זאָל זיין אויפן ערשטן פּלאַץ.

איך קלייב זיך איצט ניט צו פירן אַ פאַרגלייך צווישן די קינסט־לערישע גרויסקייטן פון אונזערע ביידע הייס־געליבטע קלאַסיקער. צווישן בערג איז ניט שייך קיין פאַרגלייך. אָבער ס'איז דאָך פאַר יעדן קלאָר, אַז שלום־עליכם איז געווען מער אַן אָפּשליסער, אַ פאַרענדיקער פון אַ תקופה, פון אַ סך־הכל, וואָס מענדעלע נאָך האָט אָנגעהויבן אונטערציען, אין דער צייט, וואָס פּרץ האָט אָנגעהויבן אַ נייע ליניע.

פּרץ, דער מחדשער, דער אויפדעקער פון דאָס נייע, וואָס קומט, דער רעוואָלוציאָנער, דער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין דער ליטעראַ־טור די קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט, — ער איז ניט אויפגענומען גע־וואָרן, איבערהויפּט אין דער ערשטער צייט, מיט וואַרעמע אָרעמס אין סאָוועט־רוסלאַנד.

— פאַרוואָס ?

ווייל פּרץ איז אַליין צופיל קאָמפּליצירט געווען, צופיל יידישע פּערזענלעכקייט, ער זאָל זיך קענען אַריינפּאַסן אין אַ מעכאַניסטיש־יידישער קולטור־ראַם.

דער יידישער שריפטשטעלער אין סאָוועט־רוסלאַנד מיט אַלע גרוי־סע דערגרייכונגען זיינע האָט נאָך ביז היינט ניט דערוויזן אַריינצושטעלן דעם יידישן מענטשן אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע ניט ווי אַ צופע־ליק באַגנעדיקטן גאַסט, אָדער ווי איינעם, וואָס שפּאַצירט זיך נאָר אַדורך דעם גרויסן און דראַמאַטישן שליאַך פון דער רעוואָלוציע — שפּאַצירט אַדורך מיט עפּעס השגות וועגן זיך ניט ווי וועגן אַן אינפאַנט, אַן אַלף־ביתניק, — נאָר ווי אַ דערפאַרענעם, היסטאָריש־אויסגעליטענעם, פון אַ גרויסער קולטור געקומענעם, מענטשן, וואָס האָט שוין ווייט נאָך האַלבן טאָג.

איך האָב אַמאָל געשריבן און חזר עס איבער פאַר אייך, חברים און פריינט, אַז דער עצם זין פון קולטור און ליטעראַטור באַשטייט ניט אין לייכטן, חניפהדיקן גלעטן די מענטשלעכע נאַטור, נאָר אין טיפער קריטיק, אין ברידערלעכער, אינטימער, אָבער מוטיקער, משפּטנדיקער קריטיק, אין מאַכן ליכט־עקסקורסיעס אין די טונקלקייטן פון דער מענטשלעכער נשמה, אין אויפדעקן אירע קאַמפן, אירע תאוות, אירע סתירות, סיי די אינדיווידועלע, סיי די סאָציאַלע. דער שריפטשטעלער

דאַרף זיין אַ אַנקלאַגער פון לעבן, אַ פּאַרטייִדיקער, אַ ריכטער, אַ פּאַראורטיילער, אַ באַפרייער.

דער אידעאַל פון סאָציאַליזם, וואָס איז געטראָגן געוואָרן אומבאַ־ווּסטערהייט אין האַרץ פון די אָרעמע און אונטערדריקטע אין פאַרלויף פון דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע, איז אין תּוך אַלעמאָל געווען דער הויפּט־סטימול פאַר דער קונסט און ליטעראַטור, און קענטיקער און שאַרפער איז דער דאָזיקער סטימול געוואָרן נאָך זינט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

די גאַנצע קינסטלערישע ליטעראַטור פון דער מאָדערנער צייט איז ענג פאַרבונדן מיטן סאָציאַליזם, מיטן אידעאַל פון אויסלייזונג; איז דער אידעאַל פון סאָציאַליזם אין דער מעלה, אין געלייטערטן צושטאַנד, אין דער ריינער וויזיע פון ברידערלעכקייט און אחדות דורכגעדרונגען דורך דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס — דעמאָלט איז אויך די ליטע־ראַטור אין דער מעלה, ווייל די ריינע וויזיע פון ברידערלעכקייט און גליקזעליקייט דרינגט אַריין ניט געזעענערהייט אין אַלע קעמערלעך, אין אַלע בלוט־אָדערן פון דער קונסט, אין אַלע ניואַנסן פון וואָרט; פאַלט אָבער אַריין דער אידעאַל פון אויסלייזונג אין קאָנוואַלסיעס, אין צוזאַ־מענברוך פון סתּירות, אין פלאָנטער פון צעשפּאַלטונג און פאַטאַליסקייט — פאַלט דעמאָלט אויך די ליטעראַטור אַריין אין צוזאַמענברוך און סתּירות.

אונזער ליטעראַטור איז געקומען צום לעבן מיט דעם באַוווּסטזיין פון אַן אייניהייטלעכער ליטעראַטור, מיט דער וויזיע צו זיין אַ גאַנצ־קייט. ריכטונגען זאָלן זיין ווי שטראָמען, וואָס פליסן אַרויס פון איין טייך און רייסן זיך ניט אָפּ. און דער טייך אַליין פליסט אַרויס פון אַ גרויסן אָקעאַן — פון אונזער טויזנטיאָריקער יידישער קולטור — אַנ־דערש קען אונזער ליטעראַטור ניט פאַרשטאַנען ווערן, ניט באַגריפן ווערן און ניט באַרעכטיקט ווערן.

אויב די סאָוועט־רוסישע ליטעראַטור, למשל, האָט זיך געכאַפּט, אַז זי קען ניט אויסקומען אָן פּושקינען, דעם פאַרהערלעכער פון פאָלקסטום, פון אַלטער טראַדיציע און היסטאָרישער איינגעוואָרצלטקייט, אַז זי מוז אָנערקענען די וויכטיקייט פון היסטאָרישע פאָלקס־באַוועגונגען און העלדן, ווי פּוגאַטשאָוו אָדער סטענקאַ ראַזין, וואָס ווי ברוטאַל און פּרימיטיוו־נאַציאָנאַל זיי זענען ניט געווען — פאַרקערפּערן זיי אַלע אין זיך די

פאָלקס־בענקשאַפט נאָך באַפרייונג, און זיי דאַרפן זיין טייער אונזערע הייליקע און מאָרגנדיקע דורות — היינט ווי אַזוי קענען מיר — מיר, וואָס געשיכטע איז אונזער ווירקלעכסטע טעריטאָריע, אָפּשליסן אונזער הארץ פאַר אַ יהודה המכבי, פאַר אַ בר כוכבא, פאַר אַזאַ וווּנדערלעכן מורד און מאַרטירער ווי אַ רבי עקיבא? ווי אַזוי זאָלן אַלע אונזערע אברים ניט דורכגענומען ווערן מיט פריידיקן ציטער, ווען פאַר אונזערע אויגן גייט אַ בלענד די געשטאַלט, וואָס אונזער פאָלק האָט אויסגעחלומט אין זיין טיפער בענקשאַפט נאָך גאולה — די ווונדערלעכע געשטאַלט פון אַ גואל? ווי אַזוי קענען מיר אָפּטרייסלען פון זיך אַזאַ געשטאַלט, וואָס האָט ווי אַ פרילינגס־רעגן געפרישט דאָס הארץ פון יעדן פאָלקס־מענטש, און געהויבן זיין קוראַזש צו שטיין אַנטקעגן געוועלטיקער און פייניקער, און דורכגעטראָגן אינקוויזיציעס און פאָגראָמען מיט אַזאַ פעסטקייט, וואָס אַ היינטיקער רעוואָלוציאָנער מעג זיך אַזאַ פעסטקייט ווינטשן? און צי וואָלט אָן דעם דערשיטערנדיקן טרויער פון אַ יהודה הלוי, למשל, און אָן דער מענטשן־ליבשאַפט פון אַ בעל־שם־טוב און אַ נחמן בראַסלאַווער — צי וואָלט אָן דער דאָזיקער אָנגעזאַמלטער טי־פער פאָלקס־ענערגיע מעגלעך געווען דאָס הערלעכע אויפשטייגן פון אַ הירש לעקערט? דער ווייסער יום־טוב־טיש, איבער וועלכן עס האָט זיך געשפּרייט דאָס געלעכטער פון מענדעלען, דער ליכטיקער שמייכל פון שלום־עליכמען, דער פלאַמיקער קוק פון י. ל. פרץ, דער טיש, וואָס האָט געשמעקט מיט פרילינגס־בעז — איבערן דאָזיקן טיש הענגען איצט ציי־טיקע סעפּטעמבער־עפּל און אַ געזאַנג טראָגט זיך דורך זיי — אַ גע־זאַנג, וואָס איז דורכגעדרונגען אַזש פון רייזינס „מאַי־קאָ־משמע־לן" ביז צו ליעסינס סיבירער יורטע, דאָרט ווו עס קייקלט זיך די לענאַ, און ביז צו דער ניי־מאַשין פון ראָזענפעלדס בלייכן אָפּערייטאָר, און ביז צו דער סודותדיקער שטילקייט פון יהואשס לעצטער טיר, און ביז צו ביאַליקס שטאָט פון הריגה. און איבערן יום־טוב־טיש וויגן זיך, ווי פון קופּער גע־האַמערטע, אַפּאַטאָשיִם פּוילישע וועלדער, און עס נייגן זיך צו אים זאַנגען פון ראַבאָנס ווייטער וועסט, און עס טאַנצן אַרום אים פיסלעך פון בערגעלסאָנס פענעק און פיס אין כאַדאַקעס פון קאַדיע מאַלאַדאָווס־קיס דזשיקע־גאַס, און די באָרוועסע פיס פון כאַריקס פיניע פון מינס־קער בלאָטעס, און די גרויסע פיס פון אַשס מאָטקע גנב, און קאַברינס יאַנקל בוילע, און עס שאַרן זיך שטיל די גרינפעלדערדיקע טריט פון הירש־

ביינס לוי יצחק, און טריט, וואָס קומען אָן פון ראַלניקס אַרום מיל, און ניו־יאָרקער טריט פון איגנאַטאָווס גערטרוד, און די פאַרשעמטע טריט פון מנחמס זאוול רימער; עס טראָגן זיך איבערן טיש די שייטער־געזאַנ־גען פון לעיעלעס שלומה מולכו, און דער פאַרשטיקטער שלוכץ פון פינס־קיס שטומען משיח, און דער ריח פון שאַפּיראָס פאַרבלוטיקטער ווייסער חלה. און מיט אַמאָל גיט אַ זעץ די פּויק פון האַלפּערנס גאַסן־פּויקער, און עס צעטראָגט זיך די דינע פּלייט פון מאַני־לייבס ייִנגל־צינגל, און דאָס פאַרכשופטע געזאַנג פון מאַנגערס בלויען ייִד, און עס נעמען זיי אַלעמען אַדורך ניגערס שטילע ברכות, און ריווקינס עקסטאַ־טישע אויסרופן. — און אַט, מיטאַמאָל, אַ געיאָמער, און געוויין פון דורות, און איבערן געיאָמער, אַ ניי געזאַנג פון אַרבעטסמאַן, פון אַן אַקערער, פון אַ זייער און פון אַ שניטער.

איז עס דען ניט אַ וווּנדערלעכער טיש מיט אויסטערלישע סימבאָלן און עמבלעמען איבער אים?

די יידישע ליטעראַטור האָט אָנגעשריבן אויף איר פאָן: קיום, קאַמף און הייליקייט פון לעבן.

קיום פון אונזער פאָלק, ווי אַ היסטאָרישע פּערזענלעכקייט; קאַמף פאַר אַ נייער וועלט, אַ באַפרייטער פון אונטערדריקונג, פון קלאַסן־צע־טיילונג, פון מלחמות און ראַסן־האַס; און איבער די צוויי לאָזונגען — דער פּייערדיקער געבאָט פון דער הייליקייט פון מענטשלעכן לעבן.

ד״ר מוקדוני: די זיצונג איז געשלאָסן. נאָכמיטאָג וועט זיך אָנהויבן די זיצונג פּינקטלעך 3 אזייגער.

שבת, 18 סעפטעמבער 1937 (3 נאָכמיטאָג)

פאָרזיצער: ד"ר ש. לעווין, וויצע־פאָרזיצער: ל. פעלדמאַן

פרעזידיום: מ. אַלגין, י. אַפּאַטאַשו, י. טונקעל, ה. לייוויק, ד"ר מוקדוני, קלמן מומר, ד"ר ח. סלאַוועס, א. קאַפּעלמאַן, ד"ר י. קרוק, פּראָפ. מ. קיוועליאַוויטש

ד"ר לעווין: דאָס וואָרט צו זיין רעפעראַט אויף דער טעמע „פאַר אַ פּראָגרעסיווער יידיש־וועלטלעכער קולטור" האָט ח' אַלגין.

מ. אַלגין (פאַרייניקטע שטאַטן)

מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט פון פאַרשיידענע לענדער, וואָס געפינען זיך אין פאַרשיידענע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, כדי קאָלעקטיוו צו טראַכטן וועגן דעם גורל פון דער יידישער קולטור — פון דער קולטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן און ווערט יעדן מאָמענט געשאַפן אויף יידיש — און כדי קאָלעקטיוו אויסצושמידן אַ פּראָגראַם פון אַרבעט, וואָס זאָל, ערשטנס, פאַרטיידיקן דאָס רעכט פון דעם יידישן פאָלק אויף זיין יידישער קולטור; צווייטנס, אויפהויבן די יידישע קולטור אויף אַ העכערער מדרגה, וואָס דאָס הייסט — זי מאַכן אי טיפער, אי ברייטער, אי פּילזייטיקער, אי ווירקזאַמער, מיט איין וואָרט: פּולבלוטיקער, — זי מאַכן פולסירן מיט אַ געזונטן לעבן; דריטנס, ברענגען די יידישע קולטור צו דעם יידישן פאָלק, וואָס דאָס הייסט אין עצם: סטימולירן דאָס פאָלק צו אָנאייגענען פאַר זיך אַלץ מער און אַלץ בעסערע קולטור־ווערטן, און דאָס הייסט אי שאַצן די, וואָס שאַפן קולטור, אי אַרויסרוקן פון די אייגענע טיפענישן — די פּרוכטבאַרע, אייביק שאַפונגס־פולע פאָלקס־טיפענישן — נייע און נייע שאַפער, בויער, טרעגער, פאַרשפּרייטער פון קולטור. מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט — אַן אַלוועלטלעכער צוזאַמענקום פון קולטור־טוער — כדי צו טון אַן אַרבעט, וואָס וועט

ווי אַ פּועל־יוצא דערהייבן אין די אויגן פון דער גאַנצער וועלט די חשי־בות פון דער יידישער קולטור און (lost, but not least) אפשר פאַרבעסערן דעם עקאָנאָמישן מצב און געוויס פאַרבעסערן דעם אָנזען פון דעם יידישן פאָרשער, שרייבער, לערער, דיכטער, מאָלער, סקולפּטאָר, מוזיקער, דראַמאַטורג, אַקטיאָר, זשורנאַליסט. מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט — זין און טעכטער פון יידישן פאָלק — מיט דער טיפער איבערצייגונג, אַז כאָטש מיר באַגעגענען שוועריקייטן און אָפט גאַנץ ערנסטע שטרויכ־לונגען אויף אונזער וועג, טוען מיר אָבער אַן ארבעט, וואָס איז פון גרויס וויכטיקייט פאַרן יידישן פאָלק.

אויב מיר ווילן, אַז קלאָרקייט פון באַגריפן זאָל זיין אונזער וועג־ווייזער און רעאַליזירבאַרקייט פון פאָרשלאָגן אונזער ריכט־שנור, טאָרן מיר אויף קיין איין מאָמענט ניט ארויסלאָזן פון אויג דאָס פאָלק, וועמען מיר האָבן זיך אונטערגענומען דינען מיט אונזער איצטיקער אַקציע. מיר דאַרפן נאָכאַנאַנד געדענקען זיינע אייגנשאַפטן, זיינע שטרעבונגען, זיינע זעונגען, דעם פאַרנעם פון זיינע קרעפטן, אין דער ערשטער ליניע — זיין שייכות צו קולטור.

דאָס פאָלק — דאָס זענען אַלע די, וואָס ארבעטן אויף דעם אָדער אַנדערן אופן צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן. דאָס פאָלק — דאָס איז דער פאַבריק־ארבעטער פון די גרעסערע און קלענערע אונטערנעמונגען; דאָס איז דער קאָנטאָר־אָנגעשטעלטער — וועמען מיר אין אַמעריקע רופן „ווייַ־סער־קאָלנער־שקלאַף" — אין די אומצאָליקע אינדוסטריעלע, קאָמערציעלע און אַנדערע אַנשטאַלטן; דאָס איז דער קליינער און מיטעלער בעל־מלאכה, קרעמער, הענדלער, וואָס קען בשום אופן ניט אידענטיפיצירט ווערן עקאָ־נאָמיש מיט די הערשנדיקע קלאַסן; דאָס איז, ענדלעך, דער פילצאָליקער שיכט אינטעליגענטן פון אַלערליי גראַדאַציעס און פאַכן. אָט די גרויסע האָרעפּאַשנע מאַסע, ראשה ורובה פון יעדער נאַציע, איז עקאָנאָמיש ניט איינהייטלעך, אָבער די צעטיילונגען און ספּאָראַדישע רייבונגען צווישן אירע פאַרשיידענע גרופּן זענען ניט אין אַן ערך שוואַכער, ווי די אינטע־רעסן, וואָס האַלטן זי צוזאַמען. דאָס גיט אונז דאָס פולע רעכט צו באַ־טראַכטן זי ווי איין גרויסע סאָציאַלע קאַטעגאָריע, ווי איין ריזיקן קער־פּער: דאָס פאָלק.

אַזוי ווי אָט־דאָס פאָלק באַשטייט פון עקאָנאָמיש־געקריוודעטע, פון האָרעפּאַשניקעס, וועמען עס קומט אָן גאָר ניט אַזוי גרינג צו „מאַכן אַ

לעבן", דעריבער איז אין אים טיף איינגעוואָרצלט אַ פּראָטעסט קעגן עקס־פּלואַטאַציע און אַ שטרעבונג צו סאָציאַלער גערעכטיקייט. דער פּראָטעסט מעג נאָר געפינען זיין אויסדרוק אין דעם פאָלקס־ליד אָדער פאָלקס־לעגענדע אָדער אין פיינטלעכקייט צום אינדיווידועלן גביר; די שטרעבונג צו סאָציאַלער גערעכטיקייט מעג זיין אַרומגעצוימט פון אַלע זייטן — ווי זי איז אָפט אין דער ווירקלעכקייט ביים פאָלקס־מענטשן — מיט ספקות אין דער מעגלעכקייט ווען עס איז אָפּצושאַפן דעם יאָר־טויזנט־לאַנגן סאָציאַלן אומרעכט. אָבער דער פּראָטעסט איז דאָ. די שטרעבונג צו סאָציאַלער גערעכטיקייט איז אַ ווירקזאַמע קראַפט. דער אי־דעאַל פון סאָציאַלער גערעכטיקייט אין זיין וויסנשאַפטלעך אויסגעקריס־טאַליזירטער פאָרם — סאָציאַליזם — דאַרט ווו ער ווערט אַוועקגעשטעלט פאַר דעם פאָלק ווי אַ פּאָליטישער פּאָסטולאַט, ווי אַ פּראָגראַם, פאַר וועלכן עס איז נייטיק צו שטרייטן, האָט אַלעמאָל געפונען הייסע אָנהענ־גער צווישן פאָלק. פּרינציפּיעלע קעגנער פון סאָציאַליסטישן אידעאַל, באַקעמפער פונם סאָציאַליסטישן אידעאַל — אָפּגעזען פון די וועגן און מיטלען ווי אים צו רעאַליזירן — איז שווער צו געפינען אין פאָלק.

אין פאָלק לעבט אַ דראַנג צו פרייהייט, אַ דראַנג צו עקאָנאָמישער זיכערקייט, אַ דראַנג צו פאַרבעסערן זיין עקזיסטענץ. דאָס איז אַ דינאַ־מישע קראַפט, וואָס באַוועגט אים אויסצוקלייבן דעם וועג פון פּראָגרעס. מעגן יחידים און באַזונדערע גרופּעס פון דעם גרויסן פאָלקס־מאַסיוו אָפּ־געשפּאָלטן ווערן און פאַרפירט ווערן אויף זייטיקע אָדער אויף רעטראָ־גראַדנע וועגן, מעג אַ גאַנץ פאָלק אונטער אַ ברוטאַלן דרוק — ווי אין די פאַשיסטישע לענדער — צייטווייליק געשטויסן ווערן אויף צוריק: דאָס פאָלק, אין זיין געזונטער שטרעבונג צו לעבן און זיכערקייט און פרייהייט, ציט זיך נאָכאַנאַנד פאָרויס. דאָס פאָלק אין זיין טאָטאַליטעט איז אַלע־מאָל פּראָגרעסיוו.

די געזונטע שטרעבונג צום לעבן איז ניט אָפּצוטיילן פון דער שטרע־בונג איינצוהאַלטן די אייגענע אידענטיטעט. וויפיל מאָל מ'האָט שוין אָפּגעזאָגט דעם יידישן פאָלק דאָס לעבן. וויפיל „פאָרויסזאָגער" האָבן דערקלערט, אַז אין 25 אָדער 40 אָדער 50 יאָר וועט ווערן אויס יידן. ביי אונז אין אַמעריקע האָבן זייער איינפלוסרייכע און אויבן־אויף קאָמפּע־טענטע מענטשן דערקלערט צוריק מיט 25 יאָר, אַז אין אַ פערטל יאָר־הונדערט, דער עיקר אויב דער שטראָם פון עמיגראַציע ווערט שוואַכער,

וועלן אַלע יידן זיך האָבן אויסגעלערנט ענגליש און — „איפּסאָ פאַקטאָ" זיך האָבן פאַרוואַנדלט אין אַמעריקאַנער — דאָס לעבן האָט זיך אויסגעלאָכט פון דעם פּראָגנאָז. די עמיגראַציע איז פּאַקטיש אָפּגעשטעלט שוין 23 יאָר. די גרעסטע מערהייט יידן האָבן זיך אויסגעלערנט א ביסל ענגליש — ווער מער, ווער ווייניקער. די צאָל יידיש-רעדנדיקע איז ניט געוואָרן קלענער. די חשיבות פון דער יידישער שפּראַך איז געוואָרן גרעסער. עס האָט זיך אַנטוויקלט גראָד אין די לעצטע 25 יאָר אַ גרויסע יידישע קולטור. עס איז אויסגעוואַקסן אַ רייכע פיל-פאַרצווייגטע יידישע ליטעראַטור. דאָס יידישע פאָלק אין אַמעריקע פילט זיך יידיש.

פון דער שטרעבונג אָנצוהאַלטן די אייגענע געשטאַלט, דעם אייגענעם פאָלקס-פּנים, איז ניט אָפּצוטיילן די שטרעבונג צו דערהאַלטן די אייגענע שפּראַך, יידיש. וויפיל ימים פון פאַראַכטונג עס זענען ניט אויסגעגאָסן געוואָרן אין דער יידישער סביבה אויף דער יידישער פאָלקס-שפּראַך; וויפיל פאַראורטיילן עס זענען ניט געזייט געוואָרן קעגן יידיש צווישן דער ניט-יידישער וועלט, וואָס דאָס האָט געהאַט אַ פאַרדאַרבנדיקע צוריקווירקונג לכל-הפּחות אויף אַ טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ; וואָס פאַר אַ שטרויכלונגען עס זענען ניט געלייגט געוואָרן אויפן וועג פון דער יידישער שפּראַך אין דער פאָרם פון קאָנקורענץ-אַנשטאַלטן מיט אַ סך בעסערער אויסשטאַטונג, — דאָס יידישע פאָלק איז געבליבן ביים יידיש, דאָס יידישע פאָלק האָט אַנטוויקלט זיין יידיש, ווייל דאָס יידישע פאָלק וויל ניט אָנווערן זיין אייגענעם פּנים.

ניט נאָר דאָס — דאָס יידישע פאָלק איז טיף איבערצייגט, אַז עס האָט אַ ר ע כ ט צו לעבן ווי אַ פאָלק, אַז יעדער איינער, יחיד אָדער כלל, וואָס וויל באַגרענעצן אָט דאָס רעכט, איז זיין שונא ווי ער אַליין זאָל זיך ניט רופן און אונטער וועלכער מאַסקע ער זאָל ניט דערשיינען. דאָס יידישע פאָלק איז איבערצייגט, אַז עס איז זיין פליכט צו קעמפן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון זיין רעכט צו לעבן, און דאָס הייסט אויך פון זיין רעכט צו נוצן יידיש ווי זיין נאַטירלעכע, זעלבסטפאַרשטענדלעכע שפּראַך. דאָס אַלץ גילט פאַר יעדן לאַנד, פאַר יעדן קאָנטינענט, אָן שום אויסנאַם. ביי דער יידישער מאַסע איז בדרך כלל ניטאָ דער קאָנפליקט „ייד-מענטש". עס איז פאַר איר נאַטירלעך צו זיין ייד-מענטש, מענטש-ייד, אפילו ניט טראַכטנדיק וועגן אַ דראַמע. דאָס פאָלק, די מאַסע איז דער פרוכטבאַרער באָדן, פון וועלכן עס וואַקסן אַרויס די

טייערע געוויקסן פון קולטור. דאָס פאָלק — דאָס איז דער אמתער שאַ־פער פון זיין קולטור. אויב דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס ריכטיק בנוגע אַלע פעלקער, איז דאָס באַזונדער בולט בנוגע די יידן. כמעט יעדע פער־זענלעכקייט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אויפן געביט פון דער יידי־שער קולטור פאַר די לעצטע דריי פערטל יאָרהונדערט, איז געקומען פון דער מאַסע. די גרויסע שרייבער, דיכטער, דראַמאַטורגן, זינגער, שפּילער, גרינדער פון טעאַטערס, אָרגאַניזירער און וועקער פונם פאָלק — פון וואַ־נען האָבן זיי געשטאַמט? פון דער אָרעמשאַפט, פון האָרעפּאַשנע מש־פּחות. ווער האָט זיי אָפּגעשאַצט? דאָס פאָלק. ווו האָבן זיי געפונען קאָמ־פּענסאַציע פאַר זייערע אָפט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען אַרויס־צורייסן זיך פונם חושך און דערגרייכן הויכן, פון וואַנען עס עפענען זיך נייע האָריזאָנטן? ביי די מאַסן, פון וואַנען זיי זענען געקומען.

די פאַרייניקטע שטאַטן זענען אַ שלאַגנדיקער היסטאָרישער ביי־שפּיל. אין שרעק, אין אימפּעט, אין אַ בהלה־אַטמאָספערע האָבן זיך הונ־דערטער טויזנטער פאָלקס־יידן אַ לאָז געטון צו די פון ווייטן־שיינענדיקע ברעגן. דער שטראָם לויפנדיקע איז געשטיגן העכער און העכער. באַלד האָבן זיך אין איילעניש אַ באַזעץ־געטון אין אַ טאָטאַל־פרעמדן און גאָר־ניט־באַזונדער־פריילעכן לאַנד מיליאָנען האָרעפּאַשנע יידן. זייער ערשטע זאָרג איז געווען: ברויט. זיי האָבן זיך ווי היישעריקן אַ וואָרף געטון אויפן סוועט־שאַפּ. די ריזיקע מערהייט איז קולטורעל געשטאַנען אויף אַ זייער נידעריקן ניוואָ. קיין אינטעליגענץ איז אַזוי גוט ווי ניט געווען. די איבערגעקומענע אינטעליגענטן האָבן בדרך כּלל זיך געשטעלט אויפן וועג פון אַסימילאַציע און זענען אַוועק פונם פאָלק. די מאַסע איז געווען רוי, צעבראָקלט, טיילווייז דעמאָראַליזירט דורך דעם איבערלויף אין אַ נייער סביבה.

און דאָס וווּנדער איז דאָך געשען. די מאַסע האָט אַרויסגערוקט ניט נאָר אירע אָרגאַניזירער און פירער, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע, נאָר אויך אירע קולטור־קרעפטן. דאָס ייד. אייראָפּע האָט לאַנג מיט גרינשעצונג גע־קוקט אויף דער אַמעריקאַנישער ייד. קולטור. מיר האָבן דערלעבט אַ צייט, ווען די אַמעריקאַנישע יידישע קולטור איז אַ וויכטיקער, אָנגעזעענער, געשעצטער באַשטאַנד־טייל פון דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור. דאָס יידישע פאָלק אין די פאַרייניקטע שטאַטן הערט ניט אויף אַרויס־צורוקן אַלץ נייע שאַפנדיקע קרעפטן. פאַר די, וואָס שטייען נעענטער צום

פֿאָלק, איז אַ פֿרייד צו זען, ווי עס שפּרודלט אין די טיפֿעניש]ן מיט גע־זונטע פֿרישע כּוחות, וואָס וואַרטן נאָר אויף זייער תּיקון.

אַ פֿאָלק, וואָס שאַפֿט, אַ פֿאָלק, וואָס שטרעבט אָנצוהאַלטן זיין גע־שטאַלט, האָט ניט קיין גרונט צו וועלן פֿאַרלייקענען זיין עבר. דאָס ייִדי־שע פֿאָלק האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט פֿון זיין געשיכטע. דאָס ייִדי־שע קולטור־שאַפֿן מוז שטיין אין דער אָדער יענער פֿאַרבינדונג מיט דער קולטור־טראַדיציע פֿון דורות. אָבער דער עבר איז דאָך אַ קאָנגלאָמעראַט פֿון ליכט און שאָטן, פּראָגרעס און רעגרעס. די טראַדיציע ווייס פֿון העלדן, וואָס האָבן אָפּגעגעבן אַלץ פֿאַר דער פֿרייהייט פֿון זייער פֿאָלק, זי ווייס אָבער אויך פֿון אַזוינע, וואָס האָבן געהאַמעוועט דעם וועג פֿון דעם פֿאָלק צו אַ ליכטיקערן לעבן. עס איז נאַטירלעך פֿאַר די שאַפֿער פֿון דער היינטוועלטיקער ייִדישער פּראָגרעסיווער, וועלטלעכער קולטור — וואָס שטאַמט אַרויס פֿון דעם טיף צעאַקערטן און מיט זאָמען אָנגעפֿילטן באָדן פֿון דעם פֿאָלקס־לעבן — צו שטרעבן אָנצוקניפּן זייער אַרבעט אָן דער טראַ־דיציע, וואָס איז געווען פּראָגרעסיוו אין איר צייט און וואָס קען העלפֿן פֿאַרשנעלערן דעם גאַנג פֿון פּראָגרעס היינט.

דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט אַ רעכט אויף זיין אייגענער ייִדישער שפּראַך, אויף זיין אייגענער ייִדישער קולטור. אָבער דאָס זעלביקע רעכט אָנערקענט דאָס פֿאָלק פֿאַר אַנדערע פֿעלקער. דאָס ייִדישע פֿאָלק וויל לעבן אין פֿרידן און שכנותדיקער פֿריינטשאַפֿט מיט אַלע אַנדערע פֿעל־קער. עס אָנערקענט דאָס רעכט פֿון יעדן אַנדערן פֿאָלק אויף זיין אייגע־נער עקזיסטענץ, זיין אייגענער היסטאָרישער טראַדיציע, זיין קולטורעלן שאַפֿן. דער איז אַ קנאַפּער פֿריינט פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק, ווער עס שטעלט אַרויס די טעאָריע, אַז פֿעלקער־פֿיינטשאַפֿט איז כּלומרשט אַ היסטאָרי־שער געזעץ. דער ווייט־פֿאַרשפּרייטער פֿאַקט פֿון נאַציאָנאַלער אונטער־דריקונג, פֿון וועלכער עס ליידט מיט וואַקסנדיקער אינטענסיווקייט דאָס ייִדישע פֿאָלק, איז אַ רעזולטאַט ניט פֿון איינגעבוירענע, אין די פֿעלקער איינגעוואָרצלטע „נאַטירלעכע נייגונגען", נאָר פֿון דער הערשנדיקער קאַ־פּיטאַליסטישער סיסטעם. דער ביישפּיל פֿונם ראַטנפֿאַרבאַנד, ווו מיט דער אָפּשאַפֿונג פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, איז איינגע־שטעלט געוואָרן אַ פֿרידלעך צוזאַמענלעבן פֿון פֿילצאָליקע פֿעלקער, וואָס דויערט שוין קרוב צו צוואַנציק יאָר, איז די בעסטע אָפּלייקענונג פֿון דער טעאָריע פֿון איינגעבוירענעם פֿעלקער־האַס. דאָס גילט ניט נאָר בנוגע

דירעקטער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, נאָר אויך בנוגע קינסטלעך אויפֿגעהעצטן נאַציאָנאַלן האַס צווישן מאַסן: ער איז ניט קיין נאַטירלעכע, אין דער פֿעלקער־פּסיכאָלאָגיע איינגעוואָרצלטע אייגנשאַפֿט. ער איז אַן אומגעזונטער פּראָדוקט פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם.

פּונקט ווי דאָס יידישע פֿאָלק אָנערקענט דאָס זעלבסטפֿאַרשטענדלעכע רעכט פֿון אַלע אַנדערע פֿעלקער צו לעבן אין פֿרידן און ניט שולדיק זיין קיין פֿאַראַנטוואָרטונג פֿאַר זייער עקזיסטענץ, אַזוי אָנערקענט עס פֿאַר זיך אַליין די אומנויטיקייט צו „פֿאַרענטפֿערן" זיין לעבן. דערמיט ווערט במילא אויסגעשלאָסן דער געדאַנק פֿון אַ נאַציאָנאַלער היסטאָרישער „מיסיע", פֿון אַ פֿאָלק — אַ „בחיר", אַ פֿאָלק — אַ „משיח". די אַלע אידעען זענען אונטערערדיש פֿאַרבונדן מיט דעם אַסימילאַציע־צוגאַנג. אויפֿן יידישן פֿאָלק ווערט אַרויפֿגעלייגט די פֿליכט צו זיין ב ע ס ע ר פֿון אַנדערע פֿעלקער. עס איז ניט גענוג פֿאַרן יידישן פֿאָלק צו לעבן און שאַפֿן און פֿראָגרעסירן. ניין: עס דאַרף דווקא זיין אַ וועג־ווייזער פֿאַר אַנדערע פֿעלקער. עס דאַרף נעמען אויף זיך זייערע לאַסטן. עס דאַרף זיין אַ „דערלייזער"....

אָפּגעזען פֿון דעם טעאָלאָגישן און מיסטישן אונטערשלאַק פֿון אָט דער טעאָריע, האָט זי די טענדענץ צו פֿאַרלייקענען דעם ווערט פֿון יעניקן פֿאָלקס־לעבן, וואָס האָט ניט קיין פֿאַרבינדונג מיט משיחות. דאָס הייסט שאַפֿן אַ גרינגשעצונג ביים פֿאָלק צו זיין אייגענער אַלטעגלעכער עקזיסטענץ. און דאָס הייסט — אַנטוואָפֿענען דאָס פֿאָלק אין זיין קאַמף פֿאַרן לעבן.

צו דער זעלביקער קאַטעגאָריע געהערט דער אַזוי־אָפֿט־איבערגעחזרטער מאָטיוו, אַז די יידן טראָגן אריין אָדער האָבן אריינגעטראָגן „זייער באַשטייערונג אין דעם קולטור־אוצר פֿון דער מענטשהייט". אָט דער מאָטיוו, אַזוי באַליבט צווישן די אַסימילירטע יידישע פּלוטאָקראַטן פֿון אַלע לענדער, נעמט אָן פֿאַר אַן אַקסיאָמע, אַז עס איז דאָ עפּעס אַזאַ מין קאַסע, וואָס רופֿט זיך „קולטור־אוצר פֿון דער מענטשהייט", אין וועלכן יעדעס פֿאָלק מוז אַריינטראָגן זיין צושטייער ווי אַ פֿאַראַנטפֿערונג און אַן אויסקויף פֿאַר זיין רעכט צו לעבן. טאָמער טראָגט ער ניט אַריין גענוג, איז ער ניט ווערט, וואָס די ערד טראָגט אים. דער געדאַנק איז אין גרונט אַסימילאַטאָריש און — ווי יעדע אַסימילאַציע־טעאָריע — שקלאַפֿיש. ער גייט אַרויס פֿון דער הנחה, אַז דער ייד דאַרף אַרבעטן פֿ אַ ר נ י ט־

ייד ן, באַרייכערן די נ י ט־י י ד י ש ע קולטורן, כדי צו באַרעכטיקן די עקזיסטענץ פון די יידן.

די טעאָריעס זענען שעדלעך. די יידן האָבן זיך ניט פאַרוואָס צו פאַרענטפערן. די יידן דאַרפן זיך ניט איינקויפן ביי דער וועלט. די יידן האָבן אַ רעכט צו לעבן, ווייל אַזוי איז דער געזעץ פון לעבן. די יידן זאָגן זיך בשום אופן ניט אָפּ פון קולטורעלע פאַרבינדונגען מיט אַנדערע פעלקער. פאַרקערט. זיי זענען גרייט אויסצונוצן דאָס בעסטע, וואָס די אַנדערע פעלקער האָבן געשאַפן אויפן געביט פון קולטור. זיי זענען צופרידן, ווען אַנדערע פעלקער נוצן אויס דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבן געשאַפן. עס איז זייער פרייד און זייער שטאָלץ צו שאַפן וואָס מער פון דעם בעסטן. אַ פאַקט איז, אַז דער צווישנפעלקערלעכער קולטור־אויסטויש היינטיקע צייטן האָט אָנגענומען אַזוינע דימענסיעס, אַז מען קען רעדן וועגן אַן אינטערנאַציאָנאַלער קולטור. דאָס איז אַ פּראָגרעסיווע דערשיינונג פון אַ קאָלאָסאַלער היסטאָרישער באַדייטונג. אָבער קיין איינציק פאָלק איז ניט פאַרפליכטעט צו שאַפן ספּעציעל פאַר דעם אויסטויש אָדער דירעקט פאַר אַנדערע פעלקער. יעדעס פאָלק דאַרף אין דער ערשטער ליניע שטרעבן צו באַפרידיקן זיינע אייגענע קולטור־באַדערפעענישן אויף זיין אייגענעם אופן. דאָס איבעריקע וועט שוין קומען.

אַ פאַקט איז, אַז די יידן האָבן צופיל קרעפטן אָוועקגעגעבן די אַנדערע פעלקער, אַ דאַנק דער אַסימילאַציע, און אַז דעריבער ליידן מיר פון אַ רעלאַטיוון מאַנגל אין קולטורעלע קרעפטן. מיר האָבן שריפטשטעלער, פּאָעטן, דראַמאַטורגן, אַקטיאָרן פון הויכער קוואַליטעט, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין אַנדערע שפּראַכן און וואָס גייען אַרום אַרבעטלאָז, ווייל דאָרט איז אַן איבערפּראָדוקציע אין זייערע פאַכן, בשעת דאָ, אין דער יידישער שפּראַך, פעלן גראָד מענטשן פון דער זעלביקער הויכער קוואַליפיקאַציע (כאָטש אויך בייאונז זענען דאָ אַרבעטלאָזע קאַדרן). צופיל פּאָטענציעלע און אַקטועלע קולטור־טוער זענען אָוועקגעגאַנגען פון יידיש־געביט. צו גרויס זענען די פאַרלוסטן. איינע פון די אויפגאַבן פון דעם קולטור־קאָנגרעס און דעם צוקונפטיקן אַלוועלטלעכן צענטער איז — אָפּצוהאַלטן דעם דאָזיקן עמיגראַציע־שטראָם, — ניט קינסטלעך, נאָר דורך שאַפן פאַר די יידיש־טוער אַ פעסטערן באָדן און אַ מער אָנציענדיקע אַטמאָספערע.

ווען מיר פאַרזאַמלען זיך היינט צו באַטראַכטן די פּראָבלעמען פון

דער יידישער קולטור, האָבן מיר בדעה דורכצופירן אַ טאָפּלטע אַקציע: כּלפּי חוץ און כּלפּי פּנים. אונזער אַרבעט איז געווענדעט לגבי חוץ — צו דער ניט־יידישער וועלט — אויף וויפל מיר דעמאָנסטרירן פאַר אַלע פעלקער: ערשטנס, אונזער רעכט צו לעבן, צו זיין יידן און צו שאַפן אויף יידיש. צווייטנס, אונזערע דערגרייכונגען אויף יידיש, מיט וועלכע מיר האָבן אַ רעכט צו שטאָלצירן. אונזער אַרבעט איז נאָך דערמיט ספּעציעל געווענדעט לגבי חוץ, אויף וויפל זי גופא איז אַן אַרויסרוף צו די פינצטערע, אונטערדריקערישע, יידן־פרעסערישע קרעפטן און אַ טאַט־קרעפטיקער ממשותדיקער ווידערשטאַנד קעגן דעם אָנפאַל פון פּאַשיזם. אונזער אַרבעט איז געווענדעט אויף אינעווייניק, אויף וויפל מיר געבן זיך אָפּ אַ דין־וחשבון — צום ערשטן מאָל אין אַזאַ מאַס־שטאַב — ווי מיר קוקן אויף דער יידישער קולטור, וואָס עס זענען די דערגרייכונגען פון דער יידישער קולטור, ווו מיר האַלטן אין אונזער קולטור־אַנטוויקלונג און וואָס מיר ווילן אויף ווייטער.

די יידישע קולטור איז אַ שאַפונג און אַ געצייג פון פאָלק. זי איז די גייסטיקע באַוואָפענונג פון פאָלק אין זיין קאַמף פאַרן לעבן. זי איז דער קאָמפּלעקס גייסטיקע ווערטן, וואָס מאַכן מעגלעך די פאָלקס־מאַסן אויסצוטרעטן זייער ווייטערדיקן וועג צו אַ געזיכערטער, מענטשלעכער צוקונפט, באַזירט אויפן פּרינציפּ פון סאָציאַלן יושר. (דער קאָמפּלעקס מוז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַריינגעמען ניט נאָר „באַוווסטזיין", נאָר אויך מאַטעריעלע קעגנשטאַנדן, ווי ביכער, קונסט־ווערק, געביידעס, ווי אויך אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטורן, ווי פאַריינען, געזעלשאַפטן א. אז. וו. — וועלכע זענען אַליין אויך אַן ענין פון באַוווסטזיין, נאָר פון אַן אַנדער גאַטונג — אָבער ניט דאָ איז דאָס אָרט אָפּצוגעבן זיך מיט דעטיילן פון דעפיניציעס). קולטור אָן פאָלק איז בלוטלאָז, איז אַ שאָטן. פאָלק אָן קולטור איז בדרך כּלל אַן אומעגלעכקייט, וואָרום יעדעס פאָלק שאַפט זיין אייגענע קולטור. אָבער פאָלק מיט אַ שוואַכער קולטור איז שוואַך. אין דער מאָס, ווי עס וועט וואַקסן די יידישע פאָלקס־קולטור, וועט דאָס פאָלק ווערן שטאַרקער. אין דער מאָס, ווי עס וועלן שטאַרקער ווערן די יידישע סאָציאַלע מאַסן־קרעפטן, וועט אויך שטאַרקער ווערן די יידישע קולטור.

דערפון איז קלאָר, אַז די קולטור איז ניט קיין זעלבסט־צוועק. זי איז ניט קיין „בת־השמים". זי איז ניט קיין קאָלעקציע הייליקייטן, וואָס

דארפן אריינגעשטעלט ווערן אין א שראנק הינטער גלאז. עס קען זיין א געפאר, אז מענטשן זאלן וועלן פארוואנדלען די קולטור אין א זעלבסט־צוועק, לכל־הפחות אייניקע פון אירע צווייגן. אזא צוגאנג וואלט געשמעקט מיט פעאדאלן אריסטאקראטיזם. עס איז דא א גרויסע געפאר, אז מענטשן זאלן באטראכטן די יידישע קולטור ווי אונזער איינציק פאטערלאנד און, ווי עס פאסירט אזוי אפט אין די מאדערנע קאפיטאליסטישע לענדער, זאלן זיי פארזען דאס לעבעדיקע פאלק צוליב דער אבסטראקטער אידעע „פאטערלאנד". אדער, נאך ערגער, וועלן סובארדינירן דאס פאלק דער אידעע פון א קולטור־פאטערלאנד, די דאזיקע געפאר איז באזונדערס גרויס צווישן עלעמענטן, וואס פארמאגן ניט קיין ברייטערן סאציאלן אידעאל און וואס פילן דאך דעם אומבאצווינגלעכן דראנג פון קולטורעלן שאפן.

די אנאלאגיע צווישן קולטור און פאטערלאנד, קולטור און היים, קען אקצעפטירט ווערן, אבער נאר דעמאלט, ווען ביידע באגריפן ווערן אויסגעליידיקט פון זייער מעטאפיזישן אינהאלט. דאס פאטערלאנד איז טייער א מענטשן ניט דערפאר, וואס עס האט מיסטישע קוואליטעטן, איבערנאטירלעכע כוחות, וועלכע באפוילן אים צו שטרייטן פאר זיין עקזיסטענץ. דאס פאטערלאנד איז טייער א מענטשן — און טייער דעם גאנצן פאלק — ווייל דאס פאלק דארף עס האבן ווי אן ארט צום לעבן. וואס מער דאס פאטערלאנד געהערט דעם פאלק — און ניט א הייפל אוזורפאטארן אדער א קלאס פריווילעגירטע — אלץ מער איז דאס פאלק גרייט צו פארטיידיקן דאס פאטערלאנד, ווייל דאס איז זיין אייגנס, זיין היים, זיין מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן נארמאל, און ניט ווייל דאס איז באשאנקען מיט סודות־פולע אטריבוטן. וואס מער די יידישע קולטור וועט זיין די קולטור פון פאלק, אלץ מער וועט דאס פאלק זי האדעווען, צערטלען, אנטוויקלען, פארטיידיקן און ברענגען פאר איר קרבנות — אבער נאר דערפאר, ווייל די קולטור איז נייטיק ווי א באוואפענונג פאר די מאסן אין זייער קאמף פארן לעבן.

שוין דערפון אליין — אפגעזען פון אומבאשטרייטבארער אויגנשיינלעכקייט און סטאטיסטישע דאטן — איז קלאר, אז די יידישע קולטור מוז געשאפן ווערן אויף דער שפראך פון יידישן פאלק. די שענסטע קולטור, געשאפן אין לאטיין, וואלט געוועזן א קנאפע ישועה פאר א מאדערן פאלק. די אסימילירטע „יאהודים" האבן אויפגעשטעלט א זייער

שיינעם קולטור־צענטער אין הארצן פון דער יידישער אָרעמשאַפט־נעגנט אין ניו־יאָרק. אָבער די קולטור, וואָס זיי האָבן פון דאָרט געפּרוווט פאַר־שפּרייטן, איז געווען אויף ענגליש. דער איינפלוס אויף דער ארומיקער יידישער באַפעלקערונג איז געבליבן — נול. די ארומיקע באַפעלקערונג איז געווען צווישן די אָפּגעשטאַנענסטע אין דער גרויסער מעטראָפּאָ־ליע, ביז עס האָבן זיך ניט געעפנט עטלעכע קולטור־צענטערס, קלובן, קורסן, ביבליאָטעקן אויף יידיש.

גייען מיר ארויס פון דער הנחה, אַז די קולטור איז אַן אינסטרו־מענט, אַ מעכטיקער קאָמפּלעקס פון אינסטרומענטן, אין די הענט פון פאָלק אין זיין קאַמף פאַרן לעבן, איז שוין דערפון געדרונגען, אַז די קולטור מוז זיין צוגענגלעך פאַר אַלע ברייטערע שיכטן פון פאָלק, אַז די גאָר גרויסע מאַסע פון האַרעפּאַשנע יידן זאָל זי קענען באַהערשן.

דאָ שטייט אויף אין איר גאַנצער גרויס די פראַגע פון יחיד און כלל. עס איז ווייט פון אונז וועלכע ניט איז טענדענץ צו פאַרלייקענען די ראָל פון שאַפנדיקן יחיד. קולטור־שאַפונג ווערט געשפּייזט פון פאָלק, אָבער קולטור־ווערטן ווערן געשאַפן דורך יחידים. דאָס פאָלק אליין האָט אָנערקענט דעם פאַקט — דערמיט וואָס עס באַשענקט קולטור־טוער־יחידים מיט פאַרערונג און ליבשאַפט. דער יחיד דאַרף האָבן די פולע פרייהייט צו שאַפן לויט זיינע פעיקייטן, נייגונגען, קענטענישן, טעמ־פּעראַמענט. וואָס גרעסער די שאַפנדיקע פערזענלעכקייט, אַלץ שאַרפער אויסגעשפּראָכן איז איר אינדיווידואַליטעט. וואָס מער פרייהייט דער שריפטשטעלער, דיכטער, דראַמאַטורג, מאָלער, סקולפּטאָר, מוזיקער וועט האָבן אויף אויסצודריקן זיין אייגענע שאַפנדיקע פערזענלעכקייט, אַלץ ווערטפולער — ceteris paribus — וועט זיין דער פּראָדוקט פון זיין שאַפן. וועגן דעם זענען קיין צוויי מיינונגען ניט פאַראַן אין דער קול־טור־וועלט.

און דערפון איז שוין אויך קלאָר, אַז עס קען ניט זיין קיין רייד וועגן „דיקטירן“ דעם שאַפנדיקן יחיד — אַ באַשולדיקונג, וואָס איז אָפט געהערט געוואָרן דער עיקר קעגן דעם לינקן קולטור־פראָנט. אַ קולטור־שאַפער, וואָס איז העכער פון אַ גוטן בעל־מלאכה, דער עיקר ווען עס האַנדלט זיך וועגן די קרעאַטיווע קונסטן, קען ניט אַרבעטן לויט אַ באַ־פעל אָדער באַשטעלונג. ער דאַרף אַרבעטן לויט זיין אינעווייניקסטן אמת, לויט זיין אימפּולס, לויט זיין אייגענער השגה.

אָבער עס איז ניטאָ קיין ווידערשפּרוך צווישן די אַלע הנחות און דעם פּאָסטולאַט פון אַ מאַסנהאַפטיקער יידישער קולטור, פון אַ יידישער קולטור, וואָס איז צוגענגלעך פאַר די ברייטסטע יידישע מאַסן. עס ווענדעט זיך נאָר אינם צוגאַנג פון די קול־טור־טוער צו זייער אַרבעט. עס ווענדעט זיך אָן דער ציל־איינשטעלונג פון דער אַרבעט. אויך איז ניטאָ קיין ווידערשפּרוך צווישן דער שאַ־פונגס־פרייהייט פון יחיד און דער פּלאַנמעסיקייט פון קולטור־אויפבוי. כדי צו שאַפן די מעגלעכקייט פון אַ פּלאַן אין קולטור־אַרבעט זענען מיר זיך דאָך צונויפגעקומען אויפן קאָנגרעס.

אויב די יידן פעלט אַ פּלאַן און אַן אָרגאַניזאַציע פון קולטור־אַר־בעט, האָט אָבער די מאַסנהאַפטיקייט געפעלט נאָר ספּאָראַדיש און נאָר ווי אַן אויסנאַם. דאָך קען מען פאַרצייכענען דאָ און דאָרט, אין פאַר־שיידענע לענדער און אין קלענערע קרייזן, אַ מין קולטור־סנאָביזם, אַ מין טענדענץ זיך וואָס העכער אָפּצוצוימען פון דעם פאָלק. אָפט איז דאָס ניט מער ווי אַן אויסדרוק פון ניט גלויבן, פון פאַרצווייפלונג: די „לעצטע מאָהיקאַנער" פון דער יידישער קולטור שליסן זיך כלומרשט איין אין זייער אייגענעם אויסדערוויילטן קרייז און שטאַרבן מיט אַ גע־הויבענעם טויט. אָבער די טענדענץ איז דאָ. די בעסטע רפואה קעגן איר איז אַ ברייט געעפנט טויער פאַר פּרוכטבאַרער קולטור־אַרבעט אין סאַמע קאָך פון האַרעפּאַשנעם לעבן, אַ סך פרישע לופט, אַ סך רויט בלוט. די שאַטנס פון דעקאַדענץ מוזן ווייכן קעגן דעם געזונטן מאַרש פון די מאַסן אונטער דער פאָן פון זייער אייגענער קולטור.

דאָס פאָלק דאַרף דעריבער לעבן אַלעמאָל און אונטער אַלע אומ־שטענדן אין דעם באַוווסטזיין פון די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דער יידישער קולטור. קולטור — אין פאַרבינדונג מיט דעם פאָלק. קולטור — צו דערהויבן דאָס פאָלק. קולטור — צו פאַרשטאַרקן זיינע כוחות. קולטור — פאַרקערפּערט אין אַ פאָלקס־מאַסע, וואָס איז בעסער פעיק צו גיין פאָרויס צו דעם אידעאַל פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, וואָס לעבט אין איר ווי אַ גרויסער פּאָטענציעלער כוח.

עס וואָלט נאָר געווען אַ טרויזם, ווען מיר וואָלטן באַזונדער אונ־טערגעשטראָכן, אַז מאַסנהאַפטיקייט שליסט ניט אויס טיפקייט, עכט־קייט, ערנסט, ערשטקלאַסיקייט. ווען מיר רעדן וועגן פּאָפּולאַריזאַציע, וואָס דאָס איז אַ באַזונדערע קונסט, רעדן מיר געוויס ניט וועגן אַ פּון־

אויבן־אַרונטער־באַציונג פון קולטור־אַרבעט „פאַרן פאָלק" (גראָשן־ביכ־לעך מיט אַ טייל־לעפּעלע אַדולטערן ווינן). מיר רעדן וועגן ערנסטער פאָרשונג, גרויסער קונסט, ערשטקלאַסיקער ליטעראַטור. מיר רעדן וועגן דעם בעסטן, וואָס דער מענטשלעכער גייסט קען פּראָדו־צירן. מיר רעדן אָבער וועגן פּראָדוצירן די אַלע אמתע קולטור־ווערטן מיט אַן אויג אויפן פאָלק און אין ענגן קאָנטאַקט מיט די מאַסן. וואָרום נאָר אַזוי וועלן מיר שאַפן אַן עפעקטיווע קולטור, וואָס איז אַ היסטאָרישער כוח.

אַז גלייכצייטיק דאַרף מען פּעיק מאַכן די מאַסע אויפצונעמען אָט די קולטור־ווערטן און זיי מאַכן פאַר איר אייגנס, איז איבעריק דאָ צו דערמאָנען. דאָ טרעט אַרויס אין אַ העלן ליכט דער באַזונדערער באַדייט פון דער שול — סיי פאַר דערוואַקסענע, סיי פאַר קינדער. אויך דאָ וועט אונזער קאָנגרעס האָבן צו זאָגן זיין וואָרט.

די יידישע קולטור, ווי מיר געפינען זי היינט אין די פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט, איז אַליין אַ גאַראַנטיע פון ווייטערדיקן אויפשוונג, פון מעגלעכקייטן צו וואַקסן אין דער טיף און אין דער ברייט. די קול־טור זעט אויס ווי אַ וווּנדער. ווען מען וואָלט געזאָגט צוריק מיט פופ־ציק יאָר אַ קולטורעלן יידן, אַז עס וועט אַמאָל מעגלעך זיין אַן אַל־וועלטלעכער קולטור־צוזאַמענפאָר, וואָס וועט קענען אונטערפירן אַ סך־הכל פון אַ רייכער יידישער ליטעראַטור, פון אַ בליענדיקער יידישער פּאָעזיע, פון אַ פיל־פאַרצווייגטער נעץ פון טעאַטערס, דראַמאַטישע גע־זעלשאַפטן, כאָרן, פון אַ גרויסער פּלעיאַדע יידישע פּלאַסטישע קינסט־לער, פון אַ ריי שול־סיסטעמען אויף יידיש, פון אַ ריי העכערע ביל־דונגס־אַנשטאַלטן מיט פאָרשונגס־אינסטיטוטן, מיט אַ פולער מעגלעכקייט פאַר אַ מאָדערנעם קולטור־מענטשן זיך אויסצולעבן אויף יידיש, וואָלט ער דאָס באַטראַכט ווי אַ חלום. דער חלום איז געוואָרן וואָר אַ דאַנק דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג אויף דעם אייראָפּעישן און אַמעריקאַ־נישן קאָנטינענט פאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן. די אויפטרייסלונג פון דער רוסלענדישער באַפעלקערונג — אַ דאַנק דער אינדוסטריעלער רע־וואָלוציע פון דעם לעצטן פערטל פון ניינצנטן יאָרהונדערט — האָט גע־בראַכט מיט זיך די אויפטרייסלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, די אויפלעבונג פון די גאָר ברייטע יידישע מאַסן, די דרינגענדיקע נויט־ווענדיקייט זיך צו אָרגאַניזירן און קעמפן פאַר דער אייגענער מענטש־

לעבער רעכט — און אויך דעם סיסטעם פון קאמף פון אלע אנדערע פעלקער־שאפטן פון דער אלטער צאריסטישער אימפעריע. די רעוואלוציע פון 1905 האט נאך מיט מער כוח אויפגעוועקט די יידישע מאסן, און די רעאקציע, וואס האט נאכגעפאלגט די מפלה פון דער ערשטער רוסלענ־דישער רעוואלוציע, האט געהאט א באפרוכטנדיקע ווירקונג אויף אמערי־קע אין דעם פרט, וואס זי האט אריבערגעווארפן אין די פאריייניקטע שטאטן הונדערטער טויזנטער פאלקס־מענטשן, ווען די רעוואלוציע האט אויפגעשטורעמט און אין וועמען זי האט דערוועקט א קולטור־הונגער.

אין די פאריייניקטע שטאטן גייט דערווייל א מעכטיקע קאנצענט־ראציע פון קאפיטאל, אן אויסבילדונג פון טרעסטן און א פאר־שטארקונג פון קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע, וועלכע צווינגען די ארבעטער־מאסן זיך צו ארגאניזירן צום ווידערשטאנד. די פאריאס צווישן די עקספלואטירטע זענען די אימיגראנטן. זיי זענען צווישן די ערשטע צו בילדן פראפ. פאריינען. די עקאנאמישע נויט צווינגט די יידישע מאסן זיך צו ארגאניזירן. דער ארגאניזיר־פראצעס רודערט אויף, מונטערט, שטארקט.

דארט, וו עס דערוועקן זיך יידישע מאסן, וואקסט די יידישע קולטור. אין אלטן רוסלאנד (צוזאמען מיט פוילן) און אין די פאריייניק־טע שטאטן לעבט אויף די יידישע שפראך, ווערט יינגער, פרישער, נעמט אריין א מאסע נייע באגריפן און ווערט פונדעסטוועגן נ י ט אן איר יידישן כאראקטער. עס וואקסט ווונדערבאר די יידישע ליטעראטור. עס איז די בלי־צייט פונם אמעריקאנישן יידישן טעאטער.

דער וועלט־קריג און די שפעטערדיקע אויפטרייסלונגען האבן ווייַ־טער סטימולירט די אנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור. די אקטא־בער־רעוואלוציע האט מעגלעך געמאכט א סיסטעמאטישן אויפבוי פון דער יידישער קולטור אין ראטנפארבאנד, אן אומאויפהערלעכן וווקס מיט א קולמינאציע־פונקט פון יידיש אלס די מלוכה־שפראך פון א זעלבשטענדיקער יידישער ראטן־מלוכה (דערווייל נאך אויטאנאמע געגנט בירעבידזשאן) אבער אויך אין אנדערע לענדער פון אייראפע באמערקן מיר אן אייגנארטיקן וווקס. דער יידישער ישוב ווערט מלו־כיש־דעצענטראליזירט. ליטע, לעטלאנד, עסטלאנד, טשעכאסלאוואקיע

ווערן באַזונדערע יידישע צענטערס מיט אַ באַזונדער קולטור־טעטיקייט. פּוילן ווערט אַ זעלבשטענדיקע מלוכה. די פּוילישע יידן ווערן אַ באַזונדער איינס. פראַנקרייך ווערט אויך אַ באַדייטנדיקער יידישער צענטער און ניט געקוקט אויף בסדרדיקע רדיפות אין דעם גרעסטן טייל פון די אייראָפּעישע מלוכות, ווערט די יידישע קולטור־אַרבעט פאָרגע־זעצט — אָפט מיט אַ מסירת־נפש מצד די טוער, וואָס דערוועקט אונ־זער טיפסטן דרך־ארץ.

אחוץ ראַטנפאַרבאַנד, איז דער גרעסטער שוווּנג פון דער יידישער קולטור פאָרגעקומען אין די פאַרייניקטע שטאַטן. אַמעריקע לעבט איצט איבער אַ מערקווירדיקע דערוואַכונג פון די מאַסן — און מיט זיי אויך אַן אויפלעב פון יידישן פאָלק. דער אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַליזם האָט באַוויזן דעם פאָלק פון אַמעריקע, אַז אין דעם רייכסטן לאַנד פון דער וועלט איז ער אומפעיק צו באַזאָרגן די באַפעלקערונג מיט אַ מיני־מום צום לעבן. דער קאַפּיטאַליזם איז באַנקראָט. די מאַסן פילן דאָס. די מיליאָנען, וואָס אָרגאַניזירן זיך איצט מיט כמעט אומגלויבלעכער שנעל־קייט, באַטראַכטן זיך ווי די באַלעבאַטים פון לאַנד, וועלכע דאַרפן צווי־מען און עווענטועל באַזייטיקן די אוזורפּאַטאָרן פונם פאָלקס־פאַרמעגן. עס גייט אָן אַנוווּקס פון מאַסן־כוחות. עס שמעקט מיט פרילינג אין די פאַרייניקטע שטאַטן. עס איז דאָ אויך אַן אויפברויז צווישן די מאַסן פונם יידישן פאָלק.

איינע פון די באַגלייט־דערשיינונגען פון אָט דעם אויפברויז איז די דערוואַכונג פון אַן אַפּעטיט פאַר קולטור. עס קען איצט געשאַפן ווערן גאָר אַ סך אויפן געביט פון קולטור. די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז ווּ נאָר ערנסטע קולטור־אַרבעט ווערט סיסטעמאַטיש אויפגענומען, קרוינט זי זיך מיט אומדערוואַרט גוטן דערפאָלג. די אַרבעט פון אויס־ברייטערן, דערמוטיקן, פּלאַנירן און קאָאָרדינירן די קולטור־טעטיקייט פון די יידישע מאַסן אין די פאַרייניקטע שטאַטן וועט זיין די ספּע־ציעלע אויפגאַבע פון דעם יידישן קולטור־צענטער, וואָס איז אויסגע־קליבן געוואָרן דורך דער קאָנפערענץ פון 28־טן און 29־טן אויגוסט און וואָס באַטראַכט זיך שוין ווי די אַמעריקאַנישע לאַנד־סעקציע פונם אַל־וועלטלעכן יידישן קולטור־צענטער, וואָס וועט געשאַפן ווערן דאָ אין פּאַריז.

ווער האָט געשאַפֿן אָט די פֿאַרצווייגטע אַלוועלטלעכע יידישע קול־טור? אַ חוץ דעם ראַטנפֿאַרבאַנד האָט זי ניט געהאַט קיין מלוכה־פֿאָנדן, וואָס זאָלן זי סובסידירן. זי האָט כמעט ניט געהאַט קיין מעצענאַטן. זי האָט ניט געשטאַמט פֿון גבירים און „שיינע יידן“. זי האָט אַרויסגע־שטאַמט פֿונם פֿאָלק. זי איז געשאַפֿן געוואָרן דורך זיין און טעכטער פֿונם פֿאָלק. זי האָט געפֿונען פֿאַרברויכער ניט צווישן דער יידישער „האָט־פּי־נאַנס“ און ניט צווישן די כּלי־קודש. זי האָט געפֿונען פֿאַרברויכער אינם פֿאָלק. זי איז איינגעגלידערט אינם פֿאָלק. דער היינטיקער קאָנגרעס גופֿא — ווער האָט אים געשאַפֿן? פֿון וואַנען שטאַמט זיין אידעע? זי שטאַמט פֿון די טיפֿעניש פֿון די יידישע מאַסן. דער קאָנגרעס גופֿא איז אַן אויסדרוק פֿון דער בענקשאַפֿט פֿון דעם יידישן פֿאָלק נאָך אַ קולטור־דערהויבונג.

אין פֿיין, אין פֿאַרפֿאָלגונגען, אונטער דער געפֿאַר פֿון פֿאַרלירן די פֿרייהייט, אָפֿטמאָל פֿאַראַכט, ניט זעלטן פֿאַרשפּאָט, ניט האָפֿנדיק אויף קיין לוין, האָבן קולטור־טוער אין אַלע ווינקעלעך פֿון דער וועלט געבויט די יידישע קולטור — צו באַפֿרידיקן דעם מאַנדאַט פֿון פֿאָלק.

אינם נאָמען פֿון אָט דעם מאַנדאַט זענען מיר זיך צוזאַמענגע־קומען אַהער. מיר זענען זיך צוזאַמענגעקומען ניט אויף אָפּצושאַפֿן באַ־רעכטיקטע אידעאָלאָגישע מיינונגס־פֿאַרשיידנקייטן, נאָר צו געפֿינען אַ געמיינשאַפֿטלעכן באָדן פֿאַר אַרבעט, ניט געקוקט אויף די אידעאָלאָ־גיש פֿאַרשיידענע געזיכט־פּונקטן. מיר גלייבן ניט, אַז דער קאָנגרעס, למשל, קען שלום מאַכן צווישן קונסט־ריכטונגען; מיר זענען אָבער פֿעסט איבערצייגט, אַז ס'איז מעגלעך פֿאַר קינסטלער פֿון פֿאַרשיידענע ריכטונגען צו פֿאַראייניקן זייערע כּוחות, כּדי צו הייבן דעם מצב פֿון דער קונסט בכלל און כּדי צו מאַכן דאָס יידישע פֿאָלק קונסט־באַוווסט. מיר איינזיקן זיך אויף אַ פּראָגראַם פֿון אַרבעט — פֿאַר אַ וועלטלעכער פּראָג־רעסיווער יידישער קולטור. מיר קענען זיך אייניקן ניט נאָר אויף פּראַק־טישע צוועקן, אויף וועלכע מיר זענען אַלע מסכּים, ווייל דאָ האַנדלט זיך וועגן קוואַנטיטאַטיווער פֿאַרבעסערונג פֿון דער יידישער קולטור אויף אַלע אירע געביטן. מיר קענען זיך אויך אייניקן אויף אַ גרויסער צאָל קוואַליטאַטיווע צוועקן.

אויפֿן געביט פֿון וויסנשאַפֿטלעכן פֿאָרשן זענען מיר אַלע,

דוכט זיך, פאר אזא פארשן, וואס איז באמת וויסנשאפטלעך, וואס זוכט צו דערקלערן די וועלט און די געזעלשאפט, דאס לעבן פונם יידישן פאלק, זיין אויפקום, זיין אנטוויקלונג, זיין קעגנווארט און מעגלעכע צוקונפט. דאס שליסט איין פארשונגען אין יידישער עקאנאמיק, דעמאגראפיע, פילאלאגיע, היסטאריאגראפיע, ליטעראטור־געשיכטע א. א. וו. מיר זענען, דוכט זיך, אלע קעגן אפאלאגעטיק, וועלכע קען נאר זיין פסעוודא־וויסנשאפט און ניט קיין אמתע פארשונג. מיר זענען קעגן נאציאנאלן ניהיליזם פון איין זייט, נאציאנאלן שאוויניזם — פון דער צווייטער. מיר זענען, ארגאניזאציאנעל, פאר א קאאָרדינירונג פון די פארשונג־אגענטורן אין די פארשיידענע לענדער. אין אמעריקע האבן מיר ארויסגערוקט דעם לאזונג פון א יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט. אין פאריז שווימט ארויף די אידעע וועגן א יידישן אוניווערסיטעט. דאס אלץ פאדערט ערנסטע וויסנשאפטלעכע ארבעט, פון וועלכער, צום באדויערן, עס איז נאך אלץ ניט געטון געווארן גענוג, ניט געקוקט אויף באדייטנדיקע דערגרייכונגען, דער עיקר אין פוילן און אין די פאריייניקטע שטאטן.

אויפן געביט פון טעאטער אייניקן מיר זיך אויפן געדאנק, אז דאס טעאטער לעבט איבער א קריזיס, אז א גרויסער טייל פון דעם שטאף, וואס ווערט געשפילט, איז א ב י ל ב ו ל אויפן פאלק (מען זאגט: „דאס פאלק וויל ניט אנדערש ווי שונד", בעת אין דער אמתן ווערט עס דערצויגן אויף שלעכטע, דעגראדירנדיקע ספעקטאקלען, און ווייס אפט גארניט פון קיין בעסערס און בעת אין פאלק איז דא א געזונטער אינסטינקט פאר דעם קינסטלעריש־הויכן און אידעיש־פראגרעסיוון טעאטער); אז מיר, קולטור־טוער, האבן געגעבן צו ווייניק אויפמערקזאמקייט דעם טעאטער, וועלכער באיינפלוסט עמאציאנעל אפשר א גרעסערע צאל פאלקס־מענטשן ווי די שיינע ליטעראטור; אז מיר האבן א צאל אנגעזעענע און אנערקענטע דראמאטורגן, וואס האבן אין די לעצטע יארן אויפגעהערט פראדוצירן טעאטער־ווערק, ווייל עס איז ניט געווען קיין האפענונג צו זען זיי אויפגעפירט אויף דער בינע; אז ס'איז דא א גרויסע צאל יינגערע דראמאטורגישע טאלאנטן, וועלכע האבן אפילו ניט געהאט קיין געלעגנהייט ארויסצווייזן זייערע קרעפטן צוליב דער זעלבער סיבה; אז דער ביישפיל פון „ארטעף" אין ניו־יארק און צאלרייכע סטודיאס און דראמגרופן אין פארשיידענע ערטער, באשטעטיקט די

מעגלעכקייט פון בויען — לויט דעם אָנרעג און מיט דער הילף פון אַל־וועלטלעכן צענטער — יידישע פאָלקס־טעאַטערס פון הויכער קינסטלערי־שער און אידעישער קוואַליטעט.

דאָס געביט פון פּלאַסטישער קונסט איז אינגאַנצן אין אַ צושטאַנד פון כאַאָס. מיר האָבן גרויסע קינסטלער פון יידישער אָפּשטאַמונג; מיר האָבן אַ גרויסע צאָל קינסטלער, וואָס האַלטן זיך פאַר יידן, בעת זייער קונסט־טעטיקייט האָט גאָרניט צו טון מיט יידן; מיר האָבן אַ צאָל קינסטלער, וואָס האָבן אויף זייערע לייוונטן און אין זייערע סקולפּטורן געפּרווט פאַרקערפּערן מאָמענטן פונם יידישן לעבן. אָבער האָבן מיר אַ יידישע קונסט? די קינסטלער גופא זענען ווייט ניט אייניק אַרום דער פראַגע, וואָס עס איז אַזוינס יידישע קונסט. בעת איי־ניקע באַהויפּטן, אַז שילדערן ערלעך און מיט קענטעניש די פאַרשיידע־נע יידישע טיפּן און די פאַרשיידענע פאַזן פון יידישן לעבן איז שוין גענוג צו פאַרוואַנדלען די ווערק אין יידישער קונסט און אַז קיין אַנדער יידישע קונסט איז ניט מעגלעך, האַלטן אַנדערע, אַז די אַרבעט גופא אי־בער יידישער טעמאַטיק און די נאָענטקייט צו די יידישע מאַסן מוז אויסאַרבעטן אַ באַזונדערן קונסט־אידיאַם, אַ באַזונדערע מאַניר, אייגי־קע רופן עס אַ באַזונדערן סטיל, אַ קונסט־שפּראַך, וואָס מען זאָל קע־נען אָנרופן יידיש — אָפּגעזען פונם אינהאַלט. אונזער קאָנגרעס ווי אונזער קולטור־צענטער, וואָס דאַרף געשאַפן ווערן, וועט זיך מסתמא ניט פאַרנעמען מיט אויסגלייכן אָט די קאָנטראָווערזע. ער קען אָבער פאַ־רייניקן די יידישע קינסטלער פון פאַרשיידענע ריכטונגען אויף איין פּראָגראַם פון אַרבעט, צו ווענדן גרעסערע אויפמערקזאַמקייט אויף דאָס יידישן לעבן, זיך נעענטער באַקענען מיטן יידישן פאָלק און נעענטער באַ־קענען דאָס יידישע פאָלק מיט דער פּלאַסטישער קונסט. דאָ האָבן מיר אַ פעלד, וואָס איז כמעט אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט.

אויב ס'איז דאָ איין פעלד פון יידישער קולטור, וואָס נייטיקט זיך אַמערסטן אין קאָאָרדינירונג, אין אָנפירונג, אין „קיבוץ גליות", קען מען זאָגן — איז דאָס די יידישע מוזיק. גרויסע טאַלאַנטן, קענער פון יידי־שער מוזיק, שאַפער פון מוזיק, וואָס טראָגט אַן אויסגעשפּראָכענעם יידישן שטעמפּל, געפינען זיך אַזוי ווייט פון דער יידישער סביבה, אַז אָפט פאַרגעסן זיי גאָר אינגאַנצן, אַז זיי זענען יידן. בעלי־מלאכהם אָן

אַ פונק פון אמתן טאַלאַנט פּראָדוצירן סקאַרבאָווע אימיטאַציע און שפּייזן מיט איר — דורך דעם טעאַטער, די גראַמאָפאָן־פּלאַטן און דעם ראַדיאָ — בוכשטעבלעך מיליאָנען ייִדן, וואָס ווערן דערצויגן אינם גלויבן, אַז דאָס איז ייִדישע מוזיק. ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן שאַפֿן אָפֿט זייער גוטע מוזיקאַלישע ווערק אָן אַ מעגלעכקייט צו זען זיי פּראָדוצירט. אַרבעטער־כאָרן האָבן אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן פֿאָרשריט און דורך זיי האָט דאָס ייִדישע ליד — דאָס פֿאָלקס־ליד און דער קאָמבינירטער פּראָדוקט פֿון דיכטער און קאָמפּאָזיטאָר — דערגרייכט צו גאָר באַדייטנדיקע קרייזן פֿונם ייִדישן פֿאָלק. כאָרן ווערן ספּאָנטאַן געגרינדעט אין אַ סך ערטער. אָבער עס שטייט ערנסט די פֿראַגע פֿון דיריגענטן און די פֿראַגע פֿון קאָאָרדינירן די אַרבעט. ברענגען דעם בעסטן ייִדישן מוזיקער צום בעסטן ייִדישן טעאַטער און בעסטן ייִדישן כאָר — וואָס פֿאַר אַ דאַנקבאַרע אויפֿגאַבע! מעגלעך מאַכן די פֿאַרעפֿנטלעכונג פֿון מוזיקאַלישע ווערק — אויך אַ וויכטיקע אויפֿגאַבע. אין דער פּערספּעקטיוו ווילן מיר זען אַ ייִדישע אַלוועלטלעכע מוזיק־אָלימפּיאַדע...

די אַלע אויפֿגאַבן שטויסן זיך אָן אין דער קאַרדינאַלסטער קולטור־פּראַגע — דער פֿראַגע פֿון דער ייִדישער שול פֿאַר קינדער און דערוואַקסענע. די שול איז דער שליסל, וואָס עפֿנט די ברייטע פֿאָלקסמאַסן פֿאַר דער קולטור. די שול איז די בריק, וואָס פֿירט אַריבער די קולטור פֿונם עלטערן צום ייִנגערן דור. אויך די שול־ריכטונגען, אויף וויפֿל ס׳זענען דאָ קינדער־שולן אין די פֿאַרשיידענע לענדער, זענען פֿאַרשיידן. אָבער דאָ איז, דוכט זיך, מעגלעך אַפֿילו נאָך אַ גרעסערע אייניקייט פֿון אַלע פּראָגרעסיווע ריכטונגען, ווי אַרום די אַנדערע קולטור־פּראָבלעמען.

מיר זענען אייניק אינם באַוווסטזיין, אַז ס׳איז נייטיק אָפּצושאַפֿן דעם תוהו ובוהו, וואָס הערשט אינם שול־וועזן, אַז ס׳איז נייטיק אין יעדן לאַנד צו האָבן איין פּראָגרעסיוון שול־סיסטעם פֿאַר קינדער, אַז ס׳איז נייטיק אויסצושפּרייטן די שול־סיסטעם אַזוי, אַז זי זאָל אַרומכאַפּן יעדעם ייִדישע קינד, אַז ס׳איז נייטיק אויסצואַרבעטן שול־ביכער פֿון אַ געוויסן סאָרט, וואָס זאָלן קענען גענוצט ווערן אין די שולן פֿון אַלע לענדער און זאָלן נאָר דערגאַנצט ווערן מיט לערן־ביכער פֿון אָרטיקן כאַראַקטער, אַז ס׳איז נייטיק אויפֿצוהייבן די קוואַליפֿיקאַציע און

עקאָנאָמישן מצב פון די שול־לערער, אַז ס'איז נייטיק צו דערמוטיקן די אַנטוויקלונג פון נייע לערער־קאַדרן און אַז דאָס מאַכט די פראַגע פון סעמינאַרן און אינסטיטוטן פאַר אַן אמת־ברענענדיקן פּראָבלעם.

מיר זענען אייניק וועגן טיפּ ייד, וואָס מיר ווילן זען אַלס פּראָדוקט פון דער יידישער שול, מיר ווילן זען אַ געזונטן יידן, אַ יידן, וואָס פילט זיך נאָרמאַל־יידיש, אַ ייד־מענטשן, וואָס קיין יידישעס און קיין מענטש־לעכס איז אים ניט פרעמד, אַ יידן, וואָס פאַלט ניט אַריין אין איינעם פון די זומפּ־פּאַסטקעס, וועלכע לאָקן אין די ווערק פון געוויסע פאַלשע נביאים: די פּאַסטקע פון נאַציאָנאַלער „עצבות" און די פּאַסטקע פון נאַ־ציאָנאַלער אָראַגאַנץ. מיר ווילן זען אַ שטאָלצן יידן, וואָס איז פעיק אַרויסצושטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם אַסימילאַטאָר מיט זיין אָפּגעריי־בענער תכלית־מטבעה און דעם נאַציאָנאַליסט מיט זיין אָפּגעריבענער אתה־בחרתנו־פּאָן. מיר ווילן אַ יידן, וואָס זאָל ניט זיין קיין פרעמדער אין דעם לאַנד, וווּ ער וווינט, אַ יידן, וואָס זאָל וויסן, ווי צו פאַרבינדן די פּראָגרעסיווע כוחות פונם יידישן פאָלק מיט די פּראָגרעסיווע כוחות פון די אַנדערע פעלקער אינם זעלביקן לאַנד און אין אַנדערע לענדער אין קאַמף פאַר אַ בעסער, מענטשלעך לעבן, וואָס זאָל אָבער אין דער זעלבער צייט בלייבן אַ ייד, אַ זון פון זיין פאָלק, אַ קעמפער פאַר דער צוקונפט פון זיין פאָלק.

די פראַגע פון ליטעראַטור האָב איך איבערגעלאָזט צום לעצטן, ווייל אויף איר איז נייטיק, צוליב איר דאָמינירנדיקן פּלאַץ אין דער יידישער קולטור, זיך אָפּצושטעלן אביסל גענויער.

דער וועג פון די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור: מענדע־לע, פּרץ, שלום־עליכם, איז געוואָרן אַ ברייטער. די קלאַסיקער זענען געשטאַנען אינם ענגסטן אינטימסטן קאָנטאַקט מיטן פאָלק. זיי האָבן אין זיך אַריינגענומען דאָס פאָלק, די דערפאַרונגען פון דעם גאַנצן פאָל־קישן קאָלעקטיוו, און זיי האָבן דעריבער געקענט זאָגן: „דאָס פאָלק — דאָס בין איך". אויך דאָ זענען געווען גרענעצן: סיי מענדעלע־מוכר ספרים, סיי שלום־עליכם האָבן כמעט ווי פאַרזען דעם אויפקום פון דעם היינטצייטיקן יידישן פּראָלעטאַריאַט מיט זיין קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע און קאַמף־גייסט. אָבער די אָריענטאַציע פון אַלע קלאַסיקער איז געווען אויף די מאַסן. די ליטעראַרישע אַרבעט איז פון זיי באַטראַכט געוואָרן,

ווי געזעלשאפטלעכע ארבעט אין די אינטערעסן פון די מאסן. דער אינ־דיווידועלער שאפונגס־דראנג — א קראפט א מעכטיקע אין די קלאסיקער — האט זיי באוויזן אויסצופורעמען אויף א מעגלעכסט־פולקאמענעם אופן די שטרעבונגען און בענקשאפטן פון די ברייטע מאסן. די שטרע־בונג איז געווען — צו א בעסער, מענטשלעך לעבן. די בענקשאפט איז געווען — צו אן אידעאל פון סאציאלער גערעכטיקייט. די שטרעבונג האט זיך ניט אלעמאל אויסגעדריקט ביי די קלאסיקער אין א דעפיני־טיוון פראגראם. דער סאציאלער אידעאל איז ביי זיי צייטנווייז געווען מטושטש. אבער דער פראטעסט קעגן עקספלואטאציע האט העל גע־ברענט אין די ווערק פון די גרינדער פון דער מאדערנער יידישער לי־טעראטור. דאס אנגעמען זיך אקטיוו פאר דעם פארפאלגטן, באליידיקטן, אונטערדריקטן, איז איינס פון די שענסטע זייטן אין דער קלאסישער שאפונג. דאס האט ניט אויסגעשלאסן די שאפונג פון אינדיווידועלע בעראקטערן, לעבעדיקע פערזאנען. פארקערט, דאס האט סטימולירט צו דיפערענצירן די יידישע מאסע, זי ווייזן אין איר מענטשלעכקייט, וואס דאס הייסט אין איר באשטיין פון לעבעדיקע, מיט לעבן אנגעזאפטע און צום לעבן זיך־רייסנדיקע יחידים. אבער די יחידים זענען געווען — אין די ווערק פון די קלאסיקער — ניט קיין אפגעזונדערטע, אויסטערלי־שע, „אויסגעדיכטעטע" געשטאלטן, נאר טיפן, יידישע מענער און פרוי־ען, פון וועלכע עס איז צונויפגעשטעלט דאס פאלק. טאקע א דאנק דעם, וואס די קלאסיקער האבן זיך געפילט ווי שליחי־ציבור פונם פאלקס־קאָ־לעקטיוו און וואס זיי האבן גערעדט ניט צו א קרייזל, נאר צו א פאלק, האבן זיי געקענט אויסהאמערן די צאלרייכע יידישע געשטאלטן.

אין די פארייניקטע שטאטן פון די ערשטע צענדליק יאר פון דער מאסן־עמיגראציע געפינען מיר א פלעיאדע קלאסיקער: ווינטשעווסקי, מאריס ראזענפעלד, עדעלשטאט, באוושאווער, ליעסין, וואס שטעלן אויך אוועק די יידישע ליטעראטור אויפן ברייטן וועג. די סביבה, די סאציא־לע באדינגונגען, דער פארנעם, זענען דא אנדערש. אין א בהלה־אטמאס־פערע, ווו הונדערטער טויזנטער און אפילו מיליאנען זוכן דורכן חיבוט־הקבר פון סוועט־שאפ זיך ארייננצופאסן אינם נייעם לעבן, האט די שטים פון די קלאסיקער — לויט דער מאס פון זייער טאלאנט, קלענער ווי די דערמאנטע דריי ריזן — געקלונגען הילכיקער, אינטענסיווער, אומגעדולדיקער און — קלארער. די מערסטע אמעריקאנישע קלאסיקער

זענען געווען אויסגעשפּראָכענע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָנערן. זייער ענגלעבקייט מיט מענדעלען, שלום־עליכמען און פּרצן באַשטייט אין נאָענטקייט צום פֿאָלק — ווי זיי האָבן עס געפֿונען אין די פּאַרייניקטע שטאַטן — אין רעדן פֿאַרן גאַנצן פֿאָלקס־קאָלעקטיוו, אין פֿילן זיך פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אים, אין קוקן אויף דער ליטעראַטור, ווי אויף אַ גרויסער געזעלשאַפֿטלעכער פֿונקציע אינם דינסט פֿון אַ געזעלשאַפֿט־לעכן אידעאַל, אין דעם באַוווסטזיניקן שטרעבן צו וועקן מיט זייער פֿלאַמיקן וואָרט די ברייטסטע יידישע מאַסן. עס איז געווען שוווּנג און פֿאַרנעם אין דער קלאַסיק פֿון דער יידישער ליטעראַטור אויף ביידע זייטן אָקעאַן.

אינם פּעריאָד נאָכן אָנהייב פֿון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און ביז דער מלחמה און דער עיקר — אינם נאָך־מלחמהדיקן פּעריאָד אין דער יידישער ליטעראַטור פֿון די בורזשואַזע לענדער, גייט שוין ניט די יידישע ליטעראַטור אויף דעם ברייטן וועג.

אויך אָט די פּעריאָדן פֿאַרצייכענען אַ גרויסן וווּקס — אַ גרויסע באַרייכערונג פֿון טעמאַטיק, אַן אויסערגעוויינלעכע אַנטוויקלונג פֿון שפּראַך, סטיל, פֿאַרפֿיינערונג פֿון פֿאָרם. די ליטעראַטור ווערט מער פֿאַר־שיידנאַרטיק; זי דערגרייכט גרעסערע שיכטן. זי איז מער זעלבסטבאַ־ווּסט. עס אַנטוויקלט זיך אַ יידישע ליטעראַרישע קריטיק. עס שטייען אויף גאַנצע קאַדרען נייע שרייבער — דער צווייטער דור יידישע קלאַ־סיקער. אָבער דער אַלגעמיינער וועג פֿון דער יידישער ליטעראַטור ווערט שמעלער. ריכטיקער געזאָגט: עס איז ניטאָ קיין איין־איינציקער, אַלגע־מיין־אָנערקענטער ברייטער וועג. עס זענען דאָ וועגן און וועגעלעך און ביי־וועגן און שטעגן, וועלכע פֿירן אָפֿט אין ערגעץ ניט. עס איז דאָ אַ וועלט מיט שרייבער, אייניקע פֿון זיי גאָר גרויסע טאַלאַנטן; עס איז דאָ אַ גרויסער אויפֿלעב פֿון דער יידישער שפּראַך, ווי אַ קונסט־אינסטרו־מענט; עס איז דאָ געזעלשאַפֿטלעכער אינטערעס פֿאַר טאַלאַנטן. עס איז אָבער ניטאָ די איינע גרויסע יידישע ליטעראַטור, וואָס זאָל פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן, דעם צענטראַלן פּלאַץ אין דעם קולטור־לעבן פֿון די יידי־שע מאַסן, וואָס זאָל זיין אַליין דאָס צענטראַל־פֿעלד פֿון דער ייד. מאַסן־קולטור, וואָס זאָל זיין דער אָנערקענטער וועג־ווייזער פֿון דעם פֿאָלק.

די ליטעראַטור, וואָס איז אויפֿגעקומען אין ליטע און פּוילן, ווי־

„דער צווייטער דור קלאַסיקער“ און אין אַמעריקע, ווי די „יונגע“ — ניט געקוקט אויף דער פאַרשיידנקייט, וואָס איז דיקטירט דורך פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע, סאָציאַלע און קולטורעלע סבּיבות — ווייזט אויף איין ניקע ענלעכקייטן פון טענדענץ ביי דער גאַנצער ניט־ענלעכקייט פון אויסדרוק. איין טענדענץ איז — נאַציאָנאַליזם. די גרופּע קינסטלער און קריטיקער, וועלכע פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין רוסלאַנד פאַר דער מלחמה, וואָלט געקענט באַצייכנט ווערן מיטן נאָמען נעאָ־נאַציאָנאַליסטן. זייער נאַציאָנאַליזם להיפּוך צו די נאַציאָנאַליסטישע טענער, וואָס האָבן זיך ניט זעלטן געהערט אין די ווערק פון מענדעלע — פּרץ — שלום־עליכם, — און וואָס זענען מערסטנס געווען אַן אויסדרוק פון נאַציאָנאַלן זעלבסט־באַוווסטזיין, איז אַפּאָלאָגעטיש. דער גייסט פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־קריטיק, וואָס האָט דורכגעדרונגען די ווערק פון די קלאַסיקער, אין זייער באַציונג צו די אומנאָרמאַלקייטן און העסלעכקייטן פונם יידישן לעבן, פאַרשווינדט אָפּט ביי נעאָ־נאַציאָנאַליסטן די אַמעריקאַנישע „יונגע“ — וועלכע בילדן אייגנטלעך ניט קיין איינהייטלעכע שול, נאָר וועלכע האָבן געפּרוווט אַרויסשטעלן אַ פּלאַטפאָרם פון ניט־געזעלשאַפטלעכקייט, האָבן אין דער איבערוועגנדיקער מערהייט אָנערקענט איין געזעלשאַפטלעכע טענדענץ — נאַציאָנאַליזם. אין יושר צו אָט דער גרופּע, וועלכע איז אייגנטלעך ניט קיין גרופּע, נאָר כמעט די גאַנצע פּירנדיקע ריכטונג אין דער יידישער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור קורץ פאַר דער מלחמה, מוז געזאָגט ווערן, אַז זי איז קיינמאָל ניט געבליבן געטריי ביזן סוף דעם „אידעאַל“ פון ניט־געזעלשאַפטלעכקייט. די ווערק פון זייער איבערוועגנדיקער מערהייט זענען דאָך געווען דורכגעדרונגען מיט סאָציאַלע מאָטיוון. פונדעסטוועגן הערן מיר ביי זיי ניט זעלטן די שטים פון אויסגעשפּראָכענעם נאַציאָנאַליזם, אין אויסנאַמס־פאַלן אפילו שאָוויניזם.

אַן אַנדער ריכטונג איז דער אינדיווידואַליזם, וועלכער נעמט אָן פאַרשיידענע פאָרמען — פון סימבאָליזם ביז עקספּרעסיאָניזם און וועלכער געפינט זיין שאַרפסטן אויסדרוק אין די „אינזיכיסטן“. דער אינדיווידואַליזם שטעלט דעם טראָפּ אויפן דיכטער אַלס יחיד, אויף זיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען, וועלכע קענען אָפּט האָבן אַן אָרט נאָר פאַר אים אין זיין ווינקל. עס איז די שטרעבונג, וואָס פירט אַוועק פון

בריטן וועג פון סאָציאַלן לעבן אויף די שמאָלע און גאַנץ אָפּטע אומ־פּרוכטבאַרע געביטן פון פּסיכאָלאָגישער ראַפינירטקייט־זוכעריי.

דאָס אַלץ ווערט אָפּט באַגלייט מיט אַ פאָרם־לשם־פאָרם־טענדענץ, ווו דער גאַנצער קינסטלערישער איך איז אָנגעשטעלט ניט אויף דעם וואָס, נאָר אויף דעם ווי אַזוי, ניט אויף דעם בעסטן קונסט־מעטאָד צו דערגרייכן די ברייטסטע מאַסן, נאָר אויף דעם אויסטערלישן, ביזאַרן, וואָס ווערט על־פּי־טעות פאַרטוישט מיט דעם אָריגינעלן. וואָס ווייטער פון לעבן מיט זיין געזונטן שטורעם און דראַנג, אַלץ אָריגינע־לער — אין באַגריף פון אַזעלכע פּאָעטן.

סיי קעגן אַפּאָליטיזם, קעגן שאָוויניזם, קעגן אינדיווידואַליזם און קונסט־לשם־קונסט פאָרמאַליזם האָט זיך אין די לעצטע יאָרן באַוווּסט־זיניק אַוועקגעשטעלט די גרופּע, וואָס האָט זיך גענומען שאַפן אין אַמע־ריקע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור. די דאָזיקע גרופּע שטרעבט צו פאַר־בינדן דעם רעוואָלוציאָנערן אידעאַליזם מיט אַ נאָענטקייט צו די אַרבעטער און האָרעפּאַשנע מאַסן און מיט אַ קונסט־טעטיקייט, וואָס דינט דעם אידעאַל פון סאָציאַלער באַפרייונג. די פּראָלעטאַרישע שרייבער האָבן געהאַלטן הויך די טראַדיציע סיי פון די דריי גרויסע קלאַסיקער, סיי פון די קלאַסיקער פון דער אַמעריקאַניש־יידישער ליטעראַטור. דער וועג פון די פּראָלעטאַרישע שרייבער איז ניט געווען אויסגעבעט מיט רויזן. די אַרבעט פון אויסשמידן אַן אייגענע אידעאָלאָגיע, פון אַנטוויקלען אַ שרייבער־קאָלעקטיוו, פון אָננעמען די פּאַסיקע קונסט־טעכנישע מיט־לען, פון באַלעבן דעם נייעם סאָציאַלן שטאָף מיט דעם אָטעם פון אמתער קונסט, איז געווען אַ שווערע, ווייל קיינמאָל ביז אַהער ניט קיין אויסגע־פּרוּווטע. צו זייער פרייד האָבן זיי, דער עיקר פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר, דערזען, אַז אַ גרופּע פון צווייטן דור קלאַסיקער, געוועזענע „יונגע", אָריענטירט זיך מער און מער אויף לינקס, אַזוי אַז עס ווערט מעגלעך די אויסבילדונג פון אַ געמיינזאַמען לינקן ליטעראַרישן פראָנט. אָבער אויך די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור איז ביז אַהער געבליבן נאָר איין ריכטונג, איינער פון פילע וועגן פון דער אַמעריקאַנישער יידישער ליטע־ראַטור.

וואָס ס'איז נייטיק און צו וואָס עס דאַרף שטרעבן דער קולטור־צענטער — איז צוריק אַרויסצופירן די יוד. ליטעראַטור אויפן ברייטן וועג, איר אומקערן די חשיבות, וואָס זי האָט געהאַט אין די הענט פון די

קלאַסישע מייסטערס, אָבער אין דער זעלביקער צייט זי האַלטן אויף דער הויך פון דער היינטיקער עפּאָכע און אין הסכם מיטן שענסטן איד־ דעאַל פון דער היינטיקער צייט.

מיר דאַרפן אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל זיין בלוט און פליישׁ און געדרון און מאַרך פון דעם יידישן פאָלק. אַ ליטעראַטור, וואָס קען דעם יידן, יעדן שיכט, יעדע גרופּע, יעדן טיפּ אַזוי אויסגעבונדן, מיט אַלע פּיטשעווקעס, ווי עס האָט אים געקענט דער זיידע מענדעלע און זיין איינקל שלום עליכם.

מיר דאַרפן אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל זיין פּונקט אַזוי אינטים דורכ־ געוועבט מיטן לעבן פון די מאַסן, וואָס זאָל אַזוי קענען זייערע פּראָב־ לעמען, זייערע מאַנונגען, זייערע שטרעבונגען, ווי מיר זעען עס אין אַזוינע אומשטערבלעכע מוסטערן, ווי „ווינשפינגערל" אָדער „מאָטל פּייסי דעם חזנס", אָדער „אין וואָגאָן".

מיר דאַרפן אַ ליטעראַטור, וואָס דער גורל פון אָט די מיליאָנען זאָל זיין איר עסק, אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל ניט זיין בלויז אַ באַאָבאַכטערן, אַ רעגיסטראַטאָרן, נאָר איינע, וואָס מישט זיך אין לעבן, וואָס פּרווט פורע־ מען דאָס לעבן, קנעטן עס אַזוי און אַזוי (לויט גאָרקי'ס אומשטערבלעכן אויסדרוק). אַזאַ ליטעראַטור וועט אומפאַרמיידלעך שטיין אויפן צד פון די אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע.

מיר דאַרפן אַ ליטעראַטור, וואָס איז דורכגעציטערט מיטן געפיל פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, וואָס פילט זיך געקרענקט און באַליידיקט דאָרט, וווּ מענטשלעכע נשמות, מענטשלעכע ווירדע ווערן געקרענקט און באַליידיקט. מיר דאַרפן אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל האָבן דעם מוט אויפצודעקן די איבלען פון אַ גאַנצער וועלט, וואָס זאָל זיך ניט שרעקן פאַר אָט די איבלען, ווען זי געפינט זיי אויך אינעם יידישן לעבן און וואָס זאָל אין דער זעלביקער צייט פאַרמאָגן גענוג אָפּטימיזם, גענוג גלויבן אין די שאַפנדיקע קרעפטן פון די מאַסן אַזוי, אַז זי זאָל קענען איבערצייגן מיליאָנען אין דער מעגלעכקייט פון פאַרוואַנדלען די איצטיקע וועלט אין אַ וועלט פון גערעכטיקייט און געזיכערטן פרידן.

מיר דאַרפן אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל דינען ניט אַ קלייזל, ניט אַ גרופּע, ניט אַ „ריכטונג", נאָר דעם פאָלק. אַזאַ ליטעראַטור וועט זיך במילא ניט קענען פאַרשפּאַרן אין די ד' אמות פון אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע, ווי טשעקאַווע זי זאָל ניט זיין פאַרן אינדיווידועלן קינסט־

לער. אזא ליטעראטור וועט זיך ניט קענען אָפּלענקען פון די דרינגנ־דיקסטע פאָדערונגען פון לעבן, ווייל אַניט וועט די מאסע זי ניט הערן. אזא ליטעראטור וועט דארפן רעדן מיט דער שפּראך, וואָס דאָס פאָלק זאָל פארשטיין, און דורך געשטאלטן, וואָס זענען נאָענט צום לעבן פון פאָלק. אזא ליטעראטור וועט זיך מוזן לערנען אויף די מוסטערן פון די גרויסע קלאסיקער און אויפן בעסטן, וואָס די פאָלגנדיקע דורות שרייבער האָבן געשאפן.

מיר האָבן א סך ארבעט. כדי זי דורכצופירן, דארפן מיר זיך אָר־גאניזירן. זאָל דער איצטיקער קאָנגרעס שאפן די אָרגאניזאציע פאַר יידישער קולטור־ארבעט אין אַלוועלטלעכן מאסשטאב. זאָל ער אויפבויען דעם וועלט־צענטר פון דער יידישער וועלטלעכער פּראָגרעסיווער קולטור.

•

ד"ר לעווין: דאָס וואָרט האָט ח' קווירק.

פרענק קווירק (פּאַריינ. שטאטן)

כ'האָב דעם כבוד צו באַגריסן דעם קאָנגרעס אין נאָמען פון די אַמע־ריקאנער יידישע פּלאסטיקער.

פאַר אונז איז קולטור גאָר א וויכטיקער ענין. דער רוף צו א קולטור־קאָנגרעס איז פאַר די יידישע קינסטלער אין אמעריקע געווען אן אָנגענע־מע און דערמוטיקנדיקע איבעראַשונג.

מיר, קינסטלער, קענען ניט אָפּטיילן דאָס וואָרט: קונסט, פונם וואָרט: ליטעראטור. זיי זענען פאַר אונז ענג פארבונדן.

מיר ווענדן זיך צו אַלע יידישע קינסטלער־פּלאסטיקער אין גאָר דער וועלט, זיי זאָלן מיטהעלפן דערצו, אז קולטור און קונסט זאָלן ווערן די דאָמינירנדיקע פאקטאָרן אינם לעבן פון א פריי, יידיש פאָלק.

י. ליכטנשטיין (פראנקרייך)

חברים, כ'ליג פאָר, אז דער קאָנגרעס זאָל באערן מיט אויפשטיין דעם אָנדענק פון די פריצייטיק־פארשטאָרבענע יידישע קינסטלער: מאָדי־ליאַני, קאזלאָוו, און י. ב. ריבאַק.

באגריסנדיק דעם קאָנגרעס אין נאָמען פון א גרופע יידישע קינסט־לער אין פאריז, דריק איך אויס מיין ווונטש, אז די גאַנצע משפחה פון די יידישע קינסטלער אין גאָר דער וועלט, זאָל אין קורצן זיין אומשטאַנד מיטצואַרבעטן מיט אַלע אינסטיטוציעס, וואָס דער קולטור־קאָנגרעס וועט שאפן אין נאַציאָנאַלן און אין אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב.

י. פאַפּיערניקאָוו (פּאַלעסטינע)

חשובע פאַרזאַמלטע, דעלעגאַטן און געסט,

איך באגריס אייך דאָ אין נאָמען פונם יידישן ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־קלוב אין פּאַלעסטינע, ווו יידיש — די יידישע שפּראַך און קולטור — ווערט אויפן שאַרפסטן אופן באַקעמפט און גערודפט. באַ־קעמפט ניט מצד ניט־יידן, נאָר מצד יידן, וועלכע האָבן אין זייער גאָר־לה־אידעע זיך געקרוינט פאַר די אויסדערוויילטע פונם יידישן פאָלק און זיך איבער אַ נאַכט דערקלערט אַלס „עם עברי", וועמענס לאָזונג: „עברי דבר עברית" ווערט אויסגעשפּרייט אויך איבער די גרענעצן פון פּאַלעס־טינע. דער דאָזיקער העברעישער שבט האָט אַ־ין קאַמף קעגן יידיש גע־שטעלט אין דינסט ניט נאָר די גיפטיקע פען פון דער גאַנצער העברעישער פּרעסע, נאָר אויך זשאַבאָטינסקיס אויסגעהאָדעוועטע פאַשיסטישע יוגנט — די ברוינע העמדלעך און דעם אַזוי גערופענעם „גדוד מגיני השפה", וועלכע ווערן דערמוטיקט און געשטיצט אין זייער אַנטי־יידיש־קאַמף מצד דעם העברעיסטיש־שאָוויניסטישן בירגערטום.

מען וואָלט באַדאַרפט פאַרנעמען דעם גאַנצן קאָנגרעס, ווען מען זאָל דאָ וועלן דורכלייענען דעם גרויסן געזאַמלטן מאַטעריאַל פון אַנטי־יידיש אַרויסטרעטונגען, וואָס נעמען אָפּט אַן ראַמען פון ברוטאַלסטן כוליגאַ־ניזם. דאָס טרויעריקסטע און פאַרדריסלעכסטע דערביי איז, וואָס די דאָ־זיקע אַרויסטרעטונגען קריגן די שטום־שווייגנדיקע הסכמה מצד די אָר־

בעטער־פירער פון דער דאָרטיקער אַלגעמיינער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע „הסתדרות“. די דאָזיקע אַרבעטער־פירער האָבן עס געשאַפן דעם באַ־קאַנטן צוויי־יאָר־געזעץ פאַר יידיש אין פּאַלעסטינע און האָבן נאָך דעם מוט צו לייקענען די רדיפות אויף יידיש, ווען זיי קומען צו די יידיש־רעדנדיקע מאַסן אין אַנדערע לענדער.

אמת, מאַסן יידישע אַרבעטער און פֿאָלקס־מענטשן רעדן אויך אין פּאַלעסטינע יידיש, אָבער דאָס בלויז ביי זיך אינדערהיים, אָדער אין גאַס, וווּ מען קען נאָך דערוויייל ניט שטערן צו רעדן יידיש. אין עפנטלעכן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן ווערט יידיש ניט צוגעלאָזט. וווּ נאָר מען וואַרפט דאָס מינדעסטע קערנדל פאַר יידיש און יידישע קולטור, ווערט עס אויסגערוימט.

ס'איז אמת, אַז עפנטלעך אַרויסטרעטן אין יידיש קענען אויך געסט אין פּאַלעסטינע. און עס זענען אפילו פאַראַן אַזעלכע געסט, וואָס ניט נאָר מען דערלויבט זיי רעדן יידיש, נאָר מען בעט זיי רעדן יידיש און זיי זאָגן זיך אפילו אָפּ דערפון.

מיין ווונטש צום היינטיקן קאָנגרעס איז: ער זאָל מאַניפעסטירן אונזער קולטור־פאַרמעגן, אָנצייכענען פּלענער פאַר ווייטערדיקער קול־טור־אַרבעט און אויפהייבן אונזער שאַרפסטן פּראָטעסט קעגן די רדיפות אויף יידיש אין אַלע לענדער; אוועקשטעלן אָפן און ברייט די פראַגע פון יידיש אין פּאַלעסטינע. עס וואָלט געווען די גרעסטע עולה צו נעגירן די גרויסע מאַסן פּאַלעסטינער יידישע אַרבעטער און פֿאָלקס־מענטשן, וואָס מען האָט מאָראַליש און פיזיש באַרויבט פון זייערע עלעמענ־טאַרסטע רעכט אויף אויסלעבן זיך אין זייער קולטור און אין זייער שפּראַך: יידיש.

עס וואָלט געווען די גרעסטע עולה, מען זאָל נעגירן די פּיאָנערן פון יידיש אין פּאַלעסטינע, די יידישע שרייבער־גרופּע, וועלכע האָט צווישן זיך אַזעלכע באַדייטנדיקע יידישע קולטור־טוער, ליטעראַטור־קריטיקער און פּילאָלאָגן, ווי דאָס זענען: ראַפּאָלקעס, ח. זרובבל, דניאל לייבל, יש־ראל רובין, גאָלאָמב, ערעם, פּעטערזייל, לייב חיין און אַזעלכע צוזאָגנ־דיקע טאַלענטירטע בעלעטריסטן, ווי: שמואל איזבאַן, א. ריוועס, יוסף הייבלום און די דיכטער: יעקב שאל, אברהם לעוו און אַנדערע. די דאָזי־קע שרייבער־גרופּע אַרום דער איינציקער יידישער צוויי־וואָכן־צייטונג „ניי־וועלט“ האָט שוין באַוויזן באַקאַנט צו מאַכן זיך מיט ביכער, ראָמאַ־

נען, נאָוועלן און לידער פֿונם נייעם פּאַלעסטינער לעבנסשטייגער און צו שאַפֿן זיך אַ ברייטע פּעריפֿעריע פֿון די, וואָס לעבצן ממש נאָך אַ יידיש וואָרט.

אומפּאַרטייש — קען איך דאָך ניט פֿאַרבייגיין, ווען איך רייד אָן די אַנגעוויטיקטע פֿראַגע: „יידיש אין פּאַלעסטינע" — כ'זאָל ניט דער־מאָנען די איינציקע קעמפֿער דאָרט פֿאַר די רעכט פֿון יידיש: די לינקע פּועלי־ציון־פּאַרטיי, וועמענס חברים עס שטעלן אונטער אויף די יידישע אונטערנעמונגען זייערע קעפּ, וועלכע כ'האָב ניט איינמאָל געזען צעבלוטיקט.

לעבערלעך קלינגט דעריבער די באַשולדיקונג, אַז די לינקע פּועלי־ציון־פּאַרטיי וויל מיט די בלוטיק צעשלאָגענע קעפּ שלאָגן פּאַרטיי־קאַפּי־טאַל אויפֿן חשבון פֿון יידיש. אַזאַ פּאַרטיי וואָלט געקענט מאַכן אַ סך אַ בעסערע פּאַרטיי־קאַריערע, ווען זי זאָל זיך אָפּזאָגן דאָרט פֿונם קאַמף פֿאַר די רעכט פֿון יידיש.

איבערגעבנדיק דעם דאָזיקן יידיש־גרוס פֿון פּאַלעסטינע, אַפּעליר איך צו די דעלעגאַטן פֿון היינטיקן קאָנגרעס, — ניט נאָר צו פּראָטעסטירן קעגן דער אונטערדריקונג פֿון דער יידישער שפּראַך אין פּאַלעסטינע, נאָר צו העלפֿן די, וואָס פֿאַרטיידיקן דאָרט אונזער אַלעמענס כבוד. העלפֿן די, וואָס היטן די גאָלדענע קייט פֿון פּרץ, מענדעלען, שלום עליכמען ביז לייוויקן און אָפּאַטאָשו.

ס.ביילין (דענעמאַרק)

חשובֿע קולטור־שאַפֿער, קולטור־טרעגער און קולטור־געניסער,

איך ברענג אייך אַ גרוס פֿון אַ ווינקל אין צפֿון, וווּ עס בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט פֿון אַסימילאַציע. און דאָך לעבן מיר דאָרט אַ גאַנץ אינ־טענסיוו יידיש קולטור־לעבן. דאָס איז אַ גרוס פֿון קאָפּענהאָגן, דענע־מאַרק, וווּ עס געפֿינט זיך אַ קליינער יידישער ישוב מיט אַן ערך פֿון אַ פֿינף טויזנט יידן — שוין אַריינגערעכנט די דענישע „יאהודים", וואָס זענען הונדערט־פּראָצענטיקע דענער.

און דאָך קען איך אייך דערציילן, אַז אין אונזער קליינעם ישוב זע־נען פֿאַראַן גאַנצע 10 יידישע פֿאַריינען און גרופּן, וואָס אַרבעטן —

מער, אָדער וויי‍ניקער — אויפן געביט פון דער יידישער קולטור און פירן זייער טעטיקייט כמעט אַלעמאָל אין דער יידישער שפּראַך. און אויב עס געפינט זיך ביי אונז אַ גרופּע יוגנט, וואָס פירט איר קולטור־טעטיקייט ניט אויף יידיש, גרופּירט זי זיך טאַקע אַרום די אַסימילאַטאָרישע קרייזן.

און אַט וויל איך מיר דערלויבן דערציילן אייך, ליבע חברים און פריינט, אין עטלעכע קורצע ווערטער, מיט וואָס עס פאַרנעמען זיך אונ־זערע יידישע פאַריינען.

מיר האָבן ביי אונז צוויי יידיש־דענישע שולן, ווו דער אונטערריכט איז אין דעניש; אָבער מיר האָבן אויך אַ יידישן „עלטערן־פאַריין", וואָס זאָרגט פאַרן לימוד פון יידיש, וועלכער ווערט אויך געלערנט אין די דער־מאָנטע צוויי שולן.

מיר פאַרמאָגן אַ קולטור־פאַריין „צוקונפט", וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער יידישער ליטעראַטור, מיטן יידישן טעאַטער, ייד. קונסט א. ד. גל. דער דאָזיקער פאַריין האָט זיין דראַמקרייז, וואָס שפּילט יידיש טעאַטער מיט אַמאַטאָרן, אָבער טאַקע דערפאַר שטייען ביי אונז די טעאַטער־פאָר־שטעלונגען אויף אַ העכערער מדרגה, ווי דער דורכשניטלעכער יידישער פּראָפעסיאָנעלער טעאַטער.

ס'ווערן ביי אונז אויך דורכגעפירט פּאָרטראַגן, וויסנשאַפטלעכע, לי־טעראַרישע, קינסטלערישע א.אַ.וו. יידישע פּאַרלעזונגען, קאָנצערטן.

ס'ווירקט ביי אונז אַ יידישער געזאַנג־פאַריין „הזמיר", וואָס פיי־ערט באַלד זיין 25־יאָריקן יובל, אַ „יידישער אַרבעטער־קולטור־פאַריין" מיט אַ יידישער ביבליאָטעק, וואָס גרייט זיך צו פייערן זיין 30־יאָריקן יו־בילוי. ביי אונז איז דאָ דער „איקאָר", וואָס האָט שוין געפייערט זיין 10־יאָריקן יובל און וואָס איז זייער אַקטיוו אין אַלע הינזיכטן.

מיר האָבן אַ האַנטווערקער־פאַריין, אויך אַ „פאָלקס־פאַריין" פון מיטלשטאַנד, וואָס באַטייליקט זיך אין קולטור־אונטערנעמונגען, אַ ספּאָרט־פאַריין „הכוח"; אַ חוץ נאָך אייניקע געזעלשאַפטלעכע אָדער הילפס־קאָמיטעטן.

עס גייען ביי אונז אַרויס אַ פּאָר יידיש־דענישע צייטשריפטן — ליידער נאָר אין דער דענישער שפּראַך (אין יידיש קאָסט עס ביי אונז צו טייער).

מיר זענען מיט אייך און ווילן אויך ווייטער מיט אייך זיין, סיי אין יידישע ליידן, סיי אין יידישע פריידן.

מיר לעבצן נאָך פרישע אימפּולסן פון אונזער „יידישלאַנד“ און מיר ווילן טראָגן צוזאַמען ציגל צום גרויסן בנין, וואָס דער קולטור־קאָנגרעס וועט אויפבויען. מיר באַגריסן דעם קאָנגרעס און ווינטשן אַ דערהויבונג פון דער גאַנצער יידישער קולטור.

ד"ר לעווין: דאָס וואָרט צו זיין רעפעראַט אויף דער טעמע „די יידישע פאָלקס־אינטעליגענץ, איר ראָל און אירע אויפגאַבן“ האָט ח' בן־אדיר.

א. בן־אַדיר (פראַנקרייך)

איך האָב ניט בדעה צו באַטראַכטן די אַלגעמיינע, גוט באַקאַנטע, כמעט קלאַסישע טעמע וועגן אינטעליגענץ און פאָלק בכלל. מיר דוכט, אַז אַלץ, וואָס מ'קען איבער דער טעמע זאָגן, איז שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרן, — און דערצו איז די זאַך פאַר אונז צו אַקאַדעמיש. איך וויל דעריבער זיך אָפּשטעלן נאָר אויף דער באַזונדערער, ספּעציעלער ראָל פון דער יידישער אינטעליגענץ — פון דער אינטעליגענץ פון אַ פאָלק, וואָס איז צעזייט צווישן אַנדערע פעלקער, און וואָס, אַ חוץ אין ראַטן־פאַרבאַנד, איז עס פאַקטיש אין ערגעץ ניט אָנערקענט געוואָרן אין עפנט־לעך־רעכטלעכן זינען, ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט, און דער עיקר — אין ערגעץ זענען ניט געזיכערט געוואָרן זיינע רעכט, ניט פּאַפּירענע, נאָר רעאַלע, ווירקלעכע, אויף נאַציאָנאַל קולטורעלער אַנטוויקלונג. די מלוכות, אין וועלכע עס לעבן גרעסערע אָדער קלענערע טיילן פון יידישן פאָלק, אַפילו יענע פון זיי, וווּ יידן געניסן פון פולער גלייכבאַרעכטיקונג, ווייסן ניט און ווילן ניט וויסן פון קיין נאַציאָנאַלע רעכט פאַרן יידישן קאָלעקטיוו. לא די, וואָס זיי שאַפן ניט קיין געהעריקע מלוכהשע אינסטי־טוציעס און אַנשטאַלטן, וואָס זאָלן זאָרגן וועגן דער נאַציאָנאַל־קולטו־רעלער אַנטוויקלונג פון די יידישע קיבוצים, לא די וואָס זיי בויען ניט קיין יידישע שולן, פון נידעריקע ביז העכערע, קיין יידישע אַקאַדעמיעס, מוזעומס, טעאַטערס וכדומה, נאָר פאַרקערט — על פי רוב ווערט פון זיי פאַרמישפּט די עצם שטרעבונג צו נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַנט־

וויקלונג, ניט זעלטן אפילו גערודפט און שיקאנירט.

די יידישע באפעלקערונג, על כל פנים יענע טיילן אירע, וואס קענען ווי געהעריק גניסן פון די קוואלן פון קולטור נאר ווען זי ווערט זיי געגעבן אין די אייגנטימלעכע נאציאנאלע פארמען, אין דער אייגענער מוטער־שפראך, און וואס האבן בכלל אן אינעווייניקסטע באדערפעניש קולטורעל אויסצולעבן זיך אין דער אייגענער נאציאנאלער אטמאספערע, זענען אנגעוויזן אויף זיך אליין, אויף די אייגענע כוחות און מיטלען און אויף דער אנפירונג פון דער יידישער אינטעליגענץ, געוויער — פון יענעם טייל אירן, וואס איז געבליבן געטריי דעם יידישן פאלק און די יידישע פאלקס־מאסן.

און דא טרעט פאר אונז גלייך שטארק אין בולט ארויס, פון איין זייט, די שווערע, אפט אומדערטרעגלעך שווערע, ניט זעלטן ממש טראגישע לאגע פון דער דאזיקער אינטעליגענץ, און פון דער אנדערער זייט — די אויסשליסלעך גרויסע און פאראנטווארטלעכע ראל, וואס איז אויסגעפאלן אויף איר גורל. ביי די אומות העולם קומט די אינטעליגענץ אויף אלעם גרייטן. דורות נאך דורות האבן באארבעט דעם קולטור־באדן, געאקערט, געזייט און געפלאנצט, אויפגעשטעלט מעכטיקע און פרעכטיקע קולטור־פעסטונגען, גאנצע פאלאצן, און אין זיי — רחבות־דיקע טישן פול שפע, צו וועלכע די אינטעליגענץ ווערט פארבעטן צו גניסן מן המוכן. אין פארגלייך מיט די נידעריקערע שיכטן, מיט די פאלקס־מאסן, געפינט זיך די אינטעליגענץ אין א פיל בעסערער, פריווילעגירטער לאגע, און דערפון נעמט זיך דער אלץ וואקסנדיקער, על כל פנים ביז דער לעצטער צייט, דראנג צו די אזוי גערופענע ליבעראלע פראפעסיעס, דאס שטרעבן איינגעשלאסן צו ווערן אין די רייען פון דער אינטעליגענץ.

לגמרי אן אנדער בילד טרעפן מיר, ווען מיר ווענדן אונזער פנים צו דער יידישער פאלקס־אינטעליגענץ. פאר איר איז דער קולטור־באדן כמעט נאך גארניט פארבאריייט, גאר ווייניק געאקערט, געזייט און געפלאנצט, פון קולטור־פעסטונגען און פאלאצן איז קיין זכר ניטא און וועגן גרויסע טישן פול שפע קען זי אפילו ניט חלומען. קיינער האט פאר איר דעם וועג ניט אויסגעלייגט, זי איז געצוווּנגען אליין דורכשלאגן אים דורך שפיציקע שטיינער און שטעכיקע דערנער.

די אַלגעמיינע יידישע אינטעליגענץ איז געווען געשטעלט געוואָרן פאַר אַ גרויסן נסיון: פון איין זייט די גרויסע, רייכע און רחבותדיקע קולטור־וועלט, וואָס האָט ברייט געעפנט די טויערן פאַר דער דאָזיקער אינטעליגענץ און וואָס האָט אַזוי געצויגן צו זיך מיט אירע גרויסע מעגלעכקייטן און פּראַכטפולע פּערספּעקטיוון. און פון דער אַנדערער זייט — דאָס אייגענע, אָבער אָרעמע, פּאַראיינזאַמטע יידישע לעבן, אָן שום פּראַכט און גלאַנץ, מיט אַזוי וויניק ליכט און פרייד, ווו אַלץ איז עפּעס קליין, באַגרענעצט און אַזוי פאַרוואָרפן, העט־ווייט פון אַלגעמיינעם מעכטיקן קולטור־שטראָם. ניט פיל זענען דעם נסיון בייגעשטאַנען, דער איבערגרויסער טייל איז אַוועק פון אונז און איבערגעלאָזן די אָרעמע און פינצטערע יידישע מאַסע אויף גאָטס באַראָט.

צווישן אָט די אַנטרונענע איז געווען אַ היפּשע צאָל גרויסע און גאָר גרויסע שטערנס און זונען, וואָס האָבן דערנאָך געלויכטן דער גאַנצער מענטשהייט. מיר וועלן אויף זיי קיין שטיינער ניט וואַרפן. אין אָרעמען און פינצטערן יידישן ווינקל איז ניט געווען קיין פּלאַץ פאַרן אויפבלי פון זייער גרויסער קראַפט, פאַר דער פונאַנדערוויקלונג פון זייערע קאָלאָסאַלע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן. אָן די נייטיקע ליכט און לופט וואָלטן זיי פאַרוועלקט, און פאַר דער מענטשהייט וואָלטן גרויסע לייכט־טורעמס פאַרלאָרן געגאַנגען. איז דאָך דאָס ווייל פון דער מענטשהייט, די אַלמענטשלעכע קולטור — דער העכסטער קריטעריום פאַר גוט און בייז.

אָבער פאַר די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר האָט זיך די אַלגעמיינע סיטואַציע פאַר דער יידישער אינטעליגענץ שטאַרק געביטן. פון איין זייט איז דער וועג צו דער פרעמדער וועלט און דער פרעמדער קולטור ענגער געוואָרן און באַדעקט געוואָרן מיט פאַרשיידענע שטרויכלונגען און שטערונגען. פון דער אַנדערער זייט זענען אויפגעקומען אין יידישן לעבן גרויסע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, וואָס האָבן געזעלשאַפטלעך שטאַרק אויפגעברויזט גרעסערע יידישע מאַסן, געהויבן זייער גייסטיקן ניוואָ, זייערע קולטורעלע השגות און באַדערפענישן, זייער סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. דאָס האָט געמוזט פאַרכאַפּן אויך גרעסערע טיילן פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָבן פאַרבונדן זייער גורל מיטן גורל פון די דאָזיקע מאַסן. און ס'איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנץ גרויסע מחנה פון יידישער אינטעליגענץ, וואָס לעבט זיך

אוים געזעלשאַפטלעך אין דער יידישער סביבה און איר גיט זי אָפּ אַלע קולטורעלע כוחות אירע.

ס'האָט זיך אָבער פאַר דער דאָזיקער אינטעליגענץ, איבערהויפּט פאַר יענעם טייל אירן, וואָס אַרבעט און שאַפט אויפן באָדן פון דער מאָדערנער קולטור אין יידיש, די אויסערע, אָביעקטיווע לאַגע גאַנץ ווייניק געענדערט. קודם כל פעלט נאָך עד היום דער יידישער קולטור די געהעריקע מאַטעריעלע באַזע, וואָס נאָר די מלוכה מיט אירע גע־וואַלטיקע רעסורסן קען אַזוינס פאַרשאַפן. ווי געזאָגט, איז אַ חוץ אין ראַטן־רוסלאַנד, די יידישע קולטור אַנגעוויזן בלויז אויפן גאָר שוואַכן און ווייניק זיכערן מקור פון פּריוואַטע און געזעלשאַפטלעכע מיטלען. אָבער אויך דער דאָזיקער מקור איז פאַר דער מאָדערנער קולטור אויף יידיש ביזן לעצטן מינימום באַגרענעצט. די יידישע בורזשואַזיע אין אַלע אירע שאַטירונגען, סיי די גאַנץ און האַלב אַסימילירטע, סיי די עקסט־רעם־נאַציאָנאַלע, האָט אַ שאַרף נעגאַטיווע, אַ טיף פיינטלעכע באַציִונג צו יידיש. פאַר איר איז יידיש, בידוע, אַ מין געטאָ־לאַטע, עפּעס אַ וויסטע ירושה פון פינצטערניש און באַרבאַריזם, אָדער אַ גלות־הויקער, וואָס מוז אויסגעראָטן ווערן עד חרמה. און דאָס הייסט, אַז די מער ווייניק באַדייטנדיקע מיטלען, וואָס אַט די פאַרמעגלעכע שיכטן זענען ביכולת צו שאַפן, קומען לחלוטין ניט אין באַטראַכט פאַר דער קולטור אויף יידיש. זיי זענען אינגאַנצן געווידמעט דער קולטור אויף פרעמדע שפּראַכן און טיילוויז דער יידיש־רעליגיעזער און דער העברעישער קולטור. איך וויל דאָ, ווי אַן אילוסטראַציע, אָנווייזן אויף איין קליינעם ביישפּיל, וואָס איז מיר נאָענטער באַקאַנט, איינעם פון הונדערטער, טויזנ־טער אַזוינע: מיר האָבן יידישע ענציקלאָפּעדיעס אין ענגליש, רוסיש, דייטש. ס'האָט זיך געפונען אַ גאַנץ היפּשע צאָל יידישע מעצענאַטן, וואָס האָבן געגעבן דאַרויף לפי־ערך גאַנץ גרויסע מיטלען און דערמיט געשאַפן די מעגלעכקייט אוועקצושטעלן די זאַך אויף אַ סאָלידער מאַ־טעריעלער באַזע. אָבער ווען מיר זענען צוגעטראָטן ארויסצוגעבן די אַל־געמיינע ענציקלאָפּעדיע אויף יידיש, האָבן מיר ניט געקענט געווינען פאַר דעם קיין איין־און־איינציקן יידישן מעצענאַט. און איך קען אייך אויסזאָגן אַ סוד, אַז ווען מיר זאָלן פאַרמאָגן בלויז אַ צענט חלק פון די מיטלען, וואָס בלויז איין מעצענאַט האָט געגעבן פאַר דער דייטשער „ענציקלאָפּעדיא יודאיקא", וואָלט די אויסגאַבע פון אונזער אַלגעמיי־

נער ענציקלאָפּעדיע אויף יידיש געווען דורכויס געזיכערט און אונז וואָלט ניט אויסגעקומען ממש מיט נסים אויפצושטעלן אָט דעם גרויסן קולטור־בנין.

היוצא מזה — אַז אונזער מאָדערנע קולטור אויף יידיש איז אָנגעוויזן בלויז אויף די בוכשטעבלעכע גראָשנס פון אונזערע אָרעמסטע שיכטן — פון דער אַרבעטערשאַפט און דער ראַדיקאַלער דעמאָקראַטיע. ביי דער גאַנצער אָפּפערוויליקייט פון די דאָזיקע שיכטן זענען די מיטלען, וואָס זיי קענען פאַרשאַפן, אַזוי נישטיק אין פאַרגלייך מיט די קולטורעלע הצטרכותן, אַז נאָר די אמתע מסירת־נפש פון אונזערע קולטור־טוער האָט מעגלעך געמאַכט, אַז אונזער קולטור־אַרבעט זאָל געפירט ווערן אין דעם פאַרנעם און אויף דער הויך, אויף וועלכער זי ווערט דאָך געפירט. ס'איז געשאַפן געוואָרן ביי אונז, איבערהויפּט אויפן געביט פון שול־וועזן, צווישן אונזער לערערשאַפט, אַווירקלעך העלדישע אַרמיי קולטור־טוער, וואָס אַרבעט מיט פאַנאַטישער איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך, יאָר־איין, יאָר־אויס, שוין יאָרן לאַנג, ביי די שווערסטע מאַטעריעלע באַדינגונגען, ביי אַ הונגער־לוין, וואָס אויך ער ווערט ניט אַלעמאָל אויסגעצאָלט. אַ העלדישע, אָבער אַ שטילע און באַשיידענע אַרמיי, וואָס לאָזט פון זיך ניט הערן, וואָס פּויקט ניט און טרומייטערט ניט וועגן איר מסירת־נפש, וואָס מאָנט ניט און פאָדערט ניט קיין שכר פאַר אירע מעשים און וואָס איז ניט געשטעלט געוואָרן אין אַ גלעזערנער הויז, אַלע אַרום זאָלן זי באַוווּנדערן, קוויקן זיך מיט איר און באַזינגען זי'...

דאָס איז אונזער גרויסער אַקטיוו, ניט נאָר קולטורעלער, נאָר אויך מאָראַלישער. אונזער מאָדערנע קולטור אויף יידיש האָט מיט וואָס שטאָלץ צו זיין. אָבער דאָס איז מחייב, דאָס לייגט אַרויף פליכטן אויף אונז אַלעמען. מיר אַלע דאַרפן זיין געוואַקסן צו דער דאָזיקער הויך און צו דער גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכער שליחות, וואָס וואַרט אויף אונז און וואָס מיר זענען באַרופן אויסצופירן.

נאָר קודם כל דאַרפן מיר זיך אָפּגעבן אַ קלאָרן דין וחשבון וועגן דער גרויס פון די אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר אונז. מיר טאָרן זיך ניט שאַפן קיין אילוזיעס בנוגע די אומגעהייערע שוועריקייטן און שטערונגען, וואָס אונז קומט אויס גובר צו זיין. איך האָב אָקאָרשט אָנגעוויזן אויפן פעלן פון דער מאַטעריעלער באַזע פאַר אונזער קולטור,

וואָס וועדט טייל־ווייז קאָמפּענסירט דורך אידעאַליזם און מסירת־נפש. אָבער דאָס איז ניט די איינציקע און ווייט ניט די גרעסטע שוועריקייט.

די מאָדערנע קולטור אויף יידיש האָט צו פירן אַן אויסערסט שווערן קאַמף ניט בלויז מיט פאַרביסענע שונאים פון אויסן און ביטע־רע קעגנער פון אינעווייניק, נאָר דער עיקר — מיט געוואַלטיקע, אָביעקטי־ווע, סטיכישע כוחות, וואָס גראָבן אונטער דעם עצם יסוד פון איר קיום. האָבן דאָך נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק די פיינט — מיט נחת־רוח און די פריינט — מיט פאַרצווייפלונג, שוין געציילט די גסיסה־טעג פון יידיש. און ווער קען עס לייקענען, ווער פילט עס ניט באַשיינפּער־לעך, ווי געוואַלטיק מעכטיק ס'זענען די פילפאַכע כוואַליעס פון דער פרעמדער קולטור, וואָס פאַרפלייצן אונז פון אַלע זייטן, איבערהויפט אין אַזאַ סטיכישער ספערע, ווי שפּראַך. און אויב מיט צענדליקער יאָרן צוריק האָבן מיר געהאַט פאַר די אויגן — אין די לענדער מיט גרויסע יידישע מאַסן־ישובים — איינגעטלעך נאָר דעם אויבערשטן דינינקן שיכט פון בורזשואַזיע און אינטעליגענץ, ווו ס'האָט געהערשט די שפּראַך־אַסימילאַציע, איז אַצינד דרינגט די שפּראַך־אַסימילאַציע דורך די גע־דיכטעניש פון די פאָלקס־מאַסן. די חברים און פריינט, ניט בלויז פון אַמעריקע, נאָר אויך פון אַנדערע לענדער, און טאַקע גופא פון פראַנק־רייך, וואָלטן מסתמא געקענט זייער פיל דערציילן וועגן דעם.

אודאי ווירקן דאָ אויך קעגן־טענדענצן. עס קומען אין באַוועגונג פאַקטאָרן, וואָס פאַרפעסטיקן דאָ און דאָרט די פּאָזיציעס פון יידיש. און ווי אַ זיכערער באַווייז דערפאַר קען דינען גופא די עובדא, וואָס די קאַטעגאָרישע נביאות וועגן אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג פון יידיש און דער קולטור אויף יידיש — וואָס לויט אַלע כללים פון לאָגיק, פון שכל הישר און לויט די באַשיינפּערלעכע אָנווייזונגען פון דער אומברחמנות־דיקער ווירקלעכקייט וואָלטן שוין לאַנג באַדאַרפט זיין אַ געשעענער פאַקט, — וואָס אַט די דאָזיקע נביאות ווערט נאָך עד היום ניט מקוים. צוזאַמען מיט די צעשטערנדיקע פּראָצעסן האָט דאָך די קולטור אויף יידיש צו פאַרצייכענען פאַר אַט דער צייט אויך גרויסע נצחונות. מ'דאַרף אָבער זאָגן, אַז דער הויפּט־פאַקטאָר, וואָס פירט צו די דאָזיקע נצחונות, איז די באַוווסטזיניקע, אַקטיווע, עקשנותדיקע, סיסטעמאַטי־שע קולטור־טעטיקייט פון אונזער פאָלקס־אינטעליגענץ און פון דער שוין גאַנץ באַדייטנדיקער — לויטן כמות און איבערהויפּט לויטן איכות —

מחנה שרייבער, דיכטער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַרן ציל פון זייער לעבן צו שאַפן אַט די מאָדערנע קולטור אויף יידיש.

ס'איז אָבער קלאָר: מיר שווימען קעגן דעם שטראָם. באַוווסטזיניקייט, אַקטיוון ווילן, מסירת־נפש, שאַפונגס־אימפּעט, אידעאַליזם, אָבער פון אַ דינינקן שיכט, בלויז פון אַן אַוואַנגאַרד, שטעלן מיר אַקעגן דער צעשטערנדיקער קראַפט פון דער בלינדער סטיכיע, וואָס בושעוועט איבערן גאַנצן פאָלקס־שטח. ניט קיין גלייכער קאַמף. דער קאַמף פון אַ דוד קעגן אַ גלית. און כדי אַזאַ קאַמף צו פירן צום ענדגילטיקן נצחון מוזן מיר אונזער קראַפט פאַרצענפאַכן, פאַרהונדערטפאַכן, און צוליב דעם מוזן מיר קודם־כל געזונט און פעסט מאַכן אונזערע אייגענע רייען און באַזייטיקן די חולאתן און גרונט־דעפעקטן פון אונזער טעטיקייט.

איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלן אויף אַ פּאָר זייער ערנסטע חולאתן, וואָס זענען גאָר אַ גרויסער שטער אין אונזער אַרבעט און וואָס מוזן געהיילט ווערן. ערשטנס, מוזן מיר מפשפש במעשים זיין, מיר מוזן האָבן דעם מוט אויפצודעקן און אָפן אנערקענען די זינד אונזערע, וואָס האָבן געפירט צו דער אָפּשוואַכונג פון אונזער מאָראַלישן אויטאָריטעט און אונזער גייסטיקער השפעה אויף די מאַסן.

די באַזונדערע תנאים פון אונזער געשיכטלעכן לעבן האָבן גורם געווען, אַז די אינטעליגענץ, וואָס איז ביז דער לעצטער תקופה פון עמאַנציפּאַציע און השכלה געווען דורכוים אַ רעליגיעזע, זאָל שפּילן ביי אונז אַן אויסשליסלעך אָנפירנדיקע ראָל, ניט נאָר ווי אַ לערערן און וועגווייזערן, נאָר אויך ווי אַן אידעאַלער מוסטער, צו וועלכן דער מאַסע־מענטש, דער פשוטער ייד פון אַ גאַנץ יאָר האָט געשטרעבט דערנענטערן זיך און נאָכמאַכן איר. איר גרויסע השפעה אויף די מאַסן האָט די דאָזיקע אינטעליגענץ געהאַט צו פאַרדאַנקען, דער עיקר, איר גרויסן גייסטיקן און מאָראַלישן אויטאָריטעט. ס'איז נאַטירלעך, אַז מיטן אויפקום פון דער נייער וועלטלעכער אינטעליגענץ זאָל מצד דעם מאַסן־מענטש אויף איר אַריבערגעטראָגן ווערן די איינגעוואָרצלטע באַציונג פון טיפער אכטונג, פון יראת־הכבוד, סיי ווי צו אַ לערערן און וועגווייזערן, סיי ווי צו אַ מוסטער אויף נאָכמאַכן אים. און ווירקלעך, די אַסימילירטע אינטעליגענץ האָט געווירקט אויפן יידישן לעבן ווי אַ באַדייטנדיקער אַסימילירנדיקער פאַקטאָר, ניט אַזויפיל דורך דער פאַרשפּרייטונג פון איר אַסימילאַציע־

אידעאָלאָגיע, ווי אַלס לעבעדיקער מוסטער, וועמען ס'האָבן מיט אַלע כוחות געשטרעבט נאָכצומאַכן, צוערשט, די סאָציאַל צו אים נאָענטערע באַלעבאַטישע שיכטן, און וואָס ווייטער אויך אַנדערע שיכטן. איבער־הויפּט די פּרעמדע שפּראַך איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ סימן פון לייטיש־קייט, פון אינטעליגענטישקייט, וואָס האָט אַזוי געצויגן צו זיך. און ווען שפּעטער האָט די נאַציאָנאַל געשטימטע אינטעליגענץ דערקלערט אַ קאַמף דער אַסימילאַציע־אידעאָלאָגיע, איז דאָך אין אַ באַדייטנדיקער מאָס איבערגעבליבן די אַסימילירנדיקע ווירקונג פון דער דאָזיקער אינטעליגענץ גופא אַלס אַן אַ ס י מ י ל אַ צ י ע ־ מ ו ס ט ע ר. און דערמיט האָט זי ניט נאָר אָפּגעשוואַכט איר אידעאָלאָגישע פּאָזיציע, נאָר האָט אַרונטערגעריסן איר מאָראַלישן אויטאָריטעט און השפּעה אויף די מאַסן.

די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס אַ גרויסער טייל פון אונזער אינטעליגענץ, וועלכע פירט אין עפנטלעכן, געזעלשאַפטלעכן לעבן אַ קאַמף, אָפט אַ שאַרפן און אַנטשיידענעם קאַמף, קעגן דער אַסימילאַציע־אידעאָלאָגיע, איז זי אָבער ביי זיך אין דער היים און אין די פּריוואַטע פּערזענלעכע באַציונגען דורכוים ממשיך דעם אַלטן אַסימילאַטאָרישן לעבנס־שטייגער. אין דער היים הערשט דורכוים די פּרעמדע שפּראַך און די פּרעמדע קולטור און אָפט איז דאָרט ניטאָ אַפילו קיין זכר פון יידיש און יידישער קולטור. דאָס קערט זיך כלומרשט ניט אָן צום געזעלשאַפטלעכן לעבן און צו דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, דאָס איז דאָך אַ פּריוואַטע זאַך, די פּרייע ספערע פון פּריוואַטן לעבן, וווּ יעדער האָט רעכט צו פירן זיך ווי זיין האַרץ גלוסט, פון קיינעם ניט געשטערט.

מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ דערשיינונג, וואָס גייט אַרויס פון די ראַמען פון אונזער קולטור־טעטיקייט, וואָס טראָגט אַ פיל גרעסערן, אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער. דאָס איז דאָס אַלגעמיינע פּראָבלעם וועגן די פאַרהעלטענישן צווישן פּריוואַטן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס זיין אומגעהויערן באַדייט האָט מען נאָך עד היום ווי געהעריק ניט אָפּגעשאַצט. ווען, למשל, איר באַטראַכט און אַנאַליזירט דעם שווערן קריזיס פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פאַר דער לעצטער צייט און פאַרטיפט זיך אין די סיבות, וואָס האָבן צו דעם געפירט, מוזט איר אָנערקענען, אַז צווישן די הויפּט־סיבות פאַרנעמט גאָר אַ גרויסן פּלאַץ דער ברוך צווישן פּריוואַטן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די פירער און אַקטיווע טוער פון דער באַוועגונג. דער פּשוטער מענטש, וואָס זיין אַרט דענ־

קען און פּוילן איז תמיד קאָנקרעט און זאַכלעך, קען ניט באַנעמען די טאָפּל־בוכהאַלטעריע פון געהויבענעם סאָציאַליסטישן שטרעבן און אָפּט גאַנץ נידעריקן, בירגערלעכן און קליינבירגערלעכן, פּריוואַט־לעבן פון אַט די פירער און טוער. און ווען עס פאַרשווינדט דער אָרעאָל און עס פאַלט דער מאָראַלישער אויטאָריטעט פון יענע, וואָס דאַרפן פאַרקערפּערן מיט זיך דעם אידעאַל, וואָס פּערזאָניפיצירן מיט זיך די באַוועגונג, גייט אויך פאַרלוירן דער צוטרוי פון אידעאַל, דער גלויבן אין דער באַוועגונג, און ביים ערשטן גרויסן נסיון ברעכט אויס די קאַטאַסטראָפע, און די אין פּלוג אויסערלעך־מעכטיקע באַוועגונג אַנטפּלעקט מיט אַמאָל איר אינע־ווייניקסטע צעפוילטקייט און זי צעקריכט גאָר אומדערוואַרט, ווי אַ שפּינוועב. ס'איז גענוג צו דערמאָנען די נאָך פרישע־צאַפּלדיקע קאַטאַסט־ראָפע פון דער סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד, כדי דאָס בילד זאָל קלאָר און דייטלעך אַרויסטרעטן פאַר אונז.

אָבער ניט בלויז אין גרויסע סאָציאַלע באַוועגונגען, נאָר אויך אין געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער אַרבעט פון קלענערן פאַרנעם, דאָרט נאָר ווו עס פאָדערט זיך דער צוטרוי פון די מאַסן, דאָרט, ווו דער מאָראַ־לישער אויטאָריטעט פון די אידעאַלאָגן און וועגווייזער שפּילט אַ גרויסע ראָל, דאָרט מוז דאָס פּריוואַטע לעבן פון אַט די אידעאַלאָגן און וועגוויי־זער געפינען זיך אין פולן הסכם מיט די אידעאַלן, וועלכע זיי פּרעדיקן.

די גרויסע, פאַראַנטוואָרטלעכע, אומגעהויער שווערע, מ'קען זאָגן איבער־מענטשלעכע שליחות, וואָס מיר האָבן אויף זיך גענומען, צו שווי־מען קעגן דעם מעכטיקן שטראָם, צו באַהערשן די בלינדע סטיכיע, — ליינגט אויף אונז אַרויף זייער גרויסע התחיבותן. און די ערשטע און וויכ־טיקסטע פון זיי איז קודם כל באַהערשן זיך אַליין, זיין צו זיך אויסערסט שטרענג און מיט עקשנות און פאַנאַטיזם דורכפירן אין אייגענעם פּריי־וואַטן לעבן דאָס, וואָס מיר פּרעדיקן, צו וואָס מיר רופן אַנדערע. מיר, די פאָלקס־אינטעליגענץ, מוזן ווערן דער לעבעדיקער מוסטער, פון וועמען די פאָלקס־מאַסן זאָלן האָבן וואָס זיך צו לערנען.

דאָס איז איינס.

די צווייטע, נאָך געפערלעכערע חולאת, וואָס מוז ראַדיקאַל גע־היילט ווערן, איז די באמת פאַרברעכערישע צעשפּליטערונג און דער שרעקלעכער ברידער־קאַמף, וואָס הערשט אין אונזערע רייען, וואָס

פארפעסטעט אונזער אטמאספער, וואס דעזארגאניזירט אונז און האט אונטער די פליגלען אונזערע. צו וואס פאר א קאטאסטראפע עס האט גע־פירט, פאר דער לעצטער צייט, אט די צעשפליטערונג און דער פאר־ביסענער ברידער־קאמף צווישן דער ארבעטערשאפט בכלל, איז אלעמען גענוג באקאנט. איך וויל דא ניט אנרירן דעם דאזיקן קראנקן פראבלעם אין זיין גרויסן פארנעם, ווי אזוי ער שפיגלט זיך אפ אין אונזער גאנצן געזעלשאפטלעך־פאליטישן לעבן. דאס וואלט מיך אביסל צו ווייט פאר־פירט פון די ענגע ראמען פון מיין טעמע. איך וויל אבער אנווייזן אויפן טיפן אונטערשייד, וואס הערשט דא צווישן אונזער פ א ל י ט י ש ן און ק ו ל ט ו ר ע ל ן לעבן. אונזער פאליטיש לעבן איז ענג און ארגאניש צוזאמענגעפלאכטן מיטן פאליטישן לעבן פון אונזערע שכנים ארום. אויפן פאליטישן געביט מאכן מיר ניט און קענען ניט מאכן שבת פאר זיך. מיר פירן ניט און קענען ניט פירן קיין ספעציעלע, אפגעזונדערטע יידישע פאליטיק. חוץ דעם איז אונזער ראל אין דער אלגעמיינער פאלי־טיק זייער א באשיידענע; מיר זענען געצוווּנגען צוצופאסן זיך צו די גרויסע הערשנדיקע אלגעמיינע פארטייען, צו יענע דאמינירנדיקע פאק־טארן, וואס באשטימען די אלגעמיינע פאליטיק. און ווי באלד אז מיר קענען ניט זיין זעלבשטענדיק, זענען מיר געצוווּנגען צו „יידלען זיך אזוי ווי עס קריסטלט זיך". און סוף כל סוף טראגן די אחריות פאר דער אלגעמיינער פאליטיק יענע, וואס באשטימען איר גורל.

גאנץ אנדערש — אין דער קולטור־ספערע. דא זענען מיר אנגעוויזן דער עיקר אויף זיך אליין, מיר אליין שמידן אונזער גורל, שפילן אליין די אנטשיידנדיקע ראל און טראגן אויף זיך אליין די פולע אחריות. דא זענען מיר ניט געצוווּנגען דורכוים צוצופאסן זיך צו אויסער אונז שטיי־ענדיקע דאמינירנדיקע פאקטארן, מיר קענען און דארפן פירן אונזער אייגענע זעלבשטענדיקע ליניע אין פולן הסכם מיט אונזערע אייגענע גאנץ באזונדערע און אייגנארטיקע לעבנס־אינטערעסן. און דא, אין די באדינגונגען פון דעם אויסערסט שווערן, ווי געזאגט, איבערמענטשלעך־שווערן קאמף, וואס אונז קומט אוים צו פירן פארן קיום און אנטוויק־לונג פון אונזער מאדערנער קולטור, איז די צעשפליטערונג פון אונזערע קנאפע כוחות און דער ברידער־האס נאך פיל מער פארברעכעריש און קען פירן צו אזוינע פאטאלע רעזולטאטן, אז אונזער קולטור זאל מער בכלל קיין תקומה ניט האבן. און פאר אט דעם פארברעכן פאלט די שולד

אינגאַנצן אויף אונז אַליין, פאַר אַט די פאַטאַלע רעזולטאַטן זענען מיר אַליין אינגאַנצן פאַראַנטוואָרטלעך.

און אַט דער גרויסער חטא, וואָס מיר באַגייען דורכדעם, ווערט נאָך פיל גרעסער דערמיט, וואָס אין דער ספערע פון קולטור איז ער ניט אַן ערך ווייניקער באַרעכטיקט איידער אין דער ספערע פון דער אַלגעמיינער פּאָליטיק. מ'קען זאָגן, אַז דאָ האָט די צעשפּליטערונג און דער ברידער־האַס קיין שום אָביעקטיוון יסוד ניט. אין דער פּראַקטישער אַרבעט אויפן געביט פון אונזער מאָדערנער קולטור אויף יידיש איז, אָביעקטיוו גענומען, כמעט ניטאָ קיין אונטערשיידן צווישן די פאַרשיידענע ריכטונגען און שאַטירונגען ביי אונז. קליינע ניואַנסן קומען ניט אין באַטראַכט. די אונטערשיידן, די כלומרשטע תהומען, ווערן אַהער קינסטלעך אַריינגעבראַכט פון דרויסן, פון די פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס שטרעבן אויסצונוצן, די קולטור פאַר זייערע פּאָליטישע צילן וואָס ווילן זי צווינגען דינען זייערע באַזונדערע, ספּעציעלע פּאָליטישע צוועקן. שטעלן מיר אָבער די קולטור אַלס אַ זעלבסט־צוועק, דעמאָלט — חזר איך איבער — קענען מיר שאַפן אַן אָרגאַנישאיינהייטלעכן פראָנט פון געמיינזאַמער פרוכטבאַרער חברשער אַרבעט. און דאָ, אויפן ערשטן צונויפקום פון די פאַרשיידנסטע ריכטונגען און שטרעמונגען ביי אונז, דאַרפן מיר פייערלעך פּראָקלאַמירן דעם עלעמענטאַרן אמת, וואָס מ'האָט אים שוין ביי אונז זינט לאַנגע יאָר געהאַט פאַרגעסן: אַז קולטור איז אַ זעלבסט־צוועק, אַ גרויסער און הויכער ציל פאַר זיך, אייגנטלעך דער גרעסטער און העכסטער ציל, וואָס טאָר ניט באַטראַכט און באַהאַנדלט ווערן בלויז אַלס מיטל פאַר אַנדערע צוועקן. פאַרקערט, פּאָליטיק איז מחויב, איז באַרופן צו דינען די צילן פון דער קולטור. פּאָליטיק דאַרף זיין אַ מיטל צו שאַפן אַלץ גרעסערע און בעסערע מעגלעכקייטן פאַרן כסדרדיקן וווּקס און אויפבלי פון קולטור.

וואָס־זשע פאָרט איז דער אומבאַדינקטער תנאַי, די ערשטע און לעצטע פאַרויסזעצונג פאַר אונזער חברשער געמיינזאַמער אַרבעט?

דאָס איז טאָלעראַנץ, און טאָלעראַנץ, און נאָכאַמאָל טאָלעראַנץ! וואָס באַטייט טאָלעראַנץ? טאָלעראַנץ באַטייט ניט קיין אָפּזאָג פון אייגענעם מהות, פון די אייגענע גלויבונגען און איבערצייגונגען. פאַרקערט — טאָלעראַנץ באַטייט די

אַנערקענונג פון דער העכסטער מאַיעסטעטישער חשיבות פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און איר באַזונדערן מהות. טאָלעראַנץ זעצט פאָרויס די פולע אַכטונג צו אַלע ערלעכע און אויפריכטיקע גלויבונגען און איבערצייגונגען. דאָס הייסט אָבער פאַר קיין פאַל ניט, אַז טאָלעראַנץ מיינט צו שאַפן עפּעס אַ מין אידעישע נירוואַנע, אַז זי שליסט אויס יעדן אידעישן קאַמף, ד"ה, אַז מיר דאַרפן זיך אָפּזאָגן צו באַקעמפן אידעיש יענע גלויבונגען און איבערצייגונגען, וואָס מיר האַלטן פאַר פאַלש. דאָס וואָלט געווען אַ דורכויס פאַלשע אויסטייטשונג, אַ פאַרקריפּלונג פון דעם עצם פּרינציפּ. דער דאָזיקער פּרינציפּ פון טאָלעראַנץ איז אַט וואָס געקו־מען אונז צו זאָגן: קיינער פון אונז פאַרמאָגט ניט דעם אַבסאָלוטן אמת. מיר האָבן פאַר זיך מער ניט קיין אַבסאָלוטן. מיט אַבסאָלוטן האָט אָפּע־רירט די מעטאַפיזיק, האָט געהאַט צו טון די רעליגיע. דערפאַר איז דאָרט ניט געווען און האָט ניט געקענט זיין קיין פּלאַץ פאַר טאָלעראַנץ. דער רעלי־גיעזער מענטש, וואָס ווייסט אַבסאָלוט, אַז ער באַהערשט דעם העכסטן, דעם געטלעכן אמת, און אַז אַלץ אויסער דעם איז פון טייוול, האָט ניט געקענט האָבן קיין אַנדער באַציונג צו פרעמדע גלויבונגען און איבער־צייגונגען, נאָר ווי צו עפּעס אַ רע מוחלט, צו אַן אַבסאָלוטן בייז, וואָס מוז אויסגעראָטן ווערן מיט אַלע מיטלען, מיט פייער און שווערד. וועגן דער געזעצמעסיקייט פון פרעמדע, זאָל זיין פאַלשע גלויבונגען און אי־בערצייגונגען, וועגן אַכטונג צו זיי האָט, נאַטירלעך, קיין שום רייד ניט געקענט זיין.

ערשט מיטן אויפקום פון דער אויפקלערונג, מיט דער אַנטוויקלונג פון קלאָרן באַוווסטזיין, אַז מיר, בשר ודמס, באַהערשן ניט און זענען ניט מסוגל צו באַהערשן דעם אַבסאָלוטן אמת, אַז אַלע אמתן, וואָס זענען אונז געגעבן, זענען שטרענג רעלאַטיווע, און דאָס הייסט, אַז דער אמת פון היינט קען מאָרגן ווערן פאַלש, און נאָך מער — אַז מיר זענען עלול צו האָבן גרונטלעכע טעותן, אַז דער אמת, וואָס שיינט אונז צו זיין כולו ריכטיק, איז אין דערווירקלעכקייט שוין היינט דורכויס פאַלש — אָט דאָס האָט באַשאַפן דעם זיכערן באָדן פאַרן פּרינציפּ פון טאָלעראַנץ, פאַר דער אָנערקענונג, אַז אונזערע מיטמענטשן זענען דורכויס ב א ר ע כ־ט י ק ט צו האָבן אַנדערע גלויבונגען און איבערצייגונגען איידער מיר, אַפילו אַזוינע, וואָס אונז ווייזט זיך אויס, אַז זיי זענען פאַלש. און אַז מיר דאַרפן, בכן, זיך באַציען צו זיי מיט פולער אַכטונג, און ניט וועלן

און פאַר קיין פאַל ניט דערלאָזן פאַרגעוואַלטיקן זיי, נאָר אויפן וועג פון אויפקלערונג אויפווייזן און דערווייזן די פאַלשקייט זייערע.

וועלן מיר זיך דורכדרינגען מיט אָט דעם עלעמענטאַרן קלאָרן און פשוטן טאָלעראַנץ־פּרינציפּ — קלאָרן און פשוטן, ווי אַלץ וואָס איז גע־ניאַל — מיט אָט דער העכסטער דערגרייכונג פון מענטשלעכן גייסט, וועלן מיר עס דורכפירן אין אונזער געמיינזאַמער אַרבעט, וועט עס זיין ניט בלויז אַ קאָלאָסאַלער געווינס פאַר אונזער מאָדערנער קולטור, אַ זי־כער מיטל פאַר איר אַנטוויקלונג, נאָר דאָס גופא וועט פאַר זיך זיין איינע פון אונזערע וויכטיקסטע קולטור־דערגרייכונגען, וואָס וועט קענען האָבן אַן אַנטשיידענע השפּעה אויף אַלע אַנדערע געביטן פון אונזער פּאָליטישן לעבן און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

לאָמיר איצט דאָ לייגן דעם ערשטן גרונטשטיין פאַר אָט דעם הער־לעכן בנין. דאָס וועט אפשר זיין אונזער גרעסטער אויפטו.

ד״ר לעווין: דאָס וואָרט, צו זיין רעפעראַט וועגן „אומפּאַר־טייישקייט אין דער יידישער קולטור־באַוועגונג“, האָט ח׳ איגנאַטאָוו.

דוד איגנאַטאָוו (פאַראייניקטע שטאַטן)

איך וואָלט ניט געווען גערעכט צו זיך און צו אייך, איך וואָלט גע־בליבן שולדיק אַ חוב, ווען איך וואָלט ביי דער געלעגנהייט ניט זאָגן: רבותי, איר ווייסט דאָך, אַז די גאַנצע וועלט איז אַ מעשה, אַ מעשה, וואָס האָט זיך נאָך אינגאַנצן ניט דערציילט און, אַז די מעשה פון דער וועלט איז דאָס אמתע ליכט פון דער וועלט. איך האָב אייך געזאָגט און וועל אייך נאָכאַמאָל זאָגן — רבותי, מיר זענען מעשהדיק און אַלץ, וואָס מיר טוען, איז מעשה. מיט אונזערע לעבנס דערהאַלטן מיר די מעשה פון דער וועלט. מיר ברענען און צינדן זיך אָן פאַר דעם אמתן ליכט פון דער וועלט — פאַר דער מעשה פון דער וועלט.

און האָב איך אייך שוין אָפּגעזאָגט דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט, וועט איר מיר, גלייב איך, פאַרגעבן, ווען איך וועל אייך דאָ איצט אַ מעשהלע דערציילן, בפרט נאָך, ווען דאָס איז אַ מעשה אַ פשוטע, אַ

מעשה שהיה, אַ מעשה, וואָס האָט זיך טאַקע פּאַרלאָפֿן.

אין דער שטאָט ניו־יאָרק איז אין אַן אָרעמער געגנט בײַ טאַטע־מאַמע אַ קינד געוואַקסן. איך קען אײַך אַפֿילו געבן דעם אַדרעס פֿון טאַטע־מאַמע און דעם קינד. די מאַמע האָט אָפּגעהיט, אַז דאָס קינד זאָל גיין שלאָפֿן ווי נאָר עס נעמט פֿינצטערן.

האַרט, ווי די מויערן פֿון דער אָרעמער געגנט, איז געווען דאָס לעבן פֿון די עלטערן. האָבן זיי זיך געוואָרעמט אין דער ליבע צום קינד. און ווײַל זיי האָט וויי געטון, וואָס זייער קינד וואַקסט צווישן די טרוקענע מויערן בלויז, האָבן זיי געשפּאָרט פֿון זייערע אָרעמע ביסנס, און אַז זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט גענוג, האָבן זיי מיט זיך אַרויסגענומען דאָס קינד אויפֿן דאָרף פֿאַר אַ וואָך. אַז דאָס קינד איז פֿון דער אָרעמער, שטאָטישער געגנט געבראַכט געוואָרן אויפֿן דאָרף, איז צו זײַנע איבעראַשונגען גאָר קיין גרענעץ ניט געווען. די אויגן האָבן זיך בײַ אים גענומען עפֿענען אַלץ ברייטער. טאַטע־מאַמע האָבן פֿאַר די הענטלעך געפֿירט דאָס קינד און אַלץ געוויזן נײַע וווּנדער — זעסט, אָט דאָס איז אַ הון און דאָס זענען אירע קינדער, הינדעלעך, איז דאָך דאָס אַ בפֿועל־ממשדיקער וווּנדער, און אָט דאָ איז אַ מאַמע גאַנדז מיט אירע גענדזעלעך — איז דאָך דאָס שוין וווּנדער איבער וווּנדער. איבערהויפּט נאָך, ווען פֿאַר אַלעמענס אויגן לאָזט זיך די גאַנדז מיט אירע גענדזעלעך אַראָפּ צו דעם טײַכל און נעמט זיך שיפֿלען איבער דעם וואַסער, אַ גאַנדז מיט לעבעדיקע גענדזעלעך, ווי אַ שפּילצייג איבער דעם וואַסער. און אָט דאָס, חײמל, זעסט, דאָס איז אַ בהמה מיט הערנער. און אָט דאָס, זעסט, דאָס איז אַ פֿערד. און דאָס קינד האָט אַלץ געגאַפֿט און געגאַפֿט און זיך ניט געקענט זאַט אָנקוקן אין די אַלע בפֿועל־ממשדיקע אַנטפּלעקערישע וווּנדער.

פּלוצלונג אָבער שרײַט דאָס קינד אויס:

— און וואָס איז דאָס, טאַטע?

די עלטערן קוקן זיך אַרום. דער פֿאַרנאַכט האָט זיך שוין מיט זײַן גאַנצער גרויס איבערגערוקט איבער די פֿעלדער און דאָרט אַרויף האָט זיך פֿון צווישן די אַנטקעגנדיקע בערג מיטאַמאָל אַרויסגערוקט אַ גרויסע, רונדע לבנה. און דאָס קינד ווײַזט אַלץ מיט אַ הענטל און פֿרעגט:

— טאַטע, וואָס איז דאָס?

— דאָס איז די לבנה, מײַן קינד, דאָס איז די לבנה.

ווען מען האָט נאָכדעם דאָס קינד געלייגט שלאָפֿן, איז עס געווען

איבערגעפולט מיט אַט די אַלע וווּנדערלעכע וווּנדער. אָבער איבער אַלע וווּנדער האָט זיך אַרויסגעהויבן די גרויסע רונדע לבנה און ווי נאָר טאַ־טע־מאַמע האָבן צוגעמאַכט די טיר, האָט זיך דאָס קינד אַראָפּגעכאַפּט פון בעטל, איז צו צום פענצטער, צו כאַפּן נאָך אַ קוק אויף דעם באַשע־פעניש, דער לבנה. אָבער אינדרויסן, פאַר דעם פענצטער איז קיין לבנה ניט געווען. דאָס קינד האָט מיט שרעק דערזען בלויז צעבראָכענע, בלי־ציקע שטיקלעך, צעשפּרונגען און צעוואָרפן אויף דעם הימל. פון שרעק האָט דאָס קינד מיט באַנומענע קולות גענומען שרייען. ווען טאַטע־מאַ־מע זענען אַריינגעלאָפן, איז דאָס קינד מיט טרערן אין די אויגן צוגעפאַלן צו זיי, שרייענדיק:

— די לבנה איז צעבראָכן.

— ווו? — פרעגן די עלטערן — וואָס רעדסטו?

אַט דאָרט, אין פענצטער, אין טויזנטער שטיקלעך, איבערן הימל צעבראָכן.

דער טאַטע, אַ פאַרשולדיקטער, האָט נאָכדעם אָנגענומען דאָס קינד ביים הענטל, עס צוגעפירט צום פענצטער:

— זע, מיין קינד, דאָס זענען ניט קיין צעבראָכענע שטיקלעך פון דער לבנה, דאָס זענען די שטערן פון הימל, שטערן אַזוי פיל און די לבנה איז ניט צעבראָכן, כאָטש דו זעסט זי ניט איצט, איז זי פאַראַנען, איבערן דאַך, אויף יענער זייט דאַך שטייט איצט די לבנה, אַ רונדע, אַ גאַנצע.

און די מאַמע האָט צוגעלייגט:

— ווי אַ הון מיט אירע הינדעלעך, ווי אַ גאַנדז מיט אירע גענדזע־לעך, גייט איצט, שווימט איצט די לבנה אין הימל מיט אירע שטערן אַלע.

און כדי אינגאַנצן צו באַרויקן דאָס קינד, האָבן די עלטערן דאָס אַרויסגענומען אין דרויסן און אים געוויזן ווי ריין און גאַנץ עס הענגט איבערן דאַך די לבנה.

— באַרויק זיך חיימל, זיי רויק, זעסט אַט די לבנה — ווי אַ לבנה און די שטערן — ווי שטערן.

און רבותי, מיר זענען דאָך אַלע קינדער, מיר זיצן דאָך אַלע אויף דעם ברעג פון אומענדלעכקייט און דערציילן זיך אַלע, דורך ווערטער און דורך טוענישן, די מעשה פון דער וועלט, וואָס האָט זיך נאָך אינ־

גאַנצן ניט דערציילט. מיר, וואָס רייסן זיך צו שלימות, אפילו ווען מיר ווייסן ניט, אַז מיר טוען עס; מיר, וואָס רייסן זיך צו שלימות דורך אַלע פאַרשיידנאַרטיקע, אַנטקעגנגעזעצטע רעגונגען, וואָס לעבן אין אונז; מיר, וואָס ווייסן, אַז ניט קוקנדיק אויף דער צעריסנקייט אין אונז, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די פאַרשיידנאַרטיקע עמאָציעס אין אונז, אַרבעטן אַזוי ווי כמעט יעדע פון זיי וואָלט פאַר זיך געהאַט אַ באַזונדערן נערוון־סיסטעם; מיר, וואָס ווייסן, אַז אָט די באַזונדערע רעגונגען אין אונז זענען פונדעסטוועגן פאָרט אונטערגעוואָרפן אַ געאייניקטן, קאָנטראָלירנדיקן נערוון־צענטער; מיר, גראָד מיר, לאָזן בנוגע דער וועלט אוים פון אויג אָט דעם קאָנטראָלירנדיקן צענטער, אָן וועלכן די וועלט וואָלט באמת ניט געקענט עקזיסטירן; מיר זענען אַזוי אָפט גרייט אָנצונעמען, אַז די גאַנצע וועלט איז אין שטיקלעך צעבראָכן.

אָט צו אונז, צו זיך אַליין, ווילט זיך זאָגן ביי אָט דער געלעגנהייט: — רבותי, עס מעגן זיין פאַרטייען, געזינונגען אַלערליי, זיי זענען אַלע באַרעכטיקט, אָפט ווי דער עק, וואָס שלעפּט זיך נאָך דעם אָף, אָפט ווי שיינענדיקע שטערן, אָפט ווי אַ פייער, וואָס קלייבט זיך צו פאַרלענדונג. אָבער געדענקט — אויסער אָט די אַלע פאַרטייען און געזינונגען, איז אויך פאַראַנען די אומפאַרטייישע פאַרטיי; כאָטש מען קען ניט אָנגעבן דאָס יאָר און דעם טאָג, ווען זי איז געגרינדעט געוואָרן, ווי מען קען דאָס אָנגעבן וועגן די אנדערע פאַרטייען, כאָטש איר פּראָגראַם און קאָנסטיטוציע איז ניט אָפּגעדרוקט שחור על גבי לבן און אירע מיטגלידער האָבן ניט קיין פאַקטישע מיטגלידער־קאַרטן, איז אָבער אָט די פאַרטיי פאַראַנען, זי איז דאָ און שפּילט איר גרויסע ראָל פאַר די פאַרטייען און פעלקער פון דער וועלט, פונקט ווי עס איז אויסער די אַלע געזעצן, וואָס זענען פאַרשריבן אין די געזעצביכער פון דער וועלט, אויך פאַראַנען דאָס *ניט געשריבענע געזעץ*, וואָס שפּילט זיין ראָל אין דער וועלט פון געזעץ. אָט די ניט־פאַרשריבענע, ריכטיקער, ניט אָרגאַניזירטע פאַרטיי, איז ערגעץ אויף איר אופן אָרגאַניזירט. גרויס איז די אַחריות פון אָט דער אומפאַרטייישער פאַרטיי, וואָרום זי איז דאָס די, צו וועלכער עס קומען זיך משפּטן אַלע פאַרטייען און אויך אַלע פעלקער פון דער וועלט. זי, אָט די אומפאַרטייישע פאַרטיי, איז דאָס די טרעגערן פון דעם געוויסן פון דער וועלט. די מענטשהייט טיילט פון זיך אַרויס, איבער גאַנץ געזעצמעסיקע סיבות, ספּעציעל צוגעפּאַסטע

מענטשן, וואָס זענען באַרופן צו דינען די פליכטן פון אַט דער פּאַרטיי פון אומפּאַרטייאיש. די מענטשהייט פילט, אַז זי דאַרף האָבן ריכטער. יעדע פּאַרטיי, יעדעס פֿאָלק מעג פאַר זיך מיינען, אַז צו איר געהערט די גאַנצע וועלט, מעג זיך וועלן פאַרנעמען די גאַנצע מענטשהייט פאַר זיך, אָפּדינגען אָבער זייער רעכט, אויף דעם קומען זיי, מוזן זיי קומען צו דער אומפּאַרטייאישער פּאַרטיי.

די ניט־פּאַרטייאישע פּאַרטיי האָט אירע וואָרצלען אין יעדער גרופּע, אין יעדער פּאַרטיי, אין יעדן פֿאָלק — בלויז הויבן זיך איצט פעלקער אויף פעלקער, פּאַרטייען אויף פּאַרטייען און דאָך ווילן זיי זיך אַלע רעכטפערטיקן פאַרן געוויסן פון דער וועלט. אַ טייל קומען מיט אַ ביטערן אָנשטעל, מיינענדיק אָפּצונאַרן דאָס געוויסן פון דער וועלט; אַ טייל, מיינענדיק ערנסט, אַז זיי זענען גערעכט. דאָס אומפּאַרטייאישע אין זיי טרייבט זיי, אַזוי אָדער אַנדערש, צו זוכן באַרעכטיקונג פאַר זייערע מעשים. דאָס נביאישע, וואָס לעבט אין אַ קלענערער, צי אין אַ גרעסערער מאָס אין יעדן יחיד, אין יעדער גרופּע און אין יעדן פֿאָלק, וויקלט זיך פונאַנדער, ווי אַ פייערדיקע בייטש איבער מענטשן און פעלקער און טרייבט זיי צו דער אומפּאַרטייאישער פּאַרטיי. דאָס אייגענע בלוט אין זיי שרייט: „אויב פון ברודער־בלוט זענען רויט אייערע הענט, ווילט איר, אַז עס זאָל געזאָגט ווערן, אַז זיי זענען ווייס ווי שניי?“.

און ווייל דער מענטש איז ניט און קען ניט פאַרלוירן גיין, ברענגט ער פאָרט זיינע פאַרבלוטיקטע הענט און פּרוווט זיך צו דערווייזן, אי זיך, אי אַנדערע, אַז — זעט, זיי זענען ווייס ווי שניי.

עס דערוואַרט ניט קיין פֿאָלק, עס דערוואַרט ניט קיין פּאַרטיי, אַז זיין שונא־פֿאָלק, איר שונא־פּאַרטיי זאָל זיי געבן גערעכט. גערעכט און באַרעכטיקונג זוכן זיי אַלע ביי דער אומפּאַרטייאישער פּאַרטיי, און די אומפּאַרטייאישע דאַרפן הערן מיט אָפענע אויערן און דאַרפן געבן זייער משפּט. אין דער איצטיקער צייט איז באַזונדער גרויס און באַזונדער שווער די אחריות פון די אומפּאַרטייאישע.

געוויס זענען פאַראַן מענטשן און פעלקער, וואָס ווען איבערהויפּט איצט פּרוּוון פאַרלאַכן דעם געדאַנק פון אומפּאַרטייאישקייט. דאָ און דאָרטן איז אפשר אין היינטיקע טעג, ביז אַ געוויסן גראַד, אַטראָפירט אָט דער אומפּאַרטייאישער פונדאַמענט. עס איז דערפאַר אין דער איצטיקער צייט מער ווי ווען עס איז נייטיק צו דערמאָנען און באַטאָנען,

אַז איבערן דאַך שטייט נאָך אַלץ די לבנה אַ גאַנצע. און זיך אַליין מעגן מיר מיט רעכט טרייסטן: — די געשיכטע וועט זיי, די פּאַרטייען און פעלקער, ווי קינדער אויף די הענט אַרויסטראָגן צום אָפענעם דרויסן און וועט זיי ווי אַ טרייער פּאָטער איבערצייגנדיק וויַיזן: — זעט, איבערן דאַך איז נאָך אַלץ דאָ אַ גאַנצע לבנה. זיי, די פּאַרטייען און פעלקער, וועלן פריער, אָדער שפּעטער מוזן קומען צום געדאַנק, אַז עס שלאָפט ניט און עס דרימלט ניט דאָס געוויסן פון דער וועלט. דאָס אומפּאַרטייישע, ריכטערישע איז דאָ אַרום אייך, אָפט אין אייך, איר ווערט געטריבן, איר מוזט און וועט קומען צו זיי פאַרן משפּט און גע־דענקט — זיי וועלן משפּטן.

און אַט, לאָמיר אַריבערגיין פון דעם אַלגעמיינעם, צו דעם פאַר־איינצלטן פאַל — לאָמיר נעמען אונזער פאַל, דעם פאַל פון אונזער איצטיקן יידישן קולטור־קאָנגרעס. לאָמיר נעמען דעם טומל, וואָס די פאַרשיידענע פּאַרטייען אויף דער יידישער גאַס האָבן אויפגעהויבן אַרום אָט דער דערשיינונג. — עס זאָל און עס מוז דאָ געזאָגט ווערן, אַז די קאָמוניסטישע גרופּן זענען די לעצטע עטלעכע יאָר די איינציקע, וואָס מאַכן פון יידיש און יידישער קולטור אַן אַקטיוון, פּאָליטישן פאַקטאָר. עס איז ניט גראָד דאָס, וואָס זיי גיבן אַרויס צייטונגען, זשור־נאַלן און ביכער, דאָס טוען אויך אַנדערע יידישע גרופּן און פּאַר־טייען. וויכטיק איז דאָס, וואָס זיי זעען איין די פּאָליטישע פעיקייט און פּאָליטישע וויכטיקייט פון יידיש און יידישער קולטור.

יידישע שריפטשטעלער, פאַר וועמען יידישע קולטור איז ממש דער אָטעם פון זייערע נאָזלעכער, האָבן גענומען נייגן צו זיי. און ווען עס איז געקומען דער רוף צום איצטיקן יידישן קולטור־קאָנגרעס, האָבן די רעכטע יידישע פּאַרטייען גענומען שרייען און וואָרענען: גייט ניט מיט די קאָמוניסטן, גלויבט זיי ניט, ביי זיי, ביי די קאָמוניסטן, איז דאָס ניט לשם יידישער קולטור, עס איז בלויז לשם פּאָליטיק. לאָזט זיי ניט טרייבן קיין פּאָליטיק מיט יידישער קולטור.

מען דאַרף געדענקען, אַז די רעכטע האָבן זיך דערביי אפילו ניט גענומען די מי פאַרצושלאָגן אַן אייגענעם פּראָגראַם פאַר דער פאַר־שטאַרקונג פון דער יידישער קולטור. זיי, די רעכטע, וואָרנדיק אונז, „היט זיך פאַר פּאָליטיק", האָבן זיך דערביי בלויז זייערע אייגענע פּאָ־ליטישע אויסרעכענונגען. אינאיינעם מיט די פּאַרטייען פון לינקס און פון

רעכטס איז אָבער נאָך א דריטער צד געקומען און געפאָדערט משפט. דער דריטער צד, דאָס איז די יידישע קולטור, וואָס זוכט אַן אָנהאַלט אין דעם לעבעדיקן יידישן לעבן. און אונזער משפט איז געווען פ א ר דער יידישער קולטור.

דער אוקריינער האָט א ווערטל: „פּריצים שלאָגן זיך און דעם פּויער טוט וויי דער קאָפּ".

אויב יידישע קולטור־שאַפער און קולטור־טוער זאָלן זיך צוריק־האַלטן פון צו גיין מיט א פּאַרטיי, אָדער פּאַרטייען, וואָס וויל מאַכן פּאָליטיק פון יידיש, ווייל אַנדערע קריגערישע פּאַרטייען ווילן עס נים, און מיט אַנדערע, ווייל די ווילן עס ניט, וועט חלילה די יידישע קולטור בלייבן מיט א צעקלאַפּטן קאָפּ.

פּאַרטייען רייסן זיך און שלאָגן זיך אויף אונזער יידישער גאַס, און די יידישע קולטור־מענטשן דאַרפן זיך זאָרגן פאַר דעם, אַז דער יידישער קולטור זאָל פון דעם וואָס ווייניקער וויי־טון דער קאָפּ. און נאָך א זאַך — די דערפאַרונג האָט דערוויזן, אַז יידישע קולטור מוז אָנקומען צו פּאַרטייען. אָט האָבן מיר, למשל, אין ניו־יאָרק א יידישע קולטור־געזעלשאַפט. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו ווערן א מין קול־טור־פּאַרטיי. איר איז אָבער לײדער ניט געלונגען צו שאַפן א האַפטיקן באָדן אונטער זיך. אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס קולטור, זייענדיק אַן אומפּאַרטייישער ענין, קען ניט געדייען אין די ראַמען און סטאַטוטן פון אַן אָרגאַניזירטער פּאַרטיי. קולטור, ווי די דערמאָנטע אומפּאַר־טייישע פּאַרטיי, דאַרף באַדינען אַ ל ע פּ אַ ר ט י י ע ן.

און נעמענדיק דאָס אַליין אין באַטראַכט און אויסהערנדיק די טענות פון רעכטס און פון לינקס, האָבן מיר, די אומפּאַרטייישע, גע־ענטפערט צו די רעכטע און האָבן צו זיי געזאָגט:

— אייער שווערסטע טענה איז, אַז די יידישע קולטור איז פאַר די קאָמוניסטן בלויז פּאָליטיק. און מיר האָבן נאָכגעקוקט און געפונען, אַז אין חומש שטייט געשריבן: „מען איז געקומען צו משהן און איםֹ אָנגעזאָגט מיט געשריי און מיט שרעק, אַז אַן אומגליק איז געשען: אלדד און מדד האָבן זיך אָוועקגעשטעלט און גענומען ברענגען נביאות צו דער מחנה. געמיינט האָט מען, אַז משה וועט הייסן פאַרשטיינערן אָט די שרעקלעכע פאַרברעכער. דער גרויסער פירער משה אָבער האָט אויף דעם מיט פירערישער רו געענטפערט: „מי יתן והיה" — ווער וואָלט

געגעבן, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָלן נביאים ווערן. מיר זאָגן דערפאַר צו אײַך, פּאַרטייען פון רעכטס — פילט זיך ניט. זעט, יידישע קולטור קען ווערן און איז, ווי איר אַליין זעט, פאַקטיש אַ געזונטער פּאָליטישער פאַקטאָר. וואַרפט דאָס ניט צו בלויז די קאָמוניסטן. נאָר כאַפּט זיך אָן אָן דעם. מיר פאַרגינען דאָס אײַך, ווי מיר פאַרגינען דאָס זיי. רעדט זיך ניט איין, אַז זיי וועלן אונז צעברעכן די לבנה. איבערן יידישן דאַך וועט נאָך אויף לאַנגע הונדערטער יאָרן די לבנה שטיין אַ ריינע, אַ גאַנצע. און קיינער פון אײַך וועט זי מיט קיין שטריק צו זיך אין פּאַר־טיי ניט אַריינשלעפּן.

אָבער, רבותי, גרינג אַזוי איז דאָס פּאָרט ניט.

אַ שווערער, דראַמאַטישער מאָמענט איז דאָ דערביי פאַראַנען. מיר קענען און טאָרן דאָס ניט פאַרלייקענען. שריפטשטעלער מוזן זיין די באַרופענע מענטשן, מענטשן, וואָס קענען זיך האַלטן אין דער בחינה פון אומפּאַרטייישקייט, כדי צו זיין די צוגעפּאַסטע ריכטער פון גע־שעענישן און פאַקטן. אָבער מענטשן זענען סוף־כל־סוף מענטשן. און אפילו די אויסגעטיילטע צווישן זיי קענען פון צווישן זיך אַרויסגעבן אַזוינע, וואָס זאָלן פאַרלירן זייער אומפּאַרטייישן גלייכגעוויכט. און אָט האָבן 26 חשובע יידישע שריפטשטעלער זיך אונטערגעשריבן אונטער אַ פּראָטעסט קעגן דעם איצטיקן יידישן קולטור־קאָנגרעס. שריפטשטע־לער זענען, לויט מיין מיינונג, נאָר דעמאָלט גאַנץ, ווען זייער אויג איז ניט איינזייטיק אָפּן. זאַכן און סיטואַציעס זענען דאָך אָבער אין לעבן אַזוי אָפט פאַרפּלאָנטערט. און מיט ווייטיק געבן מיר צו, אַז אונטער די געשאַפענע אומשטענדן איז מעגלעך געווען פאַר די 26 (מער פּאַר־טייאיש־געניינטע) אָנצונעמען, אַז גראַד מיר האָבן דאָ געגעבן אַ פּאַר־טייאישן משפּט, און אַז גראַד זיי, די מער־פּאַרטייאישע, זענען דאָס די אומפּאַרטייאישע; אין דעם אומגליקלעכן פאַל איז אונזער טרייסט דאָס, וואָס אַ צאָל וויכטיקע יידישע שריפטשטעלער (ווי מאַני־לייב, רייזען, ליעסין, ריוואָקין, ניגער, כדי צו דערמאָנען בלויז אַ פּאָר פון זיי) האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון צו געבן זייערע נעמען קעגן דעם איצטיקן יידישן קולטור־קאָנגרעס. די גרויסע אחריות פון דעם יידישן וואָרט האָט זיי צוריקגעהאַלטן פון צו לאָזן באַנוצן זייער נאָמען קעגן אַ י י ד י ש ן קולטור־קאָנגרעס, אַפילו ווען עס זאָלן, אונטער די איצטיקע אומ־שטענדן, זיין ניט גאָר גרויס די אויסזיכטן פאַר ממשותדיקע רעזול־

טאטן. און האָבן זיי ניט געגעבן זייער נאָמען קענן, קען מען לויטן אלטן יידישן כלל אָננעמען, אַז שתיקה כהודאה דומה. און דאָך ווייסן מיר און געבן צו, אַז אויך פאַר זיי איז אָט דאָס שווייגן ניט צוגעגאַנגען אָן דראַמאַטישע איבערלעבונגען.

און, רבותי — זאָל דאָ אויך דערמאָנט און באַטאָנט ווערן — דאָס, וואָס פון סאָוועט־רוסלאַנד זענען צו דעם איצטיקן יידישן קולטור־קאָנגרעס ניט געקומען קיין אָפיציעלע פאַרטרעטער פון יידישע שריפט־שטעלער און קולטור־טוער, איז ניט פון קיין קלענערער דראַמאַטישער וויכטיקייט. — יאָ, אונטער גאַנץ שווערע דראַמאַטישע ריסן האָלטן מיר דאָ אָפּ אונזער ערשטן יידישן אַלוועלטלעכן קולטור־קאָנגרעס.

אָבער, חברים, געדענקט און פאַרגעסט ניט, מיר האַלטן דאָך ערשט דאָ אין דערציילן אַ מעשה, וואָס האָט זיך נאָך אינגאַנצן ניט דער־ציילט. דאָס דראַמאַטישע איז דאָך, צום טייל, דאָס צינדן פון אונזערע לעבנס, כדי אָנצוהאַלטן דאָס ליכט פון דער מעשה פון דער וועלט, פון דעם אמתן ליכט פון דער וועלט. מיר זיצן דאָך אויף דעם ברעג פון דער אייביקייט און דערציילן זיך דורך ווערטער און טוונגען מעשיות אַזוינע און אָט הערט — אַ קינד האָט אַמאָל דורך אַ פענצטער דערזען די שטערן אין הימל און האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַזוי די לבנה אין טויזנטער שטיקלעך צעבראָכן געוואָרן. מיר אָבער ווייסן — איבער אונזער דאָך הענגט די לבנה אַ גאַנצע.

פון דעם ספר דברים און בועז, ביז דעם נייסטן יידישן ליד, וואָס ווערט איצט געשריבן אין כמעט אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט, איז די יידישע קולטור איינע, אַ גאַנצע.

ד״ר לעווין: דאָס וואָרט, צו זיי רעפעראַט א. ד. ט. „דער קריזיס פון מזרח־אייראָפּעישער יידישקייט און די טעטיקייט פון קולטור־אַקטי־וויזם״, האָט ח׳ טשערניכאָוו.

י. טשערניכאָוו (פּוילן)

די ערשטע פראַגע, וואָס מען דאַרף זיך שטעלן ביים באַטראַכטן די פּראָבלעמען פון דער יידישער קולטור, איז: ווער איז דער טרעגער, דער סוביעקט, פון יידישן קולטור־שאַפן.

אויבנאויפיק שיינט די פראגע צו זיין ניט גאנץ פארשטענדלעך. דער טרעגער פון דער יידישער קולטור איז דאָס יידישע פאָלק, ווי דאָס פראנצויזישע פאָלק, דאָס ענגלישע פאָלק און דאָס גלייכן זענען די טרעגער פון זייערע קולטורן.

עס איז, נאטירלעך, אמת, אז דאָס פאָלק, אין ברייטן זין פון וואָרט, איז דער מקור פון יעדן קולטור־שאפן, אָבער בנוגע דעם יידישן פאָלק פאָדערט זיך דאָך א געוויסער פירוש, א קלאָרע דעפיניציע. צי איז דער אנטוויקלונגס־וועג פון אלע טיילן פונם יידישן פאָלק אין די פארשיידענע טיילן פון דער וועלט איינער און דער זעלבער, צי קען מען „בנשימה אחת" רעדן וועגן איינהייטלעכע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און קולטורעלע געזעצן פון דער אנטוויקלונג פון יידן אין גאָר דער וועלט?

לאָמיר דעם געדאנק אויפקלערן מיט פאָלגנדיקןביישפיל.

טיילנדיק דאָס יידישע פאָלק אויף צוויי חלקים, אויף ספרדישע און אשכנזישע, האָט יעקב לעשטשינסקי אָנגעוויזן אויף א וויכטיקער ביאָלאָגישער גרונט־טענדענץ אין דער אנטוויקלונג פון אָט די צוויי טיילן פונם יידישן פאָלק. אין ערשטן פערטל פון ניינצנטן יאָרהונדערט זענען אויף דער וועלט געווען ספרדישע יידן 600.000 און אשכנזישע 2.680.000; די ערשטע האָבן אויף אזא אופן אויסגעמאכט צוויי און צוואנציק פראָצ. פונם יידישן פאָלק, און די צווייטע — אכט און זיבעציק פראָצענט. מיט הונדערט יאָר שפעטער, אין אונזער תקופה, זענען אויף דער וועלט פאראן 900.000 ספרדים און 13.900.000 אשכנזים. דער פראָצענט פון די ספרדישע יידן איז געפאלן ביז 6, בשעת די אשכנזים זענען אויסגעוואקסן ביז 94 פראָצ. פונם גאנצן יידישן פאָלק, מען קען זאָגן, געוואָרן דאָס יידישע פאָלק.

בשעת די ספרדישע יידן פארבלייבן אין דער בחינה פון רעליגיעז־עטנישע גרופן, וואָס באנוגענען זיך מיטן עצם פאקט פון זייער עקזיסטענץ (פאראפראזירנדיק די באקאנטע דעפיניציע פון מארקסן — א פאָלק „אן זיך" אָבער ניט „פיר זיך"), ווי, למשל, אין די ווייסרוסיש־ליטווישע געגנטן די קאראאימער אָדער די טאטערן, וועלכע דער גרויספירשט וויטאווט האָט אהין אראָפּגעבראכט, ווייזן ארוים די אשכנזישע יידן (אין זייער וויכטיקסטן טייל) נאציאָנאַלע אקטיוויטעט, א נאציאָנאַלן טעמפּעראַמענט און מאכן אצינד דורך אין זייער שווערע היסטאָרישע באדינגונגען דעם נסיון אויסצובויען אויף נייע יסודות דאָס יידיש־נאציאָנאַלע לעבן.

מען מוז אָבער אין דער מעטאָדאָלאָגישער באַגרענעצונג גיין נאָך ווייטער. די אשכנזישע יידן זענען אויך נים „מעור אחד", מען מוז זיי אויך טיילן אויף יידן פון מערב־אייראָפּע און מזרח־אייראָפּעישע יידן.

די דאָזיקע טעמע קען דאָ באַהאַנדלט ווערן נאָר אין אַלגעמיינע שטריכן. זאָל דאָ קודם כל אָנגעוויזן ווערן אויף דעם דעמאָגראַפישן אונ־טערשייד פון די צוויי טיילן פון יידן אין אייראָפּע אין סוף פונם 18־טן יאָרהונדערט, ד. ה. אין דער ערב־תקופה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלו־ציע, ווען עס קומט פאָר אַ היסטאָרישער איבערברוך אין לעבן פון די יידן.

שיטער און נידערגעשלאָגן זענען אין סוף פון 18־טן יאָרהונדערט געווען די יידישע ישובים, צעזייט איבער מערב־אייראָפּע. איך וועל נים ברענגען קיין באַזונדערע ציפערן פאַר יעדער מלוכה, און זיך באַנוגענען מיט דעם, אַז אין אַלע מדינות פון גרויסן מערב האָבן זיך דאַן געפונען נים מער ווי 300.000 יידן.

דערפאַר אָבער האָט לפי ערך אין אַ קליינעם ווינקל פון אייראָפּע צווישן ניעמאַן און ארום דעם ווייסל, מיט די גרענעצן צו צפון־מזרח מיט גרויס־רוסלאַנד, צום מערב — מיט דייטשלאַנד, און צו דרום — מיט אַי־טאַליע, געלעבט שוין נאָך די חורבנות פון ת"ח און ת"ט, נאָך דער היי־דאַמאַטשינע, אַ גרויסער, קאָמפּאַקטער יידישער קיבוץ, פון איבער אַנ־דערטהאַלבן מיליאָן יידן.

די דאָזיקע ציפערן — 1.500.000 און 300.000 מוזן עפּעס באַדייטן. כמות איז סוף כל סוף אַ וויכטיקער יסוד פון סאָציאַלן לעבן.

דער דאָזיקער כמותדיקער אונטערשייד איז אַ פועל־יוצא פון פאַר־שיידענע סאָציאַל־היסטאָרישע פּראָצעסן, וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט די מערב־אייראָפּעישע מלוכות און די צוויי מלוכות פון צענטראַל־אייראָפּע (פּוילן און צום טייל אונגאַרן, ווו עס איז געווען קאָנצענטרירט דער וויכ־טיקסטער טייל פונם יידישן פאָלק), וועלכע האָבן ביז דער נייער צייט, שפּעטער פון אַלע אַנדערע מלוכות פון מערב־אייראָפּע, אָנגעהאַלטן דעם אייגנאַרטיקן כאַראַקטער פון זייער פעאָדאַלער ווירטשאַפטלעכער און פּאָליטישער אָרדענונג.

ערב דעם גרויסן איבערברוך אין לעבן פון מערבדיקן טייל פון איי־ראָפּעישן קאָנטינענט, וואָס האָט זיך אויך אָפּגערופן טיפער ווי מען איז געוויינט צו מיינען, אויפן לעבן פון די ברייטע מאַסן פונם יידישן פאָלק,

ניט בלויז אין מערב, נאָר אויך אין צענטער פון אייראָפּע, איז ניט נאָר נישטיק, ווי מיר האָבן געזען, געווען די צאָל פון די יידן אין די מערבדי־קע מדינות, נאָר זיי האָבן ניט געשפּילט קיין שום ראָלע אין לעבן פון זייערע לענדער. זיי טולען זיך אויף דער פּעריפעריע, אויף דעם שווארצן הויף פון דעם עקאָנאָמישן לעבן.

קליינע הענדלער, „קאראבייניקעס“, אין דער מלאכה כמעט ניט פאַרטראָטן, ווו ניט ווו „לאַטוטניקעס“, וואַכערניקעס אָן קאַפּיטאַלן, וואָס זויגן דעם אָרעמען פּאַרברויכער, דאָס איז דער טיפּישער סאָציאַלער באַ־שטאַנד פון די מערב־אייראָפּעישע יידישע ישובים.

דעם עקאָנאָמישן מצב האָט אָנטשפּראָכן דער קלאָגעדיקער קולטור־צושטאַנד פון די מערב־אייראָפּעישע יידן אפילו אויפן געביט פון דער רעליגיעזער, טראַדיציאָנעלער יידישער גלות־קולטור. באמת, „ללא תורה וללא חכמה“, ניט נאָר רבנים, נאָר אפילו מלמדים און כלי־קודש פון נאָך נידעריקערע מדרגות פלעגט מען זיין געצוווּנגען צו אימפּאָרטירן פון פּוילן.

א גאַנץ אַנדער בילד האָט דעמאָלט פאָרגעשטעלט מיט זיך דאָס פּויליש־שע יידנטום. ס׳איז וויכטיק צו ברענגען דאָ צוויי כאַראַקטעריסטיקעס פון פּוילישע יידן, וועלכע זענען צו אונז דערגאַנגען פון יענער תקופה פון צוויי גרויסע יידן.

דער ערשטער, שלמה מיימון, א געניאַלער ייד פון ארום נעס־וועזש, האָט מיט זיין שאַרפן אַנאַליטישן אויג גוט געזען דאָס לעבן פון פּוילן און פון די יידן אין יענער מלוכה.

דער צווייטער האָט נאָר איין מאָל אין זיין לעבן געמאַכט א קורצע נסיעה קיין פּויזן, בלויז אויבנאויפיק געהאַט די מעגלעכקייט זיך צוצו־קוקן צו דעם דאָרטיקן לעבן. דערפאַר איז עס אָבער געווען היינריך היינע.

אין זיין בארימטער אויטאָביאָגראַפיע ווייזט שלמה מיימון אָן, אז די באַפעלקערונג פון דער פּוילישער מלוכה ווערט איינגעטיילט אין דריי קלאַסן: פּריצים, פּויערים און יידן.

אָפּשאַצנדיק ווי געהעריק די סאָציאַל־עקאָנאָמישע ראָלע פון דער דע־גראַדירטער, פּוילער און צעלאָזענער שליאַכטע, געפינט מיימון איין, אז די לעצטע צוויי גרופּעס ,די פּויערים און די יידן, זענען די סאַמע נוצ־לעכסטע אין לאַנד. די פּויערים פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט, פּיצוכט,

בינענצוכט א. ד. גל. מיט איין וואָרט — מיט אַלץ, וואָס עס גיט אַרויס די ערד.

יידן פּאַרנעמען זיך מיט האַנדל און מלאכה: זיי זענען בעלי־מלאכות, בעקער, ביר־ברויער, שענקער. און אַזוי ווי די יידן ביי אַלע זייערע חסרו־נות, זענען דאָך אין דאָזיקן לאַנד די איינציקע מענטשן, וואָס טויגן צו עפּעס, איז דאָס פּוילישע פֿאָלק געווען געצוווּנגען אין זיינע אייגענע אינטערעסן צו שענקען יידן פּאַרשיידענע רעכט.

מיימונס כאַראַקטעריסטיק באַציט זיך צום סוף פונם דריטן רעשטל פון 18־טן יאָרהונדערט, צו דער צייט פון דעם ערשטן צעטיילן פון פּוילן.

היינע איז געקומען אין באַרירונג מיט מזרח־יידן אַ סך שפּעטער, אין יאָר 1822, ווען די פּוילישע באַדינגונגען האָבן אין פּוילישן „זאַבאָר" (אָקופּירטן טייל) אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט געמוזט זיך שוין אַ סך ענדערן.

„צווישן דעם פּויער און דעם פּריץ, שרייבט היינע („איבער פּאָ־לען"), שטייען אין פּוילן די יידן, זיי מאַכן אויס מער ווי אַ פערטל (?) פון דער באַפעלקערונג. איך זעט אויף אַזאַ אופן, אַז די יידן פון פּוילן פּאַרנעמען לויט זייער צ אָ ל און ל אַ ג ע אַ סך אַ וויכטיקערן מלוכה־ווירטשאַפטלעכן אָרט ווי ביי אונז אין דייטשלאַנד.

„דאָס אויסזען פונם פּוילישן ייד איז שרעקלעך. דאָך אָבער, ניט גע־קוקט אויף דעם באַרבאַרישן שטריימל, וואָס באַדעקט זיין קאָפּ, אויף די נאָך מער באַרבאַרישע אידעען, וואָס פילן אָן דעם קאָפּ, שאַץ איך דעם פּוילישן יידן אַ סך העכער פון אַן אַנדערן דייטשן יידן, וואָס טראָגט אויף זיין קאָפּ דעם באַליוואַר און אינעווייניק זיין זשאַן־פּאָל. אין דער שאַר־פער אָפּגעזונדערטקייט איז דער כאַראַקטער פונם פּוילישן ייד געוואָרן גאַנץ. דורך דעם, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט טאָלעראַנטע לופט, האָט זיין כאַראַקטער באַקומען דעם שטעמפּל פון פרייהייט. דער פּוילישער ייד אין זיין שמוציקן פּוטער, מיט זיין באָרד, ריח פון קנאָבל און „געמאַאושל" (זשאַרגאָן) איז מיר נאָך ליבער, ווי אַן אַנדערער ייד אין זיין מלוכה־פּאַ־פּירענער הערלעכקייט."

אָט די ביידע כאַראַקטעריסטיקעס וואַרפן אַ שיין אויף דעם מהות פון מזרח־אייראָפּעישער, פּוילישער יידישקייט אין דער צייט, וועלכע

אינטערעסירט אונז, אין דער תקופה פונם פונאנדערפאלן פון דער ער־שטער פוילישער רעפובליק.

אפילו ביי די נייע יידישע געשיכטע־שרייבער איז נאך ביז איצט פארשפרייט די השקפה, אז דער סוף פון דעם 18־טן יארהונדערט איז געווען א תקופה פון א כמעט קאטאסטראפאלער עקאנאמישער ירידה פון די פוילישע יידן.

דאס איז ניט אמת. וואלטן זיי באמת געווען דעגראדירט, ווי אזוי וואלטן זיי, אין דעם פאל, געקענט ארויסברענגען אזעלכע מערקווירדיקע געזעלשאפטלעכע מאסן־באוועגונגען, ווי חסידות און פראנקיזם? ווי אזוי וואלטן זיי געקענט ארויסברענגען די השכלה? דארט אין מזרח־אייראפע איז דער סאציאל־עקאנאמישער מצב, די קלאסן־דיפערענציאציע פון דער יידישער באפעלקערונג, צום סוף 18־טן יארהונדערט, געווען א סך קאמ־פליצירטער און אינטענסיווער, ווי ערגעץ ווו אין דער וועלט, אפילו היינט. איך וואלט דאס געקענט באווייזן מיט א גאנצער רייע פון סטאטיסטישע ארגומענטן. אט די דריי באוועגונגען זענען געבוירן געווארן אין איין און דער זעלבער צייט און אויף א שטיק ערד, וואס מען קען ארומגיין אין הונדערט קילאמעטער: פון מעזשיבאזש איבער סאטאנאוו און טישמעניצע.

צום סוף פונם 18־טן י״ה, ווען די פראנצויזישע רעוואלוציע האט אדורכגעבראכן די וואנט פון דעם סאציאלן שטייגער אין מזרח־אייראפע, זענען צום ערשטן מאל אין יידישן לעבן אויפגעקומען מאסן־אידעאלא־גיעס; עס האבן זיך, צום ערשטן מאל, געבילדעט געוויסע סאציאלע באַ־וועגונגען, און דערפאר איז דער סוף פון 18־טן י״ה דער אנהייב פון דער מאדערנער יידישקייט. און ניט אומזיסט האט פרץ געצויגן די גאלדענע קייט פון דער בעל־שם יידישער אייגנארט, דאס וואס ס׳מאכט אונז פאר א פאלק, איז געשאפן געווארן אויף יענעם ווינקל ערד אין דעם 18־טן י״ה. די מזרח־אייראפעישע יידישקייט, וואס לעבט ארום דעם וויסל, איז גע־ווען דער קוואל פון קולטור־עמאציעס און פון נאציאנאלע עמאציעס ,אבער אויך דער קוואל פון אונזערע ביאלאגישע כוחות, ווייל רוסישע יידן זענען דאך פוילישע יידן, אמעריקאנישע יידן זענען דאך פוילישע יידן און דייט־שע יידן זענען דאך אודאי פוילישע יידן. וויפל יידן זענען געבליבן פון יענע דייטשע יידן, וואס האבן געלעבט אין דער צייט פון מענדעלסאן? ניט איינער. אויב מיר וואלטן ניט תמיד געשיקט נייע מחנות, וואלטן זיי

אויסגעשטאָרבן און דערפאַר איז דאָס, וואָס איך זאָג דאָ, ניט קיין לאָקאַ־לער פּאַטריאָטיזם.

מיין האַרץ האָט זיך געפרייט, ווען איך האָב געהערט, וואָס עס האָבן אונז דערציילט אונזערע חברים פון אַמעריקע, פון קובאַ, און פון קאַנאַ־דע, פון אַרגענטינע, אורוגוויי א. א., און מיר זענען זיי דאַנקבאַר. אָבער אונזער שמחה איז אַ פאַרגיפטעטע. מיר פרייען זיך, וואָס יידישע קינ־דער אין אַמעריקע שרייבן און רעדן יידיש, אָבער וואָס וועט זיין ווייטער מיטן גאַנצן יידישן פאָלק? קיין מאָל האָט די מזרח־אייראָפּעישע יידיש־קייט נאָך ניט איבערגעלעבט אַזאַ קריזיס ווי איצט. איך וויל ניט זיין קיין אבל בין חתנים, אָבער איך קום פון פּוילן און איך שטיי אונטערן איינדרוק פון דער אומגעהויערער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער קאַטאַסט־ראָפע, וואָס מיר מאַכן דורך. איך נעם ניט די פראַגע היסטאָריש, נאָר ווי אַ לעבעדיקער געזעלשאַפטלעכער מענטש, מיט אַ נאָענטער מענטשלעכער פּערספּעקטיוו. מען האָט געפרעגט דאָ ניט לאַנג אַ כינעזער, וואָס ער מיינט, ווי לאַנג וועלן די יאַפּאַנער בלייבן אין מאַנדזשוריע? האָט ער גע־ענטפערט: ניט לאַנג, אַ 250־300 יאָר, ניט מער. דער אומגליק פון די היסטאָרישע פעלקער באַשטייט אין דעם, וואָס זיי מעסטן די צייט צו לאַנג. יידן זאָגן, מיר לעבן שוין 5000 יאָר, שפּילט אַ פאַר יאָרהונדערטער ניט קיין ראָלע. אָבער ווען איך רעד וועגן די פּוילישע יידן, מענטשן מיט בלוט און נערוון, אמתע יידן, און ווען איך רעד ווי אַ מענטש צו אַ מענטש, מוז מען זאָגן, אַז אין 10־15־20 יאָר קענען מיר אין פּוילן גיין צו גרונד. פּוילן האָט געהאַט אַ קריג מיט רוסלאַנד. דערנאָך האָט זי אָרגאַניזירט איר ווירטשאַפט, איר אַדמיניסטראַציע, איר אַרמיי, און איצט פירט זי מיט אונז מלחמה. דאָס שרעקלעכע, דאָס דיאַלעקטיש־אומפאַר־שטענדלעכע איז דאָס, וואָס דאָרט, וו עס שטייט די וויג פון אונז אַלעמען, זוו עס ליגט אונזער קראַפט, איז ניט פאַראַן די אמתע פאַרשטענדעניש פאַר דעם גרויס פון דער קאַטאַסטראָפע. אַ שריפה איז שרעקלעך, אָבער זי ריי־ניקט די לופט און זי וועקט נייע כוחות. אָבער דאָס מזרח־אייראָפּעישע יידישקייט האָט איצט ווייניקער כוחות ווי ווען ס'ניט איז אין דער גע־שיכטע. לאָמיר זיך דערמאָנען אָן דער צייט פון דער ערשטער רעוואָלוציע פון 1905. געדאַנקען וועגן אויטאָנאָמיע, דעמאָקראַטיע האָבן באַהערשט די מוחות. און וועלכע געדאַנקען באַהערשן איצט דאָס מזרח־אייראָפּעישע יידישקייט, אויסשליסנדיק ציוניזם? ביי יענע, וואָס שטייען אויף דעם

גרונד פון אַט דער יידישערווירקלעכקייט, זענען ניט פאַראַן קיין שום גע־דאַנקען. און דאָס שרעקלעכסטע, וואָס איך וויל דאָ ברענגען צו אייער באַ־וווסטזיין, איז: אויף אַלע געביטן פון אונזער לעבן נעענטערן מיר זיך מיט אומגעהויערער שנעלקייט צו דער קאַטאַסטראָפע. און די עקאָנאָמישע אויסראָטונג איז גאָרניט קעגן קולטורעלן חורבן. די באָיקאָט־פּיקעטן גייען אַוועק און מען קויפט ווידער ביים יידישן סוחר, אָבער דער קולטורעלער צוזאַמענברוך איז אַ קאָנקרעט־פּראַצענטיקער. ניט נאָר גרויס־פּוילן, נאָר אַפילו ווילנע, וואָס איר נאָמען רעדן מיר אַרויס מיט יראה ופחד, אַט די ווילנע גייט מיט ריזן־שריט צו דער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע, די מיאוסטע פון אַלע אַסימילאַציעס, וואָס זענען ביז איצט פאָרגעקומען. אויך אין פּאַריז איז געווען אַן אַסימילאַציע פון די פראַנצויזישע יידן, אָבער מען האָט זיך אַסימילירט מיט קדושה און יראה פאַרן גרויסן געדאַנק פון דער רעוואָלוציע. מיר אָבער אַסימילירן זיך ווי ממזרים, אין אַ צייט פון פינסטערער רעאַקציע און ראַסן־האָס. מיר געבן זיך אונטער יענע, וואָס ווילן אונז אומברענגען.

וועלכע אידעאָלאָגיע דאַרף אונז פירן? איך וויל ניט מאַכן קיין קאָמפּלימענטן און איך קען דאָס ניט. היינט אָבער מוז איך מאַכן אַ קאָמ־פּלימענט. איך בין געווען ווי אַ דורשטיקער מענטש, וואָס פאַלט צו צו אַ לעבעדיקן קוואַל. ביי אונז אין פּוילן קען מען אויסגיין, ווען מען קוקט זיך צו צו דער אידעאָלאָגיע, וואָס הערשט ביי יענע, וואָס פירן די יידישע קולטור־אַרבעט. זיי זאָגן שוין גאָרניט „נאַציאָנאַלע שפּראַך”, זיי זאָגן נאָר „מוטער־שפּראַך”. זיי האַלטן זיך נייטראַל ביים אַסימילאַציע־פּראָ־צעס, זיי זענען מהכי־תיתא יידן.

מיינע פריינט, מיר שטייען אין אַ גאָר שווערן קאַמף, און מיר מוזן קעמפן פאַר עלעמענטאַרע אמתן, ווייל דאָס, וואָס קומט איצט פאָר ביי אונז אין פּוילן, איז, נאָך מיין מיינונג, דאָס גרעסטע אומגליק, וואָס עס קען געשען. מען טוט אונז אָן אַלדאָס בייז, און אויסערלעכע רשעותן וועלן איבער אונז קומען, אָבער וואָס קען מען טון, ווען עס איז ניטאָ קיין גייסט, קיין אידעאָלאָגיע?

אַ גרוס פון אַט דער מזרח־אייראָפּעישער יידישקייט, וואָס שטייט אויפן ראַנד פון סאָציאַלן אונטערגאַנג, מיט אָפּגעשוואַכטע גייסטיקע כוחות, — בין איך פאַרפליכטעט צו ברענגען פאַר אייך. כ'קום מיט אַ פאַר־ביטערטע הארץ, וואָס וויל רעדן גוטע רייד. איך גלויב, אַז אונזער קאָנג־

רעס, אפילו ווען ער וואָלט געווען צוויי מאָל אזוי קליין, וועט העלפן לייזן אָט די אידעאָלאָגישע פּראָבלעמען און וועט שאַפן אָרגאַנישקייט אין אונ־זער קולטור. דער קולטור־קאָנגרעס וועט אַריינברענגען כוח און בלוט אין אונזער לעבן.

אונזערע יידישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע וועלן מיר ברענגען א גרוס: עס קומט אויף א נייע שטימונג, ניט נאָר געדאַנקען, נאָר אויך מענטשן, לעבעדיקע מענטשן. אונזער קולטור־קאָנגרעס איז א לעבעדיקער, ער וועט אונז ברענגען צום לעבן.

זונטיק 19-טן סעפטעמבער 1937 (אינדערפרי)

פאַרזיצער: אדוו. י. טשערניאַק. פּרעזידיום: איווענסקי, אַלגין, אַפּאַטאַשו, בן־אַדיר, גארין, ה. לייוויק, דוד ליכט, י. לערמאַן נחמן מייזיל, ד״ר מוקדוני, ד״ר פּאַקס, פעלדשטיין, פליסקין, ראַבלין, ד״ר סלאָוועס, פּיניע קאַץ, פּראָפ. קיוועליאַוויטש.

י. טשערניאַק: דערלויבט מיר צו באַגריסן אין אונזער אַלע־מענס נאָמען דעם ח׳ נחמן מייזיל, וואָס איז געקומען נעכטן אָוונט. איך קען נט אַלע די פאַרדינסטן פון ח׳ מייזיל פאַרן אָרגאַניזירן דעם קאָנגרעס.

איידער מיר טרעטן צו צו דער אַרבעט, וויל איך אויסדריקן אין נאָ־מען פון די אַלע דעלעגאַטן, וואָס זענען געווען אויף דער נעכטיקער פאַר־שטעלונג פונם „פּיאַט", אונזער האַרציקסטן דאַנק די בויער און שוישפּי־לער פונם זייער סימפּאַטישן יונגן טעאַטער. עס איז געווען אַ גלענצנדי־קע פאַרשטעלונג, וואָס האָט אונז פאַרשאַפט אַ גרויסן גייסטיקן גענוס. געבענטשט זאָלן זיי די הענט, וואָס האָבן אַזוינס באַשאַפן.

דאָס וואָרט האָט ח׳ ניוועלסאָן צו אַ באַריכט וועגן שולוועזן אין ליטע.

ניוועלסאָן (ליטע)

איצט עקזיסטירט ניט אין ליטע קיין צענטראַלע שול אָדער קולטור־אָרגאַניזאַציע. אַזאַ אָרגאַניזאַציע האָט עקזיסטירט פון 1919 ביז 1924, אונטערן נאָמען „קולטור־ליגע". די „קולטור־ליגע" האָט באַוויזן צו אָרגאַ־ניזירן אַרום זיך ס׳רוב די ברייטע אָרעמע פאָלקס־מאַסן. איך פאַרנעם זיך דאָ ניט מיטן אָפּשאַצן, אויף וועלכע יסודות דאַרף געבויט ווערן אַ קול־

טור־אָרגאַניזאַציע, איך דערציי̈ל נאָר ווי די זאַך איז געווען. די שולן פון דער קולטור־ליגע האָבן צוגעצויגן בלויז די קינדער פון די אָרעמע מאַסן, דער מיטלשטאַנד איז נאָך געווען סאָציאַל ניט דיפערענצירט און האָט זיך געפונען אינגאַנצן אונטער דער השפעה פון ציוניזם און העברעיזם. די דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ איז אויך ניט צוגעשטאַנען צו דער אָרגאַניזאַציע. אין די שולן האָט מען אינגאַנצן ניט געלערנט קיין העברעיש.

פון דער אַנדערער זייט האָט אָבער די קולטור־ליגע צוגעצויגן צו זיך די אָרעמע מאַסן און אַרבעטנדיקע יוגנט. זיי זענען געוואָרן די אמתע פריינט פון דער אָרגאַניזאַציע, ווייל די אָרגאַניזאַציע האָט געזאָרגט פאַר זייערע קולטור־באַדערפענישן. יעדע שול האָט געהאַט ביי זיך אַן אָוונט־שול, אַ קלוב, אַ ביבליאָטעק פאַר קינדער און יוגנט, אַ ספּאָרט־סעקציע, אַ דראַמאַטישן קרייז. זענען דעריבער די פאָלקס־מענטשן געוואָרן די אייבערגעגעבנסטע פריינט פון די „קולטור־ליגע“־שולן. זיי פלעגן אַליין, מיט די גרעסטע אָנשטרענגונגען און אויף אייגענע מיטלען, אויפבויען די שולן, זיי פלעגן זיי אויסקעמפן און פאַרטיידיקן.

די ליגע האָט זיך געביטן אין יאָר 1924, ווען מען האָט די „קולטור־ליגע“ פאַרמאַכט. עס זענען געבליבן די פאָלקס־שולן, די ביבליאָטעקן, עס האָבן זיך אָבער פאַרמאַכט די אָוונט־שולן, די קלובן און קרייזלעך. עס איז אויך ניטאָ איצט קיין אָרגאַניזירטער צענטער, וואָס זאָל אַלע שולן פאַראייניקן.

עס זענען איצט דאָ:

1) 15 פאָלקס־שולן אין 13 שטעט, מיט 1800 קינדער און 40 לערער;

2) 6 קינדער־גערטנער אין 4 שטעט מיט 200 קינדער;

3) 1 פּראָגימנאַזיע מיט 80 קינדער.

אין יאָר 1926 אַנטשטייט דער געדאַנק צו שאַפן אַ גימנאַזיע, און זיך ניט באַגרענעצן בלויז מיט פאָלקס־שולן אויף יידיש.

די גימנאַזיע איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער „בילדונגס־געזעלשאַפט“, וואָס האָט באַוויזן צו דער צייט אָרגאַניזירן די דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ און צוציען אייניקע עלעמענטן פון מיטלשטאַנד.

אַ שווערן וועג האָט דורכגעמאַכט די גימנאַזיע. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז בעת איר גרינדונג זענען שוין געווען אין קאָוונע 4 גרויסע העברעישע גימנאַזיעס, איין דייטשע און איין רוסישע אויך מיט

א באַדייטנדיקע צאָל יידישע קינדער. אָבער אַ דאַנק דער פּעדאַגאָגי־שער הויך פון דער יידישער גימנאַזיע האָט זיך איר איינגעגעבן צו באַ־קומען דעם צוטרוי פון דער ברייטער געזעלשאַפט און זי האָט הייַנטיקן יאָר זוכה געווען צו אַ יובל פון צען יאָר עקזיסטענץ און צום ערשטן אַרויסלאָז. די גימנאַזיע האָט איצט 350 תלמידים.

ל. אַלבערטוס (לעטלאַנד)

דער אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער וועלטלעכער יידישער קולטור אין דער קליינער באַלטישער מלוכה לעטלאַנד קען דינען אַלס ביישפּיל פאַר גאָר גרויסע לענדער.

צוליב אַ ריי היסטאָרישע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע סיבות איז דער יידישער ישוב אין לעטלאַנד, ביז דער מלחמה, געווען איינער פון די אָפּגעשטאַנענסטע אין רוסלאַנד אויפן געביט פון יידיש־וועלטלעכער קולטור. דאָס גאַנצע יידישע בירגערטום אין באַלטיקום, באַדייטנדיקע שיכטן פון קליינבירגערטום און פון דער אינטעליגענץ, זענען געווען דורכגעדרונגען מיט דייטשע און רוסישע אַסימילאַציע־טענדענצן. אין אַזאַ אַטמאָספער האָט די יידיש־וועלטלעכע קולטור, וואָס איז אויפגע־קומען אין באַלטיקום אין די שטורעם־יאָרן פון 1905, קיין טיפע שפּורן ניט געקענט לאָזן.

די מלחמה־ און רעוואָלוציע־יאָרן האָבן די אַלטע קולטור־טראַדיציעס פונם יידישן בירגערטום אינגאַנצן אונטערגעגראָבן. דאָס האָט מיטגע־האָלפן דעם יונג־יידישן אַרבעטער־אַוואַנגאַרד איבערצונעמען די איני־ציאַטיוו אויפן קולטור־געביט.

לכתחילה איז די יידישע אַרבעטערשאַפט אין לעטלאַנד געווען אומ־באַדייטנדיק אין צאָל, צעשפּליטערט. סוף 1919 קומט אָן איבערברוך. די איינהייט־באַוועגונג באַקומט איר אָרגאַניזירטן און אָרגאַניזירנדיקן צענטער אין פאַרייניקטן יידישן אַרבעטער־קלוב „אַרבעטער־היים“.

אַן אומגעהויערן אויפשוונג אויף אַלע געביטן פון דער יידישער קולטור ברענגט די דאָזיקע פאַרייניקונג.

דאָס אויסגעבויטע שול־וועזן, — שולן אין ריגע און אין דער פּראָ־ווינץ, קינדער־גאָרטנס, פאָרשולן און אַ הילף־שול פאַר דעפעקטיווע

קינדער — נעמט אַרום 5.125 ייד. תּלמידים. ס׳עקזיסטירט אַ יידישע גימ־נאַזיע מיט אַ 350 תּלמידים, 2 אָוונט־גימנאַזיעס (אין ריגע און דווינסק), אָוונט־שולן, דערגאַנצונג־שולן א. ד. ג.

דער ביכער־קאָאָפּעראַטיוו „אַרבעט" באַזאָרגט ריגע און די גאַנצע לעטלאַנדישע פּראָווינץ מיט לערן־ביכער, קינסטלערישע און וויסנשאַפט־לעכע ליטעראַטור. אַ פאַרצווייגטע נעץ קורסן פאַר דערוואַקסענע, פאַר פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג, אַודיטאָריעס ביי די אַרבעטער־קלובן און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס דערציען אַ יונג־יידישן קולטור־דור. ס׳איז גע־גרינדעט געוואָרן דער פאָלקס־אוניווערסיטעט, וואָס פאַר די 10 יאָר פון זיין עקזיסטענץ (1920 — 1930) איז ער באַזוכט געוואָרן פון 4.000 צוהערער.

אין דער זעלביקער צייט קומט אויף אין לעטלאַנד דער פאַרלאַג „אַרבעטער־היים", וואָס האָט במשך פון די ערשטע עטלעכע יאָר אַרויס־געגעבן אַ ריי וויסנשאַפטלעכע און פּאָפּולערע אויסגאַבעס פון אָרטיקע און אויסלענדישע מחברים.

צום באַוויזן זיך די ערשטע שפּראָצונגען פון פּראָגרעסיווע פּעריאָ־דישע אויסגאַבעס. במשך פון די יאָרן 1920 — 1923 דערשיינען די זשורנאַלן „באַגינען", „קולטור און אַרבעט", „אויפן שוועל", „אַ יאָר אַרבעטער־היים", אַ גרויסער ליטעראַרישער אַלמאַנאַך „סאַמבאַטיען", מיטן אָנטייל פון קושנירעוו, קוויטקאָ, דוד האָפשטיין, ז. אויסלענדער, י. דאָברושין, מ. גראָס, מ. אַנין, מ. קיטאַי. אין 1923 הייבט אָן צו דערשיינען אַ וואָכנבלאַט „נייע צייט", וואָס ווערט אינגיכן דער אָרגאַ־ניזירנדיקער צענטער פון אַלע די, וואָס ווילן בויען די יידישע קולטור אין אַרבעטער־גייסט.

די שטאָטישע יידישע ביבליאָטעקן אין ריגע, ליבאַווע און דווינסק פאַרשפּרייטן דאָס יידישע בוך צווישן די ברייטסטע קרייזן פון דער באַפעלקערונג. די טעאַטער־סטודיעס, קונסט־אויסשטעלונגען און מוזי־קאַלישע סטודיעס אַנטוויקלען די פאַרשטענדעניש פאַר קונסט ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן.

אָט דער באַדייטנדיקער אויפשוווּנג אין אַזאַ קולטור־אָרעמער סביבה איז געווען מעגלעך נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס אַלע ריכטונגען פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און פּראָגרעסיווער דעמאָקראַטיע האָבן זיך פאַראייניקט אין אַ פעסטן קולטור־בלאָק מיט אַ ציל־באַוווסטער אָנפירונג.

אין 1923 — 24 הייבן זיך אָן אינערלעכע רייבונגען אין די קרייזן פון „ארבעטער־היים". דער וווקס פון דער רעאַקציע אין לאַנד שרעקט אָפּ געוויסע טיילן פון דעם פריער אייגהייטלעכן קולטור־בלאָק און די בונ־דישע גרופּירונג טרעט ארויס פון „ארבעטער־היים". זי פאַרלייגט אַן אייגענעם סעפּאַראַטן קולטור-בנין און בויט אויס אַ נעץ פון „פּרץ־קלובן" אין ריגע און אין דער פּראָווינץ, וואָס פירן אין גאַר ענגע ראַמען זייער קולטור־ארבעט. אָט די גרופּירונג הייבט אויך אָן ארויסצוגעבן אין 1925 אַן אומאָפּהענגיקע יידישיסטישע צייטונג „לעצטע נייעס".

די פאַרשטאַרקטע רעאַקציע הייבט אָן שיטן מיט רעפּרעסיעס אויף דער ראַדיקאַלער קולטור־באַוועגונג. די אויסערלעכע פאַרפאָלגונגען צו־זאַמען מיט די אינערלעכע רייסערייען רופן זיך שווער אָפּ אויפן מצב פון דער וועלטלעכער יידישער קולטור.

ניט געקוקט אויף דעם, האָט די יידיש־וועלטלעכע קולטור אין לעט־לאַנד דאָך צו פאַרצייכענען קאָנטיקע נצחונות און דערגרייכונגען אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן. אַנשטאָט דער געשלאָסענער „ארבעטער־היים" אין טעטיק די „קולטור־ליגע" (23 — 1925), וואָס פירט ווייטער די אַרבעט פון „ארבעטער־היים" אויף אַלע געביטן פון יידיש־וועלטלע־כער קולטור, און עס דערשיינען מיט דער צייט אַ ריי פּעריאָדישע צייט־שריפטן („נייער לעבן", „ארבעטער־וועלט", „פרייע וואָרט"), אַ סעריע יוגנט־ און שילער־אויסגאַבעס און אַ סאַטירישער זשורנאַל „אשמדאי". אויך אויפן געביט פון טעאַטער האָט די פּראָגרעסיווע יידישע דעמאָקראַ־טיע אויסגעבויט אייניקע זייער ערנסטע סטודיעס, וואָס האָבן באַ־וויזן דעם ברייטן עולם, אַז אין לעטלאַנד איז פאַראַן אַ באַדערפעניש אין אַ קינסטלערישן טעאַטער. די קונסט־אויסשטעלונגען אין ריגע (1926), קאָוונע (1931), האָבן באַוויזן, אַז די יידישע קינסטלער באַ־פרייען זיך אַלץ מער פון די אַלטפרענקישע באַגריפן און גייען אריבער צו נייע וועלטלעכע מאָטיוון פון יידישן לעבן.

אין די יאָרן 1930 — 1934 האָט זיך באַזונדערס פאַרשאַרפט דער אינערלעכער קאַמף צווישן די פאַרשיידענע ריכטונגען אין דער יידישער ארבעטער־דעמאָקראַטיע. דאָס האָט געבראַכט אויך צו אַ שפּאַלטונג אין דעם יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן. די בונדישע ריכטונג טרעט ארויס (1932) פון דער פאַרייניקטער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע (ציש"אָ) און שאַפט אַן אייגענעם פאַריין „ציל" (צענטר. יידישער לע־

דער פאַריין). ניט געקוקט אויף דעם, נעמט די ציש"אָ איבער די אָנפירנ־דיקע ראָל אין יידישן קולטור־לעבן. חוץ דער דירעקטער שול־פּעדאַגאָ־גישער אַרבעט, אָרגאַניזירט די שול־אָרגאַניזאַציע (ציש"אָ) אַ גאַנצע ריי לעקציעס, שאַפט נייע אוידיטאָריעס, קורסן און ניט אַרויס אַ גאַנצע ריי אויסגאַבעס, ווי אויך אַ יוגנט־אָרגאַן „יונגוואַרג".

די טעטיקייט פון די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס איז אין די לעצטע יאָרן געשטאַנען אונטערן שטאַרקן דרוק פון דער וואַקסנדיקער רעאַקציע אין לאַנד. די פאַשיסטישע איבערקערעניש (מאַי 1934) האָט אינגאַנצן אָראָפּגעווישט פון אויבערפלאַך די שוין אַזוי אויך איינגעשרומפּטע קולטור־באַוועגונג אין לאַנד. אין דינסט פון לעטלאַנדישן פאַשיזם האָט זיך געשטעלט די אגודה. די אגודה־לייט זענען געוואָרן די, וואָס האָבן בידים פּאַגראַמירט און פאַרניכטעט דעם פּראַכטפולן יידישן קולטור־בנין אין לעטלאַנד. דער מיטלאַלטערלעכער קלעריקאַליזם און אָבסקוראַנטיזם הענגט ווי אַ פינסטערע כמאַרע איבער די האָרעפּאַשנע יידישע פאָלקס־מאַסן אין לעטלאַנד.

אויך די ציוניסטן האָבן זיך זייער לייכט צוגעפּאַסט צום נייעם קורס אין לאַנד. די העברעיסטישע שול האָט זיך אינגאַנצן קלעריקאַלי־זירט.

די איינציקע, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד, איז געווען די פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכקייט. ס'זענען פאָרגעקומען שטרייקן פון לערער און שילער, אויף וועלכע די רעגירונג האָט געענטפערט מיט אַרעסטן. דער יידיש־וועלטלעכער קולטור־בנין איז פאַרגוואַלדיקט און צעשמעטערט, אָבער די באַוועגונג האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט און די שטרעבונג צוריק אויפצושטעלן אָט דעם בנין גייט פאָרויס.

די רעאַקציע וועט מיט דער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכקייט ניט פאַרטיק ווערן. אינאיינעם מיט די ברייטע אַרבעטנדיקע פאָלקס־מאַסן אין לאַנד פירט זי דעם קאַמף קעגן פאַשיזם. זי שטייט גרייט אי־בערצונעמען און ווייטער צו פירן די קולטור־אַרבעט, וואָס איז איבער־געוואַלד צייטווייליק אָפּגעשטעלט געוואָרן.

י. לערמאַן (פראַנקרייך)

אין נאָמען פון דער צענטראַלע פון די יידישע ארבעטער און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס אין פראַנקרייך, האָב איך דעם כבוד צו באַגריסן דעם יידישן אַלוועלטלעכן קולטור־קאָנגרעס.

עס איז אַ גרויסער כבוד פאַר מיר, אַ יונגן מענטשן, צו באַגריסן די, וועמענס קעפּ ס'זענען גראָ געוואָרן ביי די פּיליאַריקע אָנשטרענגונגען צו פאַרפולקאָמען די יידישע שפּראַך, צו פאַרגרעסערן איר חשיבות, צו הייבן די יידישע קולטור אויף אַ העכערן ניוואָ.

איך גיב אייך אָפּ אַ גרוס פון איינעם פון די יינגסטע צווייגן פון אונזער פּראַכטפולן קולטור־בוים. פּאַריז איז זייט ניט לאַנג אַ מאָדערנער יידישער קולטור־צענטער.

זיכער, דער יידישער ישוב אין פראַנקרייך איז זייער אַן אַלטער, אָבער די אַלטע איינגעזעסענע יידן האָבן זיך אַסימילירט.

דער זעלבער גורל האָט געטראָפן די אימיגראַציע פון פאַר דער מלחמה, וואָס האָט איבערגעלאָזן גאַנץ ווייניק שאַפונגען אין דער יידישער שפּראַך.

נאָך דער מלחמה קומען קיין פראַנקרייך אַרבעטנדיקע פון פּוילן, רו־מעניע, ליטע א. א. דאָס זענען עלעמענטן, וואָס האָבן אדורכגעמאַכט רעוואָלוציעס און קאַמפן פאַר זעלבשטענדיקייט.

דעמאָלט הייבן זיך אָן צו שאַפן יידישע קולטור־אינסטיטוציעס.

אָבער נאָך די ערשטע יאָרן צעפאַלן זיך אַ טייל סינדיקאַלע אָרגאַני־זאַציעס. עס קומען אָן צייטן פון רעפּרעסיעס פון איין זייט, און פון דער אַנדערער זייט שאַפט זיך די מעגלעכקייט ארויפצואַרבעטן זיך, וואָס דער־ווייטערט אַ סך פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

עס איז די צייט פון דעם אַזוי־גערופענעם „פּאַמאַלניק". אַ סך ווילד־גראָז איז דעמאָלט אָנגעוואַקסן. אין דער פּרעסע האָט דאָמיניִרט שונד. אויסער די אָנשטרענגונגען פון דער פּאַריזער „קולטור-ליגע", האָט מען ניט געקענט באַמערקן קיין ערנסטע קולטור־טעטיקייט צווישן די מאַסן.

זיכער האָט דעמאָלט שוין עקזיסטירט אַ ריי יידישע בירגערלעכע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געהאַט אַ פינאַנציעלע מעגלעכקייטן, אַ גע־נוגנדיקע קולטור־כוחות, אָבער פּונקט ווי אין אַנדערע ישובים, קענען אויך מיר מאַכן דעם פאָרוואורף דעם יידישן בירגערטום, אַז עס האָט ניט גע־

טראַכט וועגן דער מאָדערנער יידישער קולטור.

זיכער האָט זיך אויך אין פּאַריז, דעמאָלט שוין, געפונען אַ היפּשע קאָלאָניע יידישע אינטעליעקטועלע, שרייבער, אַרטיסטן, מאָלערס א. א., אָבער זיי האָבן זיך געפונען אויפן מאָנפּאַרנאַס, ווייט פון די יידישע קוואַרטאַלן פון בעלוויל, פּלעצל, פון יידישן מאָנמאַרטר.

אין די באַדינגונגען זענען די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס צוגעטרעטן צו דער אַרבעט פון בויען דעם יידישן קולטור־צענטר אין פראַנקרייך. אָן געניטע קאַדערן, אָן פינאַנציעלע מעגלעכקייטן איז די אַרבעט געווען אַ שווערע.

אָבער דער ענטוזיאַזם און דורשט נאָך קולטור, וואָס וואַקסט אַלץ מער צווישן די פאָלקס־מאַסן, איז בייגעקומען אַ סך שוועריקייטן און מיר קענען היינט פאַרצייכענען באַדייטנדיקע רעזולטאַטן.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ נעץ פון יידישע צוגאָב־שולן:

10 פון דער געזעלשאַפט „פריינט פון אַרבעטער־קינד“, 1 — ביים אַרבעטער־היים (לינקע פּועלי־ציון), 1 — ביים אַרבעטער־רינג (בונד), 1 — ביי דער פעדעראַציע פון יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן, 1 — פון דער „קאָלאָניע סקאָלער“.

עס עקזיסטירן 4 צענטראַלע ביבליאָטעקן: ביים צענטראַלן קולטור־ראַט, אַרבעטער־היים, אַרבעטער־רינג, פעדעראַציע און אַ ריי אַנדערע אין די קלובן.

2 כאָרן, איינער ביים צענטראַלן קולטור־ראַט און אַ צווייטער ביים אַרבעטער היים, זיי זאַמלען אַרום זיך אַ גרעסערע צאָל יוגנט.

דער דראַמקרייז ביי דער קולטור־ליגע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ טעאַטער, וועמענס אָנשטרענגונגען און פאָרשריטן די דעלעגאַטן פון אונזער קאָנגרעס האָבן געקענט נעבטן אָפּשאַצן.

אַ נעץ פון קלובן ווערט געשאַפן כמעט אין אַלע פּאַריזער אַראָנדיס־מאַנען און אין די פראָווינץ־שטעט.

עס פונקציאָנירט רעגולער דער פאָלקס־אוניווערזיטעט ביים צענטראַלן קולטור־ראַט, אַ צווייטער ביי דער פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קונסט־שולע ביים צענטראַלן קולטור־ראַט.

קולטור־קאָמיסיעס פונקציאָנירן ביי דער אינטערסינדיקאַלער קאָמי־

סיע און אין פאַרשיידענע סינדיקאַטן, ביי דער געזעלשאַפט „פריינט פון דער „נייע פרעסע“, ביי פאַרשיידענע געזעלשאַפטן און סאָסיעטעס.

עס עקזיסטירן צוויי טעגלעכע צייטונגען אין דער יידישער שפּראַך, וואָס איז זיכער אַ גרויסע דערגרייכונג פאַר אונזער ישוב.

אין פּאַריז אַרבעט איצט אַ גרופּע ערנסטע יידישע וויסנשאַפטלער ביי דער יידישער ענציקלאָפּעדיע.

אין דער אַטמאָספער האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן נייע, יונגע טאַלאַנטן, וועלכע שאַפן דעם ליטעראַרישן זשורנאַל „פּאַריזער זשורנאַל“.

פּאַריז ווערט אַ קולטור־צענטער. עס הייבן אָן צוצוקומען די אינטע־לעקטועלע פון מאָנפּאַרנאַס און עס ווערט געשאַפן דער באָדן פאַרן יידישן קולטור־פראָנט, וואָס האָט דערנענטערט די אינטעלעקטועלע צו די אַרבע־טער און פאָלקס־מאַסן. און דער קולטור־פראָנט אין פּאַריז, ווייסט איר דאָך אַלע, איז דער טאַטע פון איצטיקן ערשטן אַלוועלטלעכן יידישן קול־טור־קאָנגרעס.

אָבער דאָס אַלץ איז ניט גענוגנדיק. עס הערשט דורכוים צווישן דער ייד. פאָלקס־מאַסע אַ שטאַרקער דראַנג צו קולטור. דער פאָלקס־פראָנט אין פראַנקרייך האָט אַרויסגעפירט אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע נייע שיכטן. ער האָט אויך געשאַפן די בעסטע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויק־לונג פון אונזער קולטור־טעטיקייט. מיר, אימיגראַנטן, פילן זיך פרייער אינם לאַנד פון פאָלקס־פראָנט.

עס דאַרפן דעריבער אויסגעברייטערט ווערן די איצטיקע קולטור־פּאָזיציעס און עס דאַרפן געשאַפן ווערן נייע. זיי דאַרפן איבערגעטראָגן ווערן אין אַלע קוואַרטאַלן און אַלע שטעט, ווו עס וווינען יידן.

עס דאַרפן רעאַליזירט ווערן אַ ריי נייע איניציאַטיוון, ווי אַן אוני־ווערסיטעט פאַר געזעלשאַפטלעכע קאַדערן, אַ צענטראַלן אַרכיוו, לערער־סעמינאַרס, די פאָרשונג פון דער געשיכטע פון יידישן ישוב, און אַ ריי אַנדערע.

אונזער קולטור־אַרבעט דאַרף ווערן פּאַרטיפט, עס איז נייטיק צו הייבן איר קוואַליטעט. עס איז נייטיק צו שאַפן דער פולקאָמען טיפּ פון יידישן קולטור־טוער.

דער איצטיקער קאָנגרעס דאַרף אין דער ריכטונג געבן פאַר פראַנק־רייך גרויסע רעזולטאַטן. זיי דאַרפן גיין אין צוויי ריכטונגען, וואָס אַנט־שפּרעכן די הויפּט־אידעען פונם קאָנגרעס.

װעלכע זענען זײ?

די ערשטע — דאָס איז די אידעע פון אײנהײט. מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט, מענטשן פון פאַרשײדענע ריכטונגען. קײנער מײנט ניט אָפּצוזאָגן זיך פון זײן אידעאָלאָגיע. אָבער אַלע װילן זיך פאַרײניקן, כדי צו שאַפן נײע װערטן פאַר דער ײדישער מאָדערנער קולטור און זי פאַרטײדיקן.

אַלס רעזולטאַט פון דעם קאָנגרעס דאַרף דאָ אין פראַנקרײך געשאַפן װערן אַ קאָאָרדינירקאָמיטעט פון אַלע ײדיש־װעלטלעכע קולטור־אינסטיטוציעס.

און די צװײטע אידעע פון דעם קאָנגרעס — זי האָט געבראַכט צום אױסדרוק דער פרײנט קרוק, אױף דער פרײטיקדיקער פאַרזאַמלונג. ער האָט געזאָגט: דאָ זענען פאַרזאַמלט גרױסע יחידים צוזאַמען מיט פאַרשטײער פון מאַסן־אָרגאַניזאַציעס.

דער קאָנגרעס האָט די גרױסע מיסיע צו שאַפן דעם נײטיקן צוזאַמענבונד צװישן דער ײדישער פאָלקס־מאַסע מיט די אינטעליגענטועלע.

פרײנט דניאל טשאַרני האָט אױף דער פראַנצױזישער לאַנד־קאָנפערענץ גערעדט װעגן די אױפטוען פון די אַזױ גערופענע „בערלינער", װיסנשאַפטלער, װאָס אַרבעטן פאַר דער ײדישער ענציקלאָפּעדיע. אָבער זײ שטײען נאָך אין דער זײט.

פון דער הױך פון דער טריבונע שטרעקן מיר אױס, מיר — פאַרשטײער פון די ײדישע אַרבעטער און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס — אונזער ברידערלעכע און חברישע האַנט צו אַלע ײדישע אינטעליגענטועלע, װיסנשאַפטלער, מאָלער, סקולפּטאָרן, שרײבער, אַרטיסטן א. א. מיר רופן זײ צו אַ געמײנזאַמער אָנשטרענגונג לטובת דער ײדישער מאָדערנער קולטור.

יאָ, מיר װײסן, די ײדישע רעאַקציע האָט אַלץ געטון און װעט נאָך אַלץ טון, װאָס זי װעט קענען, כדי אונדז צעטײלן, װײל, זי װיל האַלטן דאָס פאָלק אין אומװיסנהײט, װײל זי האָט מורא פאַר דער אַליאַנס פון די אַרבעטנדיקע און אינטעליגענטועלע. זי זאָגט זיך ניט אָפּ פון קײן רכילות און בילבולים.

די רכילותן זענען ספּעציעל פאַרשפּרײט געװאָרן בײ דער צוגרײטונג צום קולטור־קאָנגרעס.

הערט זיך ניט צו צו זײ. גלױבט ניט, װען מען דערצײלט אײך, אַז

אונזער סביבה איז ניט קיין גינסטיקע פאר דער אנטוויקלונג פון גרויסע טאלאנטן.

דעם 17־טן יאנואר 1937 האָבן מיר דערקלערט אויף א צוזאמענ־טרעף פון יידישע שרייבער און קולטור־טוער:

„אויב מיר קענען ארויסשטעלן פאָדערונגען לגבי דעם יידישן שריי־בער, זענען עס בלויז פאָלגנדיקע:

„מיר מיינען, אז דער יידישער שרייבער דארף זיין פארבונדן מיט די, וואָס קעמפן פאר ווארהייט, פארן אמת, פאר דעם אמת, וואָס דריקט זיך אוים אין די גרויסע אָנשטרענגונגען פון די מאסן קעגן בארבארישן פאשיזם, דעם עקלהאפטן ראסן־האס און אנטיסעמיטיזם.

„דער יידישער שרייבער דארף גיין מיט די מאסן, וואָס קעמפן פאר פרייהייט, קעגן פארשקלאפונג, פאר שלום.

„אויב מיר האלטן אָבער, אז דער שרייבער דארף פארבינדן זיין גורל מיט די אָנשטרענגונגען פון פאָלק, גלויבן מיר אויך, אז ער דארף דערביי איינהאלטן די פרייהייט פון זיין אינדיווידום.

„מיר רעספעקטירן די פערזענלעכקייט פון שרייבער.

„מיר האָבן א פארשטענדעניש פארן סענטימענט פון דיכטער, פארן מענטשלעכן געפיל, פאר הארץ. מיר ווייסן, וואָס עס הייסט מיטלייד, וואָס איז ליבע, וואָס באדייט פערזענלעכע פרייהייט".

זאָלן מיר דעריבער פאראייניקן אונזערע כוחות און ארבעטן צוזאמען פארן ווויל פון דער מאָדערנער יידישער קולטור, פארן ווויל פון אונזער גערודפט פאָלק.

יאָ, פון אונזער פאָלק. דער פריינט טשערניכאָוו האָט נעכטן מיט פארוואונדערונג, און זאָלן מיר זאָגן, מיט פרייד צום ערשטן מאָל געהערט אן ארבעטער־פאָרשטייער רעדן וועגן יידישן פאָלק.

זאָל דעריבער דאָ געזאָגט ווערן, אז אונזערע גרויסע פירער האָבן קיינמאָל זיך ניט געשראָקן צו רעדן וועגן יידישן פאָלק. און דער פרעזי־דענט פון ראטנפארבאנד האָט ניט מורא געהאט צו דערקלערן, אז בירא־בידזשאן וועט שאפן און פארפולקאָמען די יידישע נאציאָנאליטעט.

מיר, יידישע פאָרשטייער פון דער לינקער ארבעטער־ריכטונג, האָבן שוין לאנג פארגעסן די דיסקוסיע, צי די יידישע געשיכטע הייבט זיך אָן ביי שפינאָזען, ביי די חשמונאים, אָדער פריער.

און ווען מיר האָבן פון אונזער שוים, פון שוים פון די יידישע פאָלקס־

אָרגאַניזאַציעס אַרויסגעגעבן 1000 פרייוויליקע מיליציאַנערן, וואָס קעמפן איצט אין די טראַנשייען פון סיטע אוניווערסיטער ביי מאַדריד, פון גוואַ־דאַלאַכאַראַ, הועסקאַ, פון סאַראַגאָסאַ, אין די פעלדער פון אַראַגאָן און אויף די בערגלעך פון באַסקן־לאַנד — האָבן מיר דאָס געטון ניט בלויז, ווייל מיר האָבן געוואָלט דערפילן אונזער חוב אַלס אַנטיפאַשיסטן, נאָר מיטן פולן באַוווסטזיין, אַז מיר פאָלגן דאָ נאָך די רומפולע טראַדיציעס פון פרייהייטס־קאַמף פון אונזער גרויסן פאָלק.

די טראַדיציעס פון די, וואָס האָבן יאָרהונדערטער געקעמפט קעגן די בבלשע, פערסישע, גריכישע און רוימישע באַצווינגער אין די אַלטע צייטן.

די טראַדיציעס פון די פאָלקס־העלדן, די חשמונאים און די בר־כוכבאס, די טראַדיציעס פון די, וואָס גלייך ווי זיי האָבן דערגרייכט זייער עמאַנציפּאַציע בעת דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָבן זיי זיך געשטעלט אין די רייען פון די רעוואָלוציאָנערע אַרמייען קעגן די קאָבלענ־צער פאַרעטער, קעגן די פּרייסישע, עסטרייכישע און ענגלישע אינטער־ווענטן.

די טראַדיציעס פון לעאָ פרענקעל און גאַסטאָן קרעמיע, וואָס זענען געפאַלן אויף די באַריקאַדן פון דער פּאַריזער און מאַרסעליער קאָמונע אין יאָר 1871.

די טראַדיציעס פון די יידישע קעמפער אין דער סאָוועטישער פריי־הייטס־אַרמיי, וואָס האָט פאַרטיידיקט די דעראָבערונגען פון דער אָקטאָ־בער־רעוואָלוציע.

די טראַדיציעס פון די הירש לעקערטס, און פון די טויזנטער, וואָס קעמפן איצט פאַר פרייהייט.

די יידישע מיליציאָנערן אין שפּאַניע קעמפן ניט בלויז מיט געווער אין האַנט פאַר דעמאָקראַטיע, קעגן פאַשיזם. זיי לייגן אויך צו אַ ציגל צו דער געביידע פון דער יידישער קולטור.

ווער וועט ניט אָפּשאַצן ווי געהעריק דאָס דערשיינען פון דער יידי־שער פּאָליקאָפּירטער פראָנט־צייטונג, „דער יידישער פרייהייטס־קעמ־פער", וואָס געפינט זיך אויף דער אויסשטעלונג פון יידישן מיליציאָנער אין פּאַריז? דאָס איז אַ פּערל אינם אוצר פון דער מאָדערנער יידישער קולטור.

די יידישע אַרבעטער דאַרפן ניט בלויז ירשנען די קאַמף־טראַדיציעס

פון אונזער פאָלק. מיר מיינען, אַז די יידישע אַרבעטנדיקע דאַרפן ירשנען דאָס שענסטע און בעסטע, דאָס איידלסטע און מענטשלעכסטע פון דער מאָדערנער יידישער קולטור און פון אירע שעפער.

מיר ווילן אויך פון דער ניט־יידישער פריערדיקער העברעישער, אַראַמישער שאַפונג פון אונזער פאָלק ירשנען אַלץ, וואָס איז אַריין אין אוצר פון דער אַלגעמיינער מענטשלעכער קולטור, אַלץ וואָס איז אַ שטרע־בונג צו פרייהייט, צו אַ שענערער מאָראַל, צו אַ בעסערן לעבן.

אָבער ווי אונזער ח' אַלגין האָט ריכטיק געזאָגט נעכטן, די געשיכטע פון אַ פאָלק איז ניט בלויז צוזאַמענגעשטעלט פון געהויבענע, איידעלע מאָמענטן. אין איר קאַמף קעגן די פרייהייט־שטרעבונגען פון די פאָלקס־מאַסן שאַפט די רעאַקציע אַ ריי אידעאָלאָגיעס, אַ ריי שיטות אין דער פי־לאָזאָפיע, אין דער ליטעראַטור, וואָס האָבן פאַר אַ ציל אָפּצוטעמפּן דעם שווונג פון די מאַסן, איינצוהאַלטן זיי אין פאַרשקלאַפונג.

און דערלויבט מיר צו פאַרענדיקן דערמאָנענדיק דאָס בילד, וואָס עס האָט אונז פרייטיק געמאָלן ה. לייוויק, וועגן דער פרוי, וואָס גייט צו קינד אין הויף פון עטאַפּן־טורמע אין סיביר. אונזער צענויפקום האָט אויפגעוועקט ביי אים די דאָזיקע דערינערונג. עס ווערט ביי אונז אַ ניי קינד געבוירן.

און לייוויק פרעגט זיך: צי וועלן זיך געפינען די פלעגערנס פאַר דעם קינד, וואָס וועלן עס שפּייזן און האָדעווען?

מיר ווילן דאָ ענטפערן: יאָ, די מאַסן וואַרטן אויפן קינד, וואָס וועט געבוירן ווערן אויף דעם קאָנגרעס. זיי זענען גרייט עס איבערצונעמען און צו דערציען.

זיי וועלן די באַשלוסן פון אונזער קאָנגרעס פאַרוואַנדלען אין מעשים, און ווען מיר וועלן אין 2 יאָר אַרום זיך ווידער פאַרזאַמלען, וועלן מיר קענען מאַכן אַ פריידיקן סך־הכל און זיין שטאָלץ מיט דער אַרבעט, וואָס מיר טוען היינט.

י. טשערניאַק: דאָס וואָרט, צו זיין באַריכט־פאָרטראַג אויף דער טעמע: „אונזערע שאַפער זענען אויך בויער", האָט ח' וויינפער.

ז. וויינפער (פאַריינ. שטאַטן)

חשובע דעלעגאַטן און געסט,

ערשטנס, זאָל מיר דערלויבט זיין צו באַגריסן אייך אַלעמען און

אויך זיך אליין מיט דעם היינטיקן גרויסן יום־טוב אונזערן. אפגערעדט דערפון, אז איך באטראכט דאס פאר א גרויסער זכיה צו זיין היינט דא צוזאמען מיט אייך און אז איך וועל שטענדיק האלטן פאר א פריווילעגיע צו ווידמענען מיין לעבן אונזער יידישער קולטור.

צווייטנס, זאל מיר דערלויבט זיין אויף דעם ערשטן יידישן אל־וועלטלעכן קולטור־קאנגרעס, ווו מיר נעמען אויף אונזערע קולטור־פראבלעמען מיט אזא טיפן ערנסט, דערמאנען יענע שריפטשטעלער אונזערע, וואס זענען ביי אונז ניט נאר די שאפער פון דעם קינסטלערישן ווארט, נאר אויך די קאנאלן-בויער, דורך וועלכע דאס יידישע קינסטלערישע ווארט האט א מעגלעכקייט צו קומען אין דער עפנטלעכקייט.

איך מיין דא יענע שריפטשטעלער אונזערע, וואס זענען ביי אונז א חוץ ערשטראנגיקע קינסטלער, אויך ארויסגעבער פון זאמלביכער און זשורנאלן.

היינט, אין דעם טאג, ווען מיר לייגן דעם פונדאמענט פאר איינהייטלעכער ארבעט, פאר א גרויסער דויערנדיקער קולטור־בויאונג, אין וועלכער עס זאלן אנטייל נעמען אלע קולטור־כוחות אונזערע איבער גאר דער ערד, זאל דער ביישפיל פון יענע איינצלנע, וואס האבן זיך ממש מוסר נפש געווען און זענען זיך מוסר נפש ביז איצט, דינען ווי א סטימול.

ווען מיר זען היינט פאר זיך די צאל שריפטשטעלער, וואס מען רופט ישוין ביי אונז אין דער צווייטער דור קלאסיקער, — זייט ווייסן, אז זיי זענען לעבעדיקע נסים.

די סביבה, וואס האט זיי באגעגנט, ווען זיי האבן זיך באוויזן, איז געווען אזא פראקטיקע, אז לויט אלע נאטור־געזעצן, האבן זיי גלייך ביים אנהייב געדארפט דערפרוירן ווערן.

מיר איז ניט געווען באקאנט די באציונג צום יינגן יידישן טאלאנט אין אנדערע לענדער, אבער ביי אונז אין די פאריניקטע שטאטן איז געווען צו די יונגע, ווען זיי האבן זיך באוויזן, ניט נאר גלייכגילטיקייט, נאר פשוטער ביטול.

עס האט געמוזט זיין א קאלאסאלער רעזערוו פון לעבנס־כוחות אין אט די שריפטשטעלער, וואס האט זיי געראטעוועט פאר אונזער קולטור.

וואָס זענען געווען די קאַנאַלן, דורך וועלכע זיי האָבן זיך דורכ־געריסן?

די פּרעסע איז פאַר דעם יונגן, דעם נײַ־קומענדיקן — אַזוי ווי היינט, אַזוי אויך פריער — געווען געשלאָסן. דעם קליינעם פּראָצענט שיינע ליטעראַטור, וואָס מען געברויכט אין דער פּרעסע, ווי אַ צושמעל־צונג צו די שלעכטע, צעצויגענע שונד־ראָמאַנען, שטעלן צו די שוין איינגעבירגערטע שרײַבשטעלער. אַזוי איז דאָס געווען פריער און אַזוי איז דאָס אויך היינט.

דער איינציקער זשורנאַל, וואָס האָט עקזיסטירט אין ניו־יאָרק, ווען די גרופּע „יונגע" האָט זיך באַוויזן, איז געווען די „צוקונפט". אַ דאַנק דעם, וואָס דער רעדאַקטאָר איז דער דיכטער אַ. ליעסין, האָט די „צו־קונפט" געעפנט מער אָדער ווייניקער די בלעטער אירע פאַר די יונגע שרײַבשטעלער, אָבער עס איז ניט געווען גענוג. צו גרויס איז געווען דער פרישער שטראָם פון נײַעם יידישן טאַלאַנט, אַז איין זשורנאַל זאָל זיין גענוג אים אויפצונעמען. וואָס זשע האָט מען געטון? אָפּשטעלן די ברויזנדיקע שטראָמען אין זיך האָט מען ניט געקענט. צו שטאַרק און צו לעבעדיק זענען זיי געווען. האָט מען אַליין פאַרקאַשערט די אַרבל און גע־בויט פּאָזיציעס.

די גרופּע „יונגע" האָט מיט דוד איגנאַטאָוון בראש באַשאַפן פאַר זיך די זאַמלביכער „שריפטן", דורך וועלכע ס'האָבן אויפגעלויכטן פאַר אונז מאַני לייב, זישא לאַנדוי, אייזלאַנד, ראַבאַי, מ. ל. האַלפּערן, אברהם משה דילין, יוסף אָפּאַטאָשו און טאַקע דוד איגנאַטאָוו אַליין.

אין די איצטיקע טעג, — ווער קען ניט ביי אונז די ווערק פון יוסף אָפּאַטאָשו? אָבער איך געדענק דאָך זייער גוט די צייט, ווען ער האָט מיט דער אייגענער מי און ענערגיע אַרויסגעגעבן דעם זאַמלבוך „די נייע היים", דורך וועלכן ס'האָבן זיך פאַר אונז באַוויזן די לידער פון יוסף ראָלניק, י. י. שוואַרץ, יואל סלאָנים, די נאָוועלע פון מ. י. חיימאָוויטש און טאַקע די נאָוועלע „פון ניויאָרקער געטאָ" פון יוסף אָפּאַטאָשו אַליין. דער דיכטער ה. לייוויק, — זיין ערשטע סעריע לידער: „אויף סיבירער וועגן" איז דאָך געקומען אין דער עפנטלעכקייט דורך דעם זאַמלבוך „איסט בראָדוויי", וואָס משה לייב האַלפּערן צוזאַמען מיט מנחם באָריישאָן האָבן מיט גרויס אָנשטרענגונג באַוויזן אַרויסצוגעבן.

אין דעם זעלבן זאַמלבוך „איסט בראָדוויי" האָב איך דעם ערשטן

מאָל באַוויזן אויך מיין פּנים דורך דעם ערשטן ציקל פון מיינע לידער וועגן וואַלין.

מיט וויפיל מי און מאַטערניש איז אָנגעקומען אַרויסצוגעבן אָט די זאַמל־ביכער! ניט געווען קיין איין קולטור־אינסטיטוציע, וואָס זאָל זיך אינטערעסירן, ניט געווען קיין איין געזעלשאַפט, וואָס זאָל אויסשטרעקן אַ האַנט. איצט איז אויך ניט קיין סך בעסער. די צוויי גרויסע און זייער וויכטיקע זשורנאַלן, וואָס גייען אַרויס ביי אונז אין ניו־יאָרק: „די צוקונפט" און „דער האַמער" זענען קודם כּל זשורנאַלן פאַר פּאָליטישע צוועקן. ניטאָ אין זיי געגוג פּלאַץ אַפילו פאַר די שוין איינגעוואָרצלטע שריפטשטעלער, אָפּגערעדט פאַר די יונגע, פאַר די ניי־קומענדיקע. מען מוז אויך היינט — אַליין, מיט די אייגענע כּוחות, בויען די קאַנאַלן פאַר דער שעפערישקייט, וואָס שלאָגט אין זיך.

און מען בויט זיי! מיט די גרעסטע אָנשטרענגונגען בויט מען זיי!

די לעבנס־כּוחות פון די יינגע שריפטשטעלער באַווייזן וווּנדער.

איז ניטאָ פאַר זיך קיין פּאַרטיקע סביבה, באַשאַפט מען זי אַליין מיט די אייגענע הענט, מיט דער אייגענער מי.

און זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז די באַשאַפער פון מעגלעכקייטן צו ברענגען דאָס קינסטלערישע וואָרט אין דער עפנטלעכקייט האָבן ניט אין זין בלויז זיך, — נאָר די ליטעראַטור, ווי אַ גאַנצקייט.

לייוויק און אָפּאַטאָשו דאַרפן ניט קיין זאַמלביכער איצט פאַר זיך. אָבער זיי גיבן זיי אַרויס. דורך די צוויי, וואָס זיי האָבן באַוויזן ביז איצט אַרויסצוגעבן, זענען געקומען צו אונז די לידער פון סוצקעווער און גראַדע פון פּוילן, סעגאַל פון ניו־יאָרק, אַ ראָמאַן פון דעם יונגן ניו־יאָרקער נאָוועליסט דעמבלין־טייטלבוים, אַ נאָוועלע פון אַ יינגן קאַנאַדער שריפטשטעלער ל. טרייסטער, דערציילונגען פון דעם יינגערן שריפטשטעלער ש. מילער פון קאַליפאָרניע.

אַפילו די פּראָלעטאַרישע שריפטשטעלער פון ניו־יאָרק, וואָס האָבן אַ פיל גרינגערן צוטריט צו זייער פּרעסע, פילן אויך אַ „שטאַרקן דוחק אין פּלאַץ, און זיי שטרענגען זיך אָן פון צייט צו צייט מיט גרויס מי און מאַטערניש אַרויסצוגעבן די שריפט „סיגנאַל", דורך וועלכן עס באַווייזן צו קומען אין דער עפנטלעכקייט די ווערק פון אַזעלכע באַדייטנדיקע שריפטשטעלער, ווי משה נאַדיר, צבי הירשקאָרן, אהרן קוריץ, ל. פיינ-

בערג און די יינגערע: סול, מענקע קאַץ, בירנבוים, טאַבאַטשניק, פּאָמע־ראַנץ, פּסח מאַרקוס, גרין און אַ צאָל אַנדערע.

די „אינזיכיסטן" געבן אַרויס מיט גרויס מי און מיט אייגענע כּוחות דעם זשורנאַל „אין זיך", דורך וועלכן עס קומען צום אויסדרוק לעיעלעס, גלאַטשטיין און אַלקוויט. נ. ב. מינקאָוו גיט אַרויס דעם זאַמלבוך „באָדן", קאַרלין — „די פעדער". אין די מערב־שטאַטן פון אונזער לאַנד דערשיינט פון צייט צו צייט אַ זאַמלביכל „העפטן", דורך וועלכן עס ווייזן זיך פאַר אונז די יונגע פון יענע געגנטן. איך אַליין געב אַרויס שוין דאָס דרייצנטע יאָר דעם זשורנאַל „אויפקום". אין געוויסע פּעריאָדן האָבן מיר געהאָלפן די דיכטער: ביאַלאָסטאָצקי, לאַפּין און דער פאַרשטאָרבענער גרויסער דיכטער מ. ל. האַלפּערן.

אַזוי ביי אונז אין אַמעריקע, אַזוי אין פּוילן, בעלגיע, רומעניע, אַרגענטינע, פּאַלעסטינע, מעקסיקע, ליטע, קאַנאַדע און נאָך און נאָך, — אומעטום, ווו נאָר עס איז פאַראַן אַ יידישער ישוב. אומעטום איז דער יידישער שריפטשטעלער ניט נאָר דער שאַפער, נאָר אויך דער בויער.

אַפילו די סאַמע יינגסטע ביי אונז אין ניו־יאָרק, — די אָנהייבער אונזערע, געבן אויך אַרויס זייער אויסגאַבע „שריפט" אויף זייער אייגענעם חשבון. דוד אַפּאַטאָשו, דניאל לייוויק, וואָלף פאָגל, בעטי בערקאָוויטש און די אַנדערע יינגסטע אונזערע טראָגן אַליין דעם יאָך פון אָט דער „שריפט".

זאָלן אָט די בזיער אונזערע דערמאָנט ווערן אויף אונזער היסטאָרישן ערשטן יידישן אַלוועלטלעכן קולטור־קאָנגרעס. זאָלן זיי דערמאָנט ווערן, ווי וויכטיקע און חשובע אָנטיילנעמער אַרום טיש פון אונזער ליטעראַטור. זאָל זייער אָנשטרענגונג באַזעלן אונזערע דעלעגאַטן און געסט, און זאָל זי דינען ווי אַ ביישפּיל פון ליבשאַפט צו אונזער קולטור, ווען מען עס גייט איצט איבער אין די הענט פון אונזערע מאַכן איבער דער גאָרער ערד, אונטער דער פירערשאַפט פון דער פּעמאַנענטער יידישער קולטור־אינסטיטוציע, — דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־צענטער.

פראָפ. קיוועליאָוויטש (פראַנקרייך):

איך האַלט פאַר מיין חוב צו נעמען אַ וואָרט דאָ אויפן קאָנגרעס, כדי אונטערצושטרייכן די גרויסע ראָל, וואָס די נאַטור־וויסנשאַפט דאַרף שפּילן אין אונזער קולטור־באַוועגונג. די נאַטור־וויסנשאַפט איז געוואָרן איינע פון די הויפּט־עלעמענטן אין דער מאָדערנער קולטור, ניט בלויז צוליב אירע טעכנישע דערגרייכונגען, נאָר, וואָס איז וויכטיקער, צוליב דער רעוואָלוציע, וואָס זי האָט אריינגעבראַכט די לעצטע יאָרן אין וועלט־באַנעם פונם מאָדערנעם מענטשן, אין דער פילאָזאָפיע, ליטעראַטור, פּאָע־זיע און קונסט. דעריבער דאַרפן מיר די נאַטורוויסנשאַפטלעכע דיסציפּלי־נען אָפּגעבן איינעם פון די וויכטיקסטע ערטער. עס שאַפט זיך איצט ביי אונז אַ פּלעיאַדע יידישע וויסנשאַפטלער, וואָס איז פאַרבונדן מיטן פאָלק דורך טויזנטער פעדים. דאָ, אין פּאַריז, געפינט איר אַ געוויסע צאָל יידי־שע געלערנטע, וואָס רעדן יידיש און וואָס לעבן זיך אוים אין יידישער קולטור, זיי וואַרטן נאָר אויף אַ ווונק פון אייך, כדי צו קומען און מיט־העלפן אין אונזער גרויסער אַרבעט. עס איז דאָ נאָך אַ טייל, וואָס איז דערווייל ווייט פון אונז, אָבער וואָס וויל זיך אויסלעבן אין דער יידישער קולטור, און די סביבה פאַר זיי דאַרף געשאַפן ווערן, ווייל עס איז ניטאָ קיין קולטור אָן אַ נאַטור־וויסנשאַפטלעכער באַזע.

אין די יידישע פאָלקס־אוניווערסיטעטן באַשעפטיקט מען זיך מיט נאַטור־וויסנשאַפט, נאָר ווי מיט אַ קוריאָז. איך אַליין האָב געהאַט אַ פּאָר קוריאָזן אויף דעם געביט, אין מיינע פאָרלעזונגען אין דעם היגן פאָלקס־אוניווערסיטעט. איך האָב גערעדט וועגן די עלעמענטאַרע באַגריפן פון דער נאַטור־וויסנשאַפט. קומט צו מיר, איינמאָל נאָך אַ פאָרלעזונג, אַ יונ־גע פרוי און זאָגט: דאָס, וואָס איר האָט היינט גערעדט, איז געווען ווייניק פאַרשטענדלעך. ווען וועט איר שוין רעדן וועגן איינשטיינס טעאָריע?

שולדיק אין דעם זענען מיר, וואָס שטעלן צונויף די פּראָגראַמען. מיר דיסקוטירן איבער טעאָריעס, אָבער מיר דאַרפן זען דעם מענטשן גופא. דער באַוווסטער געלערנטער פּלאַנק זאָגט, אַז עס איז ניטאָ קיין וויסנ־שאַפט אָן מעטאַפיזיק. מיר דאַרפן זען דעם מענטשן און שאַפן פאַר אים די נייטיקע אַטמאָספערע. די עלעמענטן דערצו זענען פאַראַן ביים פאָלק. דאָס פאָלק קען דאָס אויפנעמען מיט זיין שכל־הישר און קען אויפהויבן דעם ניוואָ פון דער וויסנשאַפט כדי צו שאַפן אַ נייע וויסנשאַפט, אַ קאָ־

לעקטיווע וויסנשאַפט. עס איז אַ סינטעז צווישן דיביידע אידעען, וואָס ליייוויק און אַלגין האָבן אויסגעדריקט: קיין אינדיווידום אָן אַ קאָלעקטיוו, קיין קאָלעקטיווע שאַפונג אָן דעם אינדיווידום. דער אינדיווידום קען היינט ניט ווייט אַוועקגיין פון זיין קאָלעקטיוו. אין אַזאַ צייט דאַרפן די נאַטור־פאָרשער טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן קאָלעקטיוו. מיר דאַרפן ניט זיצן אין אונזערע לאַבאָראַטאָריעס, נאָר אַראָפּגיין צו די מאַסן און פאַר זיי און מיט זיי שאַפן אַ נייע וועלט.

עס איז היינט פאַראַן אַ מעגלעכקייט דורכצופירן, אַז אין פראַנקרייך זאָל ביים באַקאַלאָרעאַט אַנערקענט ווערן יידיש ווי אַ גלייכבארעכטיקטער קעגנשטאַנד. אַלע ווייסן היינט, אַז יידיש איז אַ שפּראַך גלייך מיט אַנדערע. אינעם „קאָלעדזש דע פראַנס" עקזיסטירט אַ קאַטעדרע פאַר העברעיש. מען האָט שווער געקעמפט, ביז זי איז געוואָרן איינגעפירט. מיר קענען איצט אויסקעמפן אַ קאַטעדרע פאַר יידיש, מיר האָבן פונקט אַזאַ רעכט, ווי אַנדערע שפּראַכן, וואָס האָבן זייערע קאַטעדרעס. זאָל זיין העברעיש, אָבער זאָל זיין יידיש אויך.

איך וועל מיר דערלויבן צו ברענגען אין דער וויסנשאַפטלעכער קאָמיסיע אַ פאָרשלאָג צו גרינדן אַ יידישן אוניווערסיטעט. אפילו מיינע נאָנטע פריינט זעען אין דעם אַן אוטאָפּיע, אָבער אַן אוטאָפּיע איז אַ שטעקן מיט צוויי עקן. יעדע וויסנשאַפט האָט איר אינדיווידועלן, נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, וואָס אין אים ליגט איר דעקאָרום. מיר נייטיקן זיך אין לערער, טעכניקער, קוואַליפיצירטע געזעלשאַפטלעכע טוער, זשורנאַליסטן, קונסט־קריטיקער א. א. וו. איך פאַרשטיי, אַז דאָס קען ניט געשען אין איין טאָג, אָבער איך וואָלט געוואָלט, אַז דער קאָנגרעס זאָל פּראָקלאַמירן דעם פּרינציפּ פון אַ יידישן אוניווערסיטעט.

נחמן מייזיל (פּוילן)

איך בין געקומען אַהער דורך גרענעצן, דורך דראַט־פאַרצוימונגען און גאַז־אַטאַקן, וואָס מ'האָט געשטעלט און געלייגט אויפן וועג צום קולטור־קאָנגרעס. גלייך פון צוג בין איך אַריינגעפאַלן צו דער טעאַטער־פאָרשטעלונג און געטראָפן דעם עולם, דעלעגאַטן און געסט, אַ שיין ביסל פאַרשיכורט פון די ערשטע זיצונגען און פון די פאַרטראָגן, וואָס

זענען געהאַלטן געוואָרן. אַלטע געפּרוווטע קאָנגרעס־מענטשן רופן זיך אָפּ מיט גרויס באַגייסטערונג וועגן די ערשטע שריט פונם קאָנגרעס. עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז דער קולטור־קאָנגרעס האָט זיך אָנגעהייבן פּרייטיק. ניין, דער קולטור־קאָנגרעס האָט שוין אַ געשיכטע פון יאָרן, און די פּאַריזער האָבן געגעבן דעם לעצטן שטויס. עס איז פאַראַן דאָס גלענצנדיקע וואָרט — המשך. דער קולטור־קאָנגרעס איז אַ פּועל־יוצא, אַ פאָרזעצונג פון יאָרן אָנגעשטרענגטער טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון אונזער מאַסן־קולטור. מען דאַרף זיך הידושן, ווו נעמען אונזערע אַלע טוער אַזויפיל מוט און עקשנות צו אַרבעטן ביי די אַלע אויסערלעכע און אינעווייניקסטע שטערונגען. נאָר דער גרויסער כוח פון גלויבן און פון אָפּטימיזם האָט באַוויזן וואונדער. מיר האָבן במשך פון דעם יאָר, זינט עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער ערשטער אויפרוף פון די פּאַריזער קולטור־טוער, געהאַט שווערע מאָמענטן פון צווייפל. מיר האָבן אַליין פאַר זיך געטראַכט: ווער ווייסט, צי מיר וועלן בכוח זיין ביי דער וויסטער העצע, וואָס איז געפירט געוואָרן אין פאַרשיידענע קרייזן, צו אָרגאַניזירן אַזאַ צונויפטרעף, וואָס זאָל בכוח זיין אונז פּאַרייניקן, באַפּעסטיקן? ניט איין מאָל האָבן מיר זיך געשראָקן. אָבער דאָס, וואָס מיר האָבן געזען אויפן קאָנגרעס, האָט אונז איבערצייגט, אַז מיר אַליין האָבן ניט ז׳ערשאַצט אונזערע אייגענע כוחות. גוט, וואָס מיר האָבן זיך ניט געלאָזט פאַרפירן פון די צווייפל־געפילן, גוט, וואָס מיר האָבן באַקעמפט די קווענקלענישן ביי אונז און ביי אַנדערע.

אונזער קולטור־קאָנגרעס איז אַ קאָנגרעס פון שלום און ניט פון שנאה, ניט פון האַס. און ביי אָט דער געהייבענער שטימונג, וואָס האָט אונז אַלעמען דאָ אַרומגענומען, לאָמיר ניט באַשולדיקן די אַלע, וואָס זענען אַהער ניט געקומען, די אַלע, וואָס האָבן געשטערט דעם קולטור־קאָנגרעס, נאָר לאָמיר זיי באַדויערן, באַדויערן, וואָס זיי קענען ניט ביי־זיין ביי דעם וויכטיקן מאָמענט: זיי האָבן אָנגעווירן מער ווי מיר מיט זייער ניט־קומען.

איך ברענג אייך אַ גרוס פון פּוילן, ווו עס ווערט געטון אַ גרויסע קולטור־אַרבעט, איך ברענג אייך אַ גרוס פון די אַלע פריינט, וואָס האָבן ניט געקענט קומען אַהער, וואָס זענען אָבער מיטן גאַנצן האַרצן דאָ מיט אונז. מיר זענען דאָ אַ גרויסער כוח. איך קוק אין זאַל, און איך דערקען דאָ צווישן די דעלעגאַטן און געסט די באַקאַנטע טוער, די וואָס

זענען שוין אויסגעפּרוווט אין קאַמף פאַר אונזערע יידיש־וועלטלעכע קולטור־פּאָזיציעס. איך זע דאָ טוער פונם יידישן שול־וועזן, מיטגלידער פונם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, מיטגלידער פון פּען־קלוב, פון אַנדערע קולטור־אָרגאַניזאַציעס. די אַלע טוער זענען געקומען פון פאַר־שיידענע לענדער און האָבן זיך געשטעלט צו דער אַרבעט.

מיר גלייבן אין דעם כוח פונם קולטור־קאָנגרעס, מיר זענען זי־כער, אַז אונזער קולטור־אַרבעט, וואָס ווערט געטון לאחדים, אין איינ־ציקע לענדער, אָפּגעריסן און צעשפּליטערט, וועט פון איצט אָן אָוועק־גיין מיט אַ נייעם טעמפּאָ, ווייל געאייניקט, וועלן מיר זיין שטאַרקער און פעסטער.

מיין פאָטער האָט מיר אַמאָל געזאָגט אַ וואָרט פון אַ גרויסן רבין: אויף יענער וועלט וועט מען איבערוועגן די אַלע בערג און טאָלן, דורך וועלכע חסידים פאָרן צום רבין. אַהער זענען געקומען דעלעגאַטן פון מרחקים, געפאָרן דורך ימים און אָקעאַנען, און זיי וועלן האָבן שכר־הליכה, וואָס זיי זענען געקומען פון ווייטע לענדער צום קאָנגרעס. דער קאָנגרעס וועט ברענגען דער יידישער קולטור ברכה, און דאָס וועט זיין דער גרויסער שכר פאַר אונז אַלעמען.

(נ. מייזיל לייענט דאָן פאָר אַ באַגריסונג צום קאָנגרעס פונם וואַרשעווער ייד. פּען־קלוב. — זע ביילאַגע)

וו. וועוויאָרקע (פראַנקרייך):

(אַ דערגאַנצונגס־באַריכט פון פראַנקרייך):

איך וואָלט ניט געוואָלט, אַז אויף מיין גורל זאָל אויספאַלן אַריינצו־ברענגען דעם ערשטן דיסאָנאַנס אין דעם זייער חשובן קאָנגרעס און איך בעט אייך, אַז איר זאָלט מיינע ווערטער ניט אַנדערש אויפנעמען, נאָר ווי אַ געוויסע גלייכשטעלונג.

דער פאָרזיצער האָט מיר געגעבן דאָס וואָרט צו אַ דערגאַנצונגס־באַ־ריכט וועגן פראַנקרייך. עס איז אָבער ניט מעגלעך צו געבן אַ דערגאַנ־צונגס־באַריכט, דערפאַר, ווייל דער גרעסטער טייל פאַקטן, וואָס דער באַריכט־געבער י. לערמאַן האָט דאָ געבראַכט, איז געווען ריכטיק, אָבער די אַלגעמיינע ראַמען פונם באַריכט זענען ניט קיין ריכטיקע.

נאָך מיין מיינונג איז ניט ריכטיק און ניט גוט פאַרן דערפאָלג פונם

קאָנגרעס פאַרצושטעלן דאָס יידישע קולטור־לעבן פון גאַנץ פראַנקרייך אַזוי, אַז אַלץ איז אַרונטערגענומען געוואָרן אונטער איין טלית. עס איז מיר איצט ניט מעגלעך צו קאָרעגירן אַלע פאַקטן, אָבער דער עיקר, וואָס איך וויל דאָ פעסטשטעלן, איז, אַז עס זענען באַגאַנגען געוואָרן עוולות לגבי פיאָנערן פונם יידישן ישוב אין פראַנקרייך. מען איז באַגאַנגען אַן עוולה אַנטקעגן דער יידישער אינטעליגענץ פון מאָנפּאַרנאַס. געוויס, זענען דאָ טיילן פון דער אינטעליגענץ, וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען פון אונז. אָבער עס איז אויך געווען דאָ אַן אַקטיווע יידישע אינטעליגענץ, און אויב זי האָט ניט געהאַט קיין דערפאָלג, איז עס געווען דערפאַר, ווייל דער יידישער ישוב איז נאָך געווען קליין. אָבער ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע יידישע עמיגראַציע, האָבן זיך די בעסטע טיילן פון דער יידישער אינטעליגענץ גענומען אַרבעטן און בויען.

ס'איז ניט זייער שולד, וואָס עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע טראַגישע צעשפּאַלטונג אויף דער יידישער גאַס, וואָס די „קולטור־ליגע" איז אַריבער צו איין ריכטונג, און עס האָבן זיך געשאַפן דער „מעדעם־פאַרבאַנד" און די פּועלי־ציוניסטישע „אַרבעטער־היים".

אויך אויפן געביט פון פּרעסע האָט מען געאַרבעט און מיט 13 יאָר צוריק איז געשאַפן געוואָרן די ערשטע יידישע טאָג־צייטונג אין פּאַריז: „די פּאַריזער בלעטער".

דעם יידישן טעאַטער איז אויך געשען אַן עוולה, און עס וואָלט געווען כדאַי צו דערמאָנען דעם טעאַטער־אַנסאַמבל „מאַסקע".

עס איז פיל דורכגעלאָזן געוואָרן, אפשר ווייל דער באַריכטס־געבער איז נאָך ניט אַזוי לאַנג אין פּאַריז, און ער ווייסט ניט פון דעם. אָבער מיר טאָרן בשום אופן ניט האָבן טענות צו דער גאַנצער יידישער אינטעליגענץ. דער גרעסטער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ איז ניט געזעסן אויפן מאָנפּאַרנאַס, נאָר האָט געלעבט צווישן די מאַסן. אַזוי, האָבן מיר דאָ, צווישן זיך, אַ יידישן שרייבער, וואָס לעבט און שאַפט שוין 25 יאָר אויפן פּלעצל. עס זענען אויך אַרויסגעקומען ליטעראַרישע אויסגאַבעס אין פּאַריז, איך וואָלט בלויז געוווּנטשן, אַז אין אונזער אַרבעט זאָלן ניט פאָרקומען אַזעלכע בלויזן.

י. אפאטאשו (פאראייניקטע שטאטן)

חשובע דעלעגאטן,

נישט קיין רעפעראט גיי איך האלטן. אין מיינע געציילטע ווערטער וויל איך בלויז זיך טיילן מיט אייך, חברים דעלעגאטן, זיך טיילן מיט מיינע טענות, מיט מיינע ספקות — צו די מיינונגען, וואס מען האט היינט דא ארויסגעזאגט, וועגן דער יידישער ליטעראטור.

ס׳וואלט שוין לאנג צייט געווען צו מאכן א נייע סינטעטישע באַארבעטונג פון ליטעראטור, ניט טיילן די ליטעראטור צוליב באקוועמלעכקייט וועגן, צוליב דעם, מען זאל פארשפארן צו טראכטן — צו טיילן די ליטעראטור אויף ראמאנטישע, נאטוראליסטישע, רעאליסטישע. מען דארף א נייעם צוגאנג. מען דארף זיך בלויז אויסהיטן פון די אלכעמישע שפרוכן, וואס פארוואנדלען גוטע ווערטער און גוטע באגריפן אין שאבלאנען. מען האט היינט דא געהאט טענות, וואס די יידישע ליטעראטור האט זיך אפגעקערט פון די קלאסיקער, איז אוועק אויף זייטיקע וועגן, איז געווארן איינזאם. כ׳שטעל זיך אפ אויפן אויסדרוק „איינזאם“. דאס ווארט איז דאך געווארן א באליידיקונג פאר א דיכטער. מען שעמט זיך דערמיט. אין פארגעסט נישט, חברים, אז נישט יעדע איינזאמקייט איז גליך, נישט יעדע איינזאמקייט איז א מדבר. גרויסע פאעטן לעבן נישט אין גרופן. זיי זענען שטענדיק אליין. זיי טראגן אבער אין זיך דעם מענטש, דעם כלל, טראגן אים אין זייער בלוט. און אויב גרויסע פאעטן ווערן טראגעדיק פון זכרון, געבוירן זיי אבער לעבעדיקע דורות. אין דעם ליגט זייער גרויסקייט.

און קוקט ווי ס׳ווארט „איינזאמקייט“ האט פארלוירן דעם אמתן תוך. ס׳איז א זידל־ווארט פאר פאעטן, ווייל ס׳איז געווארן א שאבלאן.

כ׳האב מורא, אז דאס ווארט „אונזערע קלאסיקער“, וואס מיר רעדן ארום אין איין אטעם, האלט זיך אויך אין אויסליידיקן. און די געפאר ליגט נישט אין דעם „חוט־המשולש“ פון די דריי גרויסע קינסטלער, נאר אין דעם פארטיקן נוסח, אז די יידישע ליטעראטור דארף אוועק איבערן שליאך פון די קלאסיקער. פרעגט זיך — האבן טאקע אונזערע קלאסיקער געהאט איין שליאך? ניט אמת. מען קען ניט רעדן אין איין אטעם וועגן „זיידן מיטן איייניקל“. מענדעלע איז א סאטיריקער. א סאטיריקער טראכט מער וויפיל ער פילט. און מיר, לייענער,

מעסטן אים לויט זיינע אנטיפּאַטיעס, לויט זיין האַס. שטעלט אייך אויף א רגע פאר, וואָס ס'וואָלט ביי מענדעלען אויסגעוואַקסן פון א מנחם-מענדל, פון א טוביה דעם מילכיקן? זיי וואָלטן ארויסגעקומען צעניזוקטע, א צווייטע „קליאַטשע". הומאָר איז א העכערע מדרגה ווי סאַטירע. שלום עליכם זאָגט ערגיץ אין א בריוו: „בערל דער רויטער, ווי אומגליקלעך ער זאָל נישט זיין, קומט ארויס ביי מיר פריילעך". און דאָס איז איינע פון די גרעסטע מדרגות, צו וועלכער א מענטש דאַרף נאָר דערגיין. ווייל אין ליטעראַטור, אין קונסט, ווילן מיר פונקט אזא המשך, ווי אין לעבן. מיר ווילן קאָנטינואיטעט, וואָס זאָל פאַרברידערן מענטשן, פעלקער. מיר ווילן זען די קאָסמישע גאַנצקייט. און צו קריגן המשך, צו דערגרייכן קאָנטינואיטעט, טאָרן מיר נישט האַסן, ווייל האַס צעשטערט דעם המשך, הרגעט אַוועק די גאַנצקייט.

שלום עליכם האָט דאָס געפילט מיט אלע זיינע אברים, געפילט, אז געלעכטער פאַרטרייבט האַס און שלעכטס, מאַכט די וועלט שענער.

און אויב מען קען נאָך געפינען א בשותפות'דיקן טראַקט צווישן מענדעלען און שלום-עליכם'ען, דאַרף מען האָבן א האַרבן מהר"שא ארויפצופירן פרצן אויפן זעלבן טראַקט.

און ס'איז דאָך מערקווירדיק וואָס טייל סאָוועטישע קריטיקער קומען זיך צונויף אין דער פרץ אָפּשאַצונג מיט אונזערע עסטעטן. אי די סאָוועטישע קריטיקער, אי די עסטעטן, טענה'ן, אז פרץ האָט געשאַפן מער מיטן זכרון, ווי מיט דער הילף פון אינטואיציע. פרץ איז א מתנגד, א ראַציאָנאַליסט, א משכיל. ער האָט במעט אויף זיין לעבן קיין חסידישן רבי נישט געזען. פרץ איז צו ניכטער, צו בורזשואַזיונג פאַר סימבאָליק. ער האָט געוואָלט צוגענגלעך מאַכן פאַרן עם-הארץ די פאַרגאַנגנהייט, איז אַוועק אַהין און איז דאָרט געבליבן א געפאַנגענער.

איך האַלט, אז פרץ האָט זיך זיין אייגענעם שליאַך.

טאַוטאָלאָגיע איז ביי יעדן קינסטלער א חסרון און ביי שלום-עליכם'ן איז עס גאָר א מעלה. די איבעריקע רייד גיבן אים צו חן. שלום עליכם שטייט פאַר אונז מיט אָפענע קראַגנען און אַרום און אַרום שטראַמט מיט לעבן, פלייצט. פרץ איז געווען דער ערשטער ייִדישער קינסטלער, ביי וועמען מען האָט געקענט עפּעס לערנען און מען לערנט ביי אים נאָך היינט. און אויב דער שטאָף, וואָס שלום-עליכם האָט באַהאַנדלט, איז ארויסגעקומען קינסטלערישער, פון ריינערער קוואַליטעט ווי

פרץ'ס, איז עס אויף אזויפיל, אויף וויפיל די פּאָעזיע פּושקינ'ס, די פּאָ־עזיע מיצקעוויטשעס, זענען רייכער ווי בייראָנ'ס פּאָעזיע. פּושקין און מיצקעוויטש מיט זייער דערהויבן די פּאָעזיע צו שלמות זענען פאַר־בליבן גרויסע נאַציאָנאַלע פּאָעטן. און בייראָן מיט אַלע רעוויזיעס, וואָס ער האָט געשאַפן מער מיטן זכרון, ווי דורך אינטואיציע, איז פאַרבליבן אַ גרויסער וועלט־פּאָעט.

איך פאַרגלייך נישט בייראָנען מיט פרץ'ן. כ'וויל בלויז אונטער־שטרייכן, אַז מיט בייראָנ'ס וואָרט האָט אייראָפּע געלעבט אַ גאַנצן יאָרהונדערט. און מיט פרץ'ס גרויס וואָרט לעבט און האַלט זיך די יידי־שע ליטעראַטור.

איך האָב מער טענות צו די פרץ־פאַרערער, ווי צו די קעגנער. די פאַרערער זעען דעם גאַנצן פרצן אין דער אויסערלעכקייט, ווילן קיינמאָל זיך ניט דערגרונטעווען, אַז הינטער דער אויסערלעכקייט געפינט זיך דער אמתער פרץ ניט פון דער גמינע, ניט פון הזמיר, אפילו ניט פון צעגליאַנע דריי.

די פרץ־טראַגעדיע באַשטייט אין דעם, וואָס פרץ האָט זיך ניט אויסגעלעבט, נישט געקענט לעבן דאָס לעבן, וואָס ס'האָט געשלאָגן אין אים. ער האָט שטענדיק זיך אַנטקעגנגעשטעלט, שטענדיק מלחמה געהאַלטן, מורא געהאַט צו פאַרלירן זיין אינעווייניגסט לעבן. האָט מען דאָס שטענדיקע פּראָטעסטירן, דאָס מתנגדות אָנגענומען פאַרן אמתן פרץ.

פאַראַן קינסטלער, וואָס טראַכטן אין געשיכטלעכע קאַטעגאָריעס, טראָגן אין זיך ארום קבוצים, פעלקער. פרץ, דער גרויסער מענטש, דער גרויסער ייד, וואָס האָט געטראָגן אין זיך ס'גאַנצע יידישע פאָלק, וואָס האָט געמאָנט ביי דער ליטעראַטור דעם עם־הארץ פון דער תלמודישער צייט, געמאָנט דעם רמב"ם, שפּינאָזען, געמאָנט דעם אַרבעטער — דער פרץ האָט זיך געמוזט אויסלעבן, ווי אַ יחיד, אין די דריי צימערלעך אויף צעגליאַנע גאַס. און אויף דער גאַס האָט געהערשט דער י ח י ד — מע־טערלינק, ווישפּיאַנסקי — מען האָט זיך געשעמט גאָר אַנדערש צו טראַכטן.

אין קבוצים, אין פעלקער, אין געשיכטלעכע קאַטעגאָריעס — דאָרט דאַרף מען זוכן פרצן און פריער צי שפּעטער וועט די יידישע קריטיק קומען אַהין.

אז איר ווילט, זענען דאָס גאַנצע דריי שליאַכן. צוויי באַזונדערע אוודאי און אוודאי.

און די פראַגע דאַרף נישט אוועקגעשטעלט ווערן, צי די יידישע ליטעראַטור איז אוועק פון די קלאַסיקער. ס'דאַרף גענומען ווערן טיפער. מיר, די דורות שרייבער נאָך די קלאַסיקער, האָבן דאָך אוועקגעלייגט אַרום די קלאַסיקער פלאַסטן און גליבעס, וואָס הייבן זיך איבער אונז, ווי אַ מאָנומענט. מען דאַרף אויך קענען אַרויסלייענען און אַראָפּלייענען, וואָס איז אָנגעוואַקסן אין משך פון דורות אַרום די קלאַסיקער. און אָנגעוואַקסן איז מענטשלעכע מי און מענטשלעכע פּראַצע. דאָס איז ס'ליכט, וואָס טראָגט זיך פון דער אייביקייט אויפן קינסטלער. ס'איז אויך דער שאָטן, וואָס פאַרזיכערט אונז, אַז הינטער די געוויינלעכע ווערטער זענען דאָ אַנדערע ווערטער, די אמת'ע, נישט די שאַבלאָנען, ווערטער, וואָס משפּטן אונז.

און דאָ גייט נישט בלויז אין טאַלאַנט. מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט פאַרטיפט אין זייער אייגן לעבן, נישט געקומען פנים אל פנים מיט דער גאַנצער טראַגיק פון לעבן, וועלן קיינמאָל נישט וויסן דעם אונטערשייד צווישן אַ דיכטער ווי פּרץ, ווי לייוויק און אַזוינע באַגאַבטע דיכטער ווי אַ מאָרים ראָזענפעלד, ווי אַ משה לייב האַלפּערן.

אז איר ווילט, עקזיסטירט גאַרניט פּרצס וועלט. ס'איז בלויז דאָ אַ נשמה, וואָס וויל זיך דערגרונטעווען, וויל זיך באַפרייען. די נשמה איז שטענדיק געווען צווישן יידן. זי איז שטענדיק געווען צווישן אַלע פעלקער. דאָס זענען דיכטער, וואָס האָבן געוואָלט און ווילן אין יידישן לעבן געפינען אַ באַרעכטיקונג. אַזוינע דיכטער טראָגן נישט אין זיך בלויז אַ וועלט. זיי טראָגן אויך אחריות פאַר דער וועלט. זייער וועלט איז ניט בלויז דערפאַרונג, וואָס ס'אויג זעט, וואָס ס'אויער הערט — נאָר אויך נשמה און אחריות. פּרץ, יהואש, ליעסין, לייוויק, קולבאַק, לעיעלעס, מאַרקיש, מנחם, אהרן צייטלין — זענען פון אַן אַנדער פלאַך, פון אַן אַנדער טיפקייט. יידישקייט, סאָציאַלע גערעכטיקייט, איז ביי זיי אַ דראַנג צו ווערן א י י נ ס מיט די פאַרגאַנגענע דורות, מיט דער מענטשלעכער גאַנצקייט, מיט דער אייביקייט.

וואָס זענען דורות? וואָס איז אייביקייט?

ווען ס'לעבן נעמט אויף דעם טויט, ווערט קיין זאַך מער ניט פאַרלוירן. יעדער טראָגט און שלעפּט זיין גורל. יעדער פאַרמעסט זיך

מיט זיך אליין, אבי די אייביקייט זאל אנהאלטן, אבי מען זאל קענען דערגיין צו יענעם שפיץ, וווהין בלויז יחידים זענען דערגאנגען, דערגרייכען די טיפעניש, וואס א דאווינטשי, א דאסטאיעווסקי, א טאלסטאי, א בעטהאווען, א בייראן, א ראמען ראלאנד, א פרץ האבן דערגרייכט.

לעבט דאך די יידישע ליטעראטור מיטן ווארט, וואס פרץ האט א ווארף געטון. און אין די טיפעניש, אויף די שליאכן דארף זיך רייסן די יידישע ליטעראטור, אויב זי וויל נישט בלייבן קיין לאקאלע ליטעראטור, נאר פון אזא פארנעם ווי ס'איז די ענגלישע, די פראנצויזישע, די רוסישע, די נארוועגישע.

טשערניאַק:

איך האב דעם כבוד צו באגריסן דעם איינציקן ניט יידישן דעלעגאט צו אונזער קאנגרעס, דעם פארטרעטער פון דער געזעלשאפט „פריינט פון יידיש" אין עסטלאנד, ד"ר פאול אריסטע, דאצענט פון יידישער פילאלאגיע אין טארטוער (יוריעווער) אוניווערסיטעט. ד"ר א ר י ס ט ע וועט באגריסן דעם קאנגרעס אין יידיש.

ד"ר אריסטע (עסטלאנד)

מיינע דאמען און הערן, מיינע ליבע פריינט, מען האט מיך שוין אפשר הונדערט מאל געפרעגט, פארוואס איך, א גוי, אינטערעסיר זיך און מאך פראפאגאנדע פאר יידיש, און ניט העברעיש, אן אלטע, חשובע שפראך. איך חזר יעדעם מאל איבער דיזעלביקע תשובה, וואס איך ברענג דא פאר אייך: יידיש איז ניט קיין זשארגאן, נאר א לשון בעצמו, א קולטור-לשון און די יידישע קולטור איז אן אייגנארטיקע, גרויסע קולטור.

אויך אונזער עסטישע שפראך איז מיט א פאר יארצענדליק צוריק נאך ניט געווען קיין קולטור-שפראך, זי איז ערשט אלט פון 15 ביז 20 יאר, און מיר האבן אין משך פון דער צייט פיל גרויסעם אויפגעטון. מיר האבן זי געמאכט פאר א קולטור-שפראך, וואס אין איר קען זיך אויסדריקן אונזער וויסנשאפט, אונזער קונסט.

אויב די יידן ווילן אויסבויען אַן אמתדיקע קולטור, קענען זיי דאָס מאַכן איינציק אין יידיש. מיר ווייסן דאָס פון אונזער אייגענער דערפאַרונג פון די קלענערע פעלקער, אַמאָל אונטערדריקטע און היינט פרייע — אַדאַנק דעם קאַמף וואָס זיי האָבן געפירט פאַר זייערע קולטורן אין זייערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן.

איך בין זיכער, אַז יידיש וועט זיין אַמאָל אַזוי גרויס, ווי די גרויסע אייראָפּעישע קולטור־שפּראַכן און זיכער גרעסער, ווי מיין מאַמע־לשון, מיין עסטיש.

טשערניכאָוו (פּוילן)

עס איז שוין אַזוי דער סדר פון יעדער שמחה, אַז זי איז שטענדיק אויסגעמישט מיט טרויער. ווען איך בין אַוועקגעפאָרן פון ווילנע, איז איינער פון אונזערע בעסטע קולטור־בויער געווען שווער קראַנק. איצט האָבן מיר באַקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז נעכטן, דעם 18־טן סעפּטעמבער, איז באָריס קלעצקין געשטאָרבן.

אין אָט דער סביבה איז איבעריק צו רעדן, וואָס קלעצקין איז געווען פאַר אונז, פאַר אונזער קולטור־באַוועגונג. אַ סך זאַכן, וואָס מיר טוען איצט, דורך אַ געזעלשאַפטלעכער אָנשטרענגונג, האָט קלעצקין געטון ווי אַ יחיד און ספּעציעל געאַרבעט פאַרן יידישן בוך. ער איז געווען איינער פון די איבערגעגעבנסטע מענטשן פאַר דער יידישער ליטעראַטור. געקומען איז ער צום יידישן לעבן ניט פון אונטן, ניט פון די אָרעמע מאַסן, נאָר פון דער יידישער בורזשואַזיע. קלעצקין איז געווען דער יורש פון אַ גאַנצער דינאַסטיע גלאָז־פאַבריקאַנטן; די גמרא זאָגט, אַז ווער עס וויל ווערן אָרעם ,זאָל האַנדלען מיט גלאָז, ווייל דאָס ברעכט זיך. קלעצקין האָט געהאַנדלט מיט אַ זאַך, וואָס איז נאָך ברעכיקער ווי גלאָז: מיטן יידישן בוך. פאַרן יידישן בוך האָט ער אויסגעגעבן זיין גאַנץ פאַרמעגן, וואָס איז אַמאָל געווען זייער גרויס.

אין די לעצטע יאָרן, אַ קראַנקער און אַ דערשלאָגענער, פלעגט ער אונז דערציילן וועגן דער אומגעהויערער צאָל ביכער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן און וואָס האָבן אים געקאָסט כמעט אַנדערטהאַלבן מיליאָן זלאָטעס. שיינע ביכער, וואָס שטייען אָבער טויטע אויף די פּאָליצעס און קיין מענטש וויל זיי ניט קויפן.

ער איז געשטאָרבן ווי אַן אָרעמאַן: אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער געגעבן דער יידישער קולטור, ביז צו לעצט. די יידישע קולטור האָט אַ סך איבערגעגעבענע בויער, אָבער פיל פון זיי האָבן אַ סאַטיספאַקציע און אַ פרייד אין זייער שאַפן. פרץ און מענדעלע און שלום־עליכם האָבן געליטן אַ סך צרות, זיי האָבן אָבער אויך געהאַט די שמחה פון שאַפן. אָבער פון דרוקן ביכער און פון פאַרקויפן ביכער האָט מען גאָר ווייניק נחת רוח.

און דאָך זענען דאָ מענטשן, וואָס זעען אין דער אויפגאַבע אַ באַ־רעכטיקונג פאַר זייער לעבן. איינער פון זיי, אַ באַשיידענער און איבער־געגעבענער, איז פון אונז אַוועקגעגאַנגען. ער וועט בלייבן אייביק פאַר אונז אין דער געשיכטע פון דער יידישער קולטור און פון דער יידישער געזעל־שאַפטלעכקייט, אונזער ווילנער חבר, דער אַוועקגעגאַנגענער באָריס קלעצקין.

זונטיק, 19 סעפטעמבער 1937 (3 נאָכמיטאָג)

פאָרזיצער: מ. אלגין

פרעזידיום: ב. אַדאַמיטש ד. איגנאַטאָוו, י. ביילין, א. בעקערמאַן, א. דיזשור, מ. זאַלצ־מאַן, טאַפּטשע, ד״ר מ. סודאַרסקי, ד״ר פּאַקס, מאַנע קאַץ, ד״ר י. קרוק, מ. שאַץ־אַנין

לייב פוקס (האָלאַנד)

כ'וועל ניט רעדן איצט וועגן אַמאָליקן, גרויסן, האָלענדישן יידישן ישוב, וואָס האָט אַריינגעשריבן אַ רומפול בלאַט אין דער יידישער געשיכטע. כ'וויל זיך באַגרענעצן בלויז מיטן נייעם, נאָכמלחמהדיקן ישוב, וואָס איז געבוירן געוואָרן, אַ דאַנק דער מזרח־אייראָפּעישער יידישער עמיגראַציע, בעסער געזאָגט אינפילטראַציע, קיין האָלאַנד.

ווי אומעטום, ווי אין אַלע לענדער, האָבן אויך ביי אונז די יידישע פאָלקס־מענטשן, גלייך נאָכן באַזעצן זיך, אָנגעהויבן בויען קולטור־פּאָזיציעס. מיר האָבן אַ שיינעם קולטור־פאַריין א.נ. פון ש. אַנסקי, אַ טיכטיקע דראַמאַטישע סעקציע, אַ ביבליאָטעק און אַ יידישע צוגאָב־שול. מיר ליידן אָבער פון אַ מאַנגל אין כוחות, ס'פעלט אַ צופלוס פון פריש בלוט.

האָלאַנד ליגט אין אַ זייט פון ברייטן אייראָפּעישן קולטור־שליאַך, און מיר גופא זענען צו קליין אין צאָל. עס איז נייטיק, אַז מיר זאָלן ניט זיין איזאָלירט, נאָר שאַפן שוין אַ געמיינזאַמען באָדן פאַר קולטור־אַרבעט מיטן בעלגישן יידישן ישוב. מיר האָפן אַזוי אַרום צו פאַרשטאַרקן דעם קולטור־בוי אין אונזערע צוויי קליינע שכנותדיקע לענדער.

דער קאָנגרעס דאַרף שאַפן אַזאַ מעגלעכקייט פון צוזאַמענאַרבעט אויפן קולטור־געביט צווישן אַלע יידישע ישובים פון גאָר דער וועלט.

איך בין באַאויפטראַגט פון די חברים אין האָלאַנד צו בעטן דעם קאָנ־גרעס, אַז עס זאָלן גענומען ווערן אָפענע טירן פאַר די אַלע, וואָס זענען דאָ היינט נאָך ניטאָ, אָבער וואָס וועלן מוזן צו אונז קומען.

א. ראַכלין (עסטלאַנד)

דער עסטישער יידישער קיבוץ ווערט גערעכנט ווי איינער פון די קלענסטע פון אַלע יידישע קיבוצים. און דווקא אויף זיין גורל איז אויסגע־פאַלן צו באַנוצן זיך מיט אַ פיקסירטן מלוכה־געזעץ וועגן מיעוטים־אַליינ־פאַרוואַלטונגען. די דורכפאַלן פון אויטאָנאָמיע אין אוקראַינע און ליטע האָבן ניט אַנטמוטיקט די עסטישע יידן, ווייל די טרעגער פון אויטאָנאָ־מיע־געדאַנק זענען געווען זיכער אין דער פולער אונטערשטיצונג מצד דער עסטישער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכקייט און אָנפירנדיקע מלוכה־קרייזן. בעתן אויפקום פון דער עסטישער זעלבשטענדיקייט און דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָבן די פאַרשטייער פון אַרבעטער־קלאַס פאַרנו־מען אַ דאָמינירנדיקע לאַגע, און ווי זין פון אַ פאָלק, וואָס ציילט הונדער־טער יאָרן אונטערדריקונג, האָבן זיי גוט פאַרשטאַנען אויסצוטיילן געוויסע פרייהייטן פאַר אַלע מיטבירגער פון לאַנד.

דער יידישער קיבוץ אין עסטי איז צו יענער צייט ניט געווען אָרגאַ־ניזירט. די רעליגיעזע קהילות, צדקה־אַנשטאַלטן און תלמוד־תורות זענען געווען די איינציקע אַנשטאַלטן, ארום וועלכע דאָס יידישע לעבן האָט זיך קאָנצענטרירט נאָך פון די פריערדיקע צייטן.

דער אָנקום פון דער רעוואָלוציע און די באַפרייונג פון עסטישן פאָלק, האָט אויטאָמאַטיש מיטגעשלעפּט אויך די יידישע געזעלשאַפט און גע־שטויסן צו אָרגאַניזירן זיך.

קודם־כל זענען געשאַפן געוואָרן קולטור־פאַריינען, לייען־זאַלן, ביב־ליאָטעקן, דראַמאַטישע קרייזלעך. שפּעטער זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דע־מאָקראַטישע קהלות. לויט דער איניציאַטיוו פון דעמאָקראַטישן אַקטיוו, איז צונויפגערופן געוואָרן אַ צוזאַמענפאָר פון די קהילות, וואָס האָט אויסגע־טיילט אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישן קאָמיטעט, וועמענס הויפּט־אויפגאַבע ס'איז געווען אָרגאַניזירן דאָס יידיש־וועלטלעכע שול־וועזן, פאַרווירקלעכן דעם געדאַנק פון קולטור־אויטאָנאָמיע.

דאָ האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף די גרעסטע שוועריקייטן דווקא אין אונזער אייגענעם יידישן לאַגער. די דיפערענצירונג אין יידישן לאַגער איז געגאַנגען אין דריי ריכטונגען: 1. אַסימילאַטאָרן — די אַזוי גערופענע אַקאַדעמישע אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך געפילט זייער גוט, זיך אויס־לעבנדיק אין דער פרעמדער קולטור און שפּראַך; 2. ציוניסטן, 3. יידי־שיסטן־פּראָגרעסיסטן — שול־און קולטור־טוער. דער אַסימילאַטאָרישער טייל האָט אויפגענומען דעם געדאַנק פון אויטאָנאָמיע ריין־פּאָליטיש און האָט צוערשט פאַרנומען אַ פּאָזיטיווע פּאָזיציע. די הויפּט־צילן און אויפ־גאַבן פון דער אויטאָנאָמיע האָבן זיי וויייניק וואָס אינטערעסירט. פאַר זיי איז געווען וויכטיק צו זיין אנערקענט אַלס אַ באַזונדערע נאַציאָנאַל־יידי־שע קערפּערשאַפט.

די ציוניסטן, וועלכע האָבן זיך בכלל ניט פאַרנומען מיט קעגנוואַרט־אַרבעט, קולטורעל אָפּגעשטאַנען, מיט נאָר וויייניק סימפּאַטיע פאַר יידי־שער נאַציאָנאַלער קולטור — אפילו העברעישער — האָבן געהאַלטן, אַז יעדע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע דערגרייכונג אין „גלות" שטעלט אין סכנה דעם „נאַציאָנאַלן" געדאַנק און דעם „אויפבוי־ווערק" אין פּאַלעסטינע. דעריבער האָבן זיי זיך ארויסגעוויזן פאַר די גרעסטע קעגנער פון דער קולטור־אויטאָנאָמיע.

דער פּראָגרעסיווער טייל פון דער יידישער געזעלשאַפט, וואָס איז געשטאַנען ביים וויגעלע פון דעם אויטאָנאָמיע־געדאַנק, האָט משפּיע געווען אויף דעם גרעסטן טייל פון דעם יידישן מיעוט און האָט איינציק און אליין פּראַקטיש דורכגעפירט די אויטאָנאָמיע אין לעבן.

דער גורל האָט אָבער געוואָלט אָפּשפּילן מיט אונזער אויטאָנאָמיע אַ שפּיצל. די עסטישע יידן מיט זייער אויטאָנאָמיע האָבן באַוויזן דער גאַ־נצער וועלט, אַז אָפּריכטן „גלות" צווישן „פרעמדע" איז אַ קלענערע צרה, ווי פּראַוון „גלות" צווישן אייגענע. מיר האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון יידישער מאַכט און הערשאַפט.

די אַלוועלטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן צו נע־מען זיך אויך פאַר דער עסטישער קולטור־אויטאָנאָמיע. „יידן טאָרן אין גלות קיין נחת ניט האָבן".

אויב שוין אויטאָנאָמיע, דאַרפן די באַלעבאַטים איבער איר זיין ניט „סתם־יידן", נאָר ציונים־העברעער.

אין קולטור-ראט האבן זיך אויסגעטיילט 3 גרופן: 1. אסימילאטארן — די אזוי גערופענע אומפארטייישע, 2. ציוניסטן, 3. יידישיסטן.

די פארייניקטע גרופע פון ציוניסטן און אסימילאטארן, וועלכע האט געבילדעט די מערהייט, האט דורכגעפירט די אומדערווארטעטע רעזאלוציע וועגן העברעיש אלס די איינציקע אונטעריכט-שפראך. דאס האט פון אנהייב אן ארייגעבראכט קאמף און צעריסנקייט, שטורעם און בייזע ווינטן אין אונזערע שטילע וואסערן.

אונטערן דרוק פון דער געזעלשאפטלעכער מיינונג, איז נאך א העפטיקן קאמף געלונגען אויף דער צווייטער אָרדנטלעכער סעסיע פון קולטור-ראט אנולירן דעם ערשטן באשלוס און אנערקענען די גלייכבארעכטיקונג פוןביידע שפראכן. פאקטיש אבער האט זיך דאס בילד ניט געענדערט. עס זענען געעפנט געווארן צוויי שולן מיט דער אונטעריכט-שפראך, אויסשליסלעך, העברעיש.

די דאזיקע שטעלונג פון דער קולטור-פארוואלטונג האט געצוווּנגען די עלטערן און קולטור-טוער לאזן זיך גיין אויפן וועג פון פריוואטער איניציאטיוו, מחוץ דער אויטאנאמיע.

אין יאר 1928 איז געגרינדעט געווארן די יידישע שול-ארגאניזאציע אין עסטי.

די שול-ארגאניזאציע, געשטיצט פון די קולטור-פאריינען, מיטגלידער און סימפאטיקער, האט געעפנט א קינדער-גארטן און אן עלעמענטארע שול מיט דער יידישער אונטעריכט-שפראך. די קולטור-פארוואלטונג האט זיך געמוזט רעכענען מיט דעם פאקט און פארעגיסטרירן די שול אלס פריוואטע.

מיט דער גרינדונג פון דער יידישער שול איז געשאפן געווארן א פאזיציע, אן אויסגאנגס-פונקט צו א פרייען וועג, איבער דער פארצוימטער מיט שטעך-דראט העברעיסטישער גרענעץ.

עס האט זיך אנגעהויבן א העפטיקער קאמף פארן אויסהאלט פון דער מוטער-שפראכלעכער שול. די יידישיסטן האבן געפאדערט פראפארציאנעלע פארטיילונג פון די רעגירונגס-קרעדיטן און אנערקענען די עפנטלעכע רעכט פון דער שול. די ציוניסטיש-אסימילאטארישע שותפים האבן אבער בשום אופן ניט געוואלט נאכגעבן און באשלאסן צו נעמען די יידישיסטישע פעסטונג מיט דעם מיטל פון „אויסהונגערן". זיי האבן גע-

האַפּט, אַז עס װעלן זיך אױסשעפּן די פּריװאַטע סובסידיעס און די שול װעט פון זיך אַלײן ליקװידירט װערן.

גלײכצײטיק האָבן זײ אָנגעהױבן דעם ברוטאַלסטן קאַמף, אַרײנגעמענדיק אין פּראָגראַם די אַלטע אױסגעפּרוּװטע מעטאָדן פון דיסקרעדיטירן די ייִדיש-װעלטלעכע שולן און װאַרפן אױף זײ אַ חשד אין „לינקיזם".

דאָס האָט אױך אין אַ געװיסן זין באַװיזן די ייִדישע שול-אָרגאַניזאַציע און נאָענט-שטײענדיקע קולטור-אַנשטאַלטן צו פאַרבינדן זיך מיט די עסטישע געזעלשאַפטלעכע קרײזן.

ערשט איצט האָט זיך די שטאַטישע שול-אָפּטײלונג פאַראינטערעסירט מיטן ייִדישן שול-װעזן. די אַנטשפּרעכנדיקע מיניסטעריומס האָבן פאָרגעלײגט צו קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג, אין קעגנפאַל װעט די רעגירונג זײן געצװוּנגען אָפּצונעמען די סובסידיעס אָדער בכלל ליקװידירן די קולטור-אױטאָנאָמיע.

גאַנצע 2 יאָר האָט געדױערט די פאַרשטענדיקונג, ביז נאָך די װאַלן פון 3-טן קולטור-ראַט. ערשט דאַן האָבן זיך די „העברעער" ארומגעזען, אַז די געזעצלעכע אַנערקענונג פון ייִדיש-קלאַסן שאַפט אָפּ זײער מאָנאָפּאָל אױף דאָס ייִדישע שול-װעזן אין עסטי.

פון דאָס נײ האָבן זיך אָנגעהױבן פאַרשײדענע פאַרפאָלגונגען. דער חשבון, אַז די ייִדיש-קלאַסן װעלן צוליב מאַנגל אין קינדער ניט-לאַנג אָנהאַלטן, האָט זיך ניט באַרעכטיקט.

די ייִדיש-קלאַסן האָבן שױן אַריבערגעשפּרײזט די פאָלקס-שול און הײיאָר איז מיט גרױסע שװעריקײטן געפּועלט געװאָרן די דערעפענונג פון גימנאַזיע-קלאַס, אַדאַנק דעם, װאָס דער העברעישער קלאַס האָט זיך ניט געקענט עפענען צוליב פעלן פון שילער. אַזױ איז די ייִדישע שול דורכגעגאַנגען אַ לאַנגן שװערן װעג פון קאַמף פאַר איר עקזיסטענץ און פאַקטישער אַנערקענונג. מיט גרױס מסירת-נפש איז זי געװאָרן אױסגעקעמפט.

די קולטור-אױטאָנאָמיע אין עסטי האָט אין משך פון איר 11-יאָריקער עקזיסטענץ באַװיזן, אַז כּל-זמן די אָנפירונג מיט איר װעט ליגן אין די הענט פון אַ ציוניסטיש-העברעישער מערהײט, איז ניטאָ קײן האָפענונג, אַז די אַרבעט װעט אָנגײן אין אײנקלאַנג מיט די אמתע פאָרמען און אינהאַלט פון דער אױטאָנאָמיע-אידעע.

די פאָרמען, װעלכע ס'האָט אָנגענומען אונזער עסטישע אױטאָנאָ-

מיע, איז נאָר מסוגל צו פאַרניכטן אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט אמתער יידישער פאָלקס־קולטור. נאָר אַ דאַנק דער איבערגעגעבנקייט און קרבנות־גרייטקייט פון דער יידישער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכקייט מחוץ דער אויטאָנאָמיע איז געלונגען אײַנצוהאַלטן אין עטלעכע אַלע יידישע קולטור־פּאָזיציעס.

מיר האָפן, אַז דער קאָנגרעס וועט אונז מיטהעלפן אין אונזער שווערן קאַמף פאַר אַן אָרנטלעכער, יידיש־וועלטלעכער קולטור.

בעקערמאַן (פראַנקרייך)

אין נאָמען פון דער יידישער שרייבער־גרופּע ביים „פּאַריזער זשורנאַל", דערלויב איך מיר צו באַגריסן דעם יידישן קולטור־קאָנגרעס. אונזער גרופּע, ווי קליין זי זאָל ניט זיין אין איר צאָל, האָט ניט דעם לעצטן חלק אין דעם, וואָס מיר זענען זיך היינט צוזאַמענגעקומען, און דערפאַר איז די פרייד, מיט וועלכער מיר באַגריסן דעם קאָנגרעס, אַ דאָפּלטע.

די יידישע שרייבער־גרופּע פון פּאַריז איז ניט קיין גרויסע. זי עקזיסטירט ערשט זינט אַ פּאָר יאָר. דאָס זענען יונגע מענטשן, וואָס ביי טאָג אַרבעטן זיי אין די וואַרשטאַטן און זייער פרייע צייט געבן זיי אָפּ פאַר ליטעראַטור און קולטור־אַרבעט. שוין פריער זענען געמאַכט געוואָרן פאַרשיידענע פּרוּוון אַרויסצוגעבן אין פּאַריז אַ יידישע ליטעראַרישע צייטשריפט. אָבער ערשט, ווען עס האָט זיך געשאַפן די גרויסע יידישע צייטונג, די „נייע פּרעסע", איז אונזער גרופּע געוואָרן פעסטער אָרגאַניזירט, און מיר האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַן אייגענעם ליטעראַרישן זשורנאַל. צוליב גרויסע שוועריקייטן קען דער זשורנאַל ניט דערשיינען רעגלמעסיק. פונדעסטוועגן האָבן מיר באַוויזן אַרויסצוגעבן 8 נומערן און איצט וועט דער זשורנאַל ווידער אַרויסגיין.

מיר לייגן אַ סך האָפענונגען אויפן קאָנגרעס. מיר וואָלטן פאָרגעלייגט צו אָרגאַניזירן אַן אַלוועלטלעכן ליטעראַרישן זשורנאַל אין יידיש, וואָס אַרום אים וואָלטן זיך געקענט גרופּירן אַלע יידישע שרייבער. אַזאַ צענטראַלער אָרגאַן, געשאַפן דורכן קולטור־קאָנגרעס, וואָלט באַלעבט אַלע יידישע קולטור־צענטרן. עס וואָלט נאָך געווען זייער געוואונטשן צו שאַפן

א ליטעראַרישע פּרעמיע אויפן נאָמען פונם קולטור־קאָנגרעס, כדי צו דער־מוטיקן דאָס שאַפן פון די יונגע שרייבער.

אונזער גרופּע האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ ריי ביכער אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר. מיר האָבן געמאַכט אַ פּרווו צו פאַראייניקן אַלע שרייבער־כוחות אין פּאַריז, ווייל אין אונזער גרופּע זענען פאַראַן בלויז די פּראָלעטאַרישע שרייבער. צום באַדויערן, איז די זאַך ניט פולשטענ־דיק רעאַליזירט געוואָרן. מען האָט געמאַכט אַ פּרווו צו שאַפן אַן אַל־געמיינעם ליטעראַטן־פאַריין, עס איז אויך אויסגעקליבן געוואָרן אַ פאַר־וואַלטונג, אָבער עס איז ניט קלאָר, צוליב וועלכע סיבות דער פּרווו האָט זיך ניט איינגעגעבן. מיר האָפן, אַז דער קאָנגרעס וועט אונז מיטהעלפן צו פאַראייניקן אַלע ליטעראַרישע כוחות. איך באַגריס דעם קאָנגרעס און ווינטש אים דערפאָלג.

אַלגין

מיר האָבן דאָ אין זאַל ביי זיך די מיטגלידער פונם פּאַריזער יידישן טעאַטער „פּיאַט". די נעכטיקע פאָרשטעלונג האָט אויף אונז אַלעמען גע־מאַכט אַן אויסגעצייכנטן איינדרוק. דאָס יידישע פּאַריז האָט דאָ געשאַפן אַ קולטור־בנין, מיט וועלכן עס מעג שטאָלץ זיין. מיר, אין אַמעריקע, שטאָלצירן גאָר שטאַרק מיט אונזער אַרבעטער־טעאַטער, דעם „אַרטעף". דער „פּיאַט" האָט זיך ניט צו שעמען פאַרן „אַרטעף": ער שטייט אויף אַ גאָר הויכן קינסטלערישן ניוואָ, ניט געקוקט אויף דער יוגנט פון זיינע בויער. מיר ווינטשן אים דערפאָלג און זאָל ער וואָס מער באַרייכערן די יידישע טעאַטער־קונסט.

דאָס וואָרט צו זיין רעפעראַט אויף דער טעמע: „די פּראָבלעמען פון יידישן טעאַטער", האָט ח' ד"ר מוקדוני.

ד"ר מוקדוני (פאַראייניקטע שטאַטן)

מיין רעפעראַט הייסט: די פּראָבלעמען פון יידישן טעאַטער.

דאָס ערשטע פּראָבלעם פון יידישן טעאַטער איז דאָס, וואָס עס איז בכלל ניט קיין פּראָבלעם ביי יידן, קיין פּראָבלעם ביי גרויסע טיילן פון דער יידישער אינטעליגענץ, קיין פּראָבלעם ביים גרעסטן טייל פון די

יידישע שריפטשטעלער. אָט אין דעם ליגט די טראַגישקייט פונם יידישן טעאַטער.

לייוויק האָט אין זיין רעפעראַט איבער יידישער ליטעראַטור אויפגעשטעלט אַ טיש מיט ערטער פאַר אַלע געסט פונם יידישן געדרוקטן וואָרט, נאָר דאָס אָרט פון יידישן טעאַטער־קריטיקער האָט ער פאַרגעסן. און דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש. עס אַרט מיך ניט דער פּערזענלעכער כבוד פונם יידישן טעאַטער־קריטיקער. אָבער דאָרט, ווו מען פאַרגעסט קיינעם ניט, האָט אַ דראַמאַטורג אַליין פאַרגעסן דעם טעאַטער־קריטיקער. דאָס באַווייזט, ווו מיר שטייען. מיר האָבן גערעדט צוויי טעג וועגן ליטעראַטור; טעאַטער איז דאָך אויך ליטעראַטור, אָבער וועגן דראַמע האָט מען קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט. איך קום ניט מיט קיין טענות, איך כאַראַקטעריזיר נאָר די לאַגע: אָט דאָ ליגט די טראַגישקייט פונם יידישן טעאַטער־פּראָבלעם.

מלוכות האָבן פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פונם טעאַטער. ס'איז שוין ניטאָ אויף דער וועלט קיין איין און איינציק לאַנד, ווו די מלוכה גיט ניט קיין געלט אויף טעאַטער, שוין אָפּגערעדט פון סאָוועט־רוסלאַנד, אָדער פראַנקרייך מיט זייערע מלוכישע טעאַטערס. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז טעאַטער איז איינער פון די וויכטיקסטע קולטור־מיטלען, מיט וואָס מען קען קומען צום פאָלק. ווייל אָט דאָ פאַרייניקן זיך עטלעכע קונסטן און רעדן מיט איין קול. נאָר ביי אונז האָט מען דאָס ניט פאַרשטאַנען, מען באַדאַרף עס ערשט באַווייזן, און מיר שטייען נאָך הייַנט ביים אָנהייב.

פונדעסטוועגן גייען יידן אין טעאַטער און אין שלעכטן טעאַטער, ווייל זיי האָבן ניט קיין בעסערן. לויט מיין באַרעכענונג, גייען פיר מיליאָן יידן אַ יאָר אין טעאַטער און געבן אויס אַ 7 — 8 מיליאָן דאָלאַר; דאָס איז גענוג, כדי צו מאַכן דאָס טעאַטער פאַר אַ פּראָבלעם. אין אַמעריקע גיט די מלוכה אויס אויף טעאַטער אַזויפיל, וויפיל אויף בילדונג. און ביי אונז מוז מען זיך איינשטעלן אויף פאַרזאַמלונגען און דערקלערן, ווי וויכטיק ס'איז דאָס טעאַטער.

איך מיין, אַז דאָס וואָס דאָס יידישע טעאַטער איז ניט קיין פּראָבלעם — דאָס איז דאָס טראַגישסטע פּראָבלעם. ניט נאָר עס איז קיין פּראָבלעם ניט, עס איז אַ מלאכה בזויה. איך האָב גערעדט מיט יידישע יונגעלייט, געבילדעטע, ערלעכע, וואָס דרייען זיך אַרום אָן באַשעפטי-

קונג, און האָב זיי געזאָגט: נעמט אייך צום טעאַטער־געשעפט, איר זענט
דאָך אינטעליגענט. האָבן זיי זיך געפונען באַליידיקט. אָבער אויב דאָס
יידישע טעאַטער וואָלט געווען געשעפטלעך אין בעסערע הענט, וואָלט
עס ניט דערגאַנגען צו אַזאַ ירידה.

ווי איז איצט די לאַגע פונם יידישן טעאַטער? דאָס יידישע טע־
אַטער איז שוין אַלט אַ היפּשע פופציק יאָר. צוויי גרויסע מענטשן אונזע־
רע, י. ל. פּרץ און א. ווייטער, זענען גרייט געווען זיך אריינצוּוואַרפן אין
קאַמף פאַר אַ בעסערן יידישן טעאַטער. ס'איז געווען אַ צייט, ווען מיר
האָבן וואַרשע אויפגערודערט מיט דעם באַרימטן אויפטריט פון פּרצן
אין דער פילהאַרמאָניע קעגן דעם שונד־טעאַטער. אָבער דערנאָך איז גע־
קומען דער ביילים־פּראָצעס און דערנאָך די מלחמה און — אונזער אַרבעט
איז איבערגעריסן געוואָרן. איך האָב ניט אין זין ראַטן־רוסלאַנד, וואָס
איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. דאָרט זענען פאַרן שונד אַלע טירן פאַרהאַקט.

ווי האַלט עס ביי אונז? נאָך אַ פופציק יאָר שטייען מיר פאַר פיר
פּראָבלעמען: 1. דאָס יידישע טעאַטער האָט ניט קיין רעפּערטואַר.
2. דאָס יידישע טעאַטער האָט ניט קיין שוישפּילער. 3. עס פעלט אים
דער טעאַטער־קריטיקער. 4. עס פעלט דער נייער קינסטלער, דער שע־
פער פונם ספּעקטאַקל, דער רעזשיסער. ס'פעלט אים אַלץ, ס'פעלט אים
לייב און לעבן.

וואָס איז געוואָרן מיטן רעפּערטואַר? וואָלט מען געמאַכט אַ סך־
הכל פון די יידישע דראַמעס, וואָס זענען דערשינען אין משך פון די
לעצטע צען יאָר, וואָלטן מיר געהאַט ביי אַ פינף און צוואַנציק דראַמעס,
וואָס מען קען שפּילן. פון זיי זענען אויפגעפירט געוואָרן פיר, איין און
צוואַנציק זענען געבליבן אין בוך־פאָרם, אויף די פּאָליצעס. מיט וואָס
נערט זיך דאָס אַלטע יידישע טעאַטער און מיט וואָס ווערן געשפּייזט
זיינע באַזוכער? דאָס איז שוין ניט מער אַ פראַגע פון שונד, שונד איז
שוין אַ מדרגה, הלואי גיט מען אונז יענע שונד־דראַמעס, וואָס מען
פלעגט געבן מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק. דער היינטיקער רעפּערטואַר
איז שוין קיין שונד אויך ניט.

אָט האָט איר אַ פאַקט פונם היינטיקן אַמעריקאַנער טעאַטער. מיר
האָבן אין ניו־יאָרק אַכט טעאַטערס, וואָס שפּילן אַזוי־גערופענע אָפּערעטן.
אין לעצטן סעזאָן האָבן דריי פון זיי גענומען שפּילן איין און דאָס זעל־
בע שטיק, נאָר מיט אַן אַנדער נאָמען. די שרייבער פון אָט די דריי

פיעסן האָבן געזען אַ פילם, אַ שלעכטן, פאַר צען סענט, ווי מען זאָגט ביי אונז, און האָבן דערפון צונויפגעקלאַפּט אַ ליברעטאָ. אָבער יעדער איינער האָט געמאַכט, וואָס ער האָט געוואָלט. איז דער סטאַר פון זיין טעאַטער געווען אַ טראַגיקער, האָט ער געמאַכט אַ טראַגעדיע; איז דער סטאַר אַ קאָמיקער, האָט ער געמאַכט אַ קאָמעדיע; איז דער סטאַר געווען אַ פרוי, האָט ער פונם העלד פון זיין שטיק געמאַכט אַ פרוי. קיינעם איז ניט איינגעפאַלן, אַז דאָס איז ניט שיין. היינט גייט אין אַמעריקע אַ טעמע וועגן געשיר־וואַשער. מיט אַ יאָר צוריק האָט אַ יונגער אַקטיאָר געמאַכט אַ פיעסע מיט אַ געשיר־וואַשער, און די פיעסע האָט אים איינגעבראַכט 40.000 דאָלאַר. וועלן אין דעם קומענדיקן סעזאָן אַלע טעאַטער־פיעסן האָבן אַלס הויפּט־העלד אַ געשיר־וואַשער; און אַפילו דאָס בעסערע טעאַטער מוז דאָס מיטמאַכן.

דער אַלטער לאַטיינער וואָלט היינט געווען פון די בעסטע. ער האָט נאָך כאָטש פאַרשטאַנען, אַז אַ שטיק באַדאַרף אַ העלד, וואָס טוט עפּעס. און דער העלד איז ביי אים געווען שטענדיק דראַמאַטיש, אָדער טראַגיש. ביי אונז אין אַמעריקע איז דער קאָמיקער דער סטאַר געוואָרן. איז אויך דער העלד אַ קאָמיקער. און וואָס קען שוין אַ קאָמישער העלד אויפטון? נאָך אַ פּאָר וויצן.

פינף און צוואַנציק דראַמעס האָט מען אָנגעשריבן אין משך פון די לעצטע צען יאָר. ס'איז ניט געווען קיין נאָכפראַגע, האָט מען ניט געשריבן. אַ דראַמע, וואָס בלייבט בלויז אַ בוך, איז אַ דאָפּלטע באַליידיקונג. ביי אונז אַט דאָ זיצט איינער פון אונזערע בעסטע דראַמאַטורגן: לייוויק. זיינע דראַמען האָבן אויפגערודערט דאָס אַמעריקאַנער יידישע פובליקום. אָבער שוין אַכט יאָר, ווי קיינער איז ניט געקומען צו אים נאָך אַ דראַמע. (ה. לייוויק: שוין צען יאָר!) ביי אַ פאָלק, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ דראַמאַטורג, ווי לייוויק, איז עס טראַגיש.

ד ע ר ש ו י ש פ י ל ע ר: דער איינציקער קערן פונם אַלטן טעאַטער איז געווען דער שוישפּילער. דאָס אַלטע יידישע טעאַטער האָט דערצויגן גרויסע, טאַלאַנטירטע שוישפּילער. אָבער מיט זייער טאַלאַנט זענען זיי געווען נאָך ערגער, ווי אָן טאַלאַנט. דער אַלטער יידישער שוישפּילער איז דער סאַמע כאַראַקטערלאָזער קינסטלער אויף דער יידישער גאַס. קיינער וועט ניט זאָגן, אַז דעם יידישן דיכטער איז בעסער ווי דעם יידישן שוישפּילער. דאָס יידישע פאָלק קימערט זיך ניט וועגן קיין איינעם פון

זיי. אָבער דער דיכטער איז זיך מוסר-נפש און וועט ניט קומען צו קיין ירידה, ער וועט ניט דערגיין צו שונד. און מיר ווייסן, וואָס יידישע שרייבער לעבן אדורך. ס'איז ניט מיין טעמע, די עקאָנאָמישע לאַגע פון יידישן שריפטשטעלער. ער האָט אָבער געשאַפן א ליטעראַטור, געשאַפן אין פיין, נויט און עלנט. אָבער דער אַלטער יידישער שוישפילער האָט זיך קיינמאָל ניט געאָפפערט. ער איז געגאַנגען אין דעם שונד-טעאַטער, ער איז דער נאָכגעביקסטער, דער פרינציפּלאָזסטער, אָן אויסדויער. ס'איז אמאָל געווען ביי אונז דער קונסט-טעאַטער, וואָס האָט ארום זיך קאָנצענטרירט די בעסטע שוישפּילער, גרויסע טאַלאַנטן, ווונדערבאַרע קינסטלער. אָבער אזוי ווי דער קונסט-טעאַטער האָט זיך געשלאָסן, האָבן זיי אַלע גענומען שפּילן שונד. ס'איז שוין אזוי וויט דערגאַנגען, אז ווען מען רעדט ביי אונז פונם נייעם יידישן טעאַטער, האָט מען פּשוט מורא פאַרן אַלטן יידישן שוישפּילער, אַז ער וועט ברענגען פּייגלעכן שונד. מיר אַלע ציען יניקה פון דער יידישער ירושה, אָבער פון דער יידישער טעאַטער-ירושה זאָגן מיר זיך אָפּ, ווייל זי קען אונז פאַרפירן אהין, וווּ דער טעאַטער אַליין איז פאַרפירט געוואָרן.

אויב עס שטייט פאַר אונז דאָס פּראָבלעם פון בויען דעם נייעם יידישן טעאַטער, קומט דער אַלטער יידישער שוישפּילער פאַר אונז ניט אין באַטראַכט. מען קען זיך אויף אים ניט פאַרלאָזן, ווייל ער קען אונז פאַרראַטן. ס'זענען דאָ גרויסע, ווונדערבאַרע, געזונטע טאַלאַנטן צווישן זיי, וואָס דאָס פאָלק האָט ארויסגעגעבן, אָבער דעם רוב פון זיי פעלט שטאַרקייט, אויסדויער און קינסטלערישער פּרינציפּ.

דאָס יידישע פּובליקום איז ענלעך צום לייענער פון א יידישער ציַיטונג. דער יידישער לייענער איז דער מערקווירדיקסטער לייענער אויף דער וועלט. אין דער וועלט האָט יעדער מענטש זיין צייטונג. ביי אונז לייענען איינע און די זעלבע צייטונג א ייד פון שטעטל און דער גרעסטער אינטעליגענט, אַן אנאַלפאַבעט און א פּראָפעסאָר. אין יידישן טעאַטער-לעבן איז דאָס זעלבע. מיר האָבן א זייער-נאַיווען טעאַטער-עולם, וואָס קומט פון קליינעם שטעטל, ווו ער האָט בכלל ניט געוווּסט, וואָס דאָס איז אזוינס טעאַטער. אָבער דער דאָזיקער עולם האָט גרויסע מעלות, ער לעבט זיך איין ווי א קינד אין דער פאָרשטעלונג, ער איז דאָס דאַנקבאַרסטע פּובליקום מיט זיין פּרימיטיווקייט און נאַאיווקייט. אָבער ער איז אויך געפערלעך, ער איז ניט צוגעגרייט, ס'פעלט אים קול-

טור, ער איז א שפּילכל אין די הענט פון פאַרשיידענע אימפּרעסאַריאָס.
אַט דעם עולם קען מען און מען דאַרף ראַטעווען.

דער אַנדערער סאָרט עולם קומט אין טעאַטער־אַריין ניט ווי אַ גע־ניסער, נאָר ווי אַן אַריסטאָקראַט, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ פון אויבן און מען קען אים ניט צופרידנשטעלן. ער האָט די פאַרשאָלטענע ברירה פון אונדז אַלע יידן: ער וויל ניט קיין יידישן טעאַטער, אויב ער האָט אַ ניט־יידישן. דאָס טעלערל פון הימל זאָל מען אים געבן. אַט דער עולם פאַרשפּרייט בלבולים איבערן יידישן טעאַטער, לאַכט אים אויס, אָבער ער קומט דאָך, ער איז אינערלעך צוגעבונדן צו אים.

און זעט אים, ווי ער זיצט אין פרעמדן טעאַטער, ווי שטיל, ווי פיין. דאָרט איז אַלצדינג גוט און שיין.

אַט די צוויי עקסטרעמען פון עולם זענען דער אומגליק פון יידישן טעאַטער. אָבער פונדעסטוועגן: דער ערשטער עולם, די גרויסע מאַסע, קען ווערן אַ וווּנדערבאַרער טעאַטער־עולם.

מיר האָבן ניט קיין טעאַטער־ליטעראַטור. אין יעדער ביבליאָטעק פון דער וועלט זענען פאַראַן ביכער וועגן טעאַטער. איך האָב איבערגע־ציילט, וויפיל ביכער ס'זענען פאַראַן אין דער יידישער ליטעראַטור וועגן טעאַטער. איר וועט ניט גלויבן: זיבצן ביכער, פון זיי זיבן, וואָס ס'וואָלט בעסער געווען, ווען זיי וואָלטן ניט אָנגעשריבן געוואָרן. פון די איבערי־קע צען, זענען אַ העלפט ניט געשריבן פאַרן פאָלק. דאָס זענען אַראָפּרע־דענישן פון הארצן. פאַרן לייענער זענען געבליבן פינף. דאָס איז אונזער טעאַטער־ליטעראַטור. ניטאָ קיין איין זשורנאַל, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט טעאָרעטישע טעאַטער־פּראָבלעמען. ביי פיר מיליאָן טעאַטער־באַ־זוכער אַ יאָר, — אויב ס'וואָלט געווען אַ געהעריקע אָרגאַניזאַציע, וואָלט זיך אַזאַ זשורנאַל געקענט פונאַנדערגיין אין 10.000 עקז. קומט שוין אַמאָל אויף אַ זשורנאַל, שטאַרבט ער אָפּ נאָך דריי חדשים. זאַמלביכער וועגן יידישן טעאַטער בלייבן ליגן אויף דער פּאָליצע, קיינער איז ניט פאַרינטערעסירט, אַז דאָס בוך, אָדער דער זשורנאַל, זאָל ווערן געלייענט.

דאָס זענען די פּראָבלעמען. איצט — וואָס טון?

ערשטנס, איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז אויב ס'וועט זיין אַ טעאַטער, וועט זיין אַ רעפּערטואַר. אויב ס'וועט זיין אַ נאָכפראַגע אויף דראַמען, וועלן זיך געפינען דראַמאַטורגן. אָבער ניט בלויז מיט דער רעפּערטואַר־

פראגע וועט דאָס פּראָבלעם פון יידישן טעאַטער געלייזט ווערן. דער גאַנצער וועלט־רעפּערטואַר לעבט איבער אַ קריזיס צוליב די עקאָנאָמישע צעטרייסלונגען, מלחמות און רעוואָלוציעס. דער מענטש איז אָראָפּגעשלאָגן געוואָרן פונם טראָפּ. באַגריפן האָבן זיך געביטן. דער היינטיקער מענטש איז דינאַמיש און ניט סטאַטיש; און דראַמע הייסט קאָנפליקט פון דעם מענטשן מיט זיין אַרומיקער סביבה. אַזוי לאַנג ווי די סביבה ביי אונז איז געווען רעליגיעז, איז ווען איינער האָט זיך אַרויסגעריסן, זיך פאַרזינדיקט מיט עפּעס קעגן זיין טאַטן — איז עס געווען אַ קאָנפליקט. אָבער היינט זענען ביי אונז פיל דראַמאַטישע קאָנפליקטן אָפּגעשטאָרבן.

וואָס זענען געווען די הויפּט־קאָנפליקטן פון דער יידישער דראַמע? ערשטנס: פאַמיליען־דראַמעס. די יידישע פאַמיליע איז געווען מאָנאַרכיסטיש געבויט, מיט אַ מלך אַ פאָטער און אַ מלכה, אַ מוטער. אינערלעך איז די פאַמיליע געווען שטרענג רעליגיעז. אויב ס'האָט זיך עמיצער געבונטעוועט אין אָט דער פאַמיליע, אויב אַ קינד איז ניט געגאַנגען אין די וועגן פון זיינע טאַטע־מאַמע — איז געווען אַ קאָנפליקט.

היינט האָבן מיר ניט קיין פאַמיליען־דראַמעס. טאַטעס האָבן קיין דעה ניט. קינדער טוען וואָס זיי ווילן. דער קריג האָט די פאַמיליע צעבראָכן.

אין אַמעריקע האָבן מיר געהאַט די עמיגראַנטן־דראַמע, וועלכע לייוויק האָט אָפּגעשפּיגלט אין זיין „באַנקראָט“ און „שמאַטעס“. מענטשן, אַרויסגעריסן פון זייער וועלט, אַריינגעוואָרפן אין אַ נייע, פרעמדע וועלט, אַ וועלט פול מיט קאָנפליקטן, מיט אַן אַנדער מאָראַל — דאָס איז געווען אַ קוואַל פון דראַמעס. היינט איז די עמיגראַציע אָפּגעשטעלט און דער נייער עמיגראַנט קומט שוין אָן הראמעס.

די יידישע היסטאָרישע דראַמע, וועלכע דער יידישער מענטש האָט זייער ליב געהאַט, האָט פאַר אים פאַרקערפּערט די געשטאַלטן פון תנ"ך. אויך די דראַמע איז טויט. דער קאָנסומענט איז אַוועק פון דער געשיכטע. פאַר אונז, היינטיקע, איז אויך די היסטאָרישע דראַמע פאַרלוירן.

נאָך איין דראַמע איז געווען — די סאָציאַלע. איז געקומען די סאָציאַלע רעוואָלוציע און האָט געמאַכט פון דער סאָציאַלער דראַמע אַן אַגיט־דראַמע. די קינסטלערישע דראַמע האָט מען מקריב געווען צוליבן צוועק און צוליב דער אידעע. אָבער די אַגיט.־דראַמע האָט מען שוין

אפילו אין סאָוועט־רוסלאַנד אַפּגעלאָזט און מען קומט שוין צוריק צו דער סאָציאַלער דראַמע.

וואָס טון? אין דער אמתן האָלט ס׳יידישע טעאַטער ערשט ביים אָנהייב, עס האָט זיך נאָכניט צוגערירט צום וועלט־רעפּערטואַר. שעקספּיר, הויפּטמאַן, סטרינדבערג, איבסען, זענען אים נאָך גאָר פרעמד.

וואָס טוט מען מיטן שוישפּילער? ס׳איז אַן אַלטע טעאָריע: טעאַטער איז אַ סינטעטישע קונסט, צונויפגענומען פון עטלעכע קונסט־צווייגן: ליטעראַטור, מאָלעריי, מוזיק, טאַנץ. נאָר זאָלטן זענען אַלע פיר אויף דער העכסטער מדרגה. דערפאַר האַלט איך, אַז מיר דאַרפן נעמען אַמאַטאָרן. איך אַליין האָב געזינדיקט קעגן אָט די יינגע מענטשן. וועט דער ספּעקטאַקל ליידן פון שוישפּילערישקייט, וועט עס דערגאַנצט ווערן מיט דעקאָראַציע, מוזיק, טאַנץ. איצט איז געקומען די צייט צו נעמען ליבהאָבער און מיט זיי שאַפן דעם נייעם טעאַטער. מיר האָבן שוין פּראַקטיקער אויף דעם געביט. מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט אַ ליבער געשאַפן אַן אַמאַטאָרן־טרופּע און ס׳איז אַרויסגעוואַקסן דער קונסט־טעאַטער פון מאָריס שוואַרץ. אויך דער מאָסקווער טעאַטער איז געווען אַן אַמאַטאָרן־טעאַטער. דאָס איז דער מאַטעריאַל, וו מיר וועלן אַנטדעקן דעם נייעם שוישפּילער.

אין אַמעריקע פאַרמאַכן זיך די אַלטע טעאַטערן ניט ווייל ס׳איז ניטאָ קיין עולם, נאָר פון עלטער־שוואַכקייט. דער דורכשניטלעכער עלטער פון אַ יידישן שוישפּילער אין אַמעריקע איז 50 — 55 יאָר. זיי האָבן געשאַפן אַ פאַרשלאָסענעם קרייז. וו דער יינגסטער איז אַלט 45 יאָר. איין טעאַטער נאָכן צווייטן פאַרמאַכן זיך. אין אַמעריקע איז פאַראַן נאָך אַ פּראָבלעם: אַלע יידישע טעאַטערן געפינען זיך אין ניו־יאָרק. טשיקאַגאָ, פילאַדעלפיע מיט זייערע פּאָר הונדערט טויזנט יידן האָבן ניט קיין יידיש טעאַטער. מיר וואָלטן באַדאַרפט האָבן צען נייע טעאַטערס; און עס וואָלט געווען לייכט זיי צו שאַפן, אויב הינטער דעם וואָלט געשטאַנען אַן אָרגאַניזאַציע, אָדער כאָטש אַ פּאָר טיכטיקע מענטשן. איך אַליין באַקום טאָג־טעגלעך בריוו פון פאַרשיידענע דראַמאַטישע קרייזן, וואָס פרעגן זיך נאָך וועגן ערנסטן רעפּערטואַר, ניט קיין שונד, וועגן רעזשיסאָרן, וועגן שוישפּילער, א. א.וו. פון די אַלע וואַנדערונגען קען עפּעס געשאַפן ווערן, עס קען געשאַפן ווערן אַ גוט טעאַטער. אַמעריקע וואָלט געקענט האָבן צוואַנציק קינסטלערישע טרופּעס, אין אַלע שטעט.

מיר וואָלטן זיי געקענט קאָנטראָלירן, אָנפירן מיט זיי און געבן זיי אָנ־וויזונגען.

פונוואַנען נעמען דעם רעזשיסער? דער רעזשיסער איז אַ נייער קינסטלער, וואָס שאַפט דעם ספּעקטאַקל, העלפט צו שאַפן די כאַראַק־טערן, בינדט דעם ספּעקטאַקל צונויף, פאַרגאַנצט אים.

אַזעלכע וווּנדערבאַרע טעאַטערס ווי דער „פּיאַט" קענען מיר אין אַמעריקע האָבן צוואַנציק. אָבער מיר האָבן ניט דעם אמתן יידישן רע־זשיסער. אינם אַלטן יידישן טעאַטער באַדאַרף מען אים ניט. ס'איז גי־טאָ קיין נאָכפראַגע אויף אים. אין דער גאַנצער וועלט האָבן מיר 8 רעזשי־סאָרן, וואָס פאַרדינען זייער נאָמען; און טעאַטער־גרופּעס האָבן מיר 232. אונזער בעסער טעאַטער האָט ניט קיין רעזשיסער. דערפאַר מאַכט זיך אַמאָל אַ גראָבער טעות און מען פאַלט אריין אין שונד.

אָבער רעזשיסאָרן קען מען דערציען. לאָמיר אויסקלויבן יונגעלייט, וואָס ווילן זיך אָפּגעבן מיט אָט דעם שיינעם, שעפערישן באַרוף. זאָלן זיי זיך לערנען און ערלעך שאַפן נייע יידישע טעאַטער־אַרבעטער. מען קען זיי געפינען. דאָס קען אָבער טון נאָר אַ געזעלשאַפט. אַזוי קען דער נייער יידישער טעאַטער געשאַפן ווערן.

אָבער מיר ווען זיך ניט רירן פון אָרט, אויב מיר וועלן ניט געבן אונזער עולם טעאַטער־קולטור. דער יידישער עולם האָט אַן אינסטינק־טיווע באַציונג צום טעאַטער. מען דאַרף זען ווי דער עולם רעאַגירט. ער האָט אַ באַציונג, אָבער דאָס איז ניט קיין אינטימקייט. דער שענקער דאַרף דעם שיכור, אָבער זיין טאָכטער וועט ער אים פאַר קיין פּרוי ניט געבן. דאָס איז די באַציונג פון יידישן עולם צום טעאַטער. מיר דאַרפן האָבן אַ טעאַטער־ליטעראַטור, ביכער, זשורנאַלן וועגן טעאַטער.

היינט האָבן מיר גאָר ווייניק גוטע יידישע טעאַטערס. ס'איז דאָ אין וואַרשע דער „יונג־טעאַטער", אין ניו־יאָרק דער „אַרטעף", אַ טע־אַטער פון יונגע אַרבעטער, וואָס ביי טאָג שטייען זיי אין פאַבריק און ביינאַכט שפּילן זיי און רעפּעטירן. איצט האָט מען זיי פון ווערקשטאַט אַרויסגענומען און מען צאָלט זיי גאַזשע פון 15 ביז 20 דאָלאַר אַ וואָך. דאָס איז אַ הונגער־גאַזשע.

דער „אַרטעף" איז געשאַפן געוואָרן מיט גאָר גרויסע קרבנות, ווייל ס'איז ניט געווען קיין דערפאַרונג. אָבער אַזעלכע טרופּעס קענען אומע־טום געשאַפן ווערן. מיר ווייסן היינט: ס'איז אומזיסט דער קאַמף מיטן

אלטן יידישן טעאטער. לאָמיר בויען דעם נייעם יידישן טעאַטער, ווייל דער יידישער טעאַטער, ווי מיר האָבן אים איצט, וועט זיין א שאַנד־פלעק אויף אונזער קולטור.

מאָריס מייער (ענגלאַנד)

נעערטער קאָנגרעס,

אויב מיר ווילן באמת דינען דער קולטור, מוזן מיר זיך אָפּגעבן א רעכנונג, וואָס אזוינס איז קולטור, וואָס זענען אירע אויפגאַבן און צילן.

עס איז דאָ א דערקלערונג, אז קולטור איז די מעגלעכקייט פון זעלבסט־אויסדרוק. די דאָזיקע מיינונג איז אָן שום ספק א באַשרענקטע, ווייל ניט שטענדיק איז דער זעלבסט־אויסדרוק פון מענטשן קולטורעל. אין א סך פאַלן איז דער זעלבסט־אויסדרוק קולטורלאָז, ברוטאַל, אַנטי־קולטורעל.

ריכטיקער וועט זיין צו זאָגן, אז קולטור איז די מענטשלעכע שטרעבונג צו גייסטיקער, אינדיווידועלער, נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער פולקומענהייט. די עיקר־פראַגע באַשטייט אָבער אָט אין וואָס:

ס'איז ניט גענוג בלויז אויסצוגעפינען די ריכטיקע אייגנטלעכע באַדייטונג פון קולטור, מען מוז אויסגעפינען און אָנווייזן, וווּ און ווי אזוי אָנצווענדן קולטור אין פראַקטישן לעבן. דאָס מיינט, אז קולטור דאַרף ניט בלויז זיין א טעאָריע, זי מוז אויך ניט בלויז אויסדריקן זיך אין שריפטן און קונסט־ווערק, זי מוז זיין א **לעבנס־פּראַקטיק**. דאָס איז דער סאַמע עיקר. קולטור אָן א ריכטיקער, קולטורעלער, מענטשלעכער האַלטונג און באַציונג צום מענטשן, איז ניט קיין קול־טור אין אמתן זין, נאָר א שעדלעכע און שענדלעכע פאַרקריפּלונג.

אָט דערפאַר דורכט זיך מיר, אז אויב מיר ווילן באמת האָבן א קולטור־באַוועגונג און דינען די אינטערעסן פון קולטור, מוזן מיר קודם כל, אלס ערשטן באַדינג, אָננעמען א קולטורעלע שטעלונג און אויס־אַרבעטן א קולטורעלע באַציונג צווישן אונז אליין און אויך צווישן

אונז אלס כלל און די איבעריקע טיילן פון דער יידישער וועלט — אלס א נאך גרעסערן כלל.

איך מוז, צו מיין גרויסן באדויערן, קאנסטאטירן, אז פיל פון די, וועלכע האבן זיך באשעפטיקט מיט קולטור, זענען, ווייניקסטנס אין זייער האלטונג און אויך אין זייער אויסדרוק, ניט געווען קולטורעל, זיי זענען אפילו געווען אנטי־קולטורעל.

קולטור איז, ווי געזאגט, א הויכע גייסטיקע אנטוויקלונג, וועלכע שטרעבט צו גייסטיקער פולקומענהייט, וואס דאס מיינט צו ווייטע־רער, נאך העכערער, און אויב מעגלעך, צו דער סאמע העכסטער אנט־וויקלונג. רעספעקטירן קולטור־שאפער, אדער קולטור־אויסדריקער, איז אן אבסאלוטע נויטווענדיקייט פאר יעדן, וואס באשעפטיקט זיך מיט קולטור. דאס איז ניט נאר נייטיק פארן יחיד אליין, כדי צו ווייזן, אז ער איז קולטורעל, נאר דאס איז נאכמער נייטיק פאר דער קולטור בכלל, כדי ס'זאל געגעבן ווערן דער מוט צו א ווייטערדיקער שאפונג, צו א ווייטערדיקער קולטורעלער אנטוויקלונג.

דערפאר טאקע איז זייער פיינלעך צוצוזען, וואס אזעלכע, וועלכע פרעטענדירן צו זיין קולטורעלע מענטשן, קריגן זיך ארום אויף א זייער ניט קולטורעלן אופן און געברויכן כל המינים זידלערייען, וואס זענען זיכער אנטי־קולטורעל. נאך פיינלעכער איז, וואס אזעלכע, וועלכע פרעטענדירן צו זיין קולטורעל, שעצן אונטער, אדער זענען איינגאנצן מבטל די קולטורעלע דערגרייכונגען פון אנדערע מענטשן, מיט וועלכע זיי זענען ניט מסכים, אדער באווארפן אייגפאך מיט שמוץ די בעסטע קולטור־שאפער פון א געוויסן פעריאד, ווייל דאס פאסט זיך צו זייערע פארטיי־אינטערעסן.

איך האב אויך געהאט שטענדיק א פיינלעך געפיל, ווען איך האב געלייענט וועגן די קאמפן צווישן די העברעיסטן און יידישיסטן. די ערשטע האבן אונטערגעשעצט און מבזה געווען יידיש און די צווייטע האבן עוקר מן השורש געווען העברעיש. דאס איז אויך זייער קולטור־לאז פון ביידע זייטן, הגם מען האט דאס באצייכנט אלס א קולטור־קאמף. אמתע קולטורעלע מענטשן — סיי העברעיסטן, סיי יידישיסטן, ביאליק למשל, פון איין זייט און פרץ הירשביין — פון דער צווייטער זייט, האבן בעסער פארשטאנען זייערע אויפגאבן, און ווען זיי האבן אפילו ארויסגעוויזן ליבע צו זייער אינטימער שפראך, האבן זיי צו

דער זעלבער צייט ניט ארויסגעוויזן קיין גרינגשעצונג צו דער אנדער שפּראַך. זיי האָבן ניט געזוכט צו פאַרמינערן יענע, וואָס האָבן זיך געפילט פאַרבונדן מיט דער אנדער שפּראַך. ליוויקן קומט אַ גרויסן דאַנק, וואָס ער האָט זיך ארויסגעזאָגט פאַר אַ סינטעז, פאַר אַ פאַרשטענדעניש צווישן די צוויי שפּראַכן. דאָס וועט זיין אַ שטראַל ליכט אין דער יידישער וועלט.

צי קען מען דערלאָזן קולטור־גרינגשעצונגען, אָדער מבזה זיין אַ שפּראַך, אין וועלכער ס'זענען געשאַפן געוואָרן קולטור־ווערטן פון און פאַר דעם אייגענעם פאָלק?

איך ווייס, אַז עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס מיינען, אַז קולטור קען גאָר אַנדערש קיין זין ניט האָבן, ווי נאָר אין פאַרבינדונג מיט קלאַסן־אינטערעסן און קלאַסן־קאַמפּן. און אָט צוליב דעם האַלטן זיי, אַז באַ־ליידיקן געוויסע קולטור־טרעגער, אָדער גרינגשעצן געוויסע קולטור־דער־שיינונגען, שפּראַך, איז בארעכטיקט, ווייל דאָס איז אין די אינטערעסן פון זייער פּאַרטיי.

דערלויבט מיר צו דערקלערן, אַז אָט דער שטאַנדפּונקט איז זייער פאַלש, כאָטש מען דאַרף בשום־אופן ניט אונטערשעצן די ראָלע און דעם באַדייט פון קלאַסן־אינטערעסן און קלאַסן ראַנגלענישן אין דער געזעל־שאַפט. עס איז אָבער די אויפגאַבע פון דער קולטור זיך צו שטעלן העכער פון די דאָזיקע לאַגערן און פון זיי אַלעמען פאָדערן צו זיין קול־טורעל, וואָס דאָס מיינט צו זיין מענטשלעך, אפילו אין די קאַמפן, וואָס זיי פירן איינע קעגן די אַנדערע.

ס'איז קלאָר, גלויב איך, אַז עס קען קיין רעד ניט זיין פון ריכ־טיקער קולטור־אַרבעט אָן אַ ריכטיקער קולטורעלער באַציונג צווישן קולטור־טרעגער און קולטור־טוער.

דאָס, וואָס מיר באַזיצן צוויי שפּראַכן, איז בשום־אופן ניט קיין אומגליק. פאַרקערט, דאָס ווייזט אונזער גייסטיקע רייכקייט און מיר דאַרפן ניט די אָדער יענע שפּראַך אונטערשעצן. מען דאַרף אויך ניט פירן קיין קאַמף פאַר זיי, קעגן זיי, אָדער צווישן זיי, נאָר מען דאַרף ביידע שפּראַכן אַנערקענען און שעצן די קולטור־ווערטן, וואָס ווערן אין זיי געשאַפן.

מען זאָל אויך ניט פאַרגעסן, אַז פרייהייט פון גייסטיקן אויסדרוק

איז דער ערשטער און העכסטער ציל פון קולטור. אָן פרייהייט קען קיין אמתע קולטור ניט עקזיסטירן. אויב ערגעץ אין אַ לאַנד עקזיסטירט ניט קיין פרייהייט פאַרן גייסטיקן אויסדרוק, באַווייזט עס, אַז די פאַרהעל־טענישן פון יענעם לאַנד זענען אַזעלכע, אַז מען וואַגט ניט צו דערלאָזן די מענטשלעכע קריטיק. עס קענען זיין צייטווייליק אויסערגעוויינלעכע סיבות, ווי געפאַר פאַרן פרעמדן אָנגריף, ווען אַזאַ פאַרניינונג פון פריי־הייט זאָל זיין נייטיק. אָבער קולטור־מענטשן דאַרפן שטענדיק שטרעבן דערצו און ווען עס זענען דאָ פאַסיקע נאָרמאַלע פאַרהעלטענישן, דאַרפן זיי פאָדערן, אַז ס'זאָל עקזיסטירן פרייהייט פון גייסטיקן אויסדרוק.

מיינע געשעצטע חברים,

אויב די שטאַנדפּונקטן, וועלכע כ'האָב דאָ אַרויסגעזאָגט בנוגע דעם, וואָס קולטור איז, ווי קולטור אַנצוווענדן און וואָס דער ציל פון קולטור באַדאַרף זיין, ווערן אָנגענומען, דאַן קען דער איצטיקער קאָנג־רעס לייגן דעם פונדאַמענט פאַר אַ גרויסער קולטור־אַרבעט: קודם כל פאַראייניקן אַלע, וואָס שאַפן אין יידיש, אומאָפּהענגיק פון זייער פּאַרטיי־אישן אָדער קלאַסן־שטאַנדפּונקט, אויף אַ יסוד פון קעגנזייטיקער אַכ־טונג. די פאַראייניקונג זאָל האָבן דעם צוועק: ערשטנס, אָפּצוהאַלטן אַ יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ און אויסאַרבעטן איין אָרטאָגראַפיע און גראַמאַטיק, וואָס זאָל אָנגענומען ווערן פון אַלע יידישע שרייבער, וועל־כע ווילן גיין האַנט אין האַנט מיטן קולטור־פאַרבאַנד. צווייטנס — צו דערמוטיקן די יידישע שאַפער, וואָס זענען די אמתע אויסדריקער און שילדערער פון דער יידישער פּסיכאָלאָגיע, פון דער, אַזוי צו זאָגן, יידי־שער פאָלקס־נשמה און באַזונדערס — די אויסדריקער און שילדערער פונם לעבן און פון די ליידן פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן. דריטנס — צו שאַפן אַ פאַרלאַג אַרויסצוגעבן ווערק אין יידיש. דער פאַרלאַג זאָל זיין אָוועקגעשטעלט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. אָרגאַניזירן יובילײ־פייערונגען פאַר יידישע שריפטשטעלער.

אַ חוץ דעם וואָלט מען זיך אויך געקענט שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די, וואָס שאַפן אין העברעיש, וועגן אַן אויסטויש פון מיינונגען און וועגן געמיינשאַפטלעכע ווירקונגען. יעדנפאַלס, וואָלט מען אויך געקענט שאַפן קעגנזייטיקן רעספּעקט צווישן די שאַפנדיקע כוחות איןביידע שפּראַכן. פאַרשטייט זיך, אַז אויב די העברעיסטן וואָלטן אונז ניט אַנטקעגנגעקומען, וואָלט פאַר אונז קלאָר געוואָרן, צו וועלכן שיכט זיי

געהערן. דעמאָלט וואָלטן מיר געווען באַרעכטיקט צו פירן א קאַמף קעגן זיי.

מיר וואָלטן זיך דעמאָלט געקענט ווענדן צום יידישן פאָלק און פאָדערן די נייטיקע אָנערקענונג און אונטערשטיצונג פאַר דער קאָלעקטיווער קערפּערשאַפט, וועלכע מיר וועלן שאַפן. אויב מיר שאַפן א פאַרייניקונג צווישן זיך, צווישן די שאַפער אין יידיש, קענען מיר רופן דאָס יידישע פאָלק צו דער דאָזיקער פאַרייניקונג.

דאָס, וואָס מיר שטעלן זיך בלויז אָפּ אויף וועלטלעכער קולטור, וועט, לויט מיין מיינונג, ניט זיין קיין מניעה צו באַקומען די אָנערקענונג און אונטערשטיצונג פון גאַנצן יידישן פאָלק, ווייל אין דעם זין פון מיינע דערקלערונגען הייסט עס ניט, אַז מיר גייען אַרויס אין קאַמף קעגן אַנדערע קולטור־ריכטונגען. דאָס, וואָס אונז אינטערעסירט, איז, אַז די קולטור, וואָס איז וועלטלעך, זאָל אין יידיש ריכטיק רעפּרעזענטירט און אָפּגעשאַצט ווערן און אַנטוויקלט ווערן צו דער העכסטער מדרגה. און אַז ס'איז פאַראַן א נויטווענדיקייט פאַר וועלטלעכער יידישער קולטור אפילו פאַר רעליגיעזע יידן, דאָס וועט אפילו ניט אָפּלייקענען קיין פאַרשטענדיקער רעליגיעזער ייד. אָן וועלטלעכער קולטור איז דאָך פשוט שווער פאַר וועלכן ס'איז מענטשן היינט צו טאָג צו לעבן.

איך רוף דערפאַר דעם קאָנגרעס צו לאָזן אָן א זייט יעדע סעקטאַנטישקייט, יעדן ענגן פּאַרטיי־אָדער קלאַסן־שטאַנדפּונקט. זאָלן מיר זיך טאַקע דערהויבן צו א קולטור־הויכקייט, צו אמת קולטורעלע באַציונגען צווישן זיך און זאָלן מיר שאַפן דעם יסוד פאַר א פאַרייניקונג, וואָס קען זיין זייער א פּרוכטבאַר פעלד פאַר קולטור־אַרבעט און קולטור־דערגרייכונגען. אויב קולטור, זאָל עס זיין קולטור הן אין אינהאַלט, הן אין פאָרם, הן אין ציל, הן אין אויספיר. נאָר אויף אַזא אופן וועלן מיר באמת דינען די קולטור־אינטערעסן פון די יידישע מאַסן בפרט און פון דעם יידישן פאָלק בכלל.

איוועַנסקי (פאַראייניקטע שטאַטן)

וואָלט מיר עמיצער מיט דריי וואָכן צוריק געזאָגט, אַז איך וועל היינט זיין אויפן קולטור־קאָנגרעס, וואָלט איך אים מאָדנע אָנגעקוקט.

איך אליין בין געוואָרן דערשטוינט, דערוויסנדיק זיך, אַז אויף דער אַמע־ריקאַנער קולטור־קאָנפערענץ האָט מען מיך אויסגעוויילט פאַר אַ דע־לעגאַט.

איך גלויב, אַז די, וואָס האָבן מיך געקליבן, האָבן עס געטון, ווייל איך בין געווען אַ לאַנגיעריקער טוער פונם „אַרבעטער־רינג". אָבער איך פאַרטרעט דאָ ניט דעם „אַרבעטער־רינג", ווייל אָט די גרויסע אָרגאַניזאַ־ציע איז פאַרלויפיק נאָך ניט צוגעשטאַנען צום קולטור־קאָנגרעס. איך האָב אָבער שוין געזען, אַז געוויסע אידעען הייבן אָן ארויסצוגיין פון יחידים און דערנאָך פאַרשפרייטן זיי זיך אַלץ ווייטער און ווייטער.

אָט דאָ זיצט דער חבר זאַלצמאַן, דער סעקרעטאַר פון דער שול־סעקציע פונם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן, און ער וועט זיך אודאי דערמאָנען פאָלגנדיקן פאַקט: ווען מיט 23 יאָר צוריק איז אין טשיקאַגאָ אויף אַ צוזאַמענפאָר פון אַרבעטער־רינג אַרויסגעבראַכט געוואָרן צום ערשטן מאָל דער געדאַנק וועגן יידישע שולן, איז די קעגנערשאַפט געווען אויסערגעוויינלעך גרויס. איין דעלעגאַט האָט אפילו געחלשט פון ערגער־ניש, ווען מען האָט דערמאָנט דאָס וואָרט „יידישע שול". עס האָט זיך אָנ־געהויבן פון יחידים: זשיטלאָווסקי, זאַלצמאַן, נאָך אַנדערע און אויך איך. דעמאָלט זענען מיר געווען אַ מינדערהייט, אָבער אָט די קליינע התחלה האָט געבראַכט איצט צו דעם, אַז דאָס יידישע שול־וועזן איז דער גרעסטער אויפטו פונם „אַרבעטער־רינג" און פיל טוער פון „אַרבעטער־רינג" באַרימען זיך מיט דעם און זאָגן, אַז זיי זענען שטאָלץ, וואָס דענסט־מאָל איז אויפגעקומען די אידעע פון יידישע שולן.

ווען איך האָב אָנגענומען דעם מאַנדאַט צום קולטור־קאָנגרעס, האָב איך דאָס געטון מיט גרויס הארץ־קלאַפעניש. אַמאָל זענען מיר געגאַנגען אַלע צוזאַמען, אָבער נאָכדעם האָבן מיר זיך שווער באַקעמפט און אַ סך מיינונגס־פאַרשיידנהייטן זענען ביזן היינטיקן טאָג נאָך ניט אויסגע־גליכן. אָבער ניט געקוקט אויף די קאָנפליקטן, האָב איך נאָך אין יאָר 1933, אין דעם אָרגאַן פון די רעכטע יידישע סאָציאַליסטן, פאַרטיידיקט די אי־דעע פון אַ פאַראייניקטן פראָנט, ד.ה. די נייטיקייט צו פאַראייניקן אַלע שיכטן פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן פאַר אַ געמיינזאַמער אַקציע. איך האָב ניט געוווּסט, צי מיר וועלן קענען געפינען אַ וועג, אויף וועלכן מיר זאָלן קענען גיין אַלע צוזאַמען. די רעפעראַטן פון אַפּאַטאָשו, לייוויק און אָלגין האָבן מיר באַוויזן, אַז, ניט געקוקט אויף די פאַרשיידענע שטאַנד־

פונקטן, קען געפונען ווערן א געמיינזאמע פלאטפארם, וואס זאל פארייניקן אלע פראגרעסיווע כוחות פונם יידישן ארבעטער־פאלק. דאס שליסט ניט אויס, אז איבער געוויסע טעאריעס קענען מיר אויך בלייבן ניט איינשטימיק. לייוויק האט דא פייערלעך פראקלאמירט דעם צוזאמענהאנג פונם נאציאנאלן און סאציאלן מאטיוו. דאס איז איינער פון די וויכטיקסטע געדאנקען, וואס זענען אויפן קאנגרעס געווארן ארויסגעזאגט. אלגין האט געזאגט, אז מען דארף ניט זיין שאוויניסטיש, אבער איך גלויב, אז ווי א גוטער דיאלעקטיקער, ווייסט אלגין גאנץ גוט, אז ניט תמיד קען מען אנווענדן איין און די זעלבע טאקטיק. און אויב עס זענען ביי יידן יא פאראן שאוויניסטן, איז דאס אפשר מער זעלבסט־רעספעקט, איידער שאוויניזם, ווייל, ניט געקוקט אויף אלע רדיפות, גלויבן מיר, אז מיר האבן דאך א געוויסע מיסיע צו דערפילן.

אויב דער קאנגרעס וועט האבן פאזיטיווע זייטן, אויב ער וועט ניט צעשטערן, נאר בויען, אויב ער וועט זיך שטעלן אויף יענער הויך, וווּ די יידישע מאסן ווילן אים זען, אויב ער וועט באמת געבן א נייעם לאזונג און וועט אריינבלאזן נייעם מוט אין די עצמות היבשות, דאן גלויב איך, וועט דער קאנגרעס זיין א היסטארישער, און זיין ארבעט — א היסטארישע.

אלגין: דאסווארט, צו זיין רעפעראט וועגן „וויסנשאפטלעכע פארשונגען אין יידיש", האט ח׳ קלמן מרמר.

קלמן מרמר (פאריין. שטאטן)

די וויסנשאפט אין יידיש איז דער יינגסטער צווייג פון דער יידישער קולטור. ער איז אויסגעוואקסן ערשט אין די לעצטע 25 יאר.

דאס יידישע פאלק האט פון זיך ארויסגעגעבן א גרויסע צאל וויסנשאפטלעכע פארשער אויף אלע געביטן פון דער מענטשלעכער קולטור. בלויז אויף איין געביט זענען יידישע וויסנשאפטלער געבליבן הינטערשטעליק. דאס איז — אין דער אויספארשונג פון דער קולטור פון זייער אייגענעם פאלק. די וייטע יידישע פארגאנגנהייט און די אלטע יידישע שפראך און ליטעראטור זענען אויסגעפארשט געווארן אין דער ערשטער

ריי דורך ניט־יידישע געלערנטע. ניט־יידישע פאָרשער האָבן אויך גע־
שאַפן באַדייטנדיקע היסטאָרישע אַרבעטן וועגן די יידן אין מיטלאַלטער
און אין דער רענעסאַנס־עפּאָכע.

די פאָרשונגען פון די יידישע געלערנטע אויף די געביטן פון יידי־
שער געשיכטע און ליטעראַטור האָבן אויך פיל פאַרלוירן פון זייער וויסנ־
שאַפטלעכן ווערט צוליב דעם, וואָס זיי זענען אָריגינעל ניט געווען געשריבן
אין יידיש. דאָס שרייבן וועגן יידישן לעבן און יידישער קולטור אין אַנ־
דערע שפּראַכן טראָגט תמיד אין זיך די געפאַר פון אַפּאָלאָגעטיק. אַזוי
האָבן אָנגעהויבן די באַגרינדער פון דער „וויסנשאַפט דעם יודענטומס“
אין דייטשלאַנד און אַזוי שרייבט מען אויך היינט אין ענגליש און אין
אַנדערע שפּראַכן.

אמת וויסנשאַפטלעך, אָביעקטיוו, קען זיין אַ פאָרשער פון דער גע־
שיכטע און ליטעראַטור פון זיין פאָלק, ווען ער שרייבט אין דער שפּראַך
פון אָט דעם פאָלק. ער קומט דעמאָלט ניט צו קיין נסיון, אָפּצונויגן פונם
היסטאָרישן אמת צוליבן „למה יאמרו הגוים“, וואָס וועלן פרעמדע לייט
זאָגן? ער רעדט יידיש צו יידן און קען אָנווייַזן אויף די חסרונות פונקט
אַזוי אָביעקטיוו ווי אויף די מעלות.

די יידישע שרייבער פון יידישער געשיכטע און יידישער קולטור־
געשיכטע האָבן אויך, מיט וויניק אויסנאַמען, זיך ניט אָריענטירט אויף
די ברייטע יידישע מאַסן, וואָס לעבן פון אייגענער האָרעוואַניע און נייט־
טיקן זיך ניט אין אַפּאָלאָגעטיק צו באַרעכטיקן זייער עקזיסטענץ. זייער
מענטשלעך רעכט צו עקזיסטירן איז פאַר זיי אַזוי פשוט, ווי פאַר די מאַסן
מענטשן פון אַנדערע פעלקער. טוביה דער מילכיקער לעבט אינם זכות
פון זיין אַרבעט און ניט אַ דאַנק דעם, וואָס זיין פאָלק האָט דער וועלט
געגעבן די ביבל, שפּינאָזען אָדער מאַרקסן.

די נייע יידישע פאָרשונג, די פאָרשערישע אַרבעט אין יידיש,
שטיצט זיך אויף די מער אַנטוויקלטע און אויפגעקלערטע יידישע מאַסן.
אירע שאַפערישע כוחות זענען נאָך דערווייל באַשרענקט. דאָך האָבן מיר
שוין אַ גאַנצע ריי פאָרשער אין יידיש, וואָס גרייטן צו מאַטעריאַלן פאַר
די צוקונפטיקע בוימייסטער פון דער געשיכטע פונם יידישן פאָלק און
זיין קולטור. עס ווערט איצט ברייט און טיף אויסגעפאָרשט דאָס לעבן
פון די יידישע פאָלקסמאַסן אין אַלע טיילן וועלט אין אָנהייב פון דער
מאָדערנער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, דאָס יידישע טעאַטער, גע־

זאנג, מאסן־שפילן א. אז. וו. הונדערטער און טויזנטער פאָלקס־אינטעלי־גענטן זאַמלען איצט פלייסיק מאַטעריאַלן פאַר דער געשיכטע פון די פאַרשיידענע יידישע קיבוצים און אויך פון איינצלנע יידישע געמיינ־דעס. כאַראַקטעריסטיש פאַר אַט דער אַרבעט איז, וואָס עס באַטייליקן זיך אין איר ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן. צום ביישפיל, ביי אונז אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע העלפן די לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער שאַפונג פון מאָנאָגראַפיעס פון זייערע אַלטע היימען.

אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט איז אָפּגעטון געוואָרן פון דעם יידישן וויסנ־שאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע (ייוו"אָ) וואָס האָט אויך אָפּטיילונגען אין אַמעריקע. זיינע אַנקעטעס האָבן געבראַכט העכסט וויכטיקע מאַטער־יאַלן צו פאַרפיקסירן דעם אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער, צונויפצוזאַמ־לען דעם יידישן פאָלקלאָר און אויך פעסטצושטעלן דעם יידישן קולטור־צו־שטאַנד אין אַ סך לענדער.

די דאָזיקע אַרבעט איז נאָך ווייט ניט אָפּגעשלאָסן. די יידישע וויסנ־שאַפטלעכע פאָרשונג האָט נאָך פאַר זיך אומגעהויער גרויסע אויפגאַבן אויף אַט דעם געביט. אַ ביישפיל האָבן מיר אין דעם אַמעריקאַנער יידיש־רעדנדיקן ישוב. ער איז נאָך גאָר יינג. דאָך איז מען שוין דאָרט איצט ווייט אַוועק פון דעם יידישן לעבנס־שטייגער פון די ערשטע יידיש־רעדנ־דיקע איינוואַנדערער. ס'איז שוין איצט נייטיק אַ שווערע, ענערגישע, לאַנג־דויערנדיקע אַרבעט פעסטצושטעלן דעם לעבנס־שטייגער און דעם קולטור־צושטאַנד פון די איינגעוואַנדערטע מזרח־אייראָפּעישע יידן אין אַמעריקע אין די זעכציקער, זיבעציקער, אַכציקער און ניינציקער יאָרן פונעם 19־טן יאָרהונדערט.

מיט אַ צען־צוועלף יאָר צוריק, אונטער דער ווירקונג פון דער יידי־שער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג אין מזרח־אייראָפּע, איז מען ביי אונז צוגעטראָטן צו אַן אָרגאַניזירטער טעטיקייט אויסצופאָרשן דעם אָנהייב פונעם נייעם ישוב פון מזרח־אייראָפּעישע יידן אין אַמעריקע.

מיר האָבן אין אַמעריקע אַן עלטערע אַמעריקאַנער יידישע היסטאָ־רישע געזעלשאַפט פון די אַזוי גערופענע „יהודימשע" פאָרשער. די דאָ־זיקע געזעלשאַפט האָט געוויסע פאַרדינסטן פאַר דער געשיכטע פון די יידן אין דער נייער וועלט. זי האָט אַרויסגעגעבן אין ענגליש עטלעכע און דרייסיק בענדער מיט וויכטיקע היסטאָרישע מאַטעריאַלן. אונטער איר השפעה זענען אויך געשאַפן געוואָרן אַ ריי באַדייטנדיקע היסטאָרי־

שע ווערק. אירע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן זענען אָבער, מיט ווייניק אויסנאַמען, דורכגעדרונגען מיט אַפּאָלאָגעטיק. אַפילו די מזרח־אייראָ־פּעישע יידן אין אַמעריקע, וואָס שרייבן אין ענגליש, קענען זיך ניט באַ־פרייען פון אָט דער טענדענץ.

אַלנפאַלס, איז די געשיכטע פון די מזרח־אייראָפּעישע יידן אין אַמעריקע ווייניק אויסגעפאָרשט געוואָרן פון דער אַלטער אַמעריקאַנער יידישער היסטאָרישער געזעלשאַפט, הגם זי פאַרמאָגט באַדייטנדיקע גייסטיקע און מאַטעריעלע רעסורסן. די דאָזיקע אַרבעט וואַרט אויף פאָרשער אין יידיש, וואָס זייער צאָל האַלט אין וואַקסן, כאָטש ניט אין אַזאַ טעמפּאָ, ווי מיר ווינטשן.

אין אַמעריקע זענען אויך פאַראַן גרויסע מעגלעכקייטן פאַר יידישע פאָלקלאָר־זאַמלונגען. ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט אין איין שטאָט יידן פון אַלע אַלטע קיבוצים פון מזרח־אייראָפּע. די עלטערע עלעמענטן צווישן זיי באַזיצן רייכע פאָלקלאָר־אוצרות. ליידער האָבן מיר לעצטנס פאַרלאָרן אונזער גרעסטן מייסטער אויף דעם דאָזיקן געביט: דעם אומ־פאַרגעסלעכן פאָלקלאָריסט י ה ו ד ה ל ײ ב ק אַ ה אַ ן. די פאָלקס־לידער און פאָלקס־מעשיות, וואָס ער האָט געזאַמלט צווישן די פאָלקס־מענטשן אין אַמעריקע, זענען דער בעסטער באַווייז, וואָס מ'קען נאָך אויפטון ביי אונז אויף דעם דאָזיקן געביט.

אַ חוץ די מיטגעבראַכטע פאָלקלאָריסטישע אוצרות פון דער אַלטער וועלט, איז פאַראַן אויך אַ היפּשע צאָל פאָלקס־שאַפונגען אין דער נייער וועלט. באַזונדערס פון דער צייט, ווען די איינוואַנדערער זענען געווען צעשפּרייט איבערן לאַנד, אָפּגעריסן פון די יידישע קולטור־צענטערס און זענען נאָך ניט געווען באַאיינפלוסט פון דער מאָדערנער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע.

אַ גאָר גרויסן פּלאַץ פאַרנעמט איצט אין דער וויסנשאַפט אין יידיש גופא די אויספאָרשונג פון דער יידישער שפּראַך.

די באַדייטנדיקסטע אַרבעטן זענען, נאַטירלעך, געשאַפן געוואָרן אין מזרח־אייראָפּע, צום גרעסטן טייל דורך די יידישע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן פון ווילנע, מינסק און קיעוו. דאָרט זענען געשאַפן געוואָרן באַדייטנדיקע ווערק אויף אָט דעם געביט. דאָרט זענען אויך צונויפגעזאַמלט געוואָרן יידישע טערמינאָלאָגיעס פאַר אַלע געביטן פון דער מענטשלעכער קולטור: לאַנדווירטשאַפט, טעכניק, יוסטיץ, מאַטעמאַ־

טיק, נאַטור־וויסנשאַפט א. אז. וו. דאָרט איז אויך פיל אויפגעטון געוואָרן אויף דעם געביט פון דער דיאַלעקטאָלאָגיע. אין מינסק איז שוין געמאַכט געוואָרן אַן ערנסטער אָנהייב פון אַ דיאַלעקטן־אַטלאַס.

אונזער יונגער יידישער ישוב אין אַמעריקע האָט אויך צוגעלייגט אַ האַנט צו דער יידישער שפּראַך־פאָרשונג (יאָפּע א. אנד.), באַזונדערס האָט זיך אַמעריקע אויסגעצייכנט מיט אירע יידישע ווערטער־ביכער. דער אַמעריקאַנישער יידישער לעקסיקאָגראַף, דער 75־יאָריקער אַלכּסנדר האַרקאַווי, אַרבעט שוין נאָנט צו 50 יאָר אויף דעם דאָזיקן געביט. זיין יידישער ווערטער־בוך איז פאָרלויפיק דער באַדייטנדיקסטער, וואָס מיר האָבן אין דער יידישער שפּראַך, כאָטש ער האָט ניט די מינדסטע פּרעטענזיע אויף פולקאָמענהייט.

די געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע איז אַ שווער פּראָבלעם אין אַלע לענדער. נאָך שווערער איז רעקאָנסטרואירן די געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין דער נייער וועלט. די יידישע פּרעסע אין אַמעריקע, וואָס האָט זיך באַוויזן צום סוף פון די זעכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם י"ה, איז צוגעפּאַסט געווען צום מאָמענט־באַדאַרף פונם פּשוטן יידישן מאַסן־מענטש. קיינער האָט ניט געהאַלטן פאַר וויכטיק זי צו זאַמלען. עס זענען נאָך דעמאָלט ניט געווען קיין יידישע ביבליאָטעקן, וואָס זאָלן זי אָפּהיטן. דאָס רוב צייטונגען האָבן לאַנג ניט עקזיסטירט. אַ סך פון זייערע אַרויסגעבער און רעדאַקטאָרן זענען איבערגעגאַנגען צו אַנדערע באַשעפטיקונגען און אָפט ניט אָפּגעהיט אַפילו קיין איין איינציקן עקזעמפּלאַר פון זייערע אויסגאַבעס. די געוויינהייט פון אַ סך צייטונגס־אַרויסגעבער איבערצודרוקן ראָמאַנען פון אַלטע צייטונגען, האָט מיטגעהאָלפן צו פאַרניכטן אויך יענע גאַנצע צייטונגס־קאָמפּלעקטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די סטאַבילע רעדאַקציעס.

ניט געקוקט אויף אָט די אַלע שטערונגען, האָבן מיר דאָך שוין אין אַמעריקע צוגעגרייט דעם מאַטעריאַל פאַר זיבעציק יאָר יידישע פּרעסע, וואָס דאָס איז צוגלייך אַ וויכטיקער בייטראַג צו דער געשיכטע און ליטעראַטור פון אָט דעם נייעם, גרויסן, יידישן ישוב (געגוג אָנצווייזן אויף די אַרבעטן פון ד"ר שאַצקי, אירי מלאכי, י. ה. ליפשיץ, א. שולמאַן, מ. שטאַרקמאַן און אַנדערע). נאָך איינס. די קלאַסיקער פון אונזער יידישער ליטעראַטור זענען שוין געווען באַקאַנט אין דער יידישער וועלט נאָך אין 19־טן י"ה. דאָך איז אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָר אַרויסגע־

געבן געוואָרן אַ היפּשע פאַרשערישע ליטעראַטור וועגן זייער לעבן און שאַפן. ס'זענען אויך ברייט אויסגעפאָרשט געוואָרן די ייִדעס און על־טער־ייִדעס פון אונזער ליטעראַטור.

די ליטעראַטור-געשיכטלעכע פאָרשונג פון דער אַלטער ייִדישיסטיק איז שוין איצט ניט מער אַ טעמע בלויז פאַר ריינע שפּראַך־פאָרשער. די אַלטע ייִדישע ליטעראַטור ווערט לעצטנס אויסגעפאָרשט אינם צוזאַמענהאַנג מיט דעם סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן פון די ברייטע ייִדישע מאַסן און אויך פון זייער ניט־ייִדישער סביבה. ס'ווערט אויפגעדעקט די סאָציאַלע באַזע פון די ערשטע שאַפער פון דער ייִדישער ליטעראַטור און די אומזיכטבאַרע פעדים, וואָס פאַרבינדן זיי מיט דער וועלט־ליטעראַטור פון זייער צייט.

אינגאַנצן אַ ניי פעלד איז די פאָרשונג פון דער פּיאָנערישער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. זיי, די ערשטע ייִדישע דיכטער אין אַמעריקע, זענען אין אויסלאַנד געווען ווייניק באַקאַנט, ניט געקוקט דערויף, וואָס זייערע לידער זענען געזונגען געוואָרן צווישן ברייטע אַרבעטער־מאַסן אין פאַרשיידענע לענדער.

איר וועט מיר דערלויבן דאָ אַ קליינע עקסקורסיע: דער ייִדישער עמיגראַנט פון די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַן אָרעמן באַגאַזש פון מזרח־אייראָפּע. דער ערשטער מחבר פון אַ ביכל ייִדישע לידער אין אַמעריקע (יעקב צבי סאָבאָל) שילדערט אין די 70־קער יאָרן, ווי אַזוי דער ייִדישער איינוואַנדערער פון פּוילן ווארפט זיך מיט זיין קולטור־ירושה, ער האָט פון איר קיין שום נוצן ניט. די גאַנצע קולטור־ירושה פון אָט דעם ערשטן מזרח־אייראָפּעישן ייִדישן איינוואַנדערער אין אַמעריקע איז באַשטאַנען פון אַ הייפל רעליגיעזע מנהגים, וואָס האָבן ביי אים שנעל פאַרלוירן יעדן זין אין דער נייער פרעמדער סביבה. דערצו זענען די ערשטע ייִדישע עמיגראַנטן אין זייער מערהייט באַשטאַנען פון פּעדלער (הויזירער). זיי האָבן געוואַנדערט אַיבער דעם נייעם ריזיקן לאַנד במעט אויסשליסלעך צווישן ניט־ייִדן. די איינגעזעסענע ייִדן, אפילו די מזרח־אייראָפּעישע, פלעגן זיך זעלטן לאָזן דערקענען פון דעם ייִדיש־רעדנדיקן עמיגראַנט. דער איזאָלירטער ייִדישער פּעדלער האָט זיך דעריבער לייכט אָפּגעזאָגט פון זיין ייִדישקייט. ער האָט פאַרמיסטיקט זיין ייִדישע שפּראַך און געזוכט צו באַהאַלטן זיין אָפּשטאַם, ווי דער פּוילישער ייִד אין סאָבאָלס ליד „דער אַלטער ישׂראל“

(ניו־יאָרק, 1877), וואָס האָט שטאָלצירט דערמיט, וואָס זיין קינד פאַר־
שטייט ניט מער קיין יידיש, וואָס זיין זון האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אַ
קריסטלעכער קירך.

די דאָזיקע אומנאָרמאַלע לאַגע ענדערט זיך אָבער אַזוי גיך, ווי
ס'הייבט זיך אָן די גרויסע יידישע מאַסן־עמיגראַציע אין די אַכציקער
יאָרן. די פּעדלעריי האָט שוין מער ניט געגעבן קיין פּרנסה־מעגלעכקייטן.
פון דער אַנדער זייט האָט דער אויפשוווּנג פון דער אַמעריקאַנער אינ־
דוסטריע פאַראורזאַכט דעם אויפקום פון אַן אַ שיעור פאַבריקן און
פאַבריקלעך — די טרויעריק באַרימטע שוויץ־שעפּער, קעגן וועלכע ראַ־
זענפעלד, עדעלשטאַט, באָוושאָווער און זייערע נאָכפאָלגער האָבן אַזוי
געצאָרנט. די פּאָגראָמען אויף יידן אין צאַרישן רוסלאַנד, דער דורכפאַל
פון דער פאָלקיסטישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג דאָרט ברענגען אַ
היפּשן טייל אינטעליגענטע יידן קיין אַמעריקע, וואָס זענען געצוווּנגען
צו גיין אַרבעטן אין שוויץ־שאָפּ. זיי רעוואָלטירן קעגן דעם „סוועט"־שאָפּ,
זיי דערנענטערן זיך צו די ברייטע יידישע אימיגראַנטישע מאַסן. זיי גע־
פינען דאָרט לאַטענטע קולטור־כחות, אַ דראַנג צו געזעלשאַפטלעכקייט, פאַריי־
ניקט מיט עקשנותדיקן מוט צום קאַמף. ס'איז געווען גענוג אַ ווונק
פון ניט־יידישע אַרבעטער, אַז זיי זענען אין שטרייק, אַז זיי בעטן די
יידישע עמיגראַנטן ניט צו פאַרנעמען זייערע פּלעצער, און אַט די יידי־
שע פאָלקסמענטשן — קליינשטעטלדיקע הענדלער, באַלעמעלאָכעס,
קרעמער א. א.וו. — האָבן תיכף אָנערקענט דעם יושר פון דעם און האָבן
באַשלאָסן ליבער צו הונגערן איידער צו ווערן שטרייק־ברעכער.

אַט די יידישע פאָלקסמאַסן אין אַמעריקע האָבן אָנגעהייבן שאַפן
אַ נייע יידישע קולטור. זיי האָבן זי ניט געבויט אויף דעם פונדאַמענט,
וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון זייערע שטעטלעך. זיי האָבן געשעפּט
זייער באַגייסטערונג ביי די פרייהייט־קעמפער פון אַלע לענדער. זיי האָבן
זיך דערפילט ווי אַ ניי געבוירן פאָלק אין נייעם לאַנד. גאָר ווייניק פון זיי
האָבן דעמאָלט געוווּסט פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט
זיך אָנגעהויבן אין דער אַלטער היים. פאַר זיי האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאָ־
דערן געזעלשאַפטלעך יידיש לעבן ערשט אין אַמעריקע. דאָרט האָבן זיי אָנ־
געהויבן לייענען אַ צייטונג, אַ בוך, הערן אַ לעקציע, זיך באַטייליקן אין
עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף.

אין אַט דער נייער סביבה איז אויך געשאַפן געוואָרן די פּיאָנערישע

יידישע ליטעראַטור. יידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן גערעדט אין רו־סיש און געשריבן אין העברעיש אָדער אין אַנדערע שפּראַכן, וואָס דער יידישער מאַסן־מענטש האָט ניט פאַרשטאַנען, האָבן אָנגעהויבן רעדן און שרייבן אין יידיש. די פּיאָנערן האָבן ניט געקענט קיין אַנדער יידישע שפּראַך, ווי די פון שאָפּ, ווי די, וואָס דער יידישער מאַסן־מענטש האָט גערעדט. דאָך האָבן די פּיאָנערישע דיכטער פאַרפיינערט און באַרייכערט די יידישע שפּראַך און האָבן געשאַפן אַ ספּעציעלע ליטעראַטור אין פּאָע־זיע און פּראָזע, כמעט אויסשליסלעך פאַר שאָפּ־אַרבעטער און בכלל פאַר מענטשן, וואָס לעבן פון זייער אייגענער האַרעוואַניע.

אַ מער קולטורעלן עלעמענט ברענגט דער צווייטער גרויסער איינ־וואַנדערונגס־שטראָם פון מזרח־אייראָפּע. דאָס איז געווען נאָכן צוזאַ־מענברוך פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע (1905). די דאָזיקע אי־מיגראַנטן זענען שוין געווען פּאָליטיש און סאָציאַל אַנטוויקלט נאָך אין דער אַלטער היים. זיי האָבן געהערט צו געוויסע פּאָליטישע פּאַרטייען און געווען באַקאַנט מיט דער נייער יידישער ליטעראַטור אויך פון נאָך די קלאַסיקער. ס'הייבט זיך דאַן אָן אין אַמעריקע אַ געראַנגל צווישן אָט די צוויי מינים יידישע קולטורן, פון וועלכע ס'איז אַרויסגעוואַקסן די סינ־טעטישע, מאָדערנע, וועלטלעכע קולטור אין אַמעריקע, וועלכע פילט זיך ווי אַ באַרעכטיקטער טייל פון דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור.

דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב צייכנט זיך אויס פון אָנהייב אָן דורך זיין וועלטלעכער קולטור. אַרבעטער־קלובן, טרייד־יוניאָנס (פּראָפע־סיאָנעלע פאַריינען), ביבליאָטעקן, לייען־זאַלן, א. ד. גל. זענען געוואָרן די זאַמל־פונקטן פאַר ברייטע יידישע מאַסן. די יידישע דיכטער, דערציילער, פּובליציסטן, וויסנשאַפטלער, דראַמאַטורגן, שוישפּילער, מוזיקער א. א. וו., זענען ביי די דאָזיקע מאַסן געוואָרן די גדולים פונם יידישן פאָלק. דער יידישער אַרבעטער־קלוב, דער לעקציע־זאַל, און דאָס טעאַטער האָבן אַ גע־וויסע צייט געאַרבעט האַנט ביי האַנט. יעקב גאָרדינס דראַמען האָבן אין זייער צייט געהאַט אַ ווירקונג, ווי ביי אונזערע זיידעס די פּאָפּולערסטע מגידים. דאָס טעאַטער אין יענער צייט איז געווען אַ לערער, אַ מוכיח, און אַ וועג־ווייזער.

די יידישע דיכטונג אין יענער צייט איז געווען ענג פאַרבונדן מיטן קאָנצערט־זאַל. מאָרים ראָזנפעלד, וואָס האָט געהאַט אַ שיינע טענאָר־שטימע, פלעגט אויפטרעטן מיט לידער אויף קאָנצערטן. אויך ווינטשעוו־

סקי פלעגט ביי געלעגנהייטן דעקלאמירן זיין פּאָעזיע און אפילו דער שע־מעווודיקער יונגער עדלשטאַט האָט געמאַכט אַ ניט־געלונגענעם פּרווו צו דעקלאַמירן זיינע לידער אין אַ קאָנצערט־זאַל.

ארום די יידישע דיכטער, דראַמאַטורגן און שוישפּילער האָבן זיך גרופּירט אַ גאַנצע ריי מוזיקער. ס'זענען אויך אַנטשטאַנען אַ גאַנצע קייט פון אַרבעטער־כאָרן און אָרקעסטערס, וואָס האָבן פון זיך ארויסגעגעבן אַ היפּשע צאָל מוזיקער, זינגער, שפּילער און קאָמפּאָזיטאָרן. די אויפגע־וואַכטע יידישע פאָלקס־מאַסן האָבן אויך ארויסגעוויזן אַ דראַנג צום שוי־שפּיל. זיי האָבן אָרגאַניזירט אַלערליי פאָלקס־בינעס און דראַמאַטישע גע־זעלשאַפטן, פון וועלכע ס'זענען ארויסגעוואַקסן אַ גאַנצע ריי באַגאַבטע שוישפּילער.

אונטער דער הערשנדיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג אין אַמעריקע איז אָבער ניט מעגלעך, אַז דער ביזנעס־גייסט זאָל ניט אַריינדרינגען אויך אין די געביטן פונם יידישן קולטור־לעבן, זיי פאַרמיסטיקן און פאַרפּעסטן. ריין און לעבעדיק זענען געבליבן בלויז יענע קולטור־אַנשטאַלטן, וואָס שטייען דירעקט אונטער דער אויפזיכט פון אָרגאַניזירטע יידישע פאָלקס־מאַסן. דער „אַרטעף“, די כאָרן און אָרקעסטערס, די וועלטלעכע יידישע קינדער־שולן, דער לערער־סעמינאַר, די אַרבעטער־אָדער פאָלקס־אוניווערזיטעטן און ענלעכע אַנשטאַלטן האַלטן אויף די חשיבות פון דער וועלטלעכער יידישער קולטור אין אַמעריקע. אַרום אָט די אַנשטאַלטן גרו־פּירט זיך דאָס בעסטע אין דער יידישער קולטור־וועלט.

דאָס אַלץ האָב איך דאָ דערציילט, כדי אָנצווייזן, אַז די באַזע פאַר דער וויסנשאַפטלעכער יידישער פאָרשונג אין אַמעריקע, אויף וועמען זי שטיצט זיך און צו וועמען זי רעדט, איז די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסע.

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט באַלד ביי איר אויפקום גע־מאַכט אַלערליי פּרוון צו פאַרשפּרייטן וויסנשאַפט צווישן די ברייטע פאָלקס־מאַסן. נאַטירלעך זענען עס געווען פּאָפּולאַריזאַציעס, אָפט שטאַרק פאַרוואַסערטע, אַמאָל אויך וווּלגאַריזירטע.

כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט איז אויך דאָס, וואָס די אַרטיק־לען איבער נאַטורוויסנשאַפט, איבערזעצונגען פון וויסנשאַפטלעכע ווערק, האָבן אין דער פּיאָנערישער אַמעריקאַנער צייטונג פאַרנומען אַזאַ פּלאַץ, ווי די אַרטיקלען איבער דער אַרבעטער־פראַגע און ווי די איבערזעצונגען

פון מארקס, ענגעלס, באקונין און קראפאטקין. דאס גלייכן האבן די לעקציעס איבער נאטורוויסנשאפט פארנומען אזא פלאץ ווי די לעקציעס איבער די טאגטעגלעכע סאציאלע און פאליטישע פראגן.

די דאזיקע באציונג צו וויסנשאפט איז עד־היום כאראקטעריסטיש פאר דער יידישער ארבעטער באוועגונג אין אמעריקע און פאר די ברייטע יידישע מאסן, וואס זענען מיט איר פארבונדן. איצט אבער באנוגנט מען זיך שוין ניט מער מיט פאפולאריזאציעס. ס'זענען איבערגעזעצט געווארן א גאנצע ריי גרונטווערק אויף אלע געביטן פון דער וויסנשאפט. ס'ווערן אויך ארויסגעגעבן אריגינעלע וויסנשאפטלעכע ווערק אין יידיש, באזונדערס וועגן פעדאגאגיק, פסיכאלאגיע און אנטראפאלאגיע (לייבוש לעדער, דר. מאנדעל א. א.). ניט געקוקט אויף דעם, וואס אונזערע לערער־סעמינארן און פאלקס־אוניווערזיטעטן זענען נאך ווייט פון אן אידעאל פון א הויך וויסנשאפטלעכן לערן־אנשטאלט, צו וועלכן מיר שטרעבן, דאך האבן מיר שוין ארויסגעגעבן א ריי יונגע פארשער, וואס האבן שוין בייגעטראגן א ריי ארבעטן צו דער געשיכטע פון דער וועלטלעכער יידישער קולטור אין אמעריקע. אונזערע קולטור־אנשטאלטן האבן אויך געשאפן א ריי נייטיקע לערנביכער, ניט בלויז פאר די יידישע קינדער־שולן, נאר אויך פארן הויז און פאר דער פאלקס־אוניווערזיטעט.

די פראגע פון לערן־ביכער פארן פאלקס־אוניווערזיטעט, ווי בכלל פון וויסנשאפט אין יידיש, איז איצט איינע פון די וויכטיקסטע יידישע קולטור־פראבלעמען. ווער עס קריגט זיינע ערשטע וויסנשאפטלעכע ידיעות אין דער יידישער שפראך, וועט פון איר קיינמאל גאנץ ניט פארפרעמדט ווערן און ממילא וועט ער אויך ניט אפגעריסן ווערן פון דער יידישער קולטור.

א באדייטנדיקער יידישער קולטור־אויפטו איז דעריבער אויך די יידישע ענציקלאפעדיע, וואס דערשיינט דא אין פאריז. זי איז פון העכסטער וויכטיקייט פאר די סטודענטן פון אונזערע לערער־סעמינארן און פאלקס־אוניווערזיטעטן.

און רעדט מען וועגן די יידישע קולטור־אנשטאלטן אין אמעריקע און וועגן די דארטיקע פרוון אויפן געביט פון וויסנשאפטלעכער פארשונג אין יידיש, דארף אויך גענומען ווערן אין אכט, אז די ברייטע יידישע הארעפאשנע מאסן אין אמעריקע זענען זייער ארעם, כאטש זיי העלפן רייכלעך זייערע קרובים מעבר לים. די יידישע מאסן אין אמעריקע האבן

אויך ניט די מינדסטע שטיצע פון דער אמעריקאנער מלוכה פאר זייערע יידישע קולטור־נויטן. דאס ביסל, וואס זיי האבן אויפגעטון אויף אלע גע־ביטן פון דער יידישער קולטור, איז אויסגעטראגן געווארן מיט זייערע אייגענע כוחות און מיט זייערע אייגענע באשרענקטע מיטלען.

מיר פלאנען איצט אויפצוהייבן אין אמעריקע א קאמף דערפאר, אז די מלוכה זאל אריינגעמען די יידישע שפראך אינם פראגראם פון איר מלוכהשן שול־סיסטעם. זי זאל אויך אריינגעמען אין א גרעסערע מאס דאס יידישע בוך אין אירע פאלקס־ביבליאטעקן.

כ'האף, אז דער אלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאנגרעס וועט דער־מוטיקן און פארלייכטערן אונזער קאמף און אונזער דערפאלג דורך דער הויכער חשיבות, וואס ער וועט געבן דער יידישער שפראך און דער יידי־שער קולטור.

דאס וועט אויך באפליגלען די פאנטאזיע פון די ברייטע יידישע מאסן, זיי זאלן זיך ניט באנוגענען מיט פאפולערער וויסנשאפט, מיט עלעמענטארע פאלקס־אוניווערזיטעטן, נאר זיי זאלן שאפן די ברייטע מעג־לעכקייטן פאר עקזאקטע וויסנשאפטן אין יידיש און פאר יידישע אוני־ווערזיטעטן, וואס זאלן שטיין אויף דער הייך, ווי ס'פאסט פאר א פאלק, וואס פארמאגט נענוג קולטור־כוחות מזכה צו זיין מיט זיי א סך קולטור־פעלקער. זאל נאר פארקומען די געווינטשטע פאריייניקונג צווישן אונזער אינטעליגענץ מיט אונזערע ברייטע מאסן און מיר וועלן שאפן קולטור־ווערטן מיט לייטן גלייך, אויב ניט נאך מערער.

א ל ג י ן : דאס ווארט, צו א רעפעראט וועגן יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן אין די פאראייניקטע שטאטן, האט ח' זאלצמאן.

ר. זאלצמאן (פארייג. שטאטן)

חברים,

שווער איז געווען דער וועג פון דער יידישער שול, אבער א בארג־ארויף איז דאס געווען. די יידיש־וועלטלעכע שול אין אמעריקע קומט היינט מיט איבער 350 שולן, מיט מיטל־שולן, מיט קינדער־גערטנער, מיט לערער־קורסן, מיט א גרויסן סך־הכל פון איבער 22.000 תלמידים.

וואס פאר א ריזיקן מהלך מיר זענען אפגעגאנגען פון די ערשטע

יאָרן, מיט ארום 30 יאָר צוריק, ווען די ערשטע נאַציאָנאַלע ראַדיקאַלע שול אין אַמעריקע איז געגרינדעט געוואָרן!

ווי אזוי ווערט אונזער אַלגעמיינער שול־פּאָרמעגן אין אַמעריקע איינגעטיילט צווישן די פיר עקזיסטירנדיקע שול־וועזנס?

צום סוף פונם לעצטן שול־יאָר האָבן מיר פאַרמאָגט:

די שולן פון נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד: 44 עלעמענטאַר־שולן, 2 מיטל־שולן, 2 קינדער־גערטנער; 4.000 קינדער.

די שלום־עליכם שולן: 33 עלעמענטאַר־שולן, 4 מיטל־שולן; 1.400 קינדער.

די שולן פון ארבעטער־רינג: 145 עלעמענטאַר־שולן, 5 מיטל־שולן, 5 קינדער־גערטנער; 7.200 קינדער; 17 פּראָ־מיטל־שולן.

די יידישע קינדער־שולן פון אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער־אָרדן: 118 עלעמענטאַר־שולן 12 מיטל־שולן; 7.000 קינדער.

צו דעם דאַרף מען צוגעבן די עטלעכע באָראָכאָוו־שולן און די פּרץ־שולן אין קאַלגאַרי, עדמאָנטאָן, וויניפּעג, — מיט ארום 800 קינדער.

ביי יעדער פון די שול־נעצן עקזיסטירט אַן אייגענער פאַרלאַג וואָס גיט ארויס קינדער־ליטעראַטור און טעקסט־ביכער.

איבער 1.200 יידישע יוגנטלעכע צווישן די יאָרן 13 און 17 לערנען אין די מיטל־שולן איבערן לאַנד. צענדלי טויזנטער קינדער, וואָס פאַרברענגען פון 6 ביז 12 יאָר אין דער יידישער שול, ווערן דורך איר פאַרבונדן מיט אונזער פאָלקס־שפּראַך יידיש, מיט אונזער קולטור און פאַרקניפּן זייער לעבן מיט די אידעען און די קאַמפן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. עס באַווייזן זיך ביי אונז סימנים פון אַן אַמעריקאַנער געבוירענער יידיש־רעדנדיקער יוגנט, אַ יוגנט, וואָס האָט ליב און קען זיך פריי אויסדריקן אין איר שפּראַך, אַ יוגנט, וואָס ווערט פון איין זייט פאַרבונדן מיטן העראָישן באַרג־ארויף גאַנג פון די האָרעפּאַשנע אַמעריקאַנער מאַסן, און פון דער צווייטער זייט מיט די נויטן, קאַמפן און קולטור פון זייער אייגן פאָלק.

כאָטש מיר האָבן אַ סך דערגרייכט, מוזן מיר אָבער זיין געוואָרנט פאַר איבערגעטריבענע הלל־והדר. קוים 25 פּראָצענט פון אַלע יידישע קינדער אין אַמעריקע, פון שול עלטער, קריגן וועלכע ניט איז יידישע דערציִונג. פון די 25 פּראָצענט גייען קוים 20 פּראָצענט אין די וועלטלעכע שולן. אין קאַלטע ציפערן איז די לאַגע אזא: פון 800.000 יידישע קינדער

אין שול־עלטער אין אמעריקע קריגן ארום 200.000 א וועלכע נים איז יידישע דערציונג. פון זיי לערנען נים מער ווי ארום 22.000 אין די וועלט־לעכע שולן. דאס הייסט, אז נים מער ווי ארום צוויי־און־א־האלב פראָ־צענט פון די יידישע קינדער אין אמעריקע קריגן א וועלטלעכע יידישע דערציונג. אט די ציפער לייגט אויף אונז ארויף ריזיקע אחריותן. די צי־פער דערמאנט אונז, אז מיר האבן דערוויל ערשט אנגערירט דעם אוי־בערפלאך, ספעציעל אין איצטיקן מאמענט, ספעציעל, ווען אונזערע פערספעקטיוון זענען אזוי אויסגעוואקסן.

און איצט — צו דער געשיכטע פון די שולן פון ארבעטער־אָרדן.

די יידישע קינדער־שולן פון אינטערנאציאנאלן ארבעטער־אָרדן האבן א לאנגע געשיכטע הינטער זיך. פון א פאר צענדליק שולן מיט עטלעכע הונדערט קינדער אין 1926 איז די שול באוועגונג אויסגעוואקסן און פארמאגט היינט צו־טאג 116 שולן מיט איבער 7.000 קינדער.

די געשיכטע פון די יידישע קינדער־שולן ביי דעם אינטערנאציאנאלן ארבעטער־אָרדן איז א טייל פון דער געשיכטע פון דער יידישער ארבע־טער־באוועגונג אין אמעריקע. אין דער געשיכטע פון די שולן האבן זיך אפגעשפיגלט און זענען געקומען צום אויסדרוק די הויפּט־ריכטונגען און שטרעמונגען פון דער ארבעטער־באוועגונג בכלל. היינט צו־טאג זענען אונ־זערע שולן, מער ווי ווען עס איז פריער, אן אינטעגראלער טייל פון דער ארבעטער־באוועגונג; מער פארבונדן מיט דער ארבעטער־באוועגונג און מיטן לעבן פון די יידישע פאלקס־מאסן אין אמעריקע.

אנגעהויבן האט זיך די געשיכטע פון אונזערע שולן אין 1915, ווען דער ארבעטער־רינג, דעמאלט די רייכסטע, גרעסטע און איינפלוסרייכס־טע ארגאניזאציע אויף דער יידישער גאס, האט אנגעהויבן צו גרינדן די ערשטע ארבעטער־רינג־שולן.

א סך פון די פירער און טוער פון ארבעטער־רינג, וועלכע זענען גע־ווען סאציאליסטיש געשטימט, האבן אנגעהויבן פארשטיין אלץ קלארער, אז די קאפיטאליסטישע קולטור איבט אויס א מעכטיקן אידעאלאגישן דרוק אויף זייערע קינדער. די פאבליק־סקול (די רעגירונגס־שול), די צייי־טונגען, שונד־זשורנאלן און ביכער, און אנדערע צווייגן פון קולטור, פאר־סמען זייערע קינדער און רייסן זיי אפ פון זייערע עלטערן. זיי האבן מיט שרעק אנגעהויבן צו באגרייפן, אז זייערע אייגענע קינדער הויבן אן צו קוקן מיט ביטול, אפילו מיט שנאה אויף זייערע עלטערן, וועלכע קענען

זיך ניט גוט אויסדריקן אויף דער שפראך פון לאנד און טראגן זיך נאך ארום מיט געדאנקען וועגן אויסבעסערן די וועלט. זיי האבן מיט פאר־צווייפלונג אנגעהויבן איינזען, אז די קינדער קוקן מיט פאראכטונג אויף די ארבעטער־עלטערן, וואס זענען געצוווּנגען צו ארבעטן אין פאבריק לאנ־גע שעהן, שווערע ארבעט און פארדינען קוים אויף אויסצוקומען.

אט דער מאָטיוו איז געווען דער שטארקסטער און דער וויכטיקסטער וואס האט געבראכט צו דער גרינדונג פון די ארבעטער־רינג־שולן. דאס געפיל פון זעלבסט־פרעזערווירונג, פון איינהאלטן די קינדער לעבן זיך, נאענט צו זייערע אידעאלן, שפראך און קולטור, האט באוויגן די טוער און פירער פון דער ארגאניזאציע צו גרינדן די ארבעטער־רינג־שולן.

עס איז אמת, אז נאך לאנג, איידער די ארבעטער־רינג־שולן זענען געגרינדעט געווארן, האבן סאציאליסטישע און ארבעטער־גרופעס געגרינ־דעט די אזוי־גערופענע זונטיק־שולן („סאנדיי סקולס"). דארט פלעגט מען צוזאמענברענגען די קינדער אין א זונטיק אינדערפרי, מיט זיי זינגען רע־וואלוציאנערע לידער, זיי דערציילן ארבעטער־מעשיות, און זיי בכלל „אגי־טירן" פארן ארבעטער־קלאס.

די קינדער זענען אבער שנעל מיד געווארן פון אזא „שול", און די עלטערן האבן איינגעזען, אז די זונטיק־שול האט ניט קיין ווירקונג אויף די קינדער. עס איז דעריבער געבוירן געווארן דער געדאנק צו גרינדן די ארבעטער־רינג־שולן.

מיר דארפן געדענקען, אז אונזערע ארדן־שולן טראגן ניט דעם זעלבן כאראקטער, ווי די יידישע שולן אין פוילן, אין ראטנפארבאנד אדער אין אנדערע לענדער. אין די פאראייניקטע שטאטן מוזן די קינדער א גאנצן טאג (ביז דריי אזייגער) גיין אין דער רעגירונגס־שול, ווו אלע לימודים ווערן געפירט אויף דער לאנדס־שפראך, ענגליש. ערשט דאן קומען זיי אין דער יידישער שול, ווו דאס לערנען איז באגרענעצט בלויז מיט א שעה, אדער א שעה און א האלב א קלאס, יעדן טאג. עס איז דעריבער נאטיר־לעך, אז אונזער שול זאל זיין באגרענעצט מיט אירע לימודים און טראגן דעם כאראקטער פון א צוגאב־שול, וואס שטרעבט קעגנצווווירקן און דער־גאנצן דאס לערנען אין דער פאבליק־סקול.

דער קאמף צווישן דער רעכטער און דער לינקער ריכטונג אין דער ארבעטער־באוועגונג האט אויך די ארבעטער־רינג־שולן ניט געקענט אויס־מיידן. אין די שול־פארוואלטונגען, צווישן די לערער, האבן זיך אנגעהויבן

אויסשיילן צוויי פליגלען, איינער א לינקער, און דער אנדערער א רעכטער.

אין 1926 האט דער קאמף דערגרייכט זיין העכסטן פונקט. 18 פון 24 ארבעטער־רינג־שולן אין ניו־יארק זענען אויסגעשלאסן געווארן פון דער דעמאלטיקער ארבעטער־רינג־פירערשאפט. די 18 שולן האבן זיך אפיציעל פראקלאמירט אלס די אומפארטייישע, יידישע, ארבעטער־קינדער־שולן, און איינגיכן זענען געגרינדעט געווארן אומפארטייישע שולן אין די אנדערע שטעט פון לאנד.

די גרינדונג פון די אומפארטייישע שולן האט פיל געהאלפן אויס־קריסטאליזירן דאס פראגראם און העלפן דעם וווקס פון די שולן. בעת אין 1926 האבן עקזיסטירט 18 שולן, האבן אין 1929 עקזיסטירט ארום 45 שולן, אין וועלכע עס האבן געלערנט ארום 2,500 קינדער. פאר די טוער און לערער איז אויך געווארן אלץ קלארער, אז דאס פראגראם פון די אומ־פארטייישע שולן מוז באזירט זיין אויף דעם ארבעטער־קלאס און זיין אי־דעאלאגיע.

אין 1929 איז אין דער זומער־קאלאניע פון די שולן „קינדער־לאנד" פארגעקומען דער ערשטער נאציאנאלער צוזאמענפאר פון די אומפאר־טייישע יידישע קינדער־שולן. ביי דעם צוזאמענפאר איז געפירט געווארן א ברייטע און גרינטלעכע דיסקוסיע וועגן דעם גאנצן פראגראם און טע־טיקייט פון די שולן. מיט אן איבערוויגנדיקער מערהייט איז אנגענומען געווארן א פרינציפ־דערקלערונג, וואס האט אוועקגעלייגט אן אידעאלא־גישע באזע און אנגענומען א פראגראם פאר די שולן. כאטש די פרינציפן־דערקלערונג איז אנגענומען געווארן מיט אכט און א האלב יאר צוריק, דינט זי אבער נאך אין גרויסן און גאנצן גענומען אלס דאס פראגראם פון אונזערע שולן בין היינטיקן טאג.

די פרינציפן־דערקלערונג שטעלט פעסט, אז די אויפגאבן פון די אומפארטייישע ארבעטער־קינדער־שולן זענען: „צו אנטוויקלען א פילזיי־טיקע, עמפינדלעכע, מוטיקע, לעבנס־לוסטיקע און קאמף־לוסטיקע, קול־טורעלע, פראלעטארישע פערזענלעכקייט". די ארבעטער־קינדער־שול דארף שטרעבן „צו אנטוויקלען אלע פעיקייטן און אנלאגן פון דעם קינד". „די ארבעטער־קינדער־שול לעבט מיטן ארבעטער־קלאס און אינם ארבע־טער־קלאס. די פארשטעלונגען און באגריפן, וואס זי גיט אריין די קינדער, זענען אלעמאל צוגעפאסט צו זייער עלטער און זייער גראד פארשטיין"...

„דאס איז די אטמאספערע, מיט וועלכער עס אטעמט די שול און די נא־

טירלעכע סביבה, אין וועלכער עס אנטוויקלען זיך די כוחות פון די קינ־דער".

די ארבעטער־קינדער־שול האָט געמוזט אויסטרעטן נייע וועגן. זי האָט געדאַרפט אויסאַרבעטן אַ פולשטענדיק לערן־פּראָגראַם, באַזירט אויף אַם־דער פּרינציפּן־דערקלערונג.

אין 1930 איז פאָרגעקומען דער צווייטער נאַציאָנאַלער צוזאַמענ־פאָר פון די שולן. ער איז פאָרגעקומען אין דער זעלבער צייט, ווען דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער־אָרדן איז געגרינדעט געוואָרן. עס איז גע־ווען נאַטירלעך, אַז די שולן, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער זעלבער אידעאָלאָגיע, ווי דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער־אָרדן, זאָלן אָננעמען אַ רעזאָלוציע ביי דעם צוזאַמענפאָר, זיך אָנצושליסן אין דעם ארבעטער־אָרדן. ביי דעם צוזאַמענפאָר איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ פּראָגראַם פאַר די שולן.

דאָס אָנשליסן זיך אין אָרדן איז געווען פון גרויסער באַדייטונג פאַר די שולן. די צאָל שולן האָט זיך אין די ווייטערדיקע יאָרן כסדר פאַרגרע־סערט און די צאָל קינדער איז פּראָפּאָרציאָנעל געוואַקסן. די שולן האָבן געקראָגן מער פּרעסטיזש ביי די ברייטע מאַסן. דאָס לערן־פּראָגראַם איז אין די ווייטערדיקע יאָרן אַלץ אויסגעבעסערט געוואָרן. די שולן האָבן זיך מער פאַרפעסטיקט, סיי אידעאָלאָגיש און סיי אָרגאַניזאַציאָנעל.

ביים דריטן צוזאַמענפאָר איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצוהייבן אַן ענער־גישע באַוועגונג צו גרינדן ברייטע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס ארום די שולן. ביז יענער צייט האָט זיך געפירט, אַז ארום די שולן האָבן זיך געפונען קליינע גרופּעס טוער פון 10 ביז העכסטנס 20 מענטשן, און זיי האָבן גע־דאַרפט טון די גאַנצע ארבעט ארום די שולן. קיין מאַסן־אָרגאַניזאַציע ארום דער שול האָט ניט עקזיסטירט. עס איז אָבער געוואָרן אַלץ קלאָרער, אַז אויב די שולן ווילן זיך אויסברייטערן אין דער מאָס, ווי זייער פּרעס־טיזש און זייער פּאָזיציע אין דער ארבעטער־באַוועגונג פאָדערן עס, מוזן זיי שאַפן מאַסן־אָרגאַניזאַציעס ארום זיך, אָדער שול־פאַריינען, ווי זיי ווערן אָנגערופן. די שול־טוער האָבן אָנגעהויבן איינזען, אַז דער שול־פאַריין מוז זיך פאַרפעסטיקן אין זיין געגנט, מוז אָנפירן אַ ברייטע קול־טור־ארבעט און דינען אין אַלגעמיין די איינוווינער פון זיין געגנט. עס איז אויך אָנערקענט געוואָרן, אַז דער שול־פאַריין האָט ברייטע פּאָליטישע צילן: ער דאַרף קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם און רעאַקציע אין די רעגי־

רונגס־שולן און אין דער געגנט בכלל. ער דארף ארבעטן צוזאמען מיט אנדערע ארגאניזאציעס און קעמפן קעגן קינדער־נויט, קינדער־ארבעט, פאר פארשיידענע פאדערונגען צו פארבעסערן דאס לעבן פון קינד, ווי שפיל־פלעצער, שווים־באסיינען און אזוי ווייטער. עס פארשטייט זיך, אז די הויפט־אויפגאבע פון דעם שול־פאריין איז די אנפירונג און אויפהאלטונג פון דער שול. אט־די אויפגאבע קען ער בעסער דערפילן, ווען ער איז אקטיוו אין די פריער־אויסגערעכנטע טעטיקייטן.

זינט יענער צייט, ווען דער רוף איז צוערשט ארויסגעלאזט געווארן צו בויען שול־פאריינען, קענען מיר פארצייכנען גאנץ באדייטנדיקע דערגרייכונגען. מיר האבן היינט צו טאג איבער 5.000 מיטגלידער אין די שול־פאריינען. אין פיל שטעט און אין פיל געגנטן פארמאגן מיר געזונטע, אקטיווע שול־פאריינען, וועלכע דערפילן באמת דאס אנגעמערקטע פראגראם.

פאר דער צייט, זינט די שולן האבן זיך אנגעשלאסן אין אינטערנאציאנאלן ארבעטער־ארדן, ביז היינט צו־טאג, זענען פיל לערן־ביכער, ביאגראפיעס און מעשה־ביכלעך ארויסגעגעבן געווארן פאר אונזערע שולן. עס איז גענוג צו זאגן, אז אין פארלויף פון דעם פעריאד זענען זיך צעגאנגען 107.000 עקזעמפלארן פון שול־אויסגאבן, כדי צו קריגן א באגריף פון דער פארלענגערישער טעטיקייט פון די שולן. אייניקע פון די לערן־ביכער זענען ארויסגעגעבן געווארן אין פיר און פינף אויפלאגעס. היי־יאר ווערן געפלאנט דריי נייע לערן־ביכער, איין טעקסט־בוך פאר דער מיטל־שול און אנדערע.

ד״ר סלאוועס

לייענט פאר דעם צוזאמענשטעל פון די פארשיידענע קאמיסיעס. (זע ביילאגע).

נחמן מײזיל

די קאמיסיעס זענען צו גרויס און ניט ארבעטס־פעיק. איך שלאג פאר, אז א קאמיסיע זאל האבן מאקסימום 6 מיטגלידער.

ד״ר מוקדוני

א ריי רעפעראטן, ווי למשל, דער רעפעראט וועגן אָרגאַניזאַציע, וועט געהאַלטן ווערן אין דער קאָמיסיע. דערפאַר מיין איך, אַז די קאָמיסיעס זאָלן אַזוי בלייבן, ווי זיי זענען פאָרגעשלאָגן.

לייוויק

אויך איך בין פאַר די פאַרברייטערטע קאָמיסיעס, ווייל יענע חברים, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו רעדן אויפן פּלענום, וועלן באַקומען אַ וואָרט אין דער קאָמיסיע.

ד״ר סלאָוועס

מיר טאָרן ניט באַגרענעצן די צאָל מיטגלידער פון די קאָמיסיעס. עס איז אונזער חוב צו געבן אַלע דעלעגאַטן, וואָס אינטערעסירן זיך מיט באַשטימטע געביטן פון אונזער אַרבעט, אַ מעגלעכקייט ארויסצוזאָגן זיך וועגן די פּראַקטישע מאַסמיטלען, וואָס דער קאָנגרעס וועט דאַרפן אָננעמען. אונזערע רעזאָלוציעס מוזן געשאַפן ווערן ביי דער ברייטסטער מיטאַרבעט פון די דעלעגאַטן פון פאַרשיידענע לענדער.

דער פאָרשלאָג פון ד״ר סלאָוועס ווערט איינשטימיק אָנגענומען.

ד״ר ס ל אָ וו ע ס לאַדט איין אַלע דעלעגירטע צו באַזוכן געמיינזאַם דעם פּאַוויליאָן פון דער יידישער קולטור אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג.

זונטיק, 19-טן סעפטעמבער 1937 (9 אוונט)

פארזיצער: נחמן מייזיל: פרעזידיום: אבערדאם, האלברייך, י. הערמאן, ב. ווינאגורא, י. טשערניכאוו, ליסקי, ד"ר ראזנגארט, צעראטא ד"ר צפור, קאפעלמאן, פ. קווירק.

נחמן מייזיל: דאס ווארט האט ח'טע טאפטשע צו א באריכט וועגן די באראכאוו־קולטור־אנשטאלטן אין דער גאנצער וועלט.

טאפטשע (פראנקרייך)

אין די גרעסטע יידישע ישובים פון דער וועלט, אין פוילן, צפון און דרום־אמעריקע, בעלגיע, פראנקרייך, פאלעסטינע, ווי אויך אין די לענדער מיט א קלענערער יידישער באפעלקערונג, האבן מיר פארשפרייט א נעץ שולן, אוונט־קורסן, פאלקס־אוניווערסיטעטן, כארן, ארבעטער־היימען א.אז.

אונזערע מאסן און זייערע טוער זענען אומעטום נית בלויז קולטור־קאנסומענטן, נאר אויך קולטור־פראדוצענטן. זיי האבן פיל בייגעטראגן צו דער שאפונג פון די גרעסטע יידישע קולטור־ארגאניזאציעס: ייש"א, ייוו"א און די פארשיידענע שרייבער־פאריינען.

אין פוילן זענען מיר געווען די הויפט־מיטגרינדער פון דער ציש"א. אויפן ערשטן שול־צוזאמענפאר האבן מיר געהאט העכער 40 פראצענט דעלעגאטן פון אלע טיפן שול־אנשטאלטן.

דורך די געזעלשאפטן „אוונט־קורסן פאר ארבעטער" און „ארבעטער־היים" (היינט געשלאסענע) האבן מיר געפירט א ברייטע קולטור־ארבעט אין אלע שטעט אין פוילן. די תלמידים פון אונזערע אנשטאלטן פארנעמען

היינט־צו־טאָג די פאַראַנטוואָרטלעכסטע פּאָסטנס אין פיל אַרבעטער־קול־טור־אינסטיטוציעס אין גאַר דער וועלט.

אין צפון־ און דרום־אַמעריקע האָבן מיר די אָנפירונג פון די צ.וו.י.שא. שולן, פון אַרבעטער־קולטור־קלובן פאַר יוגנט און עלטערע א.אנד.

אין בעלגיע פירן מיר אָן מיט 3 גרויסע צוגאָב־שולן, אָוונט־שולן, פאָלקס־אוניווערסיטעטן, ביבליאָטעקן און קולטור־קלובן.

אין פאַלעסטינע קעמפן מיר ענערגיש און מיט מסירת־נפש פאַר דער יידישער קולטור און געבן אַרויס די איינציקע יידישע צייטונג „נײַ־וועלט".

אין פראַנקרייך איז שוין אין 1907 דורך דער באַראָכאָוו־ריכטונג אַרויסגעגעבן געוואָרן די ערשטע יידישע צייטונג. מיט 11 יאָר צוריק איז אין אַ קאַפע אויפן בעלוויל געגרינדעט געוואָרן די ערשטע יידישע צו־גאָב־שול, פון וועלכער ס'איז שפּעטער אויסגעבילדעט געוואָרן די „נ. אַראָנסאָן־שול" אין מאָנטרוי און איצט די „ל. מלאך־שול" אין פּאַריז. די אַרבעט פאַר דערוואַקסענע פירט די געז. „אַרבעטער־היים".

אין די פאַשיסטישע לענדער זענען פאַרמאַכט געוואָרן די געזעל־שאַפטן „אַרבעטער־היים", וועלכע האָבן ביז דער לעצטער צייט אָנגע־פירט מיט שולן, אָוונט־שולן און ביבליאָטעקן.

די תלמידים פון אַלע באַראָכאָוו־קולטור־אַנשטאַלטן זענען אָנפירער פון פיל אַרבעטער־אינסטיטוציעס אין גאַר דער וועלט און אויך מיטקעמ־פער אויף די שלאַכט־פעלדער פון שפּאַניע.

חיים קראַפּט (רומעניע)

דאָס יידישע רומעניע איז אומבאַקאַנט אין דער וועלט. מיר האָבן ניט קיין פרעסע, וואָס זאָל פאַרשפּרייטן ידיעות וועגן אונזערע ליידן און אויפטוען. מוזן מיר דאָ ווערן די פּראָפּאַגאַנדיסטן פון די יידישע קולטור־שאַפער, וואָס ווערן איגנאָרירט און פאַרשוויגן.

דער רומענישער דעלעגאַציע האָט אַ שטייגער שטאַרק וויי געטון, וואָס לייוויק האָט אין זיין ווונדערבאַרן אַפּאָטעאָז פון דער יידישער לי־טעראַטור פאַרגעסן — איך בין איבערצייגט, ער האָט עס ניט געטון בכיון — דעם נאָמען פון אליעזר שטיינבאַרג, אונזער גרויסן ממשל, אונ־

זער גרויסן שפּראַך־שעפער, דעם, וואָס האָט אונז געשענקט די שענסטע מעשהלעך, אונזער אַנדערסען.

דערלויבט מיר אייך איצט אביסל אינפאָרמירן וועגן דעם שיינעם, אָבער אויך טראַגישן עפּיזאָד פון דער יידישער קולטור־פעדעראַציע אין רומעניע.

נאָך דער מלחמה, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט, יידן פון פיר פּראָווינצן, יעדער מיט אַן אייגענער קולטור־טראַדיציע, אין איין מלוכה, האָבן מיר געגרינדעט אַ גרויסן קולטור־פאַרבאַנד פון אַלע עקזיסטירנדיקע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, געשאַפן אַ פאַרלאַג, אַ ביכער־לאַגער, אַ לעקטאָראַט, און זיך געגרייט פאַרוואַלטן מיט אַלע קולטור־שאַפונגען פונם יידישן ישוב. אַ יאָר לאַנג האָבן מיר געטון פרוכטבאַרע אַרבעט מיט ענטוזיאַזם און איבערגעגעבנקייט. אָבער גראָד דאָס, וואָס האָט אונז באַדאַרפט געבן שוווּנג און סטימולירן אונזער ענערגיע, האָט אונז געשעדיקט. פאַרטייישע ווירקונגען האָבן זיך אַריינגעמישט אין אונזער באַוועגונג און די אייניהייטלעכע קולטור־אָרגאַניזאַציע איז אומגעקומען.

דער צענטער, וואָס וועט דאָ געגרינדעט ווערן, וועט זיך מוזן אַריינמישן אין יעדן לאַנד און ניט דערלאָזן צו קיין שפּאַלטונגען.

ליבע פריינט, מיר האָבן פאַראיאָרן אין בוקאַרעשט געגרינדעט דעם „יידישן אַפּוער", וועמענס ציל ס'איז צו פאַרטיידיקן די יידישע רעכט אויף לעבן, אַרבעט און קולטור. מיר ווילן אַריינדרינגען אין די קהלות און דאָרט פירן דעם קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע. די פּערספּעקטיוון זענען גוטע. מיר האָפן, אַז דער קאָנגרעס וועט אויך געבן יענע לאָזונגען, וואָס וועלן אונז העלפן מיטרייסן די גאַנצע יידישע מאַסע צום קאַמף פאַר אונזער קולטור.

נחמן מייזיל: דאָס וואָרט צו אַ רעפעראַט וועגן יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן אין פּוילן האָט ח' ד"ר קרוק.

ד"ר קרוק (פּוילן)

אייגנטלעך, האָט באַדאַרפט דאָ רעפערירן איבערן יידישן שול־וועזן אין פּוילן דער חבר באַסטאָמסקי, וואָס איז די אמתע פאַרקערפּערונג פון דעם לערער־אַרבעטער. ער האָט אָבער, צוליב פון אים אומאָפּהענגיקע

סיבות, ניט געקענט קומען, און האָט אויך דעם רעפעראַט אונז ניט צוגע־שיקט. אַלזאָ, איך בין נאָר אַ שטעלפאַרטרעטער און, אַלס אַזעלכער, וויל איך באַטאָנען, אַז איך רעד ניט אין נאָמען פון דער שול־אָרגאַניזאַציע.

עס וואָלט געווען אַ טעות, אויב מען וואָלט אין דעם אַלגעמיינעם בילד פון אונזער קולטור־שאַפן ניט אריינגעשטעלט דאָס גרויסע, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין פוילן.

דאָס יידישע שול־וועזן האָט זיך אָנגעהויבן צו בויען אונטער די שווערסטע באַדינגונגען, אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע. יידי־שע שוסטער און שניידער האָבן געלייגט דעם גרונט־שטיין פאַר אַן אמת־פּראָגרעסיווער שול. אין 1921 איז זיך צונויפגעקומען די ערשטע גרויסע שול־קאָנפערענץ און אויפן סדר־היום זענען געשטאַנען די זעלבע פראַגן, וואָס שטייען היינט דאָ פאַר אונז: לאָיאַלע צוזאַמענאַרבעט אויפן קול־טור־געביט מצד פאַרשיידענע ריכטונגען, וואָס פירן אויפן פּאָליטישן באָדן אַ קעגנזייטיקן קאַמף. אויף דער קאָנפערענץ איז געלייגט געוואָרן דער גרונט־שטיין פאַר דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע. אַ צווייטער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין יאָר 1925 און פון דעמאָלט אָן זענען מער ניט פאָרגעקומען קיין אַלגעמיינע קאָנפערענצן, נאָר באַראַטונ־גען פון פאַרשיידענע ראַיאָנען, אָדער ריין־פּעדאַגאָגישע קאָנפערענצן.

אויך היינט האָבן מיר נאָך אַ גרויסע נעץ פון שולן. אָבער אַ סך שולן האָבן זיך פאַרמאַכט פשוט דערפאַר, ווייל עס איז ניט געווען אויף דירה־געלט. איך וואָלט דאָ געקענט ברענגען אַ גאַנצע ריי פאַקטן, כ׳וואָלט גע־קענט ציטירן פאַלן, ווען פּאָליציי האָט ארויסגעטראָגן די שול־בענק און עקסמיטירט די שולן און ווען קליינע קינדערלעך, ווי עס האָט פּאַסירט אין וואַרשע, למשל, האָבן צוריק אריינגעשטעלט די בענק און געזאָגט: מיר וועלן פאַרטיידיקן די דאָזיקע שול. אָבער איך וויל דאָ איצט ניט רעדן וועגן דער מאַרטירעלאָגיע פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן.

אַ פּאָר יאָר האָבן מיר געהאַט אין פוילן דעמאָקראַטישע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען און געוויסע מאַגיסטראַטן האָבן טאַקע געגעבן באַדייטנ־דיקע סובווענציעס פאַר די יידישע שולן. אַזוי איז געווען אין לובלין, פּיאָטרקאָוו, טשענסטאָכאָוו, וואַרשע, לאָדזש, ווילנע און אין נאָך אַנדערע קליינע שטעט. פון דעם אַלעם איז היינט כמעט קיין זכר ניטאָ. ווילנע איז אפשר די איינציקע שטאָט, וווּ דער מאַגיסטראַט גיט אַ געוויסע סובווענץ פאַר די יידישע שולן. די ארומיקע אַטמאָספער איז אַ פיינטלעכע. וויכטי־

קע שול־אינסטיטוציעס ,ווי למשל, דער לערער־סעמינאר ,זענען צוליב טעמים פון אים אומאפהענגיקע ,געשלאסן געווארן. די עקאנאמישע לאגע פון אונזערע לערער איז א טרויעריקע ביז גאר: א לערער באקומט איצט ביי אונז א דורכשניט פון 50 ביז מאקסימום 100 זלאטעס א חודש. מחמת דוחק אין געלט־מיטלען, איז שטארק איינגעשרומפן געווארן די פארלאגס־ארבעט אויפן געביט פון פעדאגאגיק און קינדער־ליטעראטור.

ניט אין אלע טיילן פון פוילן איז דאס שול־וועזן גלייך שטארק; זייער שוואך איז עס אין גאליציע, באזונדערס שטארק אין ווילנע און אין ביאליסטאק. אין ווילנע עקזיסטירן נאך היינט 6 שולן מיט 1800 קינדער און איין רעאל־גימנאזיע, וואס האט ניט לאנג באקומען עפנטלעכע רעכט. ביאליסטאק פארמאגט 5 שולן, זייער גוט־באזוכטע ,און איין גימנאזיע. דער קריזיס אין אונזער שול־וועזן נעמט זיך פון דעם, וואס דער לימוד איז כמעט אומזיסט. אין ווילנע, למשל, צאלן די עלטערן פאר א קינד איין זלאטע א חודש. אין אנדערע שטעט איז בעסער, מען צאלט דארט ביז 3 זלאטעס א חודש.

איינע פון אונזערע הערלעכסטע אינסטיטוציעס איז די מעדעם־סאנאטאריע, וואס געהערט היינט צו די שענסטע קינדער־סאנאטאריעס אין פוילן. לעצטנס האבן מיר איינגעארדנט א ריי אויסשטעלונגען. אין יאר 1936 — א „מענדעלע־אויסשטעלונג“ און א „רייזען־אויסשטעלונג“; אין אפריל 1937 — א „שלום־עליכם־אויסשטעלונג“, וואס האט געהאט זייער א גרויסן דערפאלג. א חוץ דעם, האבן מיר ארויסגעגעבן א פאר לערן־ביכער און א צייטשריפט אין דער פוילישער שפראך.

מיט די אנדערע שול־טיפן בין איך ווייניק באקאנט. די שולן פון „שול־קולט“ זענען פארשפרייט דער עיקר אין די „ראנד“־געביטן. אין לאדזש עקזיסטירט אויך א קינדער־היים אין דער יידישער שפראך, וואס ווערט אויסגעהאלטן פונם מאגיסטראט. אין די שולן פון די יידישע קהילות איז די אונטעריכט־שפראך פויליש, אבער ביי די שלום־עליכם־און מענדעלע־פייערונגען, האבן די יידישע קהילות צום ערשטן מאל דערלויבט, אז יידישע לערער אין יידישע שולן זאלן האלטן א פארלעזונג אין יידיש.

איך באדויער טיף, וואס די שול־ארגאניזאציע אלס אזעלכע איז דא ניט פארטרעטן. ניט געקוקט אויף דעם, וואס מיר האבן אויסדריקלעך דערקלערט, אז מיר גייען ניט שאפן קיין קאנקורענץ־קערפערשאפט, זענען יענע, וואס זענען געווען פאר א באטייליקונג אינם קאנגרעס, געבליבן

א מינדערהייט. אָבער אפילו ווען די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן איז דאָ ניט פאַרטראָטן, זענען דאָך די יידישע שולן אונ־זערע שולן, און דער קאָנגרעס וועט תמיד שטיין אויף דער וואַך פון דער אַנטוויקלונג און פון דער גאַנצקייט פון די יידישע ארבעטער־און פאָלקס־שולן אין פּוילן. זיי זענען ניט דאָס אייגנטום פון דער אָדער יע־נער פּאַרטיי, זיי געהערן צו אונז אַלעמען, צו די ברייטסטע יידישע פאָלקס־מאַסן און זיי דאַרפן באַקומען די וואַרעמסטע אונטערשטיצונג פונם גאַנצן קאָנגרעס.

י. א. ליסקי (ענגלאַנד)

עס זענען פאַראַן אין ענגלאַנד יידן, וואָס האָבן זיך ארויפגעאַרבעט, זענען רייך געוואָרן. מיט זיי קערן מיר זיך גאָרניט אָן.

עס זענען אָבער אויך פאַראַן יידן, וואָס ליידן נויט און נעמען אָנ־טייל אין דער אַרבעטער־באַוועגונג — אויף זייער זייט שטעלט זיך די בעסטע טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די עמיגראַציע איז אָפּגעשטעלט גע־וואָרן, וואָס עס קומען ניט צו קיין נייע, פרישע עלעמענטן, האָט זיך ביי אונז פאַר די לעצטע יאָרן אַנטוויקלט א יונגע ליטעראַטור. עס איז אויפ־געוועקט געוואָרן דער אינטערעס פאַר יידישע קולטור־פּראָבלעמען. אין לאָנדאָנער „אַרבעטער רינג“ ווערן אָפט דורכגעפירט רעפעראַטן אויף פאַר־שיידענע טעמעס. עס דערשיינט א טעגלעכע צייטונג „די צייט“, וואָס גיט אָפּ פיל אָרט פאַר פראַגן פון יידישער ליטעראַטור און קולטור.

עס ווערט איצט געגרייט אין לאָנדאָן אַן אַנטאָלאָגיע פון דער בעסע־רער יידישער פּראָזע. און — דער וויכטיקסטער אויפטו: אינספּירירט דורך דער צוגרייטונגס־אַרבעט צום אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, האָט זיך אין לאָנדאָן אָרגאַניזירט א „יידישע קולטור־געזעלשאַפט“, וואָס פאַר־אייניקט אַרום זיך שרייבער, זשורנאַליסטן, שוישפּילער און פאָרשטייער פון אַלע קולטור־צווייגן.

דער היינטיקער קאָנגרעס וועט אונז נאָך מער דערמוטיקן אין אונזער אַרבעט פאַר דער יידישער קולטור.

פיניע קאַץ (אַרגענטינע, אורוגוואַי)

חשובע דעלעגאַטן,

לויט דער גרויס און חשיבות פונם יידישן ישוב אין אַרגענטינע, לויט זיין אינטענסיווער אַרבעט אויף אַלע געביטן פון דער יידישער קולטור — ציטונגס־וועזן, טעאַטער, ליטעראַטור, שול, ביבליאָטעק און קלוב־וועזן — וואָלט ער זיכער באַדאַרפט זיין פאַרגעשטעלט אויף דעם קאָנגרעס מיט מער ווי איין דעלעגאַט. צום באַדויערן איז דאָס ניט אַזוי. איך פאַרטרעט דאָ אויך בלויז אַ טייל פון אונזערע קולטור־אינסטיטוציעס. אמת, זיי זענען די אַקטיווסטע, די לעבעדיקסטע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, וואָס קאָנצענטרירן אַרום זיך די מערסטע, איבערגעגעבנסטע אָפּנעמער פון דער יידישער מאָדערנער און פּראָגרעסיווער קולטור, וואָס, כדי זי צו פּאַרטייִדיקן און באַפעסטיקן, איז זיך צוזאַמענגעקומען דער קאָנגרעס. דאָס איז שייך סיי אַרגענטינע, סיי אורוגוואַי.

איך רעד דאָ, חברים, אין נאָמען פון 22 יידישע אינסטיטוציעס פון דער אַרגענטינישער הויפּט־שטאָט און פּראָווינץ און אין נאָמען פון פינף אינסטיטוציעס פון מאָנטעווידעאָ, דער הויפּט־שטאָט פון אורוגוואַי.

צווישן די אַרגענטינער אינסטיטוציעס, וועלכע איך האָב דעם כבוד צו פאַרטרעטן, געפינען זיך 9 קולטור־הייזער און קולטור־צענטרן, 5 ביבליאָטעקן, 3 שולן, 3 יוגנט־צענטרן, 1 טעאַטער־געזעלשאַפט און טעאַטער־טרופּע, 1 שרייבער גרופּע און 1 ליטעראַרישער זשורנאַל.

אין דער צאָל גייען ניט אַריין די 8 שולן פונם „פאַרבאַנד פון די יידישע פאָלקס־שולן" און די 4 ביבליאָטעקן, וואָס די מאַכט פון דער הויפּט־שטאָט האָט געשלאָסן צוליב אַ מסירה. די הונדערטער יידישע קינדער, וואָס מען האָט ביי זיי צוגענומען די מעגלעכקייט צו באַזוכן אַ יידישע שול, וועלן אָט די מעגלעכקייט זיכער צוריקבאַקומען דורך ניי־געעפנטע שולן. צווישן די אינסטיטוציעס פון אורוגוואַי געפינען זיך: 1 קולטור־הויז, צוויי קולטור־פאַריינען, איין טעאַטער־געזעלשאַפט און 1 טאָגצייטונג.

כמעט אַלע אויסגערעכנטע קולטור־הייזער, קולטור־צענטרן און קולטור־געזעלשאַפטן אין אַרגענטינע און אין אורוגוואַי פאַרמאָגן אייגענע ביבליאָטעקן, לייען־זאַלן, דראַמאַטישע קרייזן, יוגנט־קרייזן און כאָרן.

אייניקע האָבן אויך אַ פֿאָלקס־אוניווערסיטעט.

חברים, אַרגענטינע, ווי אייך איז באַוווּסט, איז דאָס לאַנד פֿון דער באַראָן הירש־קאָלאָניזאַציע, וואָס ווערט איצטיקן 50 יאָר אַלט. דער אָנהייב פֿון דער קאָלאָניזאַציע איז אויך דער אָנהייב פֿון דער יידישער געשיכטע אין אַרגענטינע. אַלץ, וואָס פֿריער, האַלטן מיר פֿאַר פּרעהיסטאָריע. אין משך פֿון לאַנגע יאָרן האָט דאָס לאַנד געהאַלטן אָפֿן די טירן פֿאַר יידישער איינוואַנדערונג, ווי פֿאַר איינוואַנדערונג בכלל. דעם יידישן ישוב אין אַרגענטינע שאַצט מען איצט אין 350 טויזנט, פֿון זיי העכער 200 טויזנט אין דער הויפּט־שטאָט. די איבעריקע — איבער די שטעט און שטעטלעך פֿונם לאַנד און אין די קאָלאָניעס.

די איינוואַנדערונג האָט אַרויסגערוקט פֿון זיך איר אינטעליגענץ: לומדים, משכילים, חובבי ציון און דער עיקר — אידעאַליסטן פֿון דער „סאָכע" (אין דער קאָלאָניזאַציע־עפּאָכע); פֿאַרטרעטער פֿונם גאַנצן פֿאַרטייען־קאַליידאָסקאָפּ פֿון 1905; פֿאַרשטייער פֿון דער פֿאַר מלחמה'דיקער ליטעראַטור און קולטור־באַוועגונגען; שול־און קולטור־טוער פֿונם נאָך־מלחמה־פּעריאָד, ס'רוב אָנהענגער פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. און אָט די אינטעליגענץ האָט געפֿאָרעמט דאָס יידישע געזעלשאַפֿטלעכע און קולטור־לעבן.

מען קען דעריבער זאָגן, אַז דאָס פּאָזיטיווע יידישע געזעלשאַפֿטלעכע קולטור־לעבן אין אַרגענטינע איז אַ פּראָדוקט פֿון די אַלע פֿאַקטאָרן, וואָס האָבן געשאַפֿן דאָס אַלגעמיין־יידישע קולטור־לעבן, מיט דעם צוגאָב, נאַטירלעך, פֿון דעם באַזונדערן קאָלאָריט, וואָס די אָרטיקע באַדינגונגען האָבן אַרויפֿגעלייגט אויף אים. עס איז נאַטירלעך, וואָס די ערשטע יאָרן זענען געווען פֿול מיט פּרווון, אָפֿט ניט געלונגענע, אָבער אויך מיט באַגייסטערונג פֿון בויער; און דער סך־הכל איז ביי היינטיקן טאָג — אַן אינטענסיוו און ברייט־צעוואַקסן יידיש קולטור־לעבן, מיט אַלע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע פֿאַקטאָרן, מיט אַלץ, וואָס פֿאַרזיכערט זיין ווייטערדיקן גאַנג, און מיט אַלץ, וואָס שטייט אים אין וועג.

אונזער קולטור־אַקטיוו ביי היינטיקן טאָג איז: דריי טעגלעכע ציי־טונגען אין בוענאָס־איירעס, אַ חוץ פֿאַרשיידענע פּאַרטיי־אויסגאַבעס, אויסגאַבעס פֿון לאַנדסמאַנשאַפֿטן, און אַ חוץ ליטעראַריש־פּובליציסטישע זשורנאַלן און אַזעלכע, וואָס באַדינען ספּעציעלע געביטן פֿון דער קולטור: שול־וועזן, טעאַטער א. א.

דריי און אמאָל פיר יידישע טעאַטער־טרופּעס פון דעם געוויינלעכן טיפּ, וואָס שפּילן דעם אַמעריקאַנישן רעפּערטואַר, איינע אַן אַמאַטאָרישע אויפן מוסטער פון „אַרטעף" אין ניו־יאָרק און „פּיאַט" אין פּאַריז, מיט אַ פּאַרמעסט צו ווערן דאָס אַרגענטינישע יידישע פאָלקס־טעאַטער און דראַם־קרייזן אין די פּראָווינץ־שטעט.

אַ גאַנץ היפּשע צאָל סיי אָריגינעלע און סיי איבערגעזעצטע ווערק און אַ פּלעיאַדע שריפטשטעלער, וואָס אַ טייל פון זיי האָט געצווינגען די אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק אויך אויסער אַרגענטינע. איך רעכן זיי ניט אויס, ווייל זייער צאָל איז גרויס. און אויב אַ בית־עולם איז אויך אַן אַקטיוו, טאָ זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן מיט כבוד אונזערע פאַרשטאָרבענע שריפטשטעלער אהרן בראָדסקי און ישראל העלפמאַן.

מיר פאַרמאָגן איצט אַ שול-וועזן, וואָס לויט דעם לעצטן באַריכט פון דעם יידישן לערער־פאַרבאַנד אין אַרגענטינע ציילט ער איבערן גאַנצן לאַנד 72 שולן מיט 3345 קינדער און 90 לערער. פון זיי 28 שולן יידיש־וועלטלעכע, מיט העכער 1700 קינדער און 41 לערער, 6 יידיש־העברעישע מיט 300 קינדער און 8 לערער; 2 העברעישע מיט 150 קינדער און 4 לערער, די איבעריקע זענען תלמוד־תורה'ס.

קולטור־צענטרן, ביבליאָטעקן, קלובן, יוגנט־קרייזן איבערן גאַנצן לאַנד.

אין מאָנטעווידעא, די הויפּט־שטאָט פון דער שכנישער רעפּובליק אורוגוויי, האָט דער יידישער ישוב זיך אָנגעהויבן בילדן כמעט איינצייטיק מיט דעם ישוב אין אַרגענטינע. ער איז אָבער באַזונדערס אויסגעוואַקסן, ביז 50 טויזנט, און אפשר נאָכמער, אַ דאַנק דער נאָך מלחמהדיקער איינוואַנדערונג, און אויך דאָרט זענען שוין פאַראַן 2 יידישע צייטונגען (ניט רעכענענדיק די פּריעדיקע אונטערגעגאַנגענע), אַ חוץ ספּעציעלע אויסגאַבעס פון געזעלשאַפטן; שולן פון פאַרשיידענע ריכטונגען, קולטור־צענטרן, אַ ביבליאָטעק און אויך אַ געזעלשאַפט פאַר אַ בעסער טעאַטער (מאָבעט).

איך מוז דאָ אָנמערקן, אַז די טענדענץ צו פאַראייניקן, אָדער ווייניקסטנס צו קאָאָרדינירן די טעטיקייט פון די קולטור־אינסטיטוציעס, באַזונדערס פון די יידישע שולן, האָט ביי אונז, אין ביידע שכנישע רעפּובליקן, געהאַט אַ געוויסן דערפאָלג. די גוטע ווירקונג פון אָט דער טענדענץ זעט

זיך אָן זייער בולט אויף דער סעקציע פון די קולטור־אינסטיטוציעס אין אַלע פּראָווינץ־ישובים.

כ'וויל אויך דערמאָנען דעם ענין קולטור־דערנענטערונג מיטן שכנישן פאָלק. פאַר דעם איז פיל געטון געוואָרן ביי אונז דורך איבערזעצונגען פון די יידישע שריפטשטעלער אויף שפּאַניש און פון די אַרגענטינישע — אויף יידיש. די אַרבעט ווערט איצט אויף אַ סיסטעמאַטישן און אָרגאַניזירטן אופן געטון פון דער יידיש־אורוגווייער קולטור־געזעלשאַפט.

פאַראַן אין אונזערע לענדער אויך אַ גרויסער קולטור־פּאַסיוו. די אַלגעמיינע צוואַנגס־שול, די קאַריערע רייסן אַוועק גרויסע צאָלן יידישע קינדער פון דער יידישער שפּראַך, קולטור און, ווען אַפילו גאַנץ ווייניק — פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. זיי פילן זיך אָבער ניט באַקוועם אין די אַלגעמיינע קלובן און פאַרייגען און לעבן זיך אויס קולטורעל אין אייגענע, יידישע שפּאַניש־רעדנדיקע פאַריינען: „היבראַיקא", „ענריקע היינע", „אַלבערטאָ איינשטיין", „עספּינאָזאַ" (שפּינאָזע)...

ס'טרעפט, אַז מען לייענט דאָרט אַ רעפעראַט אויף אַ יידישער טעמע, אָדער מען פייערט אַ יידיש היסטאָריש דאַטום (די געבורט פון רמב"ם)... אַ יידישקייט, וואָס בלענדט די גוים די אויגן מיט דעם פייערווערק פון גרויסע יידישע נעמען און פאַרדעקט דערמיט די אייגענע אָרעמקייט, די אָפּגעריסנקייט פון דעם אַקטועלן און אַקטיוון יידישן קולטור־לעבן.

אָבער אויך דאָ הייבט זיך שוין אָן אַ געוויסע רעאַקציע צום בעסערן. אַ דאַנק די איבערזעצונגען פון דער יידישער מאָדערנער ליטעראַטור אויף שפּאַניש (זאָל דאָ דערמאָנט ווערן דער נאָמען פון דעם אומדערמידלעכן ש. רעזניק), האָט אויפגעוואַכט ביי דער דאָזיקער יוגנט אַ געוואַלטיקער אינטערעס צו דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און אָט דער אויפגעוועקטער אינטערעס, ווי אויך אַ ריי אַנדערע פאַקטאָרן, וואָס ציען אַריין די ביז־איצט פאַרפרעמדטע יוגנט אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, וועט זי אויך דערנענטערן און ברענגען צו דער יידישער שפּראַך און דער יידישער קולטור.

מערקווירדיק איז, אַז די פרייהייט צו אָרגאַניזירן אונזער יידיש געזעלשאַפטלעך און קולטור־לעבן האָבן מיר געהאַט, ניט געקוקט אויף דער שמעלץ־טאָפּ־שטרעבונג, וואָס איז אין אַרגענטינע זייער שטאַרק. דאָס איז די שטרעבונג צו באַשאַפן די איינהייטלעכע אַרגענטינישע נאַציע פון די

פאַרשיידענע איינגעוואַנדערטע עטנישע גרופּן. געווירקט האָט דאָ דער ליבעראַליזם, די פּאָליטיק פון די גרויס־באַזיצער, וואָס האָבן געזוכט צו באַפעלקערן און, במילא, צו וואַלאָריזירן זייערע לאַנד־שטרעקעס.

איצט, ווען דעם אָרט פונם ליבעראַליזם אין דער פּאָליטיק האָט, אַ דאַנק דעם קריזיס, פאַרנומען דער פאַשיזם, פילן מיר באַזונדערס אַ שטאַרקן דרוק אויף אונזער קולטור־לעבן.

אין 1930 האָט מען געשלאָסן די יידישע אַרבעטער־שולן און די באָראָכאָוו־שולן און מיר זענען געבליבן אָן וועלטלעכע שולן. אין 1934 האָבן מיר ווידער גענומען בויען וועלטלעכע שולן. עס אַרבעטן אויף דעם געביט דריי שול־געזעלשאַפטן: „געזעלשאַפט פאַר יידיש־וועלטלעכע שולן“, צוויש“אַ, און „פאַרבאַנד פון יידישע פאָלקס־שולן“. אַכט שולן פון דער לעצטער אָרגאַניזאַציע האָט די פּאָליציי־מאַכט לעצטנס געשלאָסן. מען דערלויבט ניט קיין עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען און אפילו ניט קיין באַראַטונגען אויף יידיש; קיינעם ניט, אפילו ניט דער ציוניסטישער פעדעראַציע, אפילו ניט חברה קדישה. דער אַנטיסעמיטיזם איז אַריינגעדרונגען אין די רעגירונגס-קרייזן.

אין אורוגוואַי האָט זיך די דאָזיקע נייע פּאָליטיק אויסגעדריקט בנוגע דער יידישער קולטור אינם פּראָיעקט פון דער רעגירונג צו פאָדערן פון די יידישע צייטונגען אַ פולשטענדיקע איבערזעצונג אין שפּאַניש צוגלייך מיטן יידישן טעקסט. דער פּראָיעקט איז, אַ דאַנק די פּראָטעסטן פון דער יידישער און ניט־יידישער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכקייט און די באַמיונגען פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער ליגע פאַר מענטשן־רעכט“, אין פּאַריז, צוריקגעצויגן געוואָרן. די פּאָליטיק איז אָבער געבליבן ניט געענדערט.

די אַקטיווע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס קענען ניט אָפּזאָגן זיך פון זייער לעבן און פון זייער רעכט אויף לעבן, און זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער יידישער אַלוועלטלעכער קולטור־קאָנגרעס וועט ניט נאָר שאַפן די אָרגאַניזאַציע ,וואָס זאָל פאַרטיידיקן און פאַרפעסטיקן די יידישע קולטור, נאָר וועט אויך דערהויבן איר אָנזען אין דער וועלט און דורך דעם אויך זיכערן אירע רעכט אין די לענדער, ווו זי, אָט די קולטור, קומט צום אויסדרוק.

נחמן מייזיל: דאָס וואָרט האָט דער ח׳ פרענק קוירס, דעלעגאַט פון די אַמעריקאַנער יידישע קינסטלער־פּלאַסטיקער.

פרענק קווירק (פּאַריינ. שטאַטן)

איך וויל דאָ אויפטרעטן ניט מיט קיין באַלערנדיקן רעפעראַט — דאָס וועט אויסקומען צו טון ביי אַן אַנדער געלעגנהייט. כ׳וועל בלויז אָנוואַרפן אייניקע שטריכן וועגן דער לאַגע פון יידישן פּלאַסטישן קינסטלער אין דער אַלגעמיינער יידישער קולטור.

די פאַרפאַרעמדקייט פון דעם יידישן פאָלק צו דער פּלאַסטישער קונסט, וואָס האָט עקזיסטירט אין פאַרלויף פון אונזער גאַנצער געשיכטע, איז כמעט שוין פאַרשוווּנדן. פונדעסטוועגן איז נאָך אַלץ שווער אומצוּוואַרפן די נאָך דיקע וואַנט, וואָס טיילט אָפּ דעם היינטיקן יידישן מאָדערנעם קינסטלער פון די יידישע פאָלקס־מאַסן און לאָזט אים ניט קומען צום אויסדרוק אין זיין אייגענער סביבה.

די פּלאַסטישע קונסט איז אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער קולטור אין אַלע צייטן און ביי אַלע פעלקער. ס׳איז ניט דאָ דער פּלאַץ זיך אַריינצולאָזן אין אַן אָפּשאַצונג פון דעם רעלאַטיוון ווערט פון די פאַרשיידענע צווייגן פון דער קולטור. דער פאַקט בלייבט, אַז דער מאָלער און סקולפּטאָר, ווי יעדער אַנדער שאַפנדיקער גייסט, האָבן געלאָזט זייער שטעמפּל אויף דער קולטור פון אַלע צייטן.

קולטור אָן קונסט איז ניט מעגלעך. די קונסט אַנטפּלעקט דורך אירע אייגענע קינסטלערישע מיטלען די נאַטור, די געזעלשאַפט און דעם מענטש גופא. זי באַרייכערט דערמיט די מענטשהייט און הויבט זי אויף אויף אַ העכערער מדרגה. דאָס איז ריכטיק סיי בנוגע דעם יחיד, סיי בנוגע דעם כלל. קונסט, געזונטע קונסט, איז סיי אמת, סיי שיינקייט. קונסט איז דער קוואַל פון יעדער שיינקייט. קונסט פאַרבעסערט דעם געשמאַק. קונסט איז ניט אומזיסט גערופן געוואָרן די שענסטע שאַפונג פונם מענטשלעכן גייסט. אמתע קונסט איז דער היפוך פון באַרבאַריזם פונקט ווי יעדע שאַפונג איז דער היפוך פון צעשטערונג, פונקט ווי לעבן איז דער קעגנזאַץ פון טויט.

אין אונזערע צייטן, ווען באַרבאַריזם דראָט צו ווערן דער הערשער

פון דער וועלט, איז דער קינסטלער מיט זיין אַרבעט באַזונדערס וויכ־טיק. קונסט איז אַ ווערטפול און ווירקזאַם געווער קעגן אַלע אונטער־דריקער פון פרייהייט. קונסט איז דורך איר עקזיסטענץ גופא אַ שוץ פאַר דער קולטור, פאַר אַלע מענטשלעכע ווערטן און ניט אומזיסט זע־נען די קינסטלער צווישן די ערשטע קעמפער קעגן פאַשיזם און מלחמה.

דאָס זענען אמתן, וואָס דערוועקן מער ניט קיין צווייפל אין די ברייטע קולטור־קרייזן פון אַלע פעלקער. דאָס זענען אמתן, וואָס ווערן אנערקענט ווי אַן אַקסיאָמע. צי ווערן זיי אָבער אַזוי אָנערקענט אינעם קולטור־לעבן פונעם יידישן פאָלק? פאַרנעמט דער נייער מאלער און סקולפּטאָר זיין פּאַסיקן פּלאַץ אינעם יידישן לעבן? דער יידישער פּלאַס־טיקער־קינסטלער איז עפּעס ווי אַ פרעמדער אין דער יידישער קולטור־וועלט. ער איז עפּעס ווי אַ שטיף־קינד ביי די יידישע מאַסן.

מען קען זיך ניט באַקלאָגן, אַז יידן האָבן ניט אַרויסגעגעבן קיין גרויסע קינסטלער. מיר האָבן ניט אַרויסגערוקט אַזוינע גיגאַנטן ווי ראַ־פאַעל, טיציאַן, מיקעל אַנדזשעלאָ אָדער וועלאַסקעז. די סיבות פון דעם ליגן אין דער יידישער געשיכטע, אין די באַזונדערע אומשטענדן פון לעבן פון די יידן אין משך פון יאָרהונדערטער.

די יידישע רעליגיע האָט געזאָגט: „לא תעשה לך כל פסל“, זאָלסט זיך ניט מאַכן קיין געשטאַלטונג. די יידישע רעליגיע האָט דירעקט פאַרבאָטן די פּלאַסטישע קונסט אויפן געביטן פון מענטשלעכן בילד. און כאָטש דער פאַרבאָט האָט ניט אָפּגעשטעלט דעם קינסטלערישן דראַנג און די קינסטלערישע אַנטוויקלונג אויף געוויסע אַנדערע געביטן, ווי אָרנאַמענטיק, איז ער אָבער געווען אַ שטער פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער גרויסער קונסט צווישן יידן.

פון דער אַנדער זייט, האָבן די יידן אין מיטלאַלטער און שפּע־טער, אין משך פון יאָרהונדערטער, געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד, פון געטאָ צו געטאָ, וואָס עס האָט זיי אומעגלעך געמאַכט זיך איינצוואָרצ־לען טיף אין איין באָדן. אויך דאָס איז געווען אַ שטער פאַר דער אַנט־וויקלונג פון קונסט צווישן יידן. עס האָט געדויערט יאָרהונדערטער ביז דאָס לעבן פון די יידן האָט זיך אַזוי אויסגעפורעמט, אַז עס איז מעגלעך געוואָרן דער אויפקום פון גרויסע יידישע קינסטלער. אָבער קוים ווי דאָס האָט זיך אָנגעהויבן, — באַווייזן זיך אַלץ אָפטער און אָפטער קינסטלערישע זשעניען אויפן האָריזאָנט פון דער שאַפנדיקער קונסט,

זשעניען, וואָס טראָגן מיט זיך דאָס ליכט פון אמת און באַרייכערונג ניט נאָר פאַר זייערע אייגענע ברידער, נאָר פאַר דער קונסט און קולטור פון דער גאַנצער וועלט.

פונקט ווי מיר האָבן אין דער ליטעראַטור און אין דער וויסנשאַפט אַזוינע נעמען ווי שפּינאָזאַ, מענדעלסאָן, מאַרקס, איינשטיין א. אַ., אַזוי האָבן מיר אַ גאַנצע ריי וועלט־באַרימטע נעמען, מיט וועלכע די יידן קענען שטאָלצירן: דער עפּאָכע־מאַכנדיקער פראַנצויזיש־יידישער מאַלער פּיסאַראָ, דער פירער פון דער דייטשער קונסט מאַקס ליבערמאַן, וועלכער איז אַ סך יאָרן געווען דער פּרעזידענט פון דער קעניגלעכער אַקאַדעמיע אין בערלין; דער רוסישער ייִד לעוויטאַן, איינער פון די גרעסטע לאַנדשאַפטן־מאַלער אין דער געשיכטע. דער ליבלינג פון דער קונסט־געשיכטע מאָדיליאַני, אַן איטאַליעניש־יידישער קינסטלער, וואָס האָט איבערגעלאָזן שטאַרקע שפּורן אין דער מאַלעריי; דער גרעסטער בינען־מאַלער פון אונזער צייט לעאָן באַקסט; דער דורך און דורך יידישער מאַלער הירשנבערג פון פּאַלעסטינע, יאָזעף איזראַעלס פון האָלאַנד, סאָלאָמאָן פון ענגלאַנד, אַנטאָקאָלסקי פון רוסלאַנד און אַ סך אַנדערע פון פאַרשיידענע לענדער. פון אונזער יינגערן דור וועלן מיר דערמאָנען די נעמען פון די יידן מאַרקס וועבער, לעאָן קראָל, וו. זאַראַך, עפּשטיין, נ. אַראָנסאָן, שאַגאַל, סוטין, וואָס זייערע נעמען פאַרבלייבן אין דער געשיכטע ניט וויניקער גרויס ווי די נעמען פון די פריער־דערמאָנטע.

די יידן האָבן בייגעטראָגן זייער גרויסן חלק דער מאַלעריי און סקולפּטור אין דער וועלט. אין דעם פרט קען דאָס יידישע פאָלק זיך ניט באַקלאָגן. אָבער וואָס איז דער פּלאַץ פון יידישן קינסטלער אין יידישן לעבן, אין דער יידישער סביבה? די יידישע קינסטלער זענען פאַרלאָזן, אומדערשאַצט. זיי זענען פרעמד און די פרעמדקייט איז אַ דאָפּלטע. די יידישע מאַסן קענען ניט די קינסטלער און דעם קינסטלער זענען פרעמד די מאַסן. דער יידישער קינסטלער איז איבערגעלאָזן אין זיין אייגענער איינזאַמקייט און אָפּגעריסנקייט, גראָד דאָן, ווען ער האָט אויסגעקליבן פאַר זיין קינסטלערישער טעטיקייט די יידישע סביבה. ער איז ניט נאָר דער מאַסע אומבאַקאַנט, נאָר אויך אירע פירער, די קולטור־טוער.

ווער איז אין דעם שולדיק? ווי קומט עס, וואָס עס איז פאַראַן אַזאַ באַציונג מצד דער יידישער קולטור צו דער פּלאַסטישער קונסט?

איך גלויב, אז מען דאַרף פון איצט אָן זיך אָפּזאָגן פון באַשולדיקונגען, ווייל דאָס וועט סיי ווי סיי ניט ברענגען קיין פּראַקטישע נוצן. שולדיק איז אַגב ניט קיין איינצלנע פּערזאָן, נאָר די באַזונדערע לעבנס־אומ־שטאַנדן פון יידישן פאָלק. שולדיק אין דעם איז דאָס, וואָס עס איז ניטאָ קיין קונסט־טראַדיציע צווישן די יידישע מאַסן. שולדיק אין דעם איז אויך דאָס, וואָס עס איז ביז איצט ניט געווען קיין איינהייטלעכער צענטער פון דער יידישער קולטור, וואָס זאָל קאָאָרדינירן די גאַנצע יידי־שע קולטור־טעטיקייט און אָנפירן מיט איר אויף אַזאַ אופן, אַז קיין קולטור־געביט זאָל ניט נעקריוודעט ווערן.

איצט, מיט דער הילף פון קאָנגרעס, וועלן מיר אַזאַ צענטער שאַפן. די קינסטלער, פון זייער זייט, זענען גרייט מיטצואַרבעטן מיט אַלע אַנדערע יידישע קולטור־שאַפער. זיי זענען גרייט צו אַרבעטן מיטן צוועק אויפצוהויבן די יידישע קולטור אויף אַ העכערער מדרגה. זיי זענען ניט אויסן קיין זאַך אויסער רייכער מאַכן דאָס לעבן, אַריינטראָגן אַ גרעסערן טייל פון האַרמאָניע און שיינקייט אין דער היינטיקער וועלט, וועלכע איז צעריסן דורך אַזוי פיל שעדלעכע קרעפטן. מיר זענען גרייט צו פאַרטיידיקן די קולטור קעגן די אָנפאַלן פון אירע שונאים, צווישן וועלכע דער פאַשיזם פאַרנעמט דעם ערשטן פּלאַץ.

מיר פאָדערן אָבער, אַז דער איצטיקער אַלוועלטלעכער קולטור־קאָנ־גרעס זאָל ניט אַרויסלאָזן פון אויג דאָס אָנגעווייטיקטע פּראָבלעם וועגן דער לאַגע פון יידישן קינסטלער אין דער יידישער סביבה. מיט פאַר־אייניקטע קרעפטן וועלן מיר געפינען די נויטיקע לייזונג.

אפשר קענען מיר זיך עפּעס אָפּלערנען פונם ביישפּיל פון אַמעריקע.

ביי אונז, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז די אַמעריקאַנער קינסט־לער געלונגען צו אָרגאַניזירן זיך אין פאַך־פאַרייניען. דער קאָנגרעס פון די אַמעריקאַנער קינסטלער און די קינסטלער־פאַרבאַנדן האָבן זיך אָנ־געצייכנט קלאָרע צילן און אַ פּראַקטיש פּראָגראַם. דערמיט זענען זיי אַליין געוואָרן אַ באַדייטנדיקער סאָציאַלער כוח אין דער גרויסער אַמע־ריקע. מיט די יידן איז דאָס אַביסל שווערער. די פּראַקטיק פון אַמעריקע אָבער ווייזט אונז, אַז אויך מיר, יידישע קינסטלער, דאַרפן האָבן אַ פעסטע ציל־באַוווסטזיניקע אָרגאַניזאַציע. אַזאַ אָרגאַניזאַציע דאַרף און קאָן שאַפן דער איצטיקער קאָנגרעס מיט דער הילף פון די יידישע קינסטלער פון דער גאַנצער וועלט.

אלפרעד אבערדאם (פראנקרייך)

(רעפעראט געלייענט דורך חנה קאוואלסקא)

די קעגנער פון יידישער קולטור לייקענען די פעיקייט פון יידן צו פלאסטישער קונסט. זיי פאררופן זיך אויף די שטערונגען, וואס זענען געלעגן אין דעם פרט אויפן וועג פון אונזער היסטארישער אנטוויקלונג, און זיי באווייזן, אז די דאזיקע שטערונגען האבן דעפארמירט און דעגענערירט דעם נארמאלן פאלקס־כאראקטער אין שייכות צו דער פלאסטישער שאפונג.

דער פארוואורף מוז מיט אלע כוחות און מיט דער גאנצער וויסנשאפטלעכער באלויכטונג באקעמפט און אפגעווארפן ווערן.

אויב מיר באזיצן נאך ניט דעם וויסנשאפטלעכן באגאזש, כדי אפצוווארפן די בייזוויליקע אטאקעס, פון אונזערע קעגנער, מוזן מיר זיך פאר יעדן פרייז ש א פ ן די נייטיקע וויסנשאפטלעכע באזע. די דאזיקע באזע וועט ניט נאר נוצן צו באווייזן די קעגנער אונזערע קינסטלערישע שעפערישע ווערטן, נאר זי וועט אויך פאר אונז גופא שאפן דעם אנטשפרעכנדיקן אינערלעכן באוווסטזיין פון אונזערע פאטענציאנעלע כוחות, ווייל קונסט איז דער העכסטער סינטעז פונם ריטם פון א פאלק, זיין ליכט און שאטן, זיין טאג און נאכט, זיין פרייד און לייד.

א פאלק אן קונסט איז אזוי ווי א קאפ אן אויגן, ווי א וועלט אן זון.

ס'איז נייטיק זיך אפצושטעלן אויף אייניקע מאמענטן, וועלכע דארפן אויפקלערן די אנטוויקלונגס־באדינגונגען פון אונזער פאלקס־געשמאק. אלע גרויסע קולטורן האבן א פיל לייכטערע אויפגאבע, ווען עס האנדלט זיך צו באווייזן זייערע קונסט־ווערטן. דער מאגישער שליסל דערצו איז די ארכיטעקטור.

אויף וויפל ס'איז אונז באקאנט, איז די קונסט־אנטוויקלונג אן ארכיטעקטור געווען אן אוממעגלעכע זאך. ס'איז ניט וויכטיק, צי איז אין אנהייב געווען די ארכיטעקטור און דערנאך דאס בילד, אדער פארקערט, זיכער איז אבער איין זאך, אז דער אייביקער גלייכגעוויכט צווישן דעם בילד און דער ארכיטעקטור האט תמיד עקזיסטירט. דאך קענען מיר אונטערשיידן עפאכן, ווען די ארכיטעקטור האט דאמינירט און דאס בילד

איז געווען בלויז א הוספה צו איר, — און אנדערע עפּאָכן, ווען איבער דער אַרכיטעקטור האָט דאָמינירט דאָס בילד, אַלס אויסדרוק פון דער מענטשלעכער אינדיווידואַליטעט. די ערשטע פאַזע איז תמיד געווען אין הסכם מיט אַ קאָלעקטיוו־מלוכהשער טענדענץ, — די אַנדערע — מיט דער באַפרייונג פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, מיט דער אַנט־וויקלונג פון זיי זעלבסט-באַוווסטזיין און פון זיין סאָציאַלער עמאַנציפּאַציע.

דער פאַקט, וואָס יידן האָבן אין משך פון צוויי טויזנט יאָר ניט גע־בויט קיין אייגענע אַרכיטעקטור, האָט געהאַט אַ ספּעציפישע ווירקונג אויפן פּלאַסטישן געשמאַק פונם היינטיקן יידישן קינסטלער.

די קונסט־שאַפונג בכלל און די פּלאַסטיק בפרט, איז געוואָרן איינע פון די אַסימילאַציע־פאָרמען, וואָס זענען אַרויסגעצוווּנגען געוואָרן אויפן ייד. קינסטלער דורך דער עמאַנציפּאַציע־באַוועגונג. די פּלאַסטיק איז געווען פאַרן יידישן קינסטלער אַ מין אַנטלויפן פון דער רעאַליטעט און דאָס דאָ־זיקע אַנטלויפן איז געקומען צום אויסדרוק אין פאַרשיידנאַרטיקע קונסט־ריכטונגען, זאָל עס זיין רעאַליזם, אַבסטראַקציאָניזם, עקספּרעסיאָניזם, און אַלע אַנדערע איזמען. אַזוי אַרום קאָנסטאַטירן מיר, אַז אַלע געשמאַק־פאַרענדערונגען אין משך פון די לעצטע 75 יאָר זענען ניט פון וועזנטלע־כער באַדייטונג פאַרן ספּעציפיש־יידישן קינסטלערישן כאַראַקטער, און שפּילן ניט קיין גרויסע ראָל, ווייל סוף כל סוף זענען יידישע קינסטלער געקומען אין אַ צייט פון אַלגעמיינער קאָלעקטיוו־מלוכהשער און אַרכי־טעקטאָנישער דעקאַדענץ.

אין דער צייט, ווען קינסטלער פון אַנדערע פעלקער האָבן אין זיך געטראָגן שפּורן פון אַרכיטעקטאָנישער טראַדיציע, טרעט ביי די יידישע קינסטלער אויף דער אַבסאָלוטער מאַנגל פון אַרכיטעקטאָנישן געפיל. דעם דאָזיקן פאַל קען מען פאַררעכענען אַלס אַ פענאָמען אין דער גאַנצער גע־שיכטע פון פּלאַסטישער שאַפונג.

אין אַ צייט, ווען די קאָלעקטיוויסטישע און קאָנסטרוקטיווע אידעען פון די מאָדערנע פעלקער קומען, וואָס אַמאָל שטאַרקער, צום אויסדרוק, זענען די יידישע קינסטלער, ניט געקוקט אויף די פאַרשיידנאַרטיקסטע געשמאַק־ענדערונגען, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אין משך פון די לעצ־טע 75 יאָר, פאַרבליבן ביי זייער פּלאַסטישער אינדיווידואַליסטישער אויפפאַסונג.

אין איצט, נאָך אַלע רעוואָלוציעס און געשמאַקס־וואַנדלונגען, און

נאָך אַלע באַדייטנדיקע דערפאָלגן אויפן אינטערנאַציאָנאַלן קונסט־געביט, פרעגן זיך די יידישע קינסטלער מיט אַנגסט: וואָס ווייטער? צי וועט זייער איבערגאַנג צו אַנדערע, קאָלעקטיוויסטישע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען זיך מאַניפעסטירן נאָר מיט אַ נייער געשמאַק־פאָדערונג, אָדער דאָס וועט געבן די מעגלעכקייט דעם יידישן קינסטלער זיך צו אַנטפּלעקן אין זיין גאַנצער אייגנאַרטיקייט?

איך גלויב, אַז אין אַ צייט פון קאָלעקטיוויסטישער קאָנסטרוקציע וועט די ניט־אַרכיטעקטאָנישע אויפפאַסונג פונם יידישן קינסטלער נאָך מער זיך וואַרפן אין די אויגן. מיר פאַרבלייבן נאָך אויף לאַנג אַ פאָלק פון קינסטלער אָן אַרכיטעקטור. מיר פאַרבלייבן די יעניקע, וועלכע זענען באַשטימט פאַר דער דינאַמיש־רעוואָלוציאָנערער שאַפונג אין קעגנזאַץ צו דער סטאַטישער קאָלעקטיווער פאָרם.

און גראָד די אייגנשאַפט פון אַרכיטעקטור־מאַנגל, וואָס האָט ביי אַנדערע פעלקער אַרויסגעגעבן רעוואָלוציאָנערע קונסט און וואָס ווערט ביי אונז פאַרעכנט אַלס נעגאַטיווע דערשיינונג, מוז ווערן אָנערקענט ביי אונז אַלס אַ פּאָזיטיווער עלעמענט. אונזער מאַנגל פון סטאַטיק איז דער בעסטער באַווייז פון אונזער פערזענלעכן יידישן אייגנאַרט.

דער יידישער קינסטלער איז פון תמיד אָן אייגנגעשטעלט געווען אויף אַ סוביעקטיווער שאַפונג. דאָס ריין־סוביעקטיווע, וואָס איז כאַראַקטעריס־טיש פאַר די עפּאָכן פון אַרכיטעקטאָנישן דעקאַדענץ, וועט נאָך ביי אונז ווייטער פאַרבלייבן. דער דאָזיקער דינאַמישער צוגאַנג, די נייגונג צו דראַמאַטיזירן, די שטאַרקע ליכט־און שאָטן־קאָנטראַסטן דערפירן צו אַנט־דעקן וועלטן. וועלטן, וועלכע האָבן ניט קיין גרענעצן און וועלכע זענען ניט לייכט אַריינצופאַסן אין גרענעצן.

ס'שטעלט זיך נאַטירלעך די פראַגע, צי ס'איז מעגלעך צו שאַפן אַ קונסט אָן די אַרכיטעקטאָנישע ווערטן. די פראַגע ווערט פאַרענטפערט דערמיט, וואָס אָט דער מאַנגל איז אין משך פון יאָרהונדערטער פאַרטראַטן געוואָרן דורך אָן אינערלעך שטאַרק ריטמיש געפיל, וואָס האָט אין די אויגן פון די ניט־יידן אָנגענומען דעם אויסזען פון אומוואַרשיינלעכקייט. מיר האָבן דעם מוט צו אַקצעפּטירן די דאָזיקע אומוואַרשיינלעכקייט, דעם דאָזיקן גראָטעסק, וואָס האָט שוין געשאַפן אָריגינעלע ווערק פון אַ ספּעציפישן יידישן אייגנאַרט.

מיר גייען היינט שוין פונם פאָלקס־גראָטעסק צו אוניווערסאַלן גראָ־

טעסט, וואָס איז אַן אויסגאַנגס־פּונקט צו שאַפן אַן עכט־יידישן פּלאַסטישן סטיל.

דאָס יידישע וואָרט איז געקומען פון די טיפע שיכטן פונם יידישן פאָלק צו דער אינטעליגענץ, וואָס האָט דערפון געשאַפן אַ קונסט־אינסטרומענט.

די יידישע פּלאַסטיק דאַרף קומען פון די קינסטלער צום פאָלק אין געשטאַלט פון אַ ראַפינירטן און פאַרפיינערטן ווערקצייג, און וואָרט, אַז די יידישע פאָלקס־מאַסן זאָלן עס אויפנעמען. די אויפגאַבע פונם יידישן קולטור־קאָנגרעס איז צו געפינען דעם וועג פונם קינסטלער צום פאָלק.

יאַנקל אַדלער (פּוילן)

עס איז דער גורל פון דער יידישער פּלאַסטישער קונסט, וואָס אירע היסטאָריקער און קריטיקער האָבן זיך רעקרוטירט, הויפּטזאַכלעך, פון מענטשן פון אַסימילאַטאָרישן לאַגער. דערפאַר איז זייער שטעלונג צו דעם ענין גופא געוואָרן אַ ניט־האַרציקע, אַ ניט טיפע, נאָר אַ ריין פאָרמעלע און אויבנאויפיקע.

אָט די אַסימילאַטאָרישע פאָרשער האָבן כסדר באַקעמפט די היפּאָטעזע וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ יידישער קונסט. עס איז מערקווירדיק, אַז דווקא ניט־יידן, ערנסטע קונסט־היסטאָריקער, ווי צ. ב. פּראָפעסאָר סטזשיגאָווסקי אין ווין, האָבן אַרויסגעוויזן אַ פּאָזיטיווע באַציונג צו דער עקזיסטענץ פון דער יידישער קונסט.

אַזוי למשל האָט די ערשטע וויכטיקע פּובליקאַציע וועגן יידישער אָרנאַמענטיק פאַרעפנטלעכט סטאַסאָוו, אַ רוס און ניט קיין ייד.

זעלטן האָט אַ יידישער קינסטלער דערגרייכט אַזאַ טיפע רעאַליסטישע אַריינדרינגונג אין דעם אייגנאַרט פון דער יידישער פאָרם ווי דער האָלענדער רעמבראַנדט, וואָס האָט ניט געהאַט די פאָרורטיילן וועגן דעם יידישן פאָלק ווי די יידן־קינסטלער, וועלכע קומען מיט זייער אַסימילירטן קוק און שעמען זיך מיטן פאָלק, וואָס איז זיי פרעמד געוואָרן.

דער יידישער פּלאַסטיקער האָט ניט דאָס גליק געהאַט ווי דער יידישער שרייבער שטענדיק צו זיין אין קאָנטאַקט מיט די יידישע מאַסן. דער וועג פון דעם, וואָס שטודירט קונסט און איז דערביי אָפּגעריסן פון

זיין סביבה און ווערט געצווונגען זיך אונטערצוווארפן פרעמדע השפעות, איז פיל שווערער ווי דער וועג פונם יידישן שרייבער.

די ווערטפולסטע יידישע קינסטלער האבן זיך אומגעקערט צום יידישן פאלק ניט דערפאר, ווייל זיי האבן ניט געפונען קיין פלאץ אויפן ברייטן אייראפעישן קונסט־פעלד, נאר ווייל זיי זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז אמתע גרויסע קונסט פון באשטענדיקע ווערטן מוז האבן א באזע. די באזע האבן זיי דערזען ביי די ברייטע יידישע פאלקס־מאסן.

מיר שטייען ביים אנהייב פון א גרויסער יידישער אויפוואכונג, וועלכע ברייטערט זיך אוים איבער די ענגע יידישע גאסן, וואס איז אבער ארומגערינגלט מיט אזוי פיל פערזענלעכן אייגנארט, אז מען קען ארויסשטראמען אן קיין שום געפאר אין דער ברייטער אינטערנאציאנא־לער וועלט.

נ. מייזיל: מיר טרעטן איצט צו צו דער אלגעמיינער דיסקוסיע. דאס ערשטע ווארט האט ח׳ ד״ר פאקס.

ד״ר ש. פאקס (פאריייניקטע שטאטן)

דער גורל פון ווערטער און באגריפן איז דער זעלבער ווי דער פרא־צעס, וואס קומט פאר מיט מאטעריעלע זאכן אין דער פיזישער וועלט. נאכן פארלויף פון א געוויסער צייט ווערן זיי פארעלטערט און פארלירן זייער אריגינעלן אויסזען. די ווערטער, וואס ווערן זייער ווייניק באנוצט, ווערן אזוי פארעלטערט, אז ביסלעכווייז פארגעסט מען זייער אמתן מיין. נאך ערגער איז דער שיקזאל פון ווערטער, וואס ווערן צו פיל און צו אפט באנוצט ,זיי ווערן אפגעריבן, מטושטש, פונקט ווי אלטע מטבעות, וואס צירקולירן א צו לאנגע צייט. עס איז דעריבער זייער וויכ־טיק אזעלכע ווערטער און באגריפן צו רעסטאווירן, כדי זיי זאלן צוריק קריגן זייער אריגינעלן פנים, זייער אמתן מיין, ווייל אויב ניט באשטייט די געפאר, אז די מטושטשדיקע ווערטער מיט זייער טראדיציאנעלן שיי־

נעם יחוס, וואָס זענען שטאַרק אָנגענומען ביי די ברייטע פאָלקס־מאַסן, זאָלן אויסגענוצט ווערן פון פּאָליטישע שאַרלאַטאַנעס און געזעלשאַפט־לעכע דעמאַגאָגן, כדי אַריינצוטייטשן אין די ווערטער זייערע אייגענע, שעדלעכע אידעען, און אַזוי אַרום פאַרפירן דאָס פאָלק אויף פאַלשע וועגן. דער בעסטער ביישפּיל פון אַזאַ שענדלעכער פאַרגוואַלטיקונג פון בכבודיקע ווערטער איז דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד, וועל־כער איז ניט נאַציאָנאַל און ניט סאָציאַל, אָבער די ערשטע היטלעריס־טישע דעמאַגאָגן האָבן אויסגענוצט דעם פּרעסטיזש פון די ביידע ווער־טער, וואָס זענען געווען פאַרהייליקט ביי די פאָלקס־מאַסן, זיי צו פאַר־פירן אויפן פאַלשן וועג פון שאָוויניזם און פאַשיזם.

עס איז דעריבער וויכטיק צו דעפינירן דעם באַגריף „נאַציאָנאַלע קולטור“, פעסטשטעלן דעם אמתן מיין זיינעם. נאַציאָנאַלע קולטור איז דער סך־הכל פון די גייסטיקע שאַפונגען און אייגנטימלעכקייטן, וואָס זענען אויסגעוואַקסן ביי אַ פאָלק אין משך פון זיין היסטאָרישער עק־זיסטענץ און וואָס גייען איבער בירושה צו די צוקונפטיקע דורות פאַר ווייטערער אַנטוויקלונג.

וועגן די אורשפּרונגלעכע סיבות, וואָס האָבן געפירט צו דער די־פערענצירונג פון מענטשלעכן מין אויף ראַסן און פעלקער, מיט זייערע פאַרשיידענע שפּראַכן, זיטן, מנהגים און אַנדערע אייגנטימלעכקייטן, זע־נען דאָ פאַרשיידענע טעאָריעס. מאַנכע קולטור־פאָרשער שרייבן דאָס צו די קלימאַטישע און אַנדערע נאַטור־באַדינגונגען. פאַראַן, פאַרקערט פאָר־שער, וואָס האַלטן, אַז דאָ האָבן געווירקט נאָר סאָציאַלע פאַקטאָרן, אָבער פאַר אונז איז גענוג דער פאַקט, וואָס די פאַרשיידנאַרטיקייטן עקזיס־טירן. און פונקט ווי יעדע ביאָלאָגישע פאָרם האָט אַן איינגעבוירענע איינגנשאַפט זיך צו פאַרייביקן, האָט אויך יעדע גייסטיקע אָדער קולטו־רעלע פאָרם די זעלבע נאַטירלעכע טענדענץ זיך צו פאַרייביקן. ווען איך זאָג פאַרייביקן פון פאָרם, מיין איך אויף קיין פאַל ניט, אַז די פאָרם, וואָס עקזיסטירט יעצט, מוז אומבאַדינגט בלייבן אייביק. געוויס קומען פאָר ענדערונגען און ס'וועלן פאָרקומען ענדערונגען אין פאַרלויף פון דו־רות דורך אויסערלעכע און אינערלעכע סיבות. אָבער דאָס זענען נאַ־טירלעכע ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אפילו אין ביאָלאָגישע פאָרמען, ווען עס בייט זיך די אַרומיקע סביבה. ענדערן אָבער די אָנגענומענע פאָרם פון לעבן ביי אַ פאָלק דורך קינסטלעכע מיטלען, ווי צום ביישפּיל

דורך אונטערדריקונג פון אַט דעם פאָלק, אָדער דורך דעם, וואָס צוליב אַסימילאַטאָרישע מאָטיוון, פאַרנאַכלעסיקט מען בכיון די אַנטוויקלונג פון דער פאָלקס־קולטור צו העכערע מדרגות, הייסט פאַרגוואַלטיקן דעם נאָרמאַלן לעבנס־פּראָצעס פון פאָלק. דאָס פירט צו גייסטיקער דעגענעראַציע און צו דער פאַרשווענדונג פון די אָנגעזאַמלטע פאָלקס־כוחות.

נאָך אַ פאַקטאָר, וואָס שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אויפהאַלטן דאָס אייגנטימלעכע לעבן פון אַ פאָלק, איז די טראַדיציע, אָדער די גייסטיקע ירושה, וואָס גייט איבער פון דור צו דור און שאַפט דעם קולטור־אוצר פון פאָלק. די פאַרשיידענע קולטור־אוצרות פון די פאַרשיידענע פעלקער גיסן זיך צוזאַמען אין דעם גרויסן אַלגעמיינעם קולטור־אוצר פון דער מענטשהייט, ווו יעדעס פאָלק טראָגט צו זיין טייל, זיין ניואַנס.

גייסטיקע ווערטן, וואָס זענען איינמאָל געשאַפן געוואָרן, פונקט ווי מאַטעריעלע ווערטן אין דער פיזישער וועלט, זענען אומשטערבלעך, זיי בלייבן לעבן אייביק. ס'ענדערט זיך בלויז די אויסערלעכע פאָרם לויט דער צייט און דער סביבה. דער תוך אָבער בלייבט און באַיינפלוסט דעם ווייטערן גאַנג פון מענטשלעכן לעבן.

דער ענגלענדער, וואָס לייענט די לעצטע שאַפונגען פון זיין ליטעראַטור, ווי האַרדי און גאַלסוואָרדי, זאַפּט אין זיך איין אומבאַוווסט דעם תוך פון שעקספּיר'ס און טשאָסערס שאַפונגען, הגם ער האָט זיי אפשר קיינמאָל ניט געלייענט. ווייל די לעצטע זענען כולל אין זיך די ערשטע, וואָס זענען געוואָרן אַ טייל פון דעם ענגלישן קולטור־אוצר. דאָס זעלבע דער יידישער לייענער, וואָס גענים די יידישע ליטעראַטור פון די לעצטע צייטן, זאַפּט אין זיך אריין ממילא ניט נאָר אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער יידישער שפּראַך פון די פריערדיקע דורות, נאָר אויך אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער העברעישער, תלמודישער, ביבלישער ליטעראַטור און אויך דעם גאַנצן פאָלקלאָר, וואָס ציט זיך פון סאַמע אורשפּרונג, ווען דאָס יידישע פאָלק האָט אָנגעהייבן פירן אַן אייגענעם לעבן.

ווען מיר רעדן פון דער גייסטיקער ירושה, וואָס שאַפט דעם קולטור אוצר פון פאָלק און גייט איבער נאָכדעם אינם אַלגעמיינעם קולטור־אוצר פון דער מענטשהייט, מיין איך ניט נאָר דאָס, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין די אָנגענומענע פאָרמען פון ליטעראַטור און קונסט, נאָר אויך פון גייסטיקע ווערטן, וואָס זענען ניט אַזוי דעפינירט אין פאָרם, ווי פאָלק־

לאָר, זיטלעכקייט, מנהגים, גלויבן און אבערגלויבן, די באַזונדערע קונסט פון בעל־מלאכה, אַרבעטער, וואָס האָבן פאַרקערפּערט זייערע אידעען אויך אינם שטייגער און טראַכט פון אונזער קליידונג און שטוב־זאַכן; די מאַניער פון אונזער רעדן, גיין, זיצן, עסן; די אַרט און וויַיזע פון אונזער אַמוזירונג, צערעמאָניעס א. ז. וו. אַלץ גייט אַריין אין קול־טור אוצר פונם פאָלק.

איך בין זיכער, אַז יעדעס וואָרט, וואָס אַ מענטש רעדט אַרויס, יעדע מאָס, וואָס ער טוט אין די אינטערעסן פון זיין פאָלק, פון זיין קלאַס, פון דער מענטשהייט, לעבט אייביק, גייט קיינמאָל מער ניט פאַרלוירן, ווייל אָט די קליינע טאַטן שאַפן דעם גרויסן כוח, וואָס דרייען די רעדער פון דער געשיכטע.

לאָמיר האָפן, און איך בין אין דעם זיכער, אַז דאָס, וואָס מיר טוען דאָ היינט, וועט שאַפן געשיכטע לדורות.

ד״ר מ. שאַץ-אַנין

דריי טעג צוזאַמענאַרבעט האָבן באַוויזן, אַז דער קאָנגרעס האָט אויפגעכאַפּט דעם אינעווייניקסטן ריטם פון אונזער מאָדערנער קולטור־שאַפונג, יענע איינהייט פון שפּאַנונג און אַנטשפּאַנונג, וואָס פּולסירט אין יעדער לעבנס־פּעיקער, אויפשטייגנדיקער באַוועגונג.

טיפע חילוקי־דעות טיילן פונאַנדער די פאַרשיידענע גרופּן, וואָס זענען פאַרטראָטן אויף דעם קאָנגרעס. די דיפערענצן צווישן די פאַרשיידענע ריכטונגען זענען דאָ ניט פאַרשמירט געוואָרן, און דאָך האָבן מיר אַלע געפונען דעם טאָן, וואָס מאַכט מעגלעך די פאַרשטענדיקונג און צוזאַמענאַרבעט פאַרן גרויסן איינהייטלעכן קולטור־צוועק.

קולטור איז נאַטור סובלימירט און פאַרגייסטיקט דורך קאָלעקטיווער אַרבעט. איז אָבער קולטור אַ צוועק פאַר זיך?

פאַרן קולטור־טוער בלי־ספק, ווי די ליטעראַטור — פאַרן ליטעראַט.

די אינטעגראַלע העכסטע קונסט פון לעבן און בויען — איז די פּאָליטיק. דעריבער קען די פּאָליטיק בשום אופן ניט באַטראַכט ווערן אַלס מיטל, וואָס דאַרף אונטערגעאָרדנט ווערן דער קולטור אַלס צוועק.

קולטור איז אַן אָרגאַנישער פּראָצעס. יידישע קולטור האָט אירע

געשיכטלעכע שטאַפּלען: העברעיש, אַראַמיש, אַראַביש, דייטש, סלאַוויש און — יידיש.

יידיש איז דער לעצטער, העכסטער שטאַפּל פֿון דעם דאָזיקן קול־טור־לייטער, אויף וועלכן מיר געפינען זיך איצט.

וווהין ווייטער?

צוריק — אָדער פאָרויס?

פאַר דער יידישער מאַסע, פאַר דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער מאַטעריע פון דעם יידישן פאָלק איז דאָס קיין פּראָבלעם ניט: ניט צוריק — נאָר פאָרויס.

פון וואַנען אָבער נעמען זיך די חזרה־שטימונגען, די צוריק־טענ־דענצן ביי אייניקע יידישע קולטור־טוער?

פון וואַנען די טענות וועגן דעם נויטווענדיקן סינטעז צווישן יידיש — דעם העכסטן שטאַפּל און העברעיש — דעם נידעריקסטן שטאַפּל פון אונזער קולטור־לייטער?

כדי דאָס צו מאַכן פאַרשטענדלעך, שטעלן מיר אַוועק האַרט לעבן קולטור־לייטער דעם לייטער פון דער סאָציאַלער סטרוקטור פון יידישן פאָלק, אָנהייבנדיק פון די ניט פּראָדוקטיווע עקספּלואַטאַטאָרישע עלע־מענטן און זיך דערהייבנדיק צו די פּראָדוקטיוו־שאַפנדיקע. מיר באַקומען דעם לייטער: גרויס־בורזשואַזיע, מיטל־בורזשואַזיע, קליינבירגערטום, האַרעפּאַשנע מאַסן, אַרבעטערשאַפט.

וואָס העכער מיר דערהייבן זיך אויףביידע פּאַראַלעלע לייטערס, אַלץ גרעסער איז דער דינאַמישער שאַפונגס־דראַנג, דאָ — סאָציאַל־עקאָנאָמיש, דאָרטן — קולטורעל. ביידע פּראָצעסן גייען פּאַראַלעל — אַנוואַקסנדיק, אויפשטייגנדיק.

אַ באַדייטנדיקן שטאַפּל פון אונזער סאָציאַלן לייטער פאַרנעמען די קליינבירגערלעכע יידישע מאַסן — דער „קליינער מענטש", וואָס איז אויך אַ קרבן פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און פון די נאַציאָנאַליסטישע רדיפות. קליינבירגערטום איז ניט קיין זידל־וואָרט. דווקא אין דעם לאַנד, ווו מען האָט פּרצן באַצייכנט אַלס קליינבירגער, האָט מען פּרצס ווערק אַרויסגעגעבן אין הונדערטער טויזנטער עקזעמ־פּלאַרן. זיין שאַפן ווערט מיט ליבע שטודירט.

אויף אָט די העכערע שטאַפּלען פון די ביידע לייטערס הערשט אַ פולשטענדיקע האַרמאָניע צווישן סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן מאָמענט, אַן אָרגאַנישער לעבנס־סינטעז, וואָס מיר דאַרפן אים ניט זוכן. דער סאָציאַ־

לער פרייהייטס־דראנג פון די יידישע פאָלקס־מאסן לעבט זיך אָרגאניש אוים אין די יידישע קולטור־פאָרמען.

דער קאָנפליקט פון סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן הייבט זיך אָן וואָס מער מיר דערנענטערן זיך אויפן סאָציאַלן לייטער צו דער יידישער בורזשואזיע. וואָס מער בורזשואז, אַלץ מער סתירה. די גרויס־בורזשואזיע איז נאַציאָנאַל־ניהיליסטיש, אַסימילאַטאָריש. די מיטל־בורזשואזיע איז צווייפּנימדיק — נאַציאָנאַליסטיש־אַסימילאַטאָריש. זי פאַרדעקט איר דראַנג צו אַסימילאַציע מיט קוואַזי נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע און נאַציאָנאַליסטישער פראַזעאָלאָגיע. העברעיש — דער היסטאָרישער רודימענט פון אונזער קולטור איז פאַקטיש ביי דער יידישער בורזשואזיע נים קיין קולטור־צוועק, נאָר אַ דעק־מאַנטל פאַר שעמעוודיק־נים־אויפריכטיקער אַסימילאַציע. דאָס באַווייזט דער קעמפנדיקער העברעיִזם, באַזונדערס אין פאַלעסטינע, ווו יידיש ווערט אויסגעראָטן מיט דער הילף פון העברעיש.

אין יידישן מיטלשטאַנד ווערן אין מאָמענטן פון רעאַקציע פאַרשטאַרקט געוויסע רעוויזיע־שטימונגען. די צוקונפט שרעקט... צוריק צום עבר! דעמאָלט הייבט מען אָן צו זוכן דעם סינטעז מיט העברעיש. פאַרן שאַפנדיקן יידישן וואָרט־קינסטלער שטעקט אין דעם די גרעסטע געפאַר זיך אָפּצורייסן פון דעם שפּרודלדיקן קוואַל פון נייעם שאַפן, פון דער ברייטער סאָציאַל־נאַציאָנאַלער באַזע פון אונזער מאַסן־קולטור — פון דעם יידיש־קאָלעקטיוו. דאָס דאַרפן געדענקען אונזערע לייוויקס. זיי מוזן אויסקלייבן נים צווישן פאַרטיי און פאַרטיי, נאָר צ ו ו י ש ן פ אָ ל ק א ו ן נ י ט ־ פ אָ ל ק (ריכטיקער אַנטי־פאָלק).

יידיש שאַפן זיי מיטן פאָלק. הייבן זיי אָן צו חלומען וועגן העברעיש, רייסן זיי זיך פון אים אָפּ — ווערן פאַראייגזאַמט, פאַרדאַרט. דעמאָלט הייבט זיך אָן דער ויתרוצצו־צוג צווישן צוקונפט און פאַרגאַנגענהייט, צווישן סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן מאָמענט.

דעריבער רופן מיר זיי, אונזערע שעפערישע טוער אויף אַלע קולטור־געביטן: פאָרויס אויפן סאָציאַלן און קולטורעלן לייטער, פ אָ ־ ר ו י ס א ו ן נ י ט צ ו ר י ק !

מיר קומען טאָקע פון ווייטן, מיר שפּאַנען אָבער פאָרויס, נאָך ווייטער. דער געזונטער דינאַמישער לעבנס־פּראָצעס וועט שאַפן דעם נאַטירלעכן אָפּקלייב פון די פאַרשיידנאַרטיקע עלעמענטן, פון וועלכע עס שטעלן זיך צונויף אונזער שפּראַך און אונזער קולטור.

א. דיזשור (פראנקרייך)

מיר האָבן זיך אפשר צופיל אָפּגעגעבן מיט אנאַליזירן, צופיל, נישט ווייל אנאַליז איז שלעכט, נישט ווייל מיר האָבן מורא פאַר אים, נאָר ווייל מיר ברויכן אים בלויז אויף אזוי פיל, אויף וויפל ער פירט אונז צום סינטעז, אויף וויפל ער העלפט אונז אין אונזער ארבעט, אין אונזער קאַמף.

וואָס פאַרייניקט אונז אַלעמען היינט צו טאָג?

נישט בלויז די נעגאַטיווע מאָמענטן — די געמיינזאַמע שונאים: דער פאַשיזם און די אַסימילאַציע, נאָר אויך גאַנץ פּאָזיטיווע — די שפּראַך און דאָס פאָלק. די שפּראַך פונם יידישן פאָלק — און דאָס פאָלק פון דער יידישער שפּראַך. אונז פאַרייניקט אויך אַ געוויסע סאָציאַלע פּלאַטפאָרם — און דאָס איז: דער קאַמף פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, דער קאַמף פאַר אמתער דעמאָקראַטיע.

דאָס איז די פּלאַטפאָרם, דאָס פּראָגראַם־מינימום, אויף וועלכן מיר אַלע דאַרפן און קענען זיך פאַרייניקן, דאָס איז אויך די אַטמאָספער, אין וועלכער עס קענען אָטעמען לייוויק און אָלגין, וועלכע זענען דאָ מיט אינז, אַש און בערגעלסאָן, וועלכע זענען דערווייל דאָ נאָך ניטאָ.

אין דער גרויסער וועלט איז היינט שוין קלאָר, ווער עס קעמפט פאַר און ווער — קעגן אָט די אידעאַלן. אין דער יידישער וועלט זענען די דאָזיקע פראַגן נאָך נישט אזוי קלאָר, אָבער זיי וועלן מוזן אויפגעקלערט ווערן.

מיר גייען אַרויס אין אַ נייעם קאַמף פאַר דער יידיש־וועלטלעכער קולטור. צי זענען מיר גענוג באַוואָפנט? מיר האָבן פאַר זיך דאָס פאָלק, די שפּראַך, דעם גייסט. מיט אָט די כלי־זין וועלן מיר אָנפירן אונזער קולטור־קאַמף. דאָס דאַרף אָבער זיין אַ קולטור־קאַמף און נישט קיין קליינלעכע פּאַרטיי־קריגעריי. מיר ווילן זיך מיט קיינעם נישט קריגן, מיר זאָגן זיך באַוווסט אָפּ פון דער קליינלעכער און אומנוציקער פּאָלעמיק, וואָס קען פאַרמאַכן די טירן פאַר וועמען עס זאָל נישט זיין. מיר גלויבן פעסט, אַז אַלע, אַלע וועמען עס איז טייער די יידישע וועלטלעכע קולטור, וועלן פריער אָדער שפּעטער מוזן קומען צו אונז. מיר ווילן דעריבער אפילו נישט קריטיקירן פון אָט דער טריבונע די יעניקע, וואָס האָבן דורך זייער קורצזיכטיקער פּאָליטיק געבראַכט דערצו, וואָס דער גרעסטער יידישער ישוב

אין דער וועלט — דער פּוילישער — איז דאָ ניט ווי געהעריק רעפּרעזענ־טירט.

מיר ווילן ניט קריטיקירן ניט די גרויסע פּאָליטישע, ניט די גרויסע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון אָנטייל צו נעמען אינם קולטור־קאָנגרעס. זיי האָבן עס געטון אין אַ צושטאַנד פון זעלבסט־צופרידנקייט, פון אַ מין סאָרט גייסטיקער אויטאַרקיע. מיר ווילן אויך זיי ניט אָנפאַלן. מיר קענען אָבער פון זיי פאַרלאַנגען איין זאַך: אַז די פּריוואַ־לעגיע פון לעגאַליטעט, פון וועלכער זיי געניסן, ניט בסדר צוליב זייער שולד, זאָלן זיי דירעקט אָדער אומדירעקט ניט אויסנוצן קעגן אונז.

וואָס מיר ווילן אויפן קולטור־געביט איז בלויז פּאָזיטיווע מעשים.

געוויס איז דער פּריצייטיק פאַרשטאָרבענער אברהם קאַראַלניק גע־ווען גערעכט, ווען ער האָט געשריבן, אַז קאָנגרעסן שאַפן ניט קיין קולטור־רעלע ווערטן. געוויס קען אַ קאָנגרעס ניט אָנשרייבן קיין איין איינציקן ראָמאַן, דראַמע פּאָעמע, קען ניט שאַפן קיין איין לייוונט אָדער סקולפּטור. אָבער אַ קאָנגרעס קען שאַפן די אַטמאָספער, דעם גינסטיקן באָדן פאַר אַ גרויסער שאַפערישער טאַט. אַ קאָנגרעס קען אויך שאַפן די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער אונזער צווישנטעריטאָריאַלע קול־טור נייטיקט זיך אַזוי שטאַרק. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, דער רוקנביין פון דער וועלטלעכער יידישער קולטור, דאָס דאַרף ווערן דער קולטור־צענטער, וואָס וועט דאָ געשאַפן ווערן.

מיר האָבן זיך גאָר ניט וואָס צו שעמען מיט אונזער קאָנגרעס. אין זעלבן זאַל איז מיט צוויי יאָר צוריק פאָרגעקומען דער ערשטער אַלוועלט־לעכער קאָנגרעס פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער קולטור בכלל. ער איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון האַנרי באַרביס און דעם דעמאָלטיקן אַנד־ריי זשיד. מיר האָבן דאָ אונזער באַרביס און אונזער זשיד און איך גלויב, אַז עס וועט ניט זיין קיין חוצפּה צו זאָגן, אַז אונזער זשיד איז קליי־נער און ערלעכער פאַרן פראַנצויזישן.

מיט זיינע טענות און יללות איז אַנדריי זשיד געקומען לאחר המעשה ווי אַ פיינט, און אונזער לייוויק האָט אַרויסגעזאָגט אַלע זיינע אויסגע־ווייטיקטע ספקות גלייך אין אָנהייב פונם קאָנגרעס, ווי אַן אמתער און אויפריכטיקער פריינט. און עס קען אונז גאָרניט שאַדן, ווען צווישן אונז געפינט זיך אַ מענטש, וואָס פאַרקערפּערט מיט זיך דאָס לעבעדיקע גע־וויסן פון אונזער פאָלק און וואָס זאָגט אין געוויסע מאָמענטן:

— איך קען ניט און וויל ניט שווייגן!

ד״ר קאָלק (איטאַליע)

דער היינטיקער קאָנגרעס איז דורכגעגאַנגען אונטערן לאָזונג און צייכן פון איינקייט, אָבער לאָמיר ניט פאַרשטיין פאַלש דעם דאָזיקן לייט־מאָטיוו. איינקייט יאָ, אָבער נאָר פון די אַלע, וועלכע שטייען אויף דער פּלאַטפאָרם פון דער מאָדערנער וועלטלעכער יידישער קולטור, וואָס ווילן פירן מיט געמיינזאַמע כוחות אַ פאַרטיידיקונגס־קאַמף קעגן אַלע אי־רע שונאים. און ווער זענען גרעסערע פיינט פון אונזער קולטור, ווי די העברעיסטן?

לאָמיר טאַקע דעריבער הויך און קלאָר פּראָקלאַמירן, אַז מיר וועלן קעמפן עקשנותדיק מיט די העברעיסטן, וועלכע ווילן אויסוואָרצלען די יידישע שפּראַך און פאַרניכטן אונזער פּראָגרעסיווע קולטור, פאַר וועלכע דורות יידישע פאָלקס־מענטשן און פאָלקס־אינטעליגענץ האָבן געקעמפט און געבלוטיקט. לאָמיר הויך אויסרופן: אַזוי לאַנג ,ווי עס הערשט אין פּאַלעסטינע און אין די העברעיסטישע קרייזן די פּאָגראָם־אַגיטאַציע און די טעראָר־אַקטן קעגן אונזער שפּראַך און קולטור, קען גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן סינטעז יידיש־העברעיש.

אויב אַלס סינטעז זאָלן מיר פאַרשטיין דאָס אסימילירן אָרגאַניש, דאָס ירשענען דאָס שטאַנדהאַפטיקסטע און דאָס ווערטפולע פון די פאַרגאַנגע־נע קולטור־תקופות, האָט די מאָדערנע יידישע קולטור דאָס לאַנג שוין גע־מאַכט און טאַקע געשאַפן אַ העכערן סינטעז, וועלכער נעמט אין זיך אַריין ניט נאָר די עלעמענטן פון דער העברעישער קולטור, נאָר אויך פון אַלע אונזערע אַנדערע קולטור־תקופות און קולטור־ווערטן.

יידישיסטן האָבן גאָר קיינמאָל ניט אָפּגעפרעגט די היסטאָרישע חשי־בות און די וויכטיקייט פון דער אַלטער העברעישער שפּראַך און קולטור. מיר וועלן זיך אָבער אַנטקעגנשטעלן מיט אַלע אונזערע כוחות און מיט אַלע אונזערע מעגלעכקייטן קעגן דעם פּרווו פון די קעמפנדיקע העב־רעיסטן אויסצוואָרצלען אונזער לשון און צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ אין דעם יידישן לעבן.

י. טשערניכאָוו (פּוילן)

די קליינע דעלעגאַציע פון פּוילן פאָרט צוריק מיט אַ גאָר שווערער אויפגאַבע:

מיר האָבן זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס צו דער דיסקוסיע. די שטימונגען פון אונזערע אַמעריקאַנער פריינט זענען געווען אַ רעזולטאַט פון אַ לאַנגער גייסטיקער אַרבעט. ביי אונז אין פּוילן איז אָבער דער באָדן נאָך ניט רייף פאַר אַזאַ דיסקוסיע אין דער יידישיסטישער מחנה. אונזער אַרבעט אין די לעצטע יאָרן איז שלעכט געגאַנגען, ניט ווייל מיר זענען געווען צו ווייניק ענערגיש, נאָר ווייל עס האָט אונז געפעלט די גייסטיקע סיטואַציע.

איז געקומען לייוויק און האָט אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג פון קיום, קולטור און גערעכטיקייט. לייוויק באַנעמט קיום פון שטאַנדפּונקט פון אונזער קולטור. מיר, אין פּוילן, פאַרשטייען קיום שוין ניט מער אין עקאָנאָמישן, נאָר טאַקע פשוט אין ביאָלאָגישן זין. מיר דאַרפן זיך ערשט באַפעסטיקן אויף אַ נייער פּאָזיציע, מיר דאַרפן געדענקען די צוויי נייע באַגריפן: פאַרייניקן די ייִד. שפּראַך מיטן פּראָבלעם פונם ייד. קיום, ווייל אָן יידישן קיום האָט די יידישע שפּראַך ניט קיין באַרעכטיקונג. מיר דאַרפן אַרויסשטעלן אָט דעם פּרינציפּ קעגן דער נאַציאָנאַלער הפקרות.

דאָס וועט אונז, פּוילישע דעלעגאַטן, גאָר שווער אָנקומען. דער קאַמף וועט זיין גאָר אַ ביטערער. אונזער ערשטע פאָדערונג דאַרף זיין, אַז אין דער דיסקוסיע זאָל זיין מאָס און וואָג. מיט די געדאַנקען קערן מיר זיך איצט אום קיין פּוילן, דעם אַממערסטן באַדראָטן יידישן קיבוץ. מיר זאָגן: דאָס, וואָס מיר האָבן אַרויסגעשיקט פון דער „מעטראָפּאָליע" אין די „קאָלאָניעס", דאָס האָט אונז איצט געבראַכט אַ נייעם גייסט און נייע כוחות פאַר אונזער ווייטערדיקן קיום. מיר דאַרפן זיך אָפטער באַגעגענען און צוזאַמען טראַכטן, טראַכטן איבער אונזער וועג, דאָס איבעריקע וועט שוין אַליין קומען; טראַכטן אין גרויסע ליניעס, אין היסטאָרישע קאַטעגאָריעס. מיר שטייען אויף אַ נייער פּאָזיציע, וואָס פיל פון אונז, אין פּוילן, וועלן זי ניט פאַרשטיין. אָבער מיר זאָגן אייך צו, אַז מיט מוט און ענערגיע וועלן מיר פירן דעם קאַמף אין פּוילן.

נחמן מייזיל (פוילן)

ניט דער קאָנגרעס האָט אונז גערופן, נאָר מיר האָבן גערופן דעם קאָנגרעס. א גאַנץ יאָר זענען אָנגעגאַנגען אין די פאַרשיידנסטע לענדער די פאָרבאַרייטונגען. איצט זענען מיר דאָ. מיר מוזן דעריבער מיט אַלע כוחות פאַרקערפּערן אין טאַטן דאָס, וועגן וואָס מיר האָבן אין דעם זאַל גערעדט.

עס מוז ווערן געשאַפן די גרויסע אייגהייטלעכע יידישע קולטור, וועגן וועלכער עס חלומען סיי די הויכע גייסטער אונזערע און סיי די ברייטסטע יידישע מאַסן. מיר ווילן אויך נאָך האָבן צווישן אונז די דיכטער און שרייבער פון ראַטנפאַרבאַנד. דאָס איז מיין טיפסטע איבערצייגונג. מיר אַלע, ליטעראַטן פון לענדער, ווו יידן שאַפן און ליידן, וועלן געדענקען, אז דער קאָנגרעס האָט אונז אַלעמען דערהויבן צו א העכערער מדרגה. דאָס איז אונז מחיב צו אַרבעטן, מיט מער ענערגיע נאָך ווי ביז איצט, פאַרן וווּיל פון דער יידישער קולטור.

די דעלעגאטן צום ערשטן אלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאנגרעס.

מאָנטיק 20־טן סעפּטעמבער 1937 (9 אָוונט)

פאָרזיצער: ד"ר ק ר ו ק: פּרעזידיום: י. אַדלער, ד. איגנאַטאָוו, ביינוש זילבער־שטיין, פרוי בערנשטיין־יוכנאָוועצקי, נ. מייזיל, י. פּאַטאַשניק, ראָזנבערג, חנה קאָוואַלס־ק, פּראָפ. קיוועליאָוויטש, א. שוואַרץ.

וו. וועוויאָרקע (פראַנקרייך)

חשובע דעלעגאַטן,

אונזער קאָנגרעס דערנענטערט זיך צום סוף. דאָס איז אַ סוף, וועלכן מיר דאַרפן פאַרוואַנדלען אין אַן אָנהייב — אַן אָנהייב פון אַ קאָאָרדי־נירטע טעטיקייט לטובת דער יידישער קולטור און אַלע יידישע פּראָגרע־סיווע קולטור־כוחות.

מיר זענען צופרידן, נאָך מער ווי צופרידן פונם פאַרלויף פון אַט דעם קאָנגרעס, פון דער באַגייסטערטער שטימונג, וואָס ער האָט אַרויסגע־רופן. אָבער זיין טעטיקייט, די וואָכעדיק־יום־טובדיקע, די פּערמאַנענטע, דאַרף זיך איצט אָנהויבן.

און דאָ וועט מען דאַרפן געדענקען, אַז אויב בעת די פאַרהאַנדלונגען פונם קאָנגרעס האָט מען געקענט קאָמפּענסירן דאָס פעלן פון וואַגיקע יידישע קולטור־כוחות מיט דעם מאַסן־ענטוזיאַזם און מיט דער באַטייליקונג פון שרייבער, דיכטער און קינסטלער, וועמענס נעמען און ווערק זע־נען אונזער שטאָלץ, וועלן אָבער די ליידיק־געבליבענע פּלעצער ניט קע־נען קאָמפּענסירט ווערן מיט קיין שום זאַך ביי דער פּראַקטישער, טאָג־טעגלעכער אַרבעט.

איך בין זיכער, אַז אונזער קאָנגרעס וועט זיך ענדיקן מיט אַ פּלאַמיקן

רוף צו אַלע, וואָס שטייען נאָך פונוויטנס, זיי זאָלן זיך אָנשליסן אָן אונז.

צוליב דעם איז אָבער נייטיק איין זאַך: אָ פ נ ה א ר צ י ק ײ ט.

עס דאַרף אַראָפּגענומען ווערן דער מיסטישער שלייער, וואָס הענגט איבער אָט דער פאַרייניקונג אונזערער.

מיר האָבן דאָ אויסגעהערט צוויי רעפעראַטן וועגן דעם מהות פון דער יידישער ליטעראַטור און אירע צילן פון לייוויקן און פון אַלגינען. צוויי קעגנזעצלעכע שטאַנדפּונקטן.

איך וועל אָבער אין קיין טעאָרעטישע חקירות ניט אַריינגיין. איך וויל זיך בעסער אָפּשטעלן אויף אַ פּראַקטישן ענין, וואָס האָט אַ שייכות צו אָט די צוויי שטאַנדפּונקטן.

לייוויק האָט געזאָגט אין זיין דערעפענונגס־וואָרט, אַז דער שטול פאַר די פאָרשטייער פון דער סאָוועטיש־יידישער קולטור־בוויונג שטייט ליידיק און ער וואַרט אויף זיי. אין דעם זין האָט אויך נעכטן גערעדט נחמן מייזיל.

דער דאָזיקער רוף, די דאָזיקע אַרויספאָדערונג וואַרט אויף אַן ענט־פער. און דעם ענטפער דאַרפט איר געבן, פריינט אַלגין. יאָ, עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט און איר באַהאַלט עס ניט, אַז די פּאָליטישע ריכטונג, וועלכע האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַר אָט דער היסטאָרישער אסיפה און זי גרויסט זיך מיט די דאָזיקע פאַרדינסטן אירע, די דאָזיקע ריכטונג שעפּט אידעאָלאָגישע שטאַנדהאַפטיקייט אויף אַלע געביטן פון געזעל־שאַפטלעכן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד. קיין סתירה, קיין פאַרנאַנדערגיין זיך אין וועלכע עס איז ענינים צווישן איין סעקציע און דער צווייטער איז ניט מעגלעך ביי דער דאָזיקער באַוועגונג.

און דאָ ליגט טאַקע דער מיסטישער שלייער. די קעגנער פאַרשטייען ניט, ווי איז עס מעגלעך, אַז די הויפּט־סעקציע פון אַ באַוועגונג, וואָס אינספּירירט אַ קולטור־אויפטו און קעמפט פאַר אים מיט איבערגעגעבנקייט, זאָל בלייבן אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דעם דאָזיקן אויפטו.

ראַטנפאַרבאַנד האָט ניט געענטפערט אויף אונזער ווענדונג, ראַטנ־פאַרבאַנד האָט ניט געשיקט קיין דעלעגאַטן, ראַטנפאַרבאַנד האָט ניט גע־פונען פאַר נייטיק צו באַגריסן אונזער קאָנגרעס.

און אויב ראַטנפאַרבאַנד איגנאָרירט דעם קאָנגרעס, איז דאָך פאַר־שטענדלעכער דער אומצוטרוי צו די אידעען־ברידער פון ראַטנפאַרבאַנד אין אַנדערע לענדער.

ד״ר קרוק: (שטעלט אַפּ דעם רעדנער) כ'בעט ניט פאַרזעצן אין דעם גייסט. די פראַגע וועגן דער באַציונג פונם ראַטנפאַרבאַנד צום קאָנגרעס קען דאָ ניט באַהאַנדלט ווערן.

וועוויאָרקע: עס זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זאָגן: מיר קענען ניט גיין צוזאַמען מיט די, וואָס האָבן ערשט נעכטן אונז באַוואָרפן מיט שטיינער, וואָס האָבן געוואָרפן קויט און בלאָטע אין יידישן קולטור־גאָרטן טאָג־טעגלעך.

מיר זאָגן דאָס ניט. די, וואָס האָבן זיך שטענדיק געהאַלטן ביי דער קאָנצעפּציע פון איין יידיש פאָלק, איין קולטור, באַגריסן מיט פרייד, וואָס אַ גרויסע יידישע מאַסן־באַוועגונג איז אַרויף אויפן ברייטן שליאַך פון דער יידישער קולטור־טראַדיציע. און אויב עס גייט נאָך צו אַ ביסל שווערלעך דאָס איינלעבן זיך מיט די, וואָס מען איז מיט זיי נעכטן געווען אויף מעסער־שטעך, וועט די צייט עס אויסגלייכן.

אָבער מאַכט אַזוי, אַז מיר זאָלן אייך פאַרשטיין. און פאַרשטיין אייך קענען מיר נאָר, אויב איר וועט דאָ פאַר אונז אויפשטעלן אַ בריק איבערן תהום, וואָס ליגט צווישן אייער באַציונג צו דער גאַנצער יידישער קולטור מחוץ דעם ראַטנפאַרבאַנד און די באַציונג צו איר פון די ראַטנלאַנדישע קולטור־טוער.

מאַכט אונז פאַרשטיין, פאַרוואָס די דאָזיקע יידישע קולטור־אוצרות וועלכע מיר גייען דאָ אַלע צוזאַמען פאַרטיידיקן, — לאָמיר נעמען פאַר אַ ביישפּיל דעם „גולם“ פון לייוויקן — זענען טריפה אין ראַטנפאַרבאַנד.

מאַכט אונז פאַרשטיין נאָך אַ זאַך: אָט האָט פריינט קלמן מרמר אין זיין רעפעראַט וועגן יידישער וויסנשאַפט גערעדט וועגן די גרויסע פאַרדינסטן פון „ייוו'אָ“ פאַר דער יידישער וויסנשאַפט. פאַרוואָס באַציט מען זיך אין ראַטנפאַרבאַנד פיינטלעך צום „ייוו“אָ“?

ד״ר קרוק: כ'מאַך אייך אויפמערקזאַם, אַז די טעמע ראַטנפאַרבאַנד קערט זיך אונז דאָ ניט אָן. כ'וועל זיין געניט צוצונעמען ביי אייך דאָס וואָרט.

וועוויאָרקע: אָט האָט ווידער אַ מאָל פריינט מרמר אין זיין רעפעראַט וועגן דער יידישער וויסנשאַפט פאָרמולירט די אויפגאַבן פון די יידישע וויסנשאַפטלער און עס האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז עס איז ניטאָ קיין מיינונגס־פאַרשיידנהייטן צווישן אונז און דער אידעישער ריכטונג, וועלכע עס פאַרטרעט מרמר.

אָבער גראָד האָב איך זיך דערמאָנט, אַז מיט אַ קורצער צייט צוריק איז אין ווילנע דערשינען אַ מאָנומענטאַל ווערק מיטן נאָמען „די געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן". איך האָב זיך דערמאָנט, אַז דער מחבר פון דעם בוך איז אַ יידישער שרייבער, וואָס וווינט אין ראַטנפאַרבאַנד און איך האָב זיך געשטעלט די פראַגע: פאַרוואָס איז דאָס דאָזיקע ווערק, אָן וועלכן אַ יידישער ליטעראַטור-פאָרשער וועט זיך ניט קענען באַגיין, דערשינען אין ווילנע, ניט אין מאָסקווע, צי אין קיעוו, צי אין כאַרקאָוו?

איז עס אַ וואונדער, וואָס אַזעלכע שרייענדיקע סתירות רופן ארויס אַ חשד פון צווייזייטיקייט און ניט אויפריכטיקייט גראָד לגבי די, וואָס זענען די אַקטיוויסטע אין אָט דער דאָזיקער איינהייטס-באַוועגונג?

דערפאַר ווענד איך זיך צו אייך, חברים פון לינקס, הויפּטזעכלעך צו אייך, חבר אַלגין, מאַכט עס אונז פאַרשטיין.

און אויב איר וועט די דאָזיקע אומפאַרשטענדלעכקייט פאַר אונז פאַרשטענדלעך מאַכן, וועט איר דערמיט פאַרשטאַרקן און פאַרפעסטיקן דעם בונד פון די יידישע פּראָגרעסיווע קולטור-כוחות, וואָס זיין היינטיקער אָנהייב קען זיין פון גרויסן היסטאָרישן באַדייט.

ווערבער (בעלגיע)

דער נייער יידישער ישוב אין בעלגיע באַשטייט פון נאָך-מלחמה-עמיגראַנטן. אין גרעסטן טייל אַן אַרבעטער-ישוב, קאָנצענטרירט ער זיך דער עיקר אין די אינדוסטריעלע צענטערן פון לאַנד, אין אַנטווערפּן, בריסל און שאַרלערוא.

מיר האָבן אין בעלגיע פאַרשטאַנען, אַז פּונקט ווי מען מוז זוכן אַרבעט און ברויט, אַזוי מוז מען זאָרגן פאַר גייסטיקער שפּייז. און מיר האָבן אַ סך אויפגעטון. עס איז, אמת, פאַראַן אַ צעשפּליטערטקייט ביי אונז. יעדע יידישע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי האָט זיך געשאַפן אַן אייגענע נעץ פון קולטור-אינסטיטוציעס. אַלע באַזונדער טוען עפּעס אויף, אָבער עס וואָלט נאָך מער דערגרייכט געוואָרן, ווען זיי וואָלטן זיך אַלע פאַראייניקט.

מיר האָבן איצט אין בריסל 8 שולן, אין אַנטווערפּן — 2, שאַרלערוא — 2. דער „פּראָקאָר" האָט אַ שיינעם דראַמ.-קרייז, אַ כאָר, אַ ביבליאָטעק. דער פאָלקס-קלוב און מעדעם-קלוב האָבן אויך זייערע קול-

טור־אינסטיטוציעס. אונזער פארלאנג איז, אז זיי זאלן זיך אלע פאר־אייניקן. לויט דער בעלגישער געזעצגעבונג האבן יעדע 50 קינדער פון א באשטימטער נאציאנאליטעט דאס רעכט אויף א שול אין זייער מוטער־שפראך. מיר קענען אט דאס געזעץ אויסנוצן, אבער צו דעם דארפן מיר זיין פאראייניקט. מיר ווילן אויפשטעלן א טעאטער לויטן מוסטער פון „פיאט" און „ארטעף".

דער קאנגרעס דארף אויסטיילן א קערפערשאפט, וועלכע זאל קענען העלפן בויען אין אלע לענדער שיינע און גרויסע יידישע קולטור־בנינים.

פראפ. קיוועליאוויטש (פראנקרייך)

לייוויק האט גערעדט וועגן סינטעז פון נאציאנאלן מיטן סאציאלן און פון יידיש־העברעיש. אמת, אז מען קאן די פארגאנגענהייט אזוי לייכט ניט אוועקווארפן. מיר האבן ביישפילן אין דער פיזיק און מאטעמאטיק וועגן דעם ווונדערלעכן סינטעז פון נעכטן מיט היינט אדער פון נעכטן מיט מארגן.

אזעלכע סינטעזן געבן זיך אבער איין ס'רוב בלויז אין דער טעאריע, און מיר דא מוזן האבן פראקטישע רעזולטאטן.

אין דער פראקטיק איז אזא סינטעז פון יידיש־העברעיש ניט מעגלעך, מוזן מיר דעריבער, מיר, די פראקטיקער פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור, אים אפווארפן.

ד. גארין (פראנקרייך)

מען מוז זיך פרעגן: פארוואס דארפן מיר, פארוואס מוזן מיר געבן דעם יידישן קינד א יידישע שול?

פארוואס ווילן מיר, אז דאס קינד זאל בלייבן א ייד? מיר גייען אריין אין א תקופה, ווען דאס יידישע פאלק הייבט אן צו ווערן א נאציע. דאס איז א היסטארישער פראצעס.

איך פארשטיי ניט, פארוואס דער ח' אלגין האט קיין איין מאל

ניט דערמאָנט אין זיין רעפעראַט דאָס וואָרט: י י ד י ש ע נ אַ צ י ע. איך גלייב, אַז עס איז דאָ איין יידיש פאָלק, איין יידישע נאַציע און דערפאַר טאַקע איז פאַר מיר ניטאָ קיין פּראָבלעם פון העברעיש־יידיש.

איך פאַרשטיי אויסגעצייכנט די טעזע פון לייוויקן, וועלכער האָט גערעדט וועגן דעם סינטעז פון יידיש מיט העברעיש. איך מיין, אַז יידיש דאַרף זיך ניט שרעקן פאַרן אָנגריף פון העברעיש אין וועלט־מאַס־שטאַב.

אַנדערש איז די פראַגע אין פּאַלעסטינע, ווו אונזער שפּראַך איז גענויט צו פירן אַ שווערן, קרבנות־פולן קאַמף פאַר אירע רעכט. מיטן מאָמענט אָבער, ווען די יידיש־שאַפער אין דער וועלט וועלן זיך באַציען פּאָזיטיוו צו פּאַלעסטינע, וועט זיך אויך אין פּאַלעסטינע ענדערן די שטעלונג צו יידיש.

עפּשטיין (טשעכאָסלאָוואַקיי)

מיר זענען אַ גאַנץ קליינער יידישער ישוב. און דאָך האָבן מיר אין די לעצטע צוויי יאָר אַ סך אויפגעטון אויפן געביט פון איבערציִען די ברייטסטע יידישע מאַסן, אַז יידיש איז אונזער נאַציאָנאַלע שפּראַך.

אונזער יידישע בורזשואַזיע דערלויבט נאָר צו רעדן יידיש זייערע קינדער איין טאָג אין דער וואָך (שבת). מיר אָבער, די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער, האָבן מיט אונזער פּראָפּאַגאַנדע דערגרייכט, אַז מען רעדט איצט אַ גאַנצע וואָך ביי אונז אַ געשמאַקן, זאַפטיקן, פאָלקסטימ־לעכן יידיש.

מיר האָבן אַ נעץ פון כאָרן, וואַנדער־ביבליאָטעקן און דראַמ.־קרייזן. מיר זענען אָבער אַליין.

דער קאָנגרעס מוז אונז העלפן. גיט אונז אָנווייזונגען, שיקט אונז רעפערענטן, אינסטרוקטאָרן, נעמט איבער דעם פּאַטראָנאַזש איבערן יידישן אַרבעטער־ישוב אין טשעכאָסלאָוואַקיי. איר וועט זען וואָס פאַר אַ פּרעכטיקע קולטור־אַרבעט עס קען ביי אונז געפירט ווערן.

מ. שולשטיין (פראַנקרייך)

לייענט אַ באַגריסונג פון דער גרופּע ראַדיקאַלע יידישע שרייבער אין פּוילן. (זע ביילאַגע).

ד"ר קרוק: דאָס וואָרט, צו דער דיסקוסיע און צו אַ צוגאָב־באַריכט פון ליטע, האָט ח' ד"ר סודאַרסקי.

דייר מ. סודאַרסקי (ליטע)

ס'איז ממש פּאַראַדאָקסאַל: מיר, יידן, זענען די טרעגער פון דער מאָניסטישער אידעע, אָבער ס'איז נאָך ניטאָ אַזאַ פאָלק, וואָס זאָל זיין אַזוי צעשפּליטערט און צעריסן צווישן זיך, אפילו אין אַן ארבעט, וואָס איז פאַר אַלעמען וויכטיק און טייער, ווי מיר זענען עס; מיר זענען גוטה צו אַ פאַנטעיסטישן ארט דענקען, אָבער די ליבע צו קליינלדיקייט און דאָס זוכן פּאַרטייישקייט דאָרט, אַוו עס איז לחלוטין איבעריק, שטייגן ביי אונז אריבער מער, ווי ביי וועמען ס'איז.

מ'פאַרנעמט זיך דאָ צופיל מיט אויסגעפינען די פאַרשיידענע אָנ־שווינגספּונקטן, וואָס צעשיידן אפשר לייוויקן מיט אַלגינען. מיר ווייסן דאָ אַלע גאַנץ גוט, אַז אַלגינס אידעאָלאָגיע פּאַלט אפשר ניט אינגאַנצן צו־נויף מיט דער אידעאָלאָגיע פון אַ לייוויקן, און דעריבער איז איבעריק מיט דעם זיך איצט צו באַשעפטיקן. אונז אינטערעסירט איצט דאָס, וואָס ס'פאַרייניקט זיי און ניט דאָס וואָס צעשיידט זיי. און פאַרייניקן פאַריי־ניקט זיי אין דעם מאָמענט איין זאַך, צוליב וואָס מיר זענען זיך צונויפגע־קומען: העלפן מיט געמיינזאַמע כוחות שאַפן עפּעס ממשותדיקס פאַר דער דערהאַלטונג, אויסברייטערונג און פאַרטיפונג פון דער יידישער פראָגרעסיווער, וועלטלעכער קולטור. אויך איז איצט ניט דאָס אָרט פאַר וויכוחים וועגן יידיש און העברעיש. דאָס איז שוין אַן אָפּגעפרעגטער ענין. ווען לייוויק האָט גערעדט וועגן אַ סינטעז, האָט ער עס געמיינט גאַנץ אַלגעמיין. ער, ווי אַן אמתער טרעגער פון אַ מאָניסטישער אידעע, זוכט צו פאַרייניקן און נעמען פון אַלע מקורים אַלץ, וואָס זאָל אַמבעסטן דינען דער גייסטיקער דערהייבונג און קולטורעלער אַנטוויקלונג פון אונ־זער פאָלק. ער האָט זיך דעריבער אויפגעהויבן אויף אַזאַ הויך, אַוו עס ווערן פאַרווישט די גרענעצן פון צעשפּליטערונג און אַלץ גיסט זיך צו־נויף אין איין גאַנצעס, אַרומכאַפּנדיקס.

מיר זענען קיינמאָל ניט געווען אַנגרייפעריש קעגן העברעיש. מיר זוכן זיך נאָר צו פאַרטיידיקן פון אַגרעסיוון העבדעיזם, וואָס האָט פיל שאָדן געבראַכט אונזער אַלוועלטלעכער קולטור.

מיר זענען זיך דאָ צונויפגעקומען צו מאַכן אַ סך־הכל, צו געפינען די וועגן און מיטלען, ווי צו פאַרטיידיקן אונזער קולטור און ווי צו שאַפן אַ פאַרייניקונג פון אַלע שאַפנדיקע און ווירקנדיקע אין לעבן קולטור־כוחות. דאָס קענען מיר אַמבעסטן טון אויפן סמך פון דער דערפאַרונג, לויט די באַריכטן פון איינצלנע לענדער. און דעריבער זאָל מיר דערלויבט זיין צו דערגאַנצן דעם באַריכט איבער דער קולטור־אַרבעט אין ליטע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ קלאַסישן ביישפיל, וואָס לערנט אונז און באַווייזט אונז, וויפל מיר וואָלטן געקענט אויפטון ביי אַ פאַרייניקונג פון אונזערע אַלע קולטור־כוחות און ביי אַ קאָאָרדינירונג פון דער אַרבעט. דער פריערדיקער חבר האָט אייך געגעבן אַ בילד פון אונזער שול־וועזן אין ליטע, וואָס האָט געהאַט פיל צו ליידן אין זיין אַנטוויקלונג. מיר האָבן אויך אין ליטע אַ גרויסע קולטור־באַוועגונג, וואָס וואָלט ביי גינסטיקע באַדינגונגען געקענט פיל מער און שטאַרקער אויסוואַקסן.

ליטע איז אַ לאַנד, וווּ מ'אָטעמט יידיש, ניט נאָר דורך די נאָזלעכער, לויט טונקעלערס אויסדרוק, נאָר טאַקע מיטן פולן מויל. ניט געקוקט אויף דער גרויסער צאָל העברעישע גימנאַזיעס און שולן, איז די שפּראַך פונם גאַס און שטוב כמעט אויסשליסלעך יידיש. אַלע אונזערע חשובע געסט, וואָס באַזוכן ליטע, ווערן פאַרוואונדערט פון דעם יידיש, וואָס זיי הערן פון קליין און גרויס, פון פשוטן עמך און פון דער אינטעליגענץ.

און דאָך פאַרנעמט ניט ליטע דעם אָרט אין אונזער קולטור־גאָרטן, וואָס זי וואָלט באַדאַרפט פאַרנעמען, ניט געקוקט אויף די גינסטיקע באַדינגונגען, וואָס זי האָט געהאַט.

די סיבה פון דעם איז די צעריסנקייט אין אונזערע רייען גופא פון איין זייט און דער אַגרעסיווער העברעיזם פון דער צווייטער זייט.

גלייך אין אָנהייב פון דער ליטווישער אומאָפּהענגיקייט, האָבן מיר געהאַט די בעסטע יידישע קולטור־כוחות ביי אונז. בן־אדיר, בערגעלסאָן, משה קולבאַק, קוויטקאָ, י. קאַלמאַנאָוויטש, מ. שאַץ, ד״ר מוקדוני, י. טשערניכאָוו און אַנד. האָבן פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט ביי אונז, זענען געווען טעטיק אויף פאַרשיידענע געביטן פון אונזער ליטעראַטור און קולטור, געהאָלפן בויען טעאַטער־סטודיעס, אַרויסגעגעבן אַ טעגלעכע צייט־

טונג, געגרינדעט אַ ביכער־פאַרלאַג און עס האָט זיך געדרוקט, אַז די גאָל־דענע תקופה וועט לאַנג אָנהאַלטן אין אונזער קולטור־שאַפונג. לײדער איז פון דעם אַלץ ניט פיל געבליבן. די אינערלעכע רײסערייען האָבן אָפּט דערפירט דערצו, אַז אַ שול האָט זיך ניט געקענט עפענען דאָרט, ווו זי איז דורכויס געווען נייטיק און געווונטשן, און אַנדערע עק־זיסטירנדיקע שולן ווידער האָבן זיך געשלאָסן צוליב דער זעלביקער סיבה. אויך די צייטונג און די טעאַטער־סטודיעס זענען גיך בטול געוואָרן. פון דעם אַלעם האָט געוווּנען דער העברעיזם, וואָס האָט ניט זעלטן אויך אַליין צוגעלייגט אַ האַנט צו דער ליקווידאַציע פון אונזערע שולן.

די געשיכטע מיט דער יידישער ווילקאָמירער רעאַל־גימנאַזיע, וועגן וועלכער פרייגט ניוועלסאָן האָט פאַרגעסן צו דערמאָנען, רעדט אַ בולטע שפּראַך וועגן דעם העברעיסטישן אָנגריף אויף אונזערע שולן.

די ווילקאָמירער יידישע גימנאַזיע, וואָס האָט זיך אַזוי קונה שם גע־ווען אין דער יידישער וועלט, אַלס די ערשטע יידישע גימנאַזיע אין ליטע, און וואָס האָט געהאַט אין משך פון איר 14־יאָריקער עקזיסטענץ ניין אַרויסלאָזן, האָט זיך געמוזט סוף כל סוף שליסן צוליב די העברעיסטן, וועלכע האָבן, כדי צו פאַרקאָנקורירן די יידישע, געעפנט אין וואָלקאָמיר אַן העברעישע גימנאַזיע. דער געראַנגל איז געווען אַ לאַנגער און ניט קיין גלייכער. די יידישע אָרעמקייט האָט געמוזט נאָכגעבן.

נאָר מיט דער גרינדונג פון דער יידישער בילדונגס־געזעלשאַפט, וואָס האָט אָנגעהויבן צו גרופּירן אַרום זיך די ברייטע יידישע מאַסן און די פאָלקס־אינטעליגענץ, האָט זיך די קולטור־אַרבעט שטאַרק אַ הייב גע־טון. מ'איז צוגעטרעטן צו עפענען אייניקע נייע פאָלקס־שולן און צו גרינדן אַ יידישע קאָמערץ־גימנאַזיע ,וועגן וועלכער מ'האָט אייך שוין דאָ דער־ציילט; מ'האָט ווידער געשאַפן טעאַטער־סטודיעס; מ'האָט שליסלעך גע־גרינדעט דאָס „פאָלקסבלאַט“, וואָס עקזיסטירט שוין אַכט יאָר און וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף אונזער גאַנצער קולטור־באַוועגונג. אַ דאַנק דעם „פאָלקס־בלאַט“, איז אויך מעגלעך געווען צו פאַרברייטערן און פאַרטיפן די אַרבעט פאַרן ייוו״אָ און פאַר דער אַלגעמיינער ענציקלאָ־פּעדיע אין יידיש.

צענדליקער טויזנטער זענען בשעתו געזאַמלט געוואָרן פאַרן ייוו״אָ און ביי 450 אַבאָנענטן האָט מען געשאַפן פאַר דער ענציקלאָפּעדיע.

חוץ דעם ווערן געשאַפן אויך געלט־שטיצעס פאַר אונזערע שולן אין

דער פּאַראַעמטער ווילנע. — לעצטנס, מעשה שטן, מערקט זיך ווידער אַן איבערברוך — די אינעווייניקסטע צעשפּליטערונג פון די כוחות פרעסט ווידער אויף די גאַנצע ענערגיע און שטעלט אין קאַן אונזער גאַנצע קול־טור־אַרבעט.

מיר פאַרמאָגן חוץ די אויסגערעכנטע אַנשטאַלטן, אַ טעאַטער־גע־זעלשאַפט, וואָס האָט געהאַט דעם ציל צו זאָרגן וועגן אַ בעסערן טעאַטער ביי אונז אין ליטע, און אויך ליטעראַטן־גרופּעס, אָבער עס שפּירט זיך ניט קיין פעסטקייט צוליב די אויבן־דערמאָנטע סיבות.

איז טאַקע צו דער צייט אויפגעקומען די אידעע פון קולטור־קאָנג־רעס, וואָס איז בארופן ווידער צו זאַמלען און פאַראייניקן די צעשפּליטערטע כוחות פאַר אַ נייעם שוווּנג פון אַרבעט לטובת דער יידישער פאָלקס־קול־טור.

פון קאָנגרעס דאַרף קומען דער רוף צום בויען, און די וואָרנונג אָפּ־צושטעלן די צעשטערערישע אַרבעט.

אַ חלום, אַ לאַנג געטרוימטער חלום, וועט פאַרווירקלעכט ווערן. זאָל קיינער ניט שטערן דעם חלום צו ווערן אַ וואָר.

מיט נייע פאַראייניקטע כוחות צו אַ געמיינזאַמער יידישער קולטור־שאַפונג און בויונג. דאָס איז דער וועג, וועלכער דאַרף פירן צום ציל און וועלכן מיר זוכן. איך האָף, אַז מיר וועלן דעם וועג געפינען.

נחמן מייזיל (פּוילן)

איך האָב שוין אין דער טעאַטער־קאָמיסיע גערעדט וועגן רעפעראַט פון דר. א. מוקדוני, אָבער איך האַלט, אַז עס וואָלט געווען אַן עוולה לגבי דעם יידישן שוישפּילער, ווען מען וואָלט ניט אַנגעוויזן פאַרן פּלע־נום פונם קאָנגרעס אויף די אייניקע, ניט ריכטיקע באַהויפּטונגען אין קאָלענע מוקדונים רעפעראַט וועגן דעם יידישן טעאַטער. און עס איז באַזונדערס נייטיק עס צו טון, ווייל אויך אין דעם ביולעטען פונם אָרגאַ־ניזיר־קאָמיטעט, ווו עס זענען פאַרעפנטלעכט עטלעכע פּראָיעקטן פאַר די קאָמיסיעס, איז דער טעאַטער־פּראָיעקט אויך פול מיט אַנפאַלן און

נעגאציע פון דעם יידישן טעאַטער און שוישפּילער. אמת, מיר וואָלטן געקענט האָבן אַ שטיקל נקמה אינם יידישן שוישפּילער און אין זיינע פּאַרדיינען, וואָס זיי פעלן דאָ אויס אויפן קאָנגרעס. זיי וואָלטן דאָ באַדאַרפט זיין באַגלייך מיט אונז אַלע, און דאַן וואָלט דער יידישער שוישפּילער גופא געקענט נעמען אַ וואָרט אין דער פראַגע און אָפּוואַשן פון זיך דעם פלעק, וואָס ד"ר מוקדוני האָט דאָ געלאָזט אויף אים פאַלן.

ד"ר מוקדוני האָט פאַרלייקנט די גרויסע ראָלע פונם יידישן טעאַטער און פונם יידישן שוישפּילער, וואָס איז אָפט דער פּיאָנער פון אריינברענגען אַ יידיש וואָרט אין די סאַמע וויטסטע ישובים, ווו נאָר עס קומט אַ יידישע מאַסן־עמיגראַציע. מיט וואָס פאַר אַ צערטלעכקייט מען האָט גערעדט וועגן דעם יידישן שרייבער, וועגן דער יידישער פרעסע, וועגן דער יידישער ליטעראַטור סיי אין די רעדעס, סיי אין די פּראָיעקטן; וואָס זענען פאַרעפנטלעכט אין דעם ביולעטען! פאַרוואָס זשע זענען מיר אַזוי שטרענג צום ייד. שוישפּילער? פאַרוואָס פאַרזען מיר די אַלע געוואַלטיקע דערגרייכונגען פונם שוישפּילער און זעען בלויז דעם שונד־טעאַטער, דעם שונד־אַקטיאָר? דער יידישער אַרטיסט ווייזט אַרויס אמתע מסירת־נפש אין זיין אַרבעט, אָן וואָסערע ס'איז סובסידיעס, אָן געזעלשאַפטלעכער הילף, אָן פאַסיקע געביידעס, שאַפט ער אַליין, ביי די סאַמע ערגסטע באַדינגונגען, ערנסטע און וויכטיקע טעאַטער אַרבעט. לאָמיר נאָר דערמאָנען די „ווילנער טרופּע" מיט אירע איבער 120 אינטערעסאַנטע אויפפירונגען, מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער מיט איבער 160 גלענצנדיקע פאָרשטעלונגען, יידישע און פון וועלט־רעפּערטואַר, און „וויקט" און „יונג־טעאַטער" און איצט — די אַרבעט פון אידאַ קאַמינסקי און אַנדערע.

און מכוח שונד. אויך באַקאַנטע יידישע שרייבער שרייבן שונד־ווערק. און פאַרוואָס זאָלן מיר זיין אַזוי שטרענג צום מאַסן־צושויער? מיר שטאָפּן אים אָן בייטאָג מיט פאַרשיידענע סענסאַציאָנעלע ראָמאַנען אין דער פרעסע, און פאַרלאַנגען פונם זעלבן מאַסן־מענטש, ער זאָל אומבאַדינגט גיין אין אָוונט אין אַן ערנסטן טעאַטער און זען שעקספּירן!

ד"ר מוקדוני האָט זיך אינגאַנצן מייאש געווען פונם פּראָפעסיאָנעלן יידישן אַקטיאָר, און ער האַלט, אַז די גאַנצע ישועה וועט קומען פון דעם ליבהאַבער, פון דעם סטודיאַנט. עס איז אַ פאַלשער צוגאַנג. דער יידישער שוישפּילער האָט באַוויזן און באַווייזט שטענדיק, אַז ביי

א געהעריקער רעזשי און ביי ערנסטער ארבעט קען ער שאפן וווג־דער. און מיר זענען דאך עדות געווען, ווי א גוטער רעזשיסער האט געגעבן מיט פראפעסיאנעלע שוישפילער גלענצנדיקע אויפפירונגען. און דער זעלבער רעזשיסער, ווען ער ארבעט מיט יונגע אנפאנגער, קען ניט באווייזן דאס, וואס ער באווייזט אפצוטון מיט געשולטע אקטיארן. דאס האבן מיר געזען ביים פריצייטיק־פארשטארבענעם דוד הערמאן. סאר א פרעכטיקע פארשטעלונגען ער האט געשאפן גראד מיט פראפעסיאנע־לע ארטיסטן! און עס איז אויך ניט ריכטיק, אז דער יידישער שוישפי־לער האט ליב שונד, אז ער ווייקט זיך גערן אין זומפ. אדרבא, דער יידי־שער אקטיאר איז גרייט צו שפילן ערנסט יידיש טעאטער, ער לעבט ממש אויף אין א גוטער פיעסע ביי א גוטן רעזשיסער. איך קען א סך אזעלכע מעלאדראמע־אקטיארן, וועלכע האבן גלייך זיך איבערגעאנ־דערשט, זענען ממש אויסגעוואקסן שפילנדיק אין אן ערנסטער פיעסע.
יא, דאס יידישע טעאטער נייטיקט זיך אין א בעסערער מערכה, עס דארף אויך האבן פריש בלוט, מען דארף אים קומען צו הילף, אבער ניט אפשטויסן אינגאנצן דעם שוישפילער, ניט אפלייקענען זיינע פאר־דינסטן און אויפטוען, נאר מיטן בעסערן שוישפילער צוזאמען זען אויפ־ריכטן און פארבעסערן די שווערע לאגע פונם יידישן טעאטער, פאר־בינדן זיין גורל מיטן גורל פון דעם גאנצן יידישן שאפן. אין דער ריכ־טונג דארף גיין די ארבעט פון דער טעאטער־סעקציע ביי אונז.

ד״ר מוקדוני

איך דערקלער עפנטלעך, אז דער ח׳ נחמן מייזיל האט מיך שלעכט פארשטאנען. איך האב ניט געהאט בדעה קיינמאל צו באליידיקן דעם יידישן אקטיאר.

קאראל (לעטלאנד)

די לעטלאנדישע דעלעגאציע האט א ספעציעלע שליחות — צו לאזן הערן פון דער קאנגרעס־טריבונע וועגן דעם שווערן און עקשנותדיקן

קאמף, וואס די יידישע פראגרעסיווע עלטערנשאפט, לערערשאפט און שילערשאפט האבן דורכגעפירט די לעצטע פאר יאר פארן קיום פון דער יידיש־וועלטלעכער שול.

ניט געקוקט אויף דעם, וואס די קליינע באלטישע מלוכה לעטלאנד ציילט סך־הכל קנאפע 100.000 יידן, איז דאך געלונגען אין די רעוואלו־ציאנערע 1917—1919 יארן צו שאפן א קאנסאלידירטן קולטור־פראנט פון די יידישע ארבעטער און פאלקס־מאסן. א דאנק דעם איז אין משך פון דער צייט אויפגעבויט געווארן א פארצווייגטע נעץ פון פראגרעסיווע שול־און קולטור־אנשטאלטן אויף יידיש: קינדערגארטנס, עלעמענטאר־שולן, צוגאב־שולן, אוונט־שולן, מיטל־שולן, א לערער־אינסטיטוט, א פאלקס־אוניווערזיטעט. ביזן יאר 1934 איז די אנטוויקלונג פון דעם יידישן וועלטלעכן קולטור־וועזן געגאנגען בארג ארויף און דערגרייכט א הויכע מדרגה. אין יאר 1933 האבן, לויט אפיציעלע ידיעות, זיך געלערנט אין די יידיש־וועלטלעכע שולן 32 פראצענט פון אלע יידישע קינדער אין שול־עלטער. דאס איז א פראצענט, וואס זעלטן א לאנד קען עס אויפ־ווייזן. אין יאר 1934 איז אנגעקומען דער פאשיזם און האט אלץ צע־שטערט. צום באדויערן, און דאס כאראקטעריזירט אונזער אפגעריסנקייט איינער פון אנדערן, האט מען אין אויסלאנד דעם גאנצן ענין כמעט פאר־שוויגן. פארקערט, אייניקע צייטונגען האבן די פראגע באלויכטן פונקט היפוכדיק. אינגאנצן אומפאראנטווארטלעך איז דער מחבר פונם ארטיקל „דאס יידישע קולטור־וועזן אין לעטלאנד", וואס איז דערשינען אין זאמלבוך „די יידישע עקאנאמיק" אין מאי 1937, ארויסגעגעבן פון „ייווא", אונטער דער רעדאקציע פון י. לעשטשינסקי. לויט אט דעם אר־טיקל קומט אויס, אז אין לעטלאנד עקזיסטירט א יידישער קולטור־און שול־וועזן אזוי ווי פריער, אז עס האט זיך גארניט געענדערט. אין־דער־אמתן איז עס ווייט ניט אזוי: דער פאשיזם איניינעם מיט זיינע יידישע נאכשלעפער פון דער אגודה האבן צעשטערט און פאגראמירט אלץ, וואס האט א שייכות צו דער יידישער וועלטלעכער קולטור.

באזונדערס שארף און דראמאטיש האט זיך אפגעשפיגלט דער קאמף ארום דעם יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן. לערער און שילער האבן געשטעלט אן איינהייטלעכן ווידערשטאנד קעגן דעם ברוטאלן, וואנדאלישן איינ־ברוך פון דער אגודה. א גאנצן יאר האט זיך געצויגן דער אומגלייכער קאמף: דעמאנסטראטיווע ארויסטרעטונגען, פראטעסט־רעזאלוציעס, מע־

מאַראַנדומס, דעלעגאַציעס אין העכערע שול־אַנשטאַלטן, אָבסטרוקציעס און שטרייקן פון שילער — דאָס אַלץ איז געווען דער ענטפער אויף דעם אגודהשן באַלעבאַטעווען אין די יידיש־וועלטלעכע שולן. מיט דער הילף פון מסירות און פּאָליציייִשע נאַהייקעס, האָט אָבער די אגודה דעם ווידער־שטאַנד געבראָכן. אַ גרויסן טייל לערער האָט מען אַרעסטירט, די איבע־ריקע — באַזייטיקט, מאַסן שילער האָט מען אויסגעשלאָסן, און 2 גאַנצע קלאַסן ליקווידירט. אַזוי האָט די אגודה „איינגענומען" די יידיש־וועלט־לעכע שולן אין לעטלאַנד.

דער ביישפּיל פון לעטלאַנד ווייזט אונז, אַז דער קאַמף פאַר יידיש־וועלטלעכער קולטור איז ענג פאַרבונדן מיטן קאַמף קעגן אַלגעמיינעם, ווי אויך יידישן פאַשיזם און רעאַקציע. דער קולטור־קאָנגרעס און די אָרגאַ־נען, וואָס דער קאָנגרעס וועט שאַפן, דאַרפן דאָס נעמען אין אכט, דאַרפן האָבן אין זינען, אַז צוגלייך מיט בויען און שאַפן דאַרף מען פירן אַ לי־ניע פון ענערגישער פאַרטיידיקונג און מוטיקן קאַמף.

ווייסבערג (פּאַריזער יידישע קינסטלער)

די יידישע קינסטלער פון פּאַריז באַגריסן דעם יידישן קולטור־קאָנ־גרעס און דערקלערן, אַז צוליב טעכנישע סיבות איז ניט געווען מעגלעך צו אָרגאַניזירן, פאַרן קאָנגרעס, אַ גרויסע קינסטלער־פאַרזאַמלונג.

אַ פאָרשטייערשאַפט פון די יידישע קינסטלער וועט זיך פאַרבינדן מיט דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד.

ד"ר י. קרוק

חברים דעלעגאַטן, מיר האָבן איצט פאַרענדיקט די אַלגעמיינע דיס־קוסיע. מיר מוזן זיך אַלע דורכדרינגען מיט די גרויסע איינהייט־לאָזונגען, וועלכע האָבן דעם היינטיקן קאָנגרעס צושטאַנד געבראַכט.

די היסטאָרישע נויטווענדיקייט פון ווייטגייענדיקסטער איינהייט — איז דער געבאָט פון דער שעה.

דער מאַרקסיזם האָט קיינמאָל ניט פאַרלייקנט דאָס נאַציאָנאַלע

אין דער קולטור. זשארעם האט אין דער אלגעמיין־מענטשלעכער קולטור ארייננענומען אויך די יידישע נביאים. פונקט אזוי האבן די יידישע אר־בעטער און פאלקס־מענטשן דאס רעכט צו זאגן, אז זיי זענען די יורשים פון דער אלטער יידישער קולטור.

מיר האבן זיך דא אלע פארהאלטן מיט טאלעראנץ, מיר האבן טא־לעראנט אויסגעהערט מיינונגען פון מענטשן, מיט וועמען מיר זענען ניט איינגאנצן מסכים. דאס איז א באווייז, אז מיר האבן אלע געמיינזאמע צילן: די אויפגאבע צו בויען געמיינזאם די גרויסע, אמתדיקע פאלקס־קול־טור פאר די יידישע מאסן, אויף דער יידישער שפראך.

דינסטיק, 21־טן סעפטעמבער 1937 (9 פרי)

פאָרזיצער י. נוימאַן. פּרעזידיום: איוועַסקי, אַראַנאָווסקי טשערניאַק, ד"ר מוקדוני, קלמן מרמר, מייעראָוויטש, מ. נאַדלער, ד"ר פּאַקס, נ. פּראַנק, ב. שלעווין, פּ. שראַגער.

י. נוימאַן: דאָס וואָרט צו אַ באַריכט פון דער ליטעראַטור־קאָמיסיע האָט ח' נחמן מייזיל.

נחמן מייזיל (פּוילן)

אין דער ליטעראַטור־קאָמיסיע האָבן זיך באַטייליקט 28 דעלעגאַטן, שרייבער און פּראָפעסיאָנעלע טוער אויפן געביט פון יידישן פאַרלאַגס־וועזן. די קאָמיסיע האָט געאַרבעט אויפן סמך פונם פּראָיעקט, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורכן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט. די הויפּט־פּרינציפּן פון אָט דעם פּראָיעקט זענען דורך אונז באַשטעטיקט געוואָרן. מיר האָבן אויסגעאַרבעט פאָרשלאָגן פאַר אַ פאַרלאַג, פאַר אַ ביכער־פאַרשפּרייטונג־צענטראַלע און ביבליאָטעק־צענטער. ס'זענען אַרויסגעשוווימען פאַר דער קאָמיסיע נאָך אַנד. פּראָיעקטן, אָבער מיר האָבן זיך ניט געקענט אָפּגעבן מיט צופיל פּרטים. די אַלע פּראָיעקטן וועלן דאַרפן איבערגעגעבן ווערן דער צוקונפטיקער צענטראַל־פאַרוואַלטונג.

די פאָרשלאָגן פון דער ליטעראַטור־קאָמיסיע האָבן מיר צוזאַמענגע־

נומען אין דער פאָלגנדיקער רעזאָלוציע, וועלכע מיר לייגן פאַר דעם קאָנ־גרעס. (פולער טעקסט זע זייט 332)

די רעזאָלוציע ווערט א יי נ ש ט י מ י ק אָנגענומען.

וועוויאַרקע (פראַנקרייך)

דערלויבט מיר, חברים, אַ קורצע דערקלערונג. איך בין דאָ נעכטן אַרויסגעטראָטן מיט אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע. דער פאָרזיצער, האַלטנ־דיק די פאָרם פון מיינע ווערטער פאַר צו שאַרף, האָט געפונען פאַר נייטיק מיר אַביסל צו שטערן. גורם האָט ער אָבער געווען, אַז מיינע רייד זענען פאַלש פאַרשטאַנען געוואָרן און ווי אַ פועל־יוצא — פאַלש איבער־געגעבן אין דער היינטיקער „נייער פרעסע", וואָס שרייבט, אַז איך בין אָנגעפאַלן אויפן ראַטנפאַרבאַנד.

איך דערקלער דאָ, אַז איך האָב דאָס ניט געטון, איך האָב ניט גע־רעדט וועגן ראַטנפאַרבאַנד, ווי וועגן אַ מלוכה, כ'האָב אויסדריקלעך דער־קלערט, אַז איך רעד דאָ וועגן דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד. אָבער אויך אויף דער יידישער קולטור בין איך ניט אָנגעפאַלן, איך האָב זיך געווענדעט צו די חברים פון לינקס, אָנגערופן דעם נאָמען פון אַלגיי־נען און געבעטן אַ דערקלערונג פאַר דער סתירה, וואָס איז דאָ אין דער באַציונג צו אונזער קולטור־קאָנגרעס פון די יידישע קולטור־טוער אין ראַטנפאַרבאַנד און פון די לינקע קרייזן דאָ. איך בעט דעם קאָנגרעס און דאָ אויפן קאָנגרעס די צייטונג „נייע פרעסע", אַז זי זאָל אויסבעסערן דעם טעות.

י. נ ו י מ אַ ן:

די „נייע פרעסע" איז ניט קיין אָרגאַן פונם קאָנגרעס. ניט מיר זע־נען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס זי שרייבט, ניט מיר קענען איר געבן אַ טאָן און אַ ליניע פאַר אירע באַריכטן. איך בעט מען זאָל זיך אָפּ־האַלטן דאָ אָפּצוגעבן דערקלערונגען, וואָס האָבן צו טון מיט דער „נייער פרעסע". דאָס בעסטע וואָלט געווען, אַז די חברים זאָלן זיך ווענדן די־רעקט צו דער רעדאַקציע.

דאָס וואָרט צו אַ באַריכט פון דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע האָט ח׳ ב. אַדאַמיטש.

ב. אַדאַמיטש (פראַנקרייך):

חברים, די מאַנדאַטן־קאָמיסיע האָט גענוי אויסגעפּאָרשט די מאַנדאַטן פון אַלע דעלעגאַטן צום קאָנגרעס.

פון די 104 דעלעגאַטן מיט שטימרעכט באַטייליקן זיך בלויז צוויי אַלס אינדיווידועל איינגעלאַדענע דורכן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט. דאָס זענען: ח׳ ד״ר שאַץ־אַנין און ח״ אינזש. ד״ר קאַלק.

די 102 איבעריקע דעלעגאַטן מיט שטימרעכט זענען אַלע באַפולמעכטיקט דורך פאַרשיידענע קולטור־אָרגאַניזאַציעס און קולטור־אַנשטאַלטן.

די אַמעריקאַנער דעלעגאַציע פאַרטרעט די 452 אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן, וואָס האָבן אַנטייל גענומען אין דער אַמעריקאַנער קולטור־קאָנפערענץ פון 27־28־טן אויגוסט.

די פּוילישע דעלעגאַציע פאַרטרעט 72 אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן, אין וועלכע עס גייען אריין, אויסער די וואַרשעווער און ווילנער פּען־קלובן און ליטעראַטן־פאַריינען, אַ ריי ווילנער קולטור־אָרגאַניזאַציעס, אַ ריי ביבליאָטעקן און קלובן פון דער געז. „זעלבסטבילדונג“ און די באַראַכאָוו קולטור־אַנשטאַלטן.

די פראַנצויזישע דעלעגאַציע פאַרטרעט 35 קולטור־אָרג. און אַנשטאַלטן, וואָס האָבן אַנטייל גענומען אין דער פראַנצויזישער לאַנד־קאָנפערענץ. אַלע איבעריקע דעלעגאַטן האָבן נאָמענטלעכע מאַנדאַטן פון די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיי דעלעגירט צום קאָנגרעס.

די אַלגעמיינע צאָל קולטור־אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן פון דער גאַנצער וועלט, וואָס זענען פאַרטראָטן אויפן קאָנגרעס, איז 677.

די דעלעגאַטן מיט באַראַטונגס־רעכט זענען ס׳רוב איינגעלאַדענע דורכן פּאַריזער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, אָדער דורך די לאַנד־קאָמיטעטן.

די אַלגעמיינע רשימה פון די דעלעגאַטן מיט שטים־רעכט איז פאָלגנדיקע: (פולער טעקסט זע זייט 345)

איך לייג פאָר דעם קאָנגרעס זי צו באַשטעטיקן.

לייוויק

כ'שלאָג פאַר, אַז אויך יענע דעלעגאַטן, וואָס האָבן ניט געקענט קו־מען צום קאָנגרעס, זאָלן פאַרשריבן ווערן אין דער דעלעגאַטן־ליסטע.

דער פאָרשלאַג, ווי אויך דער באַריכט פון דער מאַנדאַט־קאָמיסיע, ווערט איינשטימיק אָנגענומען.

י. נוימאַן: אַ וואָרט, צום באַריכט פון דער וויסנשאַפט־קאָ־מיסיע, האָט ח' קיוועליאָוויטש.

פראָפ. קיוועליאָוויטש (פראַנקרייך)

די וויסנשאַפט־קאָמיסיע האָט זיך נאָר באַשעפטיקט מיט אַלגעמיי־נער וויסנשאַפט אויף יידיש. אַזוי ווי מיט דער יידישער וויסנשאַפט גיט זיך אָפּ דער „ייווא", האָבן מיר אָט דעם געביט אינגאַנצן ניט באַרירט.

די קאָמיסיע האָט אויסגעאַרבעט פאָלגנדיקע רעזאָלוציע. איך לייג אייַך פאַר זי צו באַשטעטיקן (פולער טעקסט, זע זייט 340).

וו. וועוויאָרקע: דער צוגאַנג פון דער קאָמיסיע, אַז מיר דאַרפן אונז נאָר אָפּגעבן מיט אַלגעמיינער וויסנשאַפט אין יידיש און דאַרפן איבערלאָזן די יידישע וויסנשאַפט פאַרן „ייווא", איז ניט קיין ריכטיקער. דער „ייווא" האָט אין זיין טעטיקייט ניט נאָר די חכמת־היהדות, נאָר אויך אַלגעמיין וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, אַזוי למשל גיט ער איצט אַרויס די ווערק פון פרוידן. אין דער רעזאָלוציע דאַרף דעריבער געזאָגט ווערן, אַז מיר האָפן, אַז ייוו"אָ וועט זיך אָנשליסן אין אונז.

ד"ר מוקדוני: אונזער רעזאָלוציע מיינט: וויסנשאַפטלעכע בילדונג אין יידיש. ייוו"אָ איז אַן אַנשטאַלט פאַר פאָרשונג. מיר ווילן אויסבילדן יידישע אינטעליגענטן אין יידיש, — דאָס האָט ניט קיין שייכות מיטן ייוו"אָ.

לייוויק: וועוויאָרקע איז גערעכט: אויב דאָס, וואָס מוקדוני האָט געזאָגט, איז דער זין פון דער רעזאָלוציע, פאַרוואָס דאַרף מען וועקן דעם איינדרוק, אַז מיר גייען דאָ שאַפן אַ קאָנקורענץ?

קלמן מרמר: מיר ווילן ניט קאָנקורירן מיטן ייוו"אָ. אונזער בונה איז געווען, אַז די יידישע וועלט זאָל וויסן, וואָס דער קאָנגרעס טראַכט וועגן וויסנשאַפט פאַר די ברייטסטע יידישע פאָלקס־מאַסן. למשל, עס זענען דאָ אין פיל לענדער פאָלקס־אוניווערזיטעטן. מיר דאַרפן אויס־אַרבעטן פאַר זיי אַן איינהייטלעכן פּראָגראַם אויפן סמך פון די פאַרשיידענע פּראָגראַמען פון די באַזונדערע לענדער. נאָך אַ ביישפּיל: אונזער צענטראַלע וועט דאַרפן אָרגאַניזירן אַן אויסטויש פון לעקטאָרן. דאָס זענען אַלץ דעטאַלן פון איין גרויסער און אחריותפולער אויפגאַבע: שאַפן וויסנשאַפט אין ברייטסטן זין פון וואָרט פאַר די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן.

איווענסקי: דער קולטור־קאָנגרעס דאַרף פאַראייניקן אַלע וויסנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. מיר דאַרפן זען, אַז אויך דער ייוו"אָ זאָל געהערן צו אונז.

נחמן מייזיל: מען קען ניט אָפּטיילן „וויסנשאַפט אין יידיש“ פון „יידישער וויסנשאַפט“, ווייל די גאַנצע קעגנשטעלונג איז אַ פאַלשע.

טשערניאַק: די מיספאַרשטייעניש וועגן ייוו"אָ און וועגן וויסנשאַפט אויף יידיש און יידישער וויסנשאַפט איז אויפגעשוווּמען דורך די פאַר ווערטער, מיט וועלכע פּראָפ. קיוועליאָוויטש האָט איינגעלייטעט זיין באַריכט. איך בעט פאָראויליינען די רעזאָלוציעס אָן דער הקדמה. (די רעזאָלוציע ווערט געלייענט צום צווייטן מאָל).

אַלגין: צום פאָרשלאָג פון אַ יידישן אוניווערזיטעט אין פּאַריז וואָלט איך געוואָלט צוגעבן אָט וואָס: מיר באַאויפטראָגן אונזער צענטראַלע, אַז זי זאָל זיך אָריענטירן ווי ווייט מעגלעך אויף דער פּערספּעקטיוו צו גרינדן קומענדיקן זומער פיר־אָדער זעקס־וואָכנטלעכע אוניווערזיטעט־קורסן אין פּאַריז פאַר סטודענטן פון פאַרשיידענע לענדער, וואָס ווילן זיך פאַרפולקומען אויף געוויסע געביטן. מיר וועלן אָנהויבן מיט קורסן פון ספּעציאַליסטן־פּראָפעסאָרן, וויסנשאַפטלער אויף פאַרשיידענע געביטן. דאָס וועט זיין דער ערשטער ממשותדיקער טריט אויפן וועג צו גרינדן אַ יידישן אוניווערזיטעט. מיין פאָרשלאָג איז נאָר אַן אָנווייזונג פאַר אונזער קומענדיקער צענטראַלע, און ניט קיין אויפטראָג.

קיוועליאַוויטש : די קאָמיסיע האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף וויסנשאַפט אין יידיש. עס איז דאָ וויסנשאַפט ביי אַלעמען, און עס דאַרף זיין וויסנשאַפט ביי יידן. עס איז דאָ איין איינציקע אינטער־נאַציאָנאַלע וויסנשאַפט, וואָס אויך יידן נעמען אָנטייל און שאַפן אין איר. וואָס ס'איז שייך ייוו"אָ, איז דאָס נאָר געווען אַ פּערזענלעכע דער־קלערונג פון מיר. מיר אַלע גלויבן, אַז ייוו"אָ וועט מיטאַרבעטן מיט אונז. איך קען איצט ניט געבן קיין אויספירלעכע באַגרינדונג פאַרן פּלאַן פון אַ יידישן אוניווערזיטעט אין פּאַריז. איך האָב איבער דעם שוין רעפע־רירט, און אונזער צענטראַלע וועט דאַרפן אויסאַרבעטן די גענויע פּרטים. מיר זענען זייער באַשיידן און וואָלטן נאָר געוואָלט, אַז דער פּרינציפּ אַליין זאָל דאָ אָנגענומען ווערן. וואָס איז נוגע אַלגינס פאָרשלאָג, בעט איך ניט צו באַשטימען קיין טערמין, נאָר צו באַויפטראָגן די עק־זעקוטיווע, אַז זי זאָל אין דער נאָענטסטער צייט אָרגאַניזירן אַ ציקל פון לעקציעס.

די רעזאָלוציע פון דער קאָמיסיע ווערט איינשטימיק אָנגענומען.

(פולער טעקסט זע זייט 340)

י. נוימאַן : דאָס וואָרט האָט ד"ר לעווין צום באַריכט פון דער שול־קאָמיסיע.

דייר לעווין

די שול־קאָמיסיע האָט גענומען פאַר אַ באַזע דעם פּראָיעקט פונם אָר־גאַניזיר־קאָמיטעט. די קאָמיסיע האָט גענומען אין באַטראַכט דעם פאַקט, וואָס די גרויסע שול־באַוועגונגען אין פּוילן און אין אַמעריקע זענען דאָ נאָר טיילווייז פאַרטראָטן. מיר האָבן דערפאַר פעסטגעשטעלט דעם פּרינציפּ, אַז די אַרבעט פון קאָנגרעס אויפן שול־געביט דאַרף ניט קומען אין אַ קאָנפליקט מיט די עקזיסטירנדיקע שול־אָרגאַניזאַציעס. מיר דאַרפן לאָזן אָפן די טיר פאַר יענע, וואָס ווילן קומען צו אונז. פון דער אַנדער זייט האָבן מיר פאָרמולירט די אויפגאַבן, אָבער נאָר אין דעם זין פון פערעס־פעקטיוון, וואָס שטייען פאַר אונז. איך לייג פאַר אָנצונעמען די פאָלגנדי־קע רעזאָלוציע: (אָנגענומענער טעקסט, זע זייט 336)

טאָפּטשע

איך בין קעגן ערשטן פּונקט פון דער רעזאָלוציע און האָב קעגן אַט דעם פּונקט געשטימט אין דער קאָמיסיע גופא. אונזער קאָנגרעס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו פאַרייניקן דאָס גאַנצע פּראָגרעסיווע, וועלטלעכע יידישע שול־וועזן. אָבער מיר דאַרפן אויך באַשטימען דעם גייסט און די טענדענץ פון די שולן. דאָס אַרבעטס־פּראָגראַם פון אונזערע שולן דאַרף זיין אין גייסט פון דער פולער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייונג פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין אַלע לענדער. אויך אין פראַנקרייך האָבן מיר שוין אַ וועלטלעכע שול, וואָס איז אַלט 150 יאָר, אָבער דער גייסט פון דער שול איז זייער ווייט פון פּראָגרעסיווקייט. די שול דאַרף אָנגעפילט זיין מיט דער אידעע פון דער קעמפנדיקער מענטש־הייט, און דאָס איז ניט אויסגעדריקט אין דעם פאָרשלאָג פון דער קאָמי־סיע. מיר ווילן פאַרייניקן אַ ל ע, און מיר גייען פון דער וועלטלעכער שול צו דער אַרבעטער־שול.

סודאַרסקי

כ'שלאָג פאָר, אַז צום פּראָגראַם זאָל נאָך צוגעגעבן ווערן די שאַפונג פון אַ וואַנדערנדיקער פּעדאַגאָגישער אויסשטעלונג, ווי אויך די זאָרג פאַרן רעפּערטואַר פון דעם קינד־און שול־טעאַטער.

וועוויאָרקע

אין דעם פּראָיעקט פון דער קאָמיסיע פעלט אַ פּונקט וועגן די אַזוי־גערופענע „צוגאַב־שולן", וואָס עקזיסטירן אין אַ ריי לענדער, ווי אַמעריקע, פראַנקרייך און אַנדערע, און וואָס זענען ניט קיין גרונט־שולן; אויך פאַר דעם טיפּ שולן דאַרפן געשאַפן ווערן ספּעציעלע שול־ביכער און ס'דאַרף אויסגעאַרבעט ווערן אַ באַזונדער פּראָגראַם.

איוועניסקי

אין אַמעריקע זענען פאַראַן 4 פאַרשיידענע שול־אָרגאַניזאַציעס. יע־דע איינע — פון אַ באַשטימטער ריכטונג. ס'וועט כמעט ניט מעגלעך זיין

זיי צו קאָאָרדינירן. מען דאַרף דערפֿאַר אין דער רעזאָלוציע ניט רעדן וועגן קאָאָרדינירונג אין אַ קאַטעגאָרישער פֿאָרם, וואָס באַדייט די שאַפֿונג פֿון אַ צענטראַלער קערפּערשאַפֿט. מען דאַרף נאָר לעת־עתה זיך באַגרענעצן מיט אָנצייכענען ריכטליניעס און בלויז ווי ווייט מעגלעך קאָאָרדינירן.

האָלצמאַן

אין אַמעריקע שטייט די פֿראַגע וועגן קאָאָרדינירן דאָס שול־וועזן שוין יאָרנלאַנג אויפֿן טאָג־אָרדענונג. עס זענען שוין אַפֿילו געמאַכט געוואָרן געוויסע אָנהייבן. אַזוי איז אין דעטראָיט פֿאַראַן אַ פֿאַראייניקטע מיטל־שול פֿון אַלע דריי שול־אָרגאַניזאַציעס. נאַטירלעך, וועט מען ניט טון דאָס, וואָס ס'איז ניט מעגלעך, אָבער דער ווילן פֿון קאָנגרעס איז וואָס מער און וואָס שנעלער צו קאָאָרדינירן די שול־באַוועגונג. וואָלט מען אַריינגענומען אַן אויסגעשפּראָכענע סאָציאַלע פּלאַטפֿאָרם, וואָלט דאָס באַדייט אויסשליסן איין טיפּ שולן, ווי די שלום־עליכם־שולן אין אַמעריקע, למשל, וואָס זענען ניט קיין פּראָגראַם־שולן. עס איז גענוג צו זאָגן: וועלטלעכע שולן, דאָס מיינט שוין סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַפֿרייונג.

לייוויק

איך בין ניט מסכים אַריינצושטעלן דאָס וואָרט „ווי ווייט מעגלעך". קאָאָרדינאַציע באַדייט שוין: ווי ווייט מעגלעך. איך בין אויך קעגן דעם צוגאָב וועגן „נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפֿרייונג", ווייל דאָס שליסט אויס געוויסע שול־טיפּן, וואָס האָבן ניט דעם פּונקט אין זייער פּראָגראַם. עס איז גענוג צו באַטאָנען אונזערע פּרינציפּן אין דער אַלג. דעקלעראַציע פֿונם קאָנגרעס, וואָס וועט רעדן קלאָר און דייטלעך וועגן גייסט פֿון אונזער אַרבעט. אין פּרינציפּ ווילן מיר פֿאַראייניקן אַלע שולן, וווּ עס ווערט געלערנט יידיש, אַפֿילו ענגלישע שולן און אַפֿילו תּלמוד־תּורות; אויב זיי לערנען יידיש און זיי ווילן זיך אָנשליסן צו אונז, דאַרף מען פֿאַר זיי געפֿינען אַ פּלאַץ.

דייר מוקדוני

קאָאָרדינאַציע מיינט ניט צוואַנג, אָדער ענגע פֿאַרבינדונג. עס גייט בלויז אין אויסמיידן, ווי ווייט מעגלעך, פּאַראַלעליזמען אין דער אַרבעט,

און דערמיט אויסמיידן פארלוסט פון איבעריקער ענערגיע. דערפאר בין איך קעגן דעם צוגאב פון „ווי ווייט מעגלעך“.

פרוי סודאַרסקי

אויך איך בין ניט מסכים מיטן צוגאב פון פרינציפּ „סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַפרייונג“ צום ערשטן פונקט פון דער רעזאָלוציע, און דאָס — צוליב פּאָליטישע מאָטיוון, ווייל דאָס וואָלט באַדייט, אַז מען וואָלט צוגעמאַכט אונזערע שולן אין פיל לענדער. ביי אונז זענען נאָך פאַראַן שולן פון „יבנה“, וווּ מען לערנט יידיש און מיר טאָרן זיי ניט פאַרשליסן דעם וועג צו אונז.

אַראָנאָווסקי

עס וואָלט געווען נייטיק אויפצושטעלן אַ מאַקסימום־און אַ מינימום־פּראָגראַם. דעם מינימום קענען מיר שוין רעאַליזירן. אַזוי, למשל, אויפן געביט פון זאַמלען באַריכטן און מאַטעריאַלן וועגן די שולן און זייערע פּראָגראַמען אין די פאַרשיידענע לענדער. דאָס איז ביז איצט ניט געשען און איז אַ גאָר וויכטיקע אויפגאַבע פאַר אונזער צענטראַלע.

ראָזנבערג

בעתן צונויפרופן דעם קאָנגרעס, האָבן מיר ניט געשטעלט קיין באַדינגונגען. דאָס איינציקע, וואָס מיר האָבן פאַרלאַנגט, איז געווען צום בויען און פאַרטיידיקן די יידיש־וועלטלעכע קולטור. דער קאָנגרעס דאַרף פּראָקלאַמירן דאָס רעכט פון דער יידישער שפּראַך אַלס אונטעריכטס־שפּראַך אין יענע עפנטלעכע שולן, וווּ עס לערנט זיך אַ גרעסערע צאָל יידישע קינדער. דער קאָנגרעס דאַרף אַרויסלאָזן אַ רוף צו פאַרייניקן אַלע טיפּן פון פּראָגרעסיווע יידישע שולן.

טשערניאַק

די פראַגע פון די תלמוד־תורות געהערט ניט צו דעם געביט פון שול־וועזן, נאָר איז אַ פראַגע פון דער אויסברייטערונג פון יידיש. אויב מיר רעדן פון שולן, וואָס ווילן צו אונז געהערן, האָבן מיר אין זינען נאָר פּראָ־

גרעסיווע שולן, און אויב תלמוד־תורות ווערן פראָגרעסיוו, זענען זיי נים קיין תלמוד־תורות. געוויס, קענען מיר, צוליב פאַרשיידענע און אויך פּאָ־ליטישע טעמים, ניט זאָגן: „סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַפרייונג", אָבער מיר קענען זאָגן: שולן מיט יידישער אונטעריכטס־שפּראַך און אין גייסט פון דער דעקלאַראַציע פונם קולטור־קאָנגרעס.

גאָרין

מען האָט דאָ צונויפגעמישט אָרגאַניזאַציע־פּראַגן און שול־פּראַגן, מען דאַרף דאָס איצט טיילן און אָננעמען אַ פּונקט, אַז דאָס אַרבעטס־פּראָגראַם פון די שולן וועט זיין פאָרמולירט אינם גייסט פון דער פולער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייונג פונם יידישן פאָלק. מיר דאַרפן אָנצייכענען ריכט־ליניעס פאַר די שולן. מעגלעך, אַז ניט אַלע שולן וועלן אויספילן אויף הונדערט פּראָצענט דאָס פּראָגראַם, אָבער אַן אַלגעמיינע ריכטליניע מוזן מיר זיי געבן.

לויטן פאָרשלאָג פון ד"ר מוקדוני, ווערט אָנגענומען די רעדנער־ליס־טע צו שליסן.

אַלגין

די רעזאָלוציע, אַזוי ווי זי ווערט פאָרגעשלאָגן פון דער קאָמיסיע, איז זייער אַ גוטע; זי ווייזט פאַר דער קומענדיקער צענטראַלע דאָס פּראָג־ראַם פון אונזער שול־אַרבעט. דאָס איז אַ פּראָגראַם, וואָס איז זייער אָנצי־ענדיק פאַר אַלע שול־טוער, וואָס וועלן מוזן צוגעבן, אַז אין פּאַריז זענען ניט געזעסן גלאַט מלמדים, בטלנים און שרייבער, נאָר מענטשן, וואָס פאַר־שטייען גוט דאָס שול־וועזן. דאָס איז דער פאַרדינסט פון דער רעזאָלוציע. די קענער פון דער רעזאָלוציע האָבן אויסגעאַרבעט אַ זייער גוט פּראָג־ראַם, נאָר מיט דער צווייטער האַנט לאָזן זיי אַראָפּ אַ באַריער און זאָגן: ביז אַהער און ניט ווייטער. די אַנדערע לאָזן מיר ניט אַריין. מיר אָבער ווילן אַ ל ע שולן. מיר קענען ניט איבערהזרן ביי יעדער רעזאָלוציע, אַז מיר דאַרפן אונזער אַרבעט פירן אינם גייסט פון קאָנגרעס און פון זיין פּראָגראַם, וואָס זאָגט אַזוי און אַזוי. מיר וועלן אָננעמען אַן אַלגעמיינע דעקלאַראַציע, וואָס וועט קלאָר פאַרקערפּערן אונזער פּרינציפּ. דאָס וועט זיין דער פּרינציפּ פון אונזער ווייטערדיקער אַרבעט, וואָס איז דעטאַלי־

זירט אין די פאַרשיידענע רעזאָלוציעס. און צו די קעגנער פון דער דעקלאַראַציע זאָג איך: מיר וועלן פון קיינעם ניט פאַרלאַנגען קיין פּאַס, אָבער אונזער מאָראַלישער איינפלוס, אונזער אידעאָלאָגיע וועלן זיין אַזוי שטאַרק, אונזער אָרגאַניזאַציע און אונזער פירערשאַפט אַזוי גוט און פּרעסטיזש־פול, אַז אַלע אַנדערע שולן, אויב זיי האָבן נאָך ניט אונזער פּראָגראַם, וועלן פון דעם פּראָגראַם דורכגעדרונגען ווערן, אויב מיר וועלן זיי נאָר אַריינגעמען צו אונז. און מיר מוזן אַריינגעמען וואָס מער. — איך בין אויך קעגן דער פאָרמולירונג פון אַ מאַקסימום און מינימום־פּראָגראַם, ווייל דאָס ליגט אין כאַראַקטער פון יעדער רעזאָלוציע.

ד״ר פּאַקס

מיר דאַרפן דאָ רעקאָמענדירן אונזער צענטראַלע, אַז זי זאָל אויסאַרבעטן אַ טיפּ פון אַ מוסטער־שולע און זאָל אַרויסשיקן אינסטרוקטאָרן, וואָס זאָלן אָרגאַניזירן דאָס שול־וועזן אין יענע לענדער, וווּ עס זענען נאָך ניטאָ קיין יידישע שולן. וואָס איז שייך קאָאָרדינאַציע, דאַרפן מיר וויסן, אַז דער פּאַראַלעליזם שטעלט אין סכנה די עקזיסטענץ פון טייל שולן. אַזוי זענען אין ניו־יאָרק אַ סך שולן אונטערגעגאַנגען מחמת דער קאָנקורענץ פון איין שול־אָרגאַניזאַציע מיט דער צווייטער. עס האָט עקזיסטירט, למשל, אַ שלום־עליכם־שול אין די בראָנקס, איז געקומען דער „אַרבעטער־רינג״ און די „אומפּאַרטייישע״ און האָבן געעפנט אייגענע שולן אין דער זעלבער געגנט. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אין משך פון צוויי יאָר זענען אַלע דריי שולן אונטערגעגאַנגען. אויב מיר גייען איצט שאַפן אַ פּראָגראַמאַטישע קאָאָרדינאַציע, דאַרפן מיר, ווייניקסטנס, באַשטימען אַ פּראַקטישע ריכט־ליניע. עס טאָרן ניט געגרינדעט ווערן שולן בלויז צוליב פּאַרטיי־צוועקן; די פונדאַמענטן פון די שוין־עקזיסטירנדיקע שולן טאָרן ניט אונטערגעבראָכן ווערן.

פּיניע קאַץ

איך בעט אייך, צוליב דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון אונזערע שולן אין אַרגענטינע, נים אָנצונעמען דעם צוגאָב־פאַרשלאָג פון דער ח׳ טאַפּטשע, ווייל דאָס וואָלט באַדייט אַ סוף־מאַכן מיט אונזער שול־וועזן.

דייר לעווין

די פראַגע פון קאָאָרדינאַציע איז אויספירלעך באַהאַנדלט געוואָרן אין דער קאָמיסיע. מיר האָבן גענומען אין באַטראַכט די באַזונדערע באַדינגונגען און זענען געקומען צום הסכם, אַז אונזער פאָרמולירונג קען אָנגענומען ווערן פון אַלעמען. מיר רעדן דאָך ניט פון אַ צוואַנג, נאָר מיר זאָגן אויסדריקלעך, אַז מיר שטרעבן צו שאַפן אַ קאָאָרדינאַציע. וואָס איז שייך די פּראָגראַמאַטישע גרונט־פּרינציפּן, זענען מיר אַרויסגעגאַנגען פונם געדאַנק, אַז דער גאַנצער כאַראַקטער ווערט באַשטימט פון דער אַלגעמיינער דעקלאַראַציע, וואָס דער קאָנגרעס וועט אָננעמען.

דער פּאָרזיצער פרעגט דער חברטע טאָפּטשע, צי זי איז מסכים צוריקנעמען איר פאָרשלאָג און זיך צו באַנוגענען מיט דער אַלגעמיינער דעקלאַראַציע.

חברטע טאָפּטשע איז ניט מסכים.

איר פאָרשלאָג ווערט מיט אַלע — קעגן צוויי שטימען — אָפּגעוואָרפן, און די רעזאָלוציע פון דער קאָמיסיע (מיטן צוגאָב פון ד״ר פּאָקס) אָנגענומען.

י. נוימאַן: דאָס וואָרט צו אַ באַריכט פון דער טעאַטער־קאָמיסיע, האָט ח׳ ד״ר מוקדוני.

דייר מוקדוני

אונזער אידעאַל איז דאָס געזעלשאַפטלעכע און ניט דאָס קאָמערציעלע טעאַטער. אָבער ביי די איצטיקע באַדינגונגען פאָדערט אַ טעאַטער גאָר גרויסע קאַפּיטאַלן און דערפאַר רעדן מיר אין אונזער רעזאָלוציע נאָר מכוח פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון טעאַטער. מיר לאָזן די געשעפטס־פאַרוואַלטונג פון טעאַטער אין פּריוואַטע הענט, אָבער מיר נעמען איבער דעם מאָראַלישן און אינסטרוקטיוון אויפזיכט איבער אים. מיר געבן אים הילף און שטיצע. אויב עס וועט שפּעטער זיך איינגעבן צו שאַפן דעם ריינעם געזעלשאַפטלעכן טעאַטער, וועט דאָס זיין אַ גרויסע דערגרייכונג.

איך לייג פאָר דעם קאָנגרעס די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע פון דער טעאַטער־קאָמיסיע: (אָנגענומענער טעקסט, זע זייט 333).

מאָריס מייער

איך מיין, אַז די רעזאָלוציע דריקט אויס צו ווייניק אַנערקענונג פאַר די יידישע קונסט־טרופּעס פון אַמעריקע און פּוילן, וואָס האָבן געהויבן דאָס טעאַטער אויף אַ הויכן ניוואָ.

האַלבּרייך

דער קולטור־קאָנגרעס, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע געביטן פון דער יידישער קולטור, האָט וועגן יידישן טעאַטער ניט אַרויסגעזאָגט קיין נײַ וואָרט. איך שלאָג פאָר, אַז דער קאָנגרעס זאָל שאַפן אַ פאָנד פאַר אַ יידישן טעאַטער־טעכניקום, וואָס זאָל צוגרייטן שוישפּילער, רעזשי־סאָרן, מאַלער, מוזיקער, אַלע, וואָס האָט אַ שייכות צום טעאַטער. אַזוי אַרום וואָלט פאַרווירקלעכט געוואָרן אַן אַלטער חלום פּרצס און ווייטערס. איך שלאָג אויך פאָר צו שאַפן אַ באַוועגלעכן יידישן קונסט־טעאַטער פאַר אַלע יידישע קיבוצים אין דער וועלט.

נחמן מייזיל

איך האַלט די רעזאָלוציע פאַר ניט גאַנץ געלונגען: מיר זענען ניט די פאַרזאָרגער פון עמיצן, נאָר מיר אַליין שאַפן און בויען. פּונקט אַזוי ווי די באַפרייונג פון די מאַסן קען נאָר קומען פון די מאַסן גופא, קען די אַר־בעט פאַרן יידישן טעאַטער געמאַכט ווערן נאָר מיט די אייגענע כוחות פון אַט דעם טעאַטער.

די רעזאָלוציע אידענטיפיצירט דעם שונד־טעאַטער מיט דעם אַלטן יידישן טעאַטער. די דאָזיקע איינשטעלונג איז דורכויס אַ פאַלשע. מיר האָבן גרויסע פּאָזיטיווע ווערק און דערגרייכונגען אינם טעאַטער. מיר ווילן ניט צעשטערן, נאָר רעגולירן, אויסבעסערן און פאַרשטאַרקן. דאָס דאַרף זיין דער אינהאַלט פון דער רעזאָלוציע, ווייל דאָס איז דער ווילן פון קאָנגרעס. די רעזאָלוציע דאַרף איבערגעאַרבעט ווערן, זי דאַרף אָנ־ווייזן די געוואַלטיקע דערגרייכונגען אין דער יידישער טעאַטער־קונסט און דאַרף אויסדריקן אונזער ווילן צו ענדערן, אויסצובעסערן דאָס שלעכ־טע און פּעלערהאַפטע. זי טאָר אָבער בשום אופן ניט זאָגן, אַז מיר האָבן גאָרניט און אַז מיר דאַרפן אַלץ אָנהייבן גאַנץ פון דאָס נײַ.

נ פראַנק

די יידישע שונד־אַקטיאָרן זענען געווען אין מאַנכע ערטער יענע, וואָס האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פאַרן יידישן קולטור־בנין. אויב מיר האָבן היינט אַ קולטור־קאָנגרעס, פאַרדאַנקען מיר עס אין אַ גרויסער מאָס דעם יידישן אַקטיאָר. און מען טאָר אים ניט פאַראורטיילן פון דער טריבו־נע פון אַ יידישן קאָנגרעס. דערפאַר שלאָג איך פאָר ארויסצוּוואַרפן פון דער רעזאָלוציע דעם אָפּזאַץ וועגן שונד־טעאַטער.

ד״ר מוקדוני

מסכים, איך שטרייך אויס די פאָר ווערטער.

קלמן מרמר

די שאַפונג פון אַ טעאַטער־טעכניקום פאַר אַלע לענדער איז ניט מעג־לעך, ווייל יעדעס לאַנד געפינט זיך אין באַזונדערע באַדינגונגען.

פרוי סודאַרסקי

אָן אַ טעאַטער־טעכניקום וועלן מיר ניט מאַכן קיין שריט פאָרויס, מיר טאָרן זיך ניט שרעקן פאַר פינאַנציעלע שוועריקייטן.

ד״ר מוקדוני

מען האָט דאָ געזאָגט, אַז איך האָב געוואָלט באַליידיקן דאָס יידישע טעאַטער. דער דאָזיקער אומגערעכטער פאָרוואורף האָט מיך טיף גערירט. דאָ שטייט פאַר אייך אַ מענטש, וואָס האָט געהאָלפן מיט לייב און לעבן יעדן פרווו צו שאַפן אַ בעסער יידיש טעאַטער. עס איז ניט געווען קיין איין טעאַטער־אַקציע, ווו איך בין ניט געווען אַקטיוו באַטייליקט און עס איז באמת אַ ביסל קאָמיש, אויב עמיצער מיינט, אַז איך האָב געהאַט אַ כונה צו באַליידיקן דאָס טעאַטער. איך בין מסכים דאָס וואָרט „שונד" צו שטרייכן. איך בין קעגן דער שאַפונג פון אַ טעכניקום, ווייל, ווי אַ פּראַק־טיקער, ווייס איך, וואָס מען קען בויען און וואָס ניט. אַ טעכניקום אין אַ וועלט־מאַסשטאַב איז אַן אומזין; מיר דאַרפן זיך רעכענען מיט דעם באַ־

דאקטער פון יעדן באַטרעפנדיקן לאַנד. אין אַמעריקע קען ניט שפּילן אַ שוישפּילער, וואָס האָט געלערנט אין ריגע (האַלברייך: די יידישע קול־טור איז אויף דער גאַנצער וועלט די זעלבע.) אין יעדן לאַנד זענען פאַראַן געננג דראַמאַטישע שולן, דערפאַר טאַקע באַדאַרף מען ניט קיין באַזונדערן טעכניקום. מיר האָבן איין לאָזונג: שאַפן יידיש טעאַטער.

האַלברייך

אַט דעם לאָזונג האַלטן מיר שוין דרייסיק יאָר. איך בעט אָננעמען מיין פאָרשלאַג צו שאַפן אַ פאָנד פאַר אַ טעכניקום און פאַר אַ באַוועג־לעכן יידישן קונסט־טעאַטער פאַר דער גאָרער וועלט.

מוקדוני

איך בין ניט קעגן ענלעכע פּראָיעקטן, אדרבא, איך באַגריס עס, איך האָב אָבער מורא, אַז דערמיט פאַרמעסטן מיר זיך צו הויך.

די רעזאָלוציע פון דער טעאַטער־קאָמיסיע, (מיט די אויסבעסערונ־גען) ווערן אָנגענומען. (טעקסט, זע זייט 333).

י. נ ו י מ אַ ן : דאָס וואָרט, צום באַריכט פון דער קונסט־קאָמי־סיע, האָט ח' פרענקעל־באָרווין.

באָרווין

נאָך אַ לענגערע דיסקוסיע, בעת וועלכער עס זענען באַטראַכט גע־וואָרן אַלע גרונט־פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות צום יידישן קינס־טלער, האָט די קונסט־קאָמיסיע איינשטימיק אויסגעאַרבעט פאָלגנדיקע רעזאָלוציע. מיר לייגן אייך פאַר זי אָנצונעמען.

די רעזאָלוציע ווערט איינשטימיק אָנגענומען. (פולער טעקסט, זע זייט 340).

דינסטיק, 21־טן סעפטעמבער 1937 (3 נאכמיטאג)

פארזיצער: ה. ל י י וו י ק. בייזיצערס: ב. אדאמיטש, דניאל טשארני. פרעזידיום: מ. אלגין, י. אפאטאשו, בז־אדיר, ד. נארין, י. טונקעל, ד"ר מוקדוני פרוי א. סודארסקי, י. סולטאן, ד"ר ה. סלאוועס, פראפ. מ. קיוועליאוויטש.

לייוויק

איך עפן די שלום־זיצונג פונם קאנגרעס. איך וואלט געוואלט, אז די זיצונג זאל אדורכגיין וואס פייערלעכער און וואס מער חשיבותדיקער, זי זאל פארדינען צו זיין די יום־טובדיקע שלום־זיצונג פון אונזער ליסטונג. איך וויל האפן, אז אלץ, וואס מיר וועלן אויפטון, וועט ראוי זיין צו טראגן אויף זיך דעם נאמען פון אט דער יום־טובדיקער שלום־זיצונג פון אונזער קאנגרעס.

דאס ווארט האט דער ה' ז א ל צ מ א ן צו די פארשלאגן פון דער ארגאניזאציע־קאמיסיע.

זאלצמאן

כ'וועל פארלייענען פאר אייך די רעזאלוציע פון דער ארגאניזאציע־קאמיסיע. (אנגענומענער טעקסט, זע זייט 342).

לייוויק

די רעזאלוציע, צוליב איר גרויסער וויכטיקייט, וועלן מיר שטימען פונקטנווייז.

דער פארשלאג וועגן נאמען פון דער ארגאניזאציע ווערט איינשטימיק אנגענומען.

נחמן מייזיל

כ'לייג פאר אלס צווייטן פונקט פון דער רעזאָלוציע: „צום אַלוועלט־לעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד קענען געהערן אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטייען אויף דעם באָדן פון אונזער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע".

דער פאָרשלאַג ווערט איינשטימיק אָנגענומען. עס ווערט אויך איינשטימיק אָנגענומען דער פאָרשלאַג וועגן דער שאַפונג פון אַ קולטור־פאָנד.

עס אַנטשטייט ווייטער אַ דיסקוסיע וועגן די מעטאָדן, מיט וועלכע עס זאָל געזאַמלט ווערן דער קולטור־פאָנד.

פרוי סודאַרסקי שלאָגט פאָר אַ „קולטור־חודש".

ד"ר פּאַקס איז פאַר אַ „קולטור־וואָך".

י. איווענסקי איז פאַר איינשרייבונגען אין פּנקס פון 5 דאָלאַר.

זאַלצמאַן

די קאָמיסיע גלויבט, אַז אַן אָפּצאָל פון 10 דאָלאַר איז ניט צו פיל: קלענערע אָפּצאָלן וועלן פאַרמינערן דעם כאַראַקטער פון דער זאַך.

דער פאָרשלאַג פון דער קאָמיסיע ווערט מיט אַ גרויסער מערהייט אָנגענומען.

דער פאָרשלאַג, אַז 20 פּראָצ. פון די הכנסות פון יעדן לאַנד דאַרפן באַשטימט ווערן פאַר דער צענטראַלע אין פּאַריז, ווערט אָנגענומען.

ד"ר מוקדוני

דער פאָרשלאַג פון דער קאָמיסיע, אַז אָרגאַניזאַציעס, וואָס שליסן זיך אָן אין די לאַנד־קאָמיטעטן, דאַרפן איינצאָלן אַ סכום פון 5 סענט אַ יאָר פאַר יעדן מיטגליד, פּאַסט פאַר אַמעריקע; אין די קלענערע לענדער דאַרף מען די לאַנד־קאָמיטעטן געבן דאָס רעכט צו באַשטימען אַליין דעם אָפּצאָל.

זאַלצמאַן

מיר באַשטימען ניט קיין אָפּצאָל פאַר מיטגלידער־יחידים, — דער אָפּצאָל פאַרפליכטעט נאָר די אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס.

דער פאָרשלאַג פון דער קאָמיסיע ווערט אָנגענומען.

טשערניאַק

אויב מיר שאַפן ניט קיין מעגלעכקייט אויף פאַר יחידים זיך אָנצו־שליסן אָן אונז, פאַרשפאַרן מיר די טירן פאַר גרויסע מאַסן. איך שלאָג פאָר, אַז דער קאָנגרעס זאָל איינפירן אַ פערסאָנעלן מיטגלידס־אָפּצאָל און איינהייטלעכע מיטגלידער־לעגיטימאַציעס. די הויך פון דעם אָפּצאָל זאָלן באַשטימען די לאַנד־קאָמיטעטן פאַר זיך.

זאַלצמאַן

מיר גייען דאָ ניט שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע מיט אינדיווידועלע מיט־גלידער און לעגיטימאַציעס, נאָר אַ פעדעראַציע; פאַר יחידים איז פלאַץ אין אונזער קולטור־פאָנד.

ד״ר מוקדוני

אין די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך אין אונז פאַרלויפיק ניט אָנ־געשלאָסן, זענען דאָ אַ סך מענטשן, וואָס ווילן מיט אונז גיין. אויב מיר ווילן געווינען די מענטשן פאַר אונז, קענען מיר דאָס נאָר דערגרייכן דורך אַ מיטגלידס־אָפּצאָל. איך שלאָג פאָר, אַז יעדע לאַנדס־אָרגאַניזאַציע זאָל איינפירן אָן אייגענעם מיטגלידס־אָפּצאָל פאַר יחידים.

שאַץ אַנין

אין אַלע לענדער, ווו עס זענען ניטאָ קיין אָרגאַניזאַציעס, זאָלן גע־שאַפן ווערן געזעלשאַפטן פון „פריינט פון דער יידישער קולטור“. אָט די געזעלשאַפטן זאָלן אויפנעמען יחידים.

לייוויק

ב׳ליוג פאַר אַ קאָמפּראָמיס־פאָרשלאָג: מיר געבן די איינצלנע לענ־דער די פרייהייט, ווי זיך נוהג צו זיין מיט דער פראַגע וועגן יחידים.

דער פאָרשלאָג פון לייוויקן ווערט אָנגענומען.

דער פאָרשלאָג פון דער קאָמיסיע, אַז דער נאָענטסטער קאָנגרעס זאָל פאָרקומען ניט שפּעטער ווי אין צוויי יאָר אַרום, ווערט אָנגענומען.

די רעזאָלוציע פון דער אָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע מיט די צוגעגעבענע אויסבעסערונגען ווערט איינשטימיק אָנגענומען. (טעקסט, זע זייט 342).

זאַלצמאַן

אין נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע, האָב איך דעם כבוד פאָרצולייגן דעם פאָלגנדן צוזאַמענשטעל פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג: (פולער טעקסט זע ביילאַגע)

די ליסטע ווערט אָנגענומען אָן בלאָק ביי איינשטימיקע אַפּלאָדיס־מענטן.

לייוויק

איך האָף, אַז די צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון אונזער פאַרבאַנד וועט אויפטון די אַרבעט, אויף וועלכער מיר וואַרטן; איך האָף, אַז די מענטשן, וואָס זענען אויסגעקליבן געוואָרן, וועלן אויפנעמען די זאַך ניט גלאַט ווי אַ שפּיל, נאָר מיטן באַוווסטזיין און געפיל, אַז זיי גייען בויען אַ גרויסע יידישע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט איבער דער גאָרער וועלט. און דאָס איז אַ גרויסע אַחריות. איך גלויב אָן גוזמא, אַז דער מאָמענט איז אָן אמת־היסטאָרישער אינם לעבן פון אונזער קולטור. איך האַלט, אַז יעדער דאַרף זיך פילן שטאָלץ מיט דעם, וואָס ער נעמט אויף זיך דעם שווערן חוב, און אָט דער שטאָלץ זאָל יעדן פון אונז אָנפילן מיט מוט, כוח און גרויסן גלויבן אין דער זאַך, וואָס מיר גייען איצט בויען.

כדי צו פאַרפעסטיקן אונזער אָפּגעטוענע אַרבעט, וויל איך איצט אייך פאָרשטעלן דעם חבר פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט אויף זיך גענומען דאָס אויסאַרבעטן די אַלגעמיינע דעקלאַראַציע פונם קולטור־קאָנגרעס. דאָס איז דער חבר אַלגין.

אַלגין

ווען מיר האָבן אָנגעהויבן צו גרייטן דעם יידישן קולטור־קאָנגרעס, אָנגעהויבן מיט איינצלנע מענטשן און מיט געשפּרעכן צווישן איינצלנע — האָבן מיר זיך לכתחילה באַגעגנט מיט אַ סך שוועריקייטן. מיר האָבן זיך אַליין געמוזט שטעלן די פראַגע: וועמ וועט גיין?

מיר האָבן געוווּסט, אַז עס וועלן ניט גיין די אַסימילאַטאָרן, אַז עס

זועלן ניט גיין די, וועלכע ווילן ניט אנערקענען די יידישע שפּראַך אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך פונם יידישן פאָלק. מיר האָבן אָבער אויך באַגעגנט אַ סך צווייפל און אַ סך אומצוטרוי צווישן יענע, וואָס האָבן פאַרשטאַנען די נויטווענדיקייט צו פאַרייניקן די כוחות פונם יידישן פאָלק אין קאַמף פאַר זיין קולטור. עס זענען געווען גרויסע ספקות אין דער פראַגע פון די אידעאָלאָגיעס. ווי וועט מען קענען גיין צוזאַמען? מיר שטייען אַלע אויף אַ פּראָגרעסיווער פּלאַטפאָרם, מיר שטרעבן אַלע צו אַ נייער סאָציאַלער אָרדענונג, מיר אַנערקענען אַלע דאָס רעכט פונם יידישן פאָלק אויף דער יידישער שפּראַך און דאָס רעכט פון דער יידישער שפּראַך צו זיין די שפּראַך פונם יידישן פאָלק, אָבער מיר גייען זיך פאַנאַנדער און אָפט גע־נוג דייטלעך אין דער פראַגע, ווי אזוי צו דערגרייכן אַזוינע געמיינזאַמע צילן.

עס זענען געווען אידעאָלאָגישע צווייפלען און — לאָמיר זאָגן, — פאַרדאַכטן, צי זענען ניט פאַראַן ביי דעם אָדער יענעם קיין זייטיקע כוונה׳ס, וואָס האָבן ניט צו טון מיט יידישער קולטור און מיטן וווילזיין פון די יידישע מאַסן? צי האַנדלט ניט אמאָל דער אָדער יענער ווי אַ ראָ־באָט, לויטן באַפעל פון עמיצן פון הינטער די קוליסן, וואָס דיריגירט מיט אים ווי מיט אַ מאַריאָנעטקע? די עיקר פראַגע איז אָבער געווען, צי וועט מען קענען צוזאַמענאַרבעטן?

פאַרשיידענע געשעענישן פונם לעצטן יאָר־צענדליק האָבן געשאַפן אַ גרויסן ריס אין די יידישע קולטורעלע קרעפטן פון אַמעריקע און פון אַנ־דערע לענדער. אַ סך ביז בלוט האָט זיך אָנגעזאַמלט און דאָס האָט אונז אָפטמאָל פאַרגיפטעט ביז די טיפסטע טיפענישן. עס איז געווען די פראַ־גע: צי וועט מען קענען צוזאַמענאַרבעטן און דורכפירן געמיינזאַמע אַק־ציעס? צי וועט מען קענען געפינען אַ געמיינזאַמע פּלאַטפאָרם, צי וועט ניט אַלץ צעפאַלן גלייך ביים ערשטן צוזאַמענטרעף?

וואָס מער מיר האָבן גערעדט, אַלץ מער האָבן מיר איינגעזען, אַז מיר פאַרשטייען זיך, אַז מיר קענען זיך צוזאַמענקומען, אַלץ מער איז קלאָר געוואָרן, אַז מיר קענען געפינען אַ געמיינזאַמען פּראָגראַם פאַר אונזער אַרבעט. קיינער פון אונז האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון זיינע איבערצייגונ־גען, וועלכע זענען טיף איינגעוואָרצלט אין זיין וועלט־אַנשויונג. קיינער פון אונז האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דעם פאַרלאַנג צו באַאיינפלוסן דעם צווייטן, די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, די יידישע מאַסן. מיר אַלע אָבער

האָבן באַשלאָסן צוזאַמען צו אַרבעטן און איינגעזען, אַז עס איז מעגלעך.

וואָלט מען אונז מיט 6 חדשים צוריק געזאָגט, אַז מיר קענען האָבן אַזאַ קאָנגרעס מיט אַזעלכע וויכטיקע קולטור־טוער, וואָלטן מיר געזאָגט, אַז דאָס איז דער מאַקסימום, וואָס מיר קענען פאַרלאַנגען. היינט זענען מיר איבערצייגט, אַז עס איז נאָר אַ גוטע התחלה: נאָך פיר טעג אַרבעט, איז נאָך מער ווי פריער קלאָר געוואָרן, אַז מיר האָבן באמת דאָ אַ געמיינזאַמע פּלאַטפאָרם.

די קאָמיסיע, וואָס איר האָט אויסגעוויילט, כדי אויסצואַרבעטן די דעקלאַראַציע, איז באַשטאַנען פון לייוויקן, בן אַדיר און אָלגין. פאַר אונז איז געווען קלאָר, אַז מיר זענען אַלע איינּיק, עס איז שוין ניט געבליבן וואָס צו דיסקוטירן, און ווען מיר זענען דערנאָך געקומען אַדורכלייענען דעם פאַרטיקן פּראָיעקט, איז עס בלויז געווען אַ פראַגע פון רעדאַקציאָנעלע אָדער סטיליסטישע קליינע ענדערונגען און ניט פון וועלכער ניט איז פּרינציפּיעלער אויסזעצונג אָדער אַפילו שאַטירונג פון אַ מיינונג.

עס האָבן נאָך אַנדערע חברים מיטגעהאָלפן, אַזוי, אַז די דעקלאַראַציע איז בעצם שוין אַ קאָלעקטיווער דאָקומענט. מיר זענען אים זייער גענוי דורכגעגאַנגען, מיר האָבן אַדורכשטודירט יעדעס וואָרט און מיר וואָלטן געבעטן, אַז כאָטש יעדן איינצלנעם וועט איינפאַלן די אָדער יענע פאָרמולירונג — און דאָ געפינען זיך כלל־טוער און שריפטשטעלער און קינסטלער, און יעדער איינער וועט טראַכטן, אַז ער קען געפינען אַ בעסערע פאָרמולירונג, אָדער אַז דער פּונקט אָדער יענער פּונקט זענען ניט אַריינגעשטעלט געוואָרן אין דער דעקלאַראַציע — וויל איך בעטן, אַז יעדער איינער זאָל אויסאיבן אַ זעלבסט־קאָנטראָל און ניט מאַכן קיין אויסבעסערונגען צום טעקסט, נאָר אים אָננעמען אַזוי, ווי מיר האָבן אים אויסגעאַרבעט.

מיר האָבן ניט געוואָלט קיין מליצהדיקן דאָקומענט, נאָר אַ דאָקומענט, וואָס זאָל אָנווייזן זייער קורץ און זייער קלאָר, אין וואָס מיר נייטיקן זיך, צו וואָס מיר דאַרפן האָבן אַן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד און וואָס עס דאַרפן טון די צענטראַלע קערפּערשאַפט און די לענדער־קערפּערשאַפטן.

דער דאָקומענט לייענט זיך אַזוי : (זייט 325).

דער מאַניפעסט, וואָס אַלגין האָט פאָרגעלייענט, ווערט פון די דעלע־גאַטן אויפגענומען מיט לאַנג־דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן.

אַלגין

חברים, איר האָט געגעבן אייער ענטפער: מיר דוכט זיך, אַז די אָפּ־שטימונג איז געמאַכט.

לייוויק

ווי א פאָרזיצער, דאַרף איך דעם מאַניפעסט נאָכאַמאָל פאָרמעל באַ־שטעטיקן. ווער עס איז פ אַ ר דעם מאַניפעסט, זאָל אויפהויבן די האַנט און זאָגן יאָ. (נאָך דער אָפּשטימונג) דער מאַניפעסט איז איינשטימיק אָנ־גענומען געוואָרן.

אַלגין

איך קען זיך ניט אָפּהאַלטן צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער. בעתן שלום פון קאָנגרעס איז געבליבן נאָר פרייד: די אַרבעט איז, אייגנטלעך, פאַרענ־דיקט. ניטאָ קיין גרעסערע פרייד, ווי די פרייד פון שאַפן, ניטאָ קיין גרע־סערער וווּנדער, ווי דער וווּנדער פון לעבן; און ווייל דער וווּנדער פון לעבן, פון געבורט איז אַזוי גרויס, דערפאַר איז די פרייד פון שאַפן אַזאַ גרויסע פרייד.

מיר אַלע, וואָס האָבן גענומען אָנטייל אין אויפבויען דעם קאָנגרעס, אין דורכפירן די קאָנגרעס־אַרבעטן, אין אויסגלייכן שוועריקייטן, אין טרייבן קריטיק — מיר אַלע וועלן אַוועקטראָגן מיט זיך אויף שטענדיק די דערינערונג, אַז עפּעס וויכטיקס איז געשען ניט נאָר אין אונזער לעבן, נאָר אין לעבן פונם יידישן פאָלק.

מיר לעבן איבער טראַגישע צייטן, עס הויבן זיך טונקעלע כוואַליעס צו פאַרטרינקען דאָס פאָלק. אַ סך פון אונז געדענקען די צייט פונם צאַ־רישן רוסלאַנד, אָבער אַפילו די רדיפות פון צאַריזם זענען גאָרניט אַנט־קעגן דעם, וואָס עס קומט אונז היינט אוים אויסצושטיין אין אַ סך אייראָ־פּעישע לענדער. שאַרף און אומברחמנותדיק איז דער קאַמף צווישן די קרעפטן פון פאַרניכטונג און טויט און די קרעפטן פון אויפבוי און פריי־הייט. די יידן מוזן זיך געפינען אויפן צד פון פּראָגרעס, פון פרייהייט, פון

דעמאָקראַטיע, מוז זיך געפינען אין לאַגער, וואָס קעמפט קעגן דער פאַר־ניכטונג און טויט — און דאָס הייסט: די יידן דאַרפן זיך פאַרייניקן.

צי איז אַזאַ פאַרייניקונג מעגלעך? ס׳זענען דאָ אַזעלכע, וואָס ווילן דאָס ניט אָנערקענען, וואָס צוליב שמאָלע, ענג־פּאַרטייישע, אָדער אָרגאַ־ניזאַציאָנעלע טעמים, ווילן זיי ניט קיין פאַרייניקונג פון אַלע קרעפטן פונם יידישן פאָלק, פאַרן קאַמף פאַר זיין רעכט, זיין עקזיסטענץ, זיין קול־טור, זיין רעכט צו אָטעמען, צו לעבן. דער קאָנגרעס איז אַ באַווייז, אַז עס זענען אויפגעוואַקסן די קרעפטן, וואָס וועלן ברענגען מיט דער צייט אַ גרעסערע פאַרייניקונג, אַ מעכטיקערן צוזאַמענשליס פון אַלע לעבעדיקע כוחות פון יידישן פאָלק.

די יידישע קולטור — מען האָט אַ סך גערעדט וועגן דעם, וואָס זי איז און וואָס זי דאַרף זיין. אָבער ווען עס קומט צו פּראַקטישער אַרבעט, ווען מיר טראַכטן וועגן האַרעפּאַשניק, וועגן פאָלקס־מענטשן, זענען מיר דאָך אַלע אייניק, אַז ער פאַרדינט צו נעמען דאָס שענסטע און בעסטע, וואָס דער מענטשלעכער גייסט האָט געשאַפן; אַז מען דאַרף אים ניט שפּייזן מיט אָפּשניצלעך, נאָר מיט דעם, וואָס שפּראָצט פון די פרישע, שעפערישע קוואַלן און גייסטער, יידישע און ניט־יידישע. מען דאַרף אים בילדן, אָבער מען דאַרף אויך לערנען זיך ביי אים, מען דאַרף זיך דורכ־דרינגען מיט זיין אָפּטימיזם, מיט זיין גלויבן, מיט זיין מוט צום קאַמף, מיט זיין מוט אויסצושטיין רדיפות.

די יידישע מאַסן האָבן אַריינגעשריבן גלענצנדיקע קאַפּיטלען אין אָט דעם קאַמף פון די לעצטע יאָרן. די יידישע מאַסן געבן זיך ניט אונ־טער, זיי האָבן געהאָלפן בויען זייער קולטור, זייערע אָרגאַניזאַציעס, זיי שטייען פעסט אַרום זייערע אָרגאַניזאַציעס ,אפילו ווען די ברוטאַלע האַנט פון דער רעאַקציע וויל זייערע קולטור־שאַפונגען דערשטיקן און פאַרניכטן. פון געשפּרעכן מיט דעלעגאַטן פון פאַרשיידענע לענדער איז קלאָר געוואָרן, אַז די יידישע מאַסן געבן ניט אויף זייערע אָרגאַניזאַציעס, אַז דער מוט צו פאַרטיידיקן זייער רעכט איז ניט געבראָכן, אַז דער גייסט איז ניט געבראָכן. דער גייסט פון אונזער פאָלק, דער גייסט פון דער ברייטער יידישער האַרעפּאַשנער מאַסע, — ער איז ניט געבראָכן, ער האָט מעגלעך געמאַכט, אַז מיר זאָלן קומען אַהער, ער האָט מעגלעך געמאַכט, אַז מיר זאָלן זיך דאָ צוזאַמענשליסן.

אפשר האָבן ניט אַלע פון אונז געוווסט, וואָס פאַר אַ כוח עס שטייט

היגמער אונז: דער היינטיקער קאָנגרעס וועט באַפרייען אַ מאַסן־ענערגיע, וועלכע איז ביז אַהער געווען געבונדן. דער קאָנגרעס האָט געפונען אַ סך אַ גרעסערן אָפּקלאַנג, איידער מיר אַלע האָבן זיך גערעכנט. דער קאָנגרעס אַליין איז געוואָרן אַ סך גרעסער און שענער, ווי מיר אַלע האָבן געהאָפט, אַז ער וועט זיין. אונזער לאַנד־קאָנפערענץ אין אַמעריקע איז געווען גרע־סער און שענער ווי די גרעסטע אָפּטימיסטן צווישן אונז האָבן זיך געקענט ריכטן. עס איז אָנגעזאַמלט ענערגיע, טאַט־קראַפט, שאַפונגס־קראַפט אין יידישן פאָלק. אויף אונז ליגט דער חוב — אויסצולייזן די ענערגיע און געבן איר אַן אויסוועג. דער וועג איז אָנגעוויזן אין אונזער מאַניפעסט: אין דער ריכטונג פון אַ נייער סאָציאַלער אָרדענונג.

מיט דער קראַפט פון אונזער היינטיקן קאָנגרעס, מיטן כוח פון דער אייניקייט, וואָס האָט זיך דאָ ארויסגעוויזן, מיט דער באַגייסטערונג ביזן גרונט פון דער נשמה, מיט דער פרייד פון דעם נייעם, וואָס מיר האָבן גע־שאַפן, וועלן מיר זיך אומקערן אין אונזערע לענדער און ברענגען מיט זיך אַ פריידיקן גרוס פון דאָס שיינע, נייע, וואָס עס איז דאָ געשאַפן גע־וואָרן. מיט פאַרייניקטע כוחות וועלן מיר אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק, ווי אַ טייל פון אַלע אונטערדריקטע אין דער גאָרער וועלט, און גיין פאָ־רויס צו אַן אמת שיינער, נייער סאָציאַלער אָרדענונג.

לייוויק

דער אָרגאַניזיר־קאָם. האָט באַשלאָסן די רשימה פון די לעצטע רעד־נערס צו באַגרענעצן אויף זעקס, די איבעריקע וועלן קענען רעדן היינט אין אָוונט אויפן באַנקעט.

איך האָב צו מאַכן אַ קליינע דערקלערונג וועגן דעם צוזאַמענשטעל פון דער אַמעריקאַנישער פאַרטרעטערשאַפט אין דער צענטראַל פאַרוואַל־טונג פון פאַרבאַנד. מיר האָבן דאָ נעכטן בייגעוווינט אַ קאָנפליקט צווישן די יידישע קינסטלער פון פאַריז. אויך צווישן די יידישע קינסטלער אין אַמעריקע איז דאָ אַ קאָנפליקט. דערפאַר האָבן מיר געוואָלט זיי איבערלאָזן צו באַשטימען זייער פאַרטרעטער אין דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג, צו־ערשט אָבער זאָלן זיי אַליין צווישן זיך שלום מאַכן. כדי אָבער אויסצו־מיידן פאַרשיידענע מיספאַרשטייענישן, שלאָג איך פאָר, אַז דער קינסט־לער קוירק זאָל אַריינגיין אין באַשטאַנד פון דער אַמעריקאַנער פאַרטרע־טערשאַפט. (דער פאָרשלאָג ווערט אָנגענומען).

י. אפּאַטאָשו

חשובע דעלעגאַטן,

אין די פינף טעג פון אינטענסיווער ארבעט האָט מען ר ע אַ ל י־ז י ר ט דאָס, וואָס האָט אונז אזוי געשראָקן — דעם אַלוועלטלעכן קול־טור־פאַרבאַנד.

גאַנצע פינף טעג רעדן מיר וועגן קולטור, וועגן יידישער קולטור, ווילן זיך דערגרונטעוועו צום עכטן־גערעכטן, צום סאַמע פינטל. און מיר ווען זיך דערגרונטעוועו.

איך וואָלט געקענט אָנהייבן מיינע פּאָר ווערטער מיט יבנה, מיט סורא און פּומפּודיתא, ביז די קולטור־צענטרן פון קאָרדאָווע, פּאַריז, מיינץ, פּראַג, פּויזן, לובלין. אונזער קולטור־קאָנגרעס, וואָס איז וועלט־לעך, וואָס איז סאָציאַליסטיש, איז אין תוך אָבער אַ המשך פון די אַלע קולטור־צענטרן. און דאָס איז זיין גרויס פאַרדינסט. אָבער ק ו ל ט ו ר און ק ו ל ט ו ר זענען נישט גלייך. וואָס וויל איך אָבער דערמיט זאָגן, חברים? דערמיט וויל איך זאָגן, אַז ווען מען רעדט וועגן קולטור־מענטש, קומען אויפן זינען פּערזענלעכקייטן, ווי אַ פּרוסט, ווי אַ דזשויס. דאָס זענען קינסטלער, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט ברייט וויסן, מיט אָנגע־זאַמלטער היסטאָרישער עשירות צוליב אינדיווידועלע צוועקן, ווי דער ציל פון דער געשיכטע וואָלט געווען צו באַשאַפן אין דעם יחיד אַ מאָדעל פון אַן אויסטערלישער וועלט. נית מער.

אויב דאָס, וואָס פירט אין ערגעץ נישט, איז ק ו ל ט ו ר, האָט נישט געלוינט קיין מענטשלעכע מסירת־נפש, איז אַ שאָד די קרבנות צו קריגן אַזאַ קולטור.

דאָס דאַרף זיין די אויפגאַבע פונם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.

נבואה, תלמוד, קבלה, חסידות, השכלה, יידישיזם, סאָציאַליזם, קאָ־מוניזם — דאָס זענען פּועל־יוצא'ס פון גרויסע היסטאָרישע פּראָצעסן. מיר עטעמען די לופט, וואָס די היסטאָרישע ארבעטן האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך. די היסטאָרישע לופט — איז די נשמה פון יעדער עפּאָכע. דאָס איז איר סטיל.

דאָס איז דער איינציקער צוגאַנג צו קולטור, צו יידישער קולטור

אוודאי און אוודאי, און דאָס דאַרף אויך זיין דער צוגאַנג פון דעם אַל־וועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד, זיין וועלט־קוס און זיין פאָלקס־אידעע.

דער אַלוועלטלעכער קולטור־פאַרבאַנד דאַרף זיך נישט בלויז לאָזן אין דער ברייט, נאָר אויך אין דער טיף.

אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט פרץ זיך נישט באַגנוגנט מיט דער מאַניפעסטאַציע פאַר יידיש. ער האָט גערופן צו מעשים, אַרויפגעלייגט אויף אונז אַ חוב. ער האָט פאָרגעשלאָגן איבערצוזעצן דעם תנ"ך, אַרויסצופירן די יידישע ליטעראַטור פון תחום, פונעם שטעטל, געמאָנט ביי די קינסטלער ר' עקיבא'ן, שפינאָזען, געמאָנט דעם קאָלאָניסט, דעם אַרבעטער.

מיר האָבן דעם חוב באַצאָלט מיט פראָצענט. די יידישע ליטעראַטור איז שוין לאַנג אַוועק פון תחום. זי גראָבט זיך אַלץ טיפער, דער־גייט דורך י י ד י ש צום מענטשן, גלויבט, אַז יידיש מוז גענומען ווערן דינאַמיש, אומעטום, אויף דער גאַנצער וועלט, אין אַלע צייטן.

היינט, חברים דעלעגאַטן, דאַרפן מיר אויף זיך נעמען אַ נייעם חוב, מיר דאַרפן צוטרעטן צו נייע מעשים.

כ'וויל היינט אָננט אויך וואַרפן אַ וואָרט, ס'זאָל זיך אָננעמען, ס'זאָל זיך איינוואָרצלען צווישן אונז, אַ וואָרט, וואָס דאַרף ווערן אַ טאַט. איינע פון אונזערע מעשים דאַרף זיין צו שאַפן אַ ניי בוך, ד אָ ס י י ד י ש ע ב ו ך. אַזוינע ביכער האָבן מיר פון עלטערע תקופות. מיר האָבן דעם אָפּשניט פון תנ"ך, פון משנה, פון תלמוד, ווו אסיפות, אויסגעקליבן פון פאָלק, האָבן פון הונדערטער ביכער אָפּגעקליבן אונזערע בעסטע און אָריגינעלסטע שאַפונגען, זיי איבערגעגעבן דעם פאָלק.

מיר דאַרפן אַ ניי בוך אין יידיש, ווו ס'זאָל אַריינגיין אַן אָפּקלייב פון אונזערע בעסטע קולטור־שאַפונגען פאַר די לעצטע טויזנט יאָר.

און אויב מיר, דעלעגאַטן פונם ערשטן פאַריזער קולטור־קאָנגרעס, וועלן נישט קענען באַצאָלן דעם חוב, וועט עס באַצאָלן דער צווייטער קאָנגרעס, אויב נישט אין פאַריז, איז אין ניו־יאָרק, אין וואַרשע, אין ירושלים, אין מאָסקווע.

פאַר מיר, חברים, איז אונזער קולטור־קאָנגרעס אַ געזאַנג. אונזערע בעסטע פאָעטן דאַרפן שאַפן אַ קולטור־הימן. אַן איינזאַמער בוים, געטריבן פון אַ ווינט, איז אַ טעמע פאַר אַ ליריקער. ס'איז אָבער דאָ אַן

אנדער ליריק, נישט פון קיין יחיד, נאָר פון א גאַנץ פאָלק. ווען די נשמה פון א גאַנץ פאָלק בענקט, וויינט, ווען די נשמה פון א גאַנץ פאָלק שווייגט, ווי ס'שווייגט דער שווערער פינצטערער כותל־מערבי, ווערט די ליריק געבוירן פון א פאָלקס־פּאָעם. די ליריק איז די גאַנצקייט, דער אַמאָליקער יידישער „אחד", וואָס פאַרזיכערט, אַז ס'שטייט א וועלט, ס'שטייט א געביידע, ווו יעדער יחיד איז א פעסטער ציגל.

און דעריבער, חברים, האָב איך געזאָגט, אַז דער אַלוועלטלעכער קולטור־פאַרבאַנד דאַרף זיין א המשך פון אונזערע אַמאָליקע קולטור־צענטרס, ווו מען האָט אַרויסגעלאָזן פאַרפאַנצערטע יחידים. יעדער איינער פון זיי האָט געטראָגן אין זיך די אחריות, דעם כוח, וואָס שאַפט א פאָלק, וואָס היט דעם יחיד פון אונטערגאַנג.

לאָמיר, חברים, נעמען אויף זיך דעם חוב אויסצושמידן אין זיך דעם קולטור־כוח.

ד״ר מוקדוני

איך בין געגאַנגען צום קאָנגרעס ניט דערהיצט, נאָר לאַנגזאַם, און דאָס איז געווען גוט: ביסלעכווייז זיך אַריינגעטון, בהדרגהדיק זיך אייבערגעצייגט. אָבער די טעג, וואָס איך בין אָפּגעזעסן דאָ מיט אייך, האָבן מיר געמאַכט פאַר א הייסן חסיד. איך האָב געהערט יידן פון דער גאַנצער וועלט, פון 23 לענדער, און אַלע רעדן יידיש, פון בראַזיליע און אַרגענטינע, פון וואַרשע און ליטע — אַלע אַזא שיינעם יידיש. איך האָב געמיינט, אַז מיר האָבן באַשאַפן יידיש אין בוך און פאַר דעם האָב איך שטענדיק מורא געהאַט. און דאָ האָבן מיר דערהערט יידיש אין יידישע מיילער און וואָס פאַר א ווונדערלעכן יידיש. מיר האָבן א ווונדערבאַרע אינטעליגענץ, און איך האָב געזען געוואַלטיקן ווילן צו שאַפן און צו בויען אונזער קולטור.

קאָנגרעסן זענען איצט אין דער מאָדע. זאָל אונזער קאָנגרעס ניט זיין איינער פון אַזעלכע טויזנטער קאָנגרעסן. עס איז ביי אונז ניט קיין פראַגע פון יום־טוב און פון שמחה: יידיש איז פאַר אונז — א לעבנס־פראַגע.

קומט יעדער אַהיים מיט אָט דעם גרויסן חוב אויף די פּלייצעס

און נעמט זיך צו דער ארבעט. איך האָב געזען די מענטשן, וואָס זענען אהער געקומען, אַלע פעיקע קולטור־טוער, שול־טוער, טעאַטער־טוער.

איך האָב געמיינט, אַז אַלע יידן זענען פאַרשלונגען דורך די ביטערע דאגות־פּרנסה. דער קאָנגרעס האָט מיר געעפנט די אויגן. עס זענען דאָ אַזוי פיל וווּנדערלעכע יידן, וואָס געבן אָפּ זייער לעבן פאַר דער יידישער קולטור, פאַר דער יידישער שול, פאַר דער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז אַ נס, דאָס האָבן מיר אויסגעהאָדעוועט אין די לעצטע יאָרן, דאָס איז דער כוח פון דער יידישער קולטור. אויב די יידישע קולטור האָט אַזעלכע 104 דעלעגאַטן געקענט אויסהאָדעווען, וועט זי קענען אויסהאָדעווען פאַר דער יידישער קולטור אַ גאַנץ פאָלק.

פּיניע קאַץ

חברים דעלעגאַטן,

איך בין געפאָרן צום קאָנגרעס מיט זייער וואָכעדיקע געדאַנקען, מיט די געדאַנקען פון אונזער וואָכעדיקער טאָג־טעגלעכער זאָרג וועגן דירה־געלט פאַר אונזערע שולן, געהאַלט פאַר אונזערע לערער און לערער פאַר אונזערע געהאַלטן; ביכער פאַר אונזערע ביבליאָטעקן און פאַרלאַגן פאַר אונזערע ביכער; מיט דער זאָרג פון אַ רעדאַקטאָר, וואָס מוז געבן פּלאַץ פאַר רעצענזיעס וועגן טעאַטער־מאַכערייקעס, דעמאָלט ווען אים קערט די גאַל; מיט דער זאָרג וועגן אונזער „איפט" (אונזער אַרגענטינער „פּיאַט" און „אַרטעף"), וועגן אַ רעזשיסער, וואָס זאָל בכוח זיין אויפצוטרייסלען מיט זיינע ספּעקטאַקלען די זיילן אינם דעגענערירטן טעאַטער; מיט דער זאָרג וועגן רעפערענטן און לעקטאָרן פאַר אונזערע קולטור־צענטרס און פאָלקס־אוניווערזיטעטן און מיט דער זאָרג פאַר די סורפּריזן, וואָס דער פאַשיזם גרייט אונזער קולטור, ווו נאָר ער שטעלט זיך אָפּן אָדער פאַר־שטעלטערהייט ביי דער מאַכט.

און איך מוז עס דאָ זאָגן ביים שלום פונם קאָנגרעס, אַז ווען מיינע וואָכעדיקע זאָרגן האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן דעם יאָנטעוודיק־היסטאָרישן רעפעראַט פון ח' אַפּאַטאַשו און פילאָזאָפיש־עטישן רעפעראַט פון ח לייוויק, האָט מיר גענומען שווינדלען פאַר די אויגן, שווינדלען פון דער הויך און פון דער טיף, פאַר וועלכע זיי האָבן מיך אוועקגעשטעלט צוזאַמען

מיט דעם גאנצן קאנגרעס. דער רעפעראט פון ח' אלגין האט מיך צוריקגע־בראכט צו דער ווירקלעכקייט, אבער ער האט מיר געגעבן אזא בילד פון דער צוזאקסענער און אויסגעוואקסענער יידישער קולטור, וואס האט מיר געדינט אלס לייטער, אלס דער יעקב־אבינו־לייטער, וואס זיין שפיץ דער־גרייכט צום הימל, צו די וויזיעס פון לייוויק און אפאטאשו.

מיין זארג איז איצט: ווי אזוי וועל איך, דער שליח פון ארגענטינע און אורוגוואי צו דעם קאנגרעס, קענען אפברענגען צו די, וואס האבן מיך געשיקט, אט די הויכקייט און טיפקייט, מיט די פערספעקטיוון, וואס דער קאנגרעס האט געעפנט פאר דער יידישער קולטור אין גאר דער וועלט.

געפארן בין איך אהער מיט דער זארג און מיט דעם פיינלעכן געפיל, וואס די קעגנערשאפט צום קאנגרעס האט ביי מיר ארויסגערופן, די קעג־נערשאפט גראד פון אזעלכע ווו איך האב זי ניט דערווארט. מיך פרייט, וואס אט די קעגנערשאפט איז פארשוונדן און וואס אויך די אנ־דערע זוכן שוין א טיר דורך וועלכער זיי זענען גרייט צו אונז צוצוקומען, א טיר, וואס מיר האבן אפן געלאזן, וואס מיר האבן גאנץ ברייט פאר זיי צעעפנט.

איך פאר צוריק פונם קאנגרעס מיט דער גרויסער באפרידיקונג, וואס איך בין בייגעווען און פארטראטן די אינסטיטוציעס, וואס האבן מיך גע־שיקט, אויפן יידישן קולטור־קאנגרעס, וואס איז געשטאנען אויף דער הויך פון אונזערע ביז איצט דערגרייכטע קולטור־פאזיציעס און האט פאר־שטאנען די אויפגאבן זיינע אין אונזער שווערער, אחריות-פולער צייט.

בן-אדיר

חשובע חברים,

מיר האלטן איצט שוין ביי נעילה פון קאנגרעס, און אין אט דעם פייערלעכן מאמענט דערלויב איך זיך צו זיין מיט אייך א ביסל אינטים און זאגן א פאר ווערטער פון הארצן.

אין דער טראגישער סיטואציע, אין וועלכער עס געפינען זיך איצט די יידישע פאלקס־מאסן אין פארשיידענע לענדער, האב איך מיט אלע מיי־נע חושים דערפילט דעם אבליגאטארישן חוב, וואס ליגט אויף אונזערע אלע פראגרעסיווע קולטור־טוער, וואס ענגער צוזאמענשליסן די רייען און

וואָס פעסטער צעמענטירן די קולטור־כּוחות, כּדי צו פאַרטיידיקן די לעבנס־פּאָזיציעס פון אונזער מאָדערנער קולטור, און געמיינזאַם דורכשלאָגן דעם וועג פאַר אונזער ווייטערדיקער שאַפערישער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַנטוויקלונג. קיינער טאָר זיך ניט באַפרייען פון אָט דעם עלעמענטאַרן מאָראַלישן חוב, און ס'איז באמת אַ שווערע זינד אויפצוזוכן קינסטלעך שטערונגען און כּלומרשטע מאָטיוון, כּדי צו באַרעכטיקן די געפערלעכע צעשפּליטערונג און דעם ברודער־האַס אויפן געביט פון אונזער קולטור־טעטיקייט.

איך מוז זיך אָבער מודה זיין, אַז ביי מיר אין האַרצן האָט כּסדר גענאָגט דער וואָרעם פון גרויסע ספקות, צי איז דאָס ניט אַן אוטאָפּיע, אַ חלום: איז דען אַזוינס מעגלעך ביי אונז, מיט אונזער סאַנגווינישן טעמפּעראַמענט, צווישן אונזער אינטעליגענץ, וווּ די ליידנשאַפטן צעשפּילן זיך אָפט אַזוי שטאַרק, אַז אַפילו די סאַמע לייכטע סתירות ווערן פאַרטיפט ביז טיפסטע תּהומען? און ווייטער — שטייען מיר ניט פאַר דער געפאַר, אַז דער קולטור־קאָנגרעס גופא זאָל זיין אַ באַשיינפּערלעך באַוויז פון אָט די טרויעריקע אייגנשאַפטן אונזערע, און אַנשטאָט צו אייניקן וועט ער נאָך מער פאַרברייטערן די ריסן און פאַרשאַרפן די קעגנזאַצן?

איצט האָבן מיר שוין דעם קאָנגרעס הינטער זיך, און איך בין גליקלעך פעסטצושטעלן, אַז אונזער ערשטער פּרוּוו — דער ערשטער קולטור־קאָנגרעס — האָט זיך גלענצנד איינגעגעבן, האָט אין דעם פּרט איבערגעשטיגן אַלע אָפּטימיסטישע דערוואַרטונגען. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז יאָ מעגלעך אַפילו ביי אונז, יידן, צו פאַראייניקן חבריש אויף אַ פּאָזיטיווער שאַפנדיקער אַרבעט קולטור־טוער פון פאַרשיידענע שטרעמונגען און ריכטונגען, וואָס אויפן פּאָליטישן געביט באַקעמפן זיי שטאַרק איינער דעם אַנדערן. ס'וועט זיך נאָר פון ערנסטן, אויפריכטיקן ווילן און פון קלאָרן באַוווּסטזיין, אַז דאָס איז דער דרינגנדער געבאָט פון אונזער צייט.

דאָס איז פאַר מיר דער העכסטער געווינס און דער גרעסטער אויפטו פון אונזער קאָנגרעס.

נחמן מייזיל

עס איז דאָ אין דער יידישער אגדה: ווען די יידן זענען געגאַנגען אין דער מדבר פערציק יאָר, איז נאָך יעדער מגפה, האָט דער רבונו של עולם באַפוילן משהן — „לך ספור", גיי ציי֞ל איבער די יידן, וויפל זיי־

ער צאָל! אויך מיר דאָ אויפן קאָנגרעס, אויף דער היינטיקער זיצונג
האָבן אויסגעהערט דעם באַריכט וועגן דער צאָל דעלעגאַטן, צאָל לענ־
דער, וואָס האָבן געשיקט אהער זייערע פאָרשטייער, די צאָל אָרגאַניזאַ־
ציעס, וואָס זענען פאַרטראָטן אויפן קאָנגרעס. אָבער ניט נאָר א שווע־
רע צייט פון מגפה מיט גזרות און צרות לעבן מיר איצט איבער. מען
האָט דאָ גערעדט וועגן יידישן פוילן, גערעדט מיט באַדויער און רח־
מנות, אָבער ניט נאָר פון פשיטיק און בריסק באַשטייט דאָס יידישע
פוילן. עס ווערט דורך די דאָרטיקע יידישע מאַסן געטון א געוואַלטיקע
שעפערישע אַרבעט. און דאָס זעלבע אויך אין א ריי אַנדערע יידישע
קיבוצים און ישובים. מיר דאַרפן פאַר זיך אַליין פעסטשטעלן און
קאָנסטאַטירן — ניט מחמת דוחק אין שאַפונגס־ענערגיע זענען מיר
אַלע אהער געקומען, נאָר אדרבא, דער שאַפונגס־איבערפלוס האָט אונז
אַלעמען אהער געבראַכט. די שאַפונגס־ענערגיע גייט לאיבוד, ווען זי
ווערט געפירט אָן א טאַלק, אָן א סיסטעם, צעשפּליטערט און צע־
טיילט. אונזער אויפגאַבע איז געווען און איז: האַמעווען די שאַפונגס־
ענערגיע, אריינברענגען זי אין א שטראָם, שטעלן דאַמבעס פאַר די אי־
בערפלוסן. מיר זענען די לעצטע יאָרן עדות פון א געוואַלטיקער עקס־
פאַנסיע פון דער יידישער מאַסן־שאַפונג. מען האָט דאָ און אין דער לי־
טעראַטור־קאָמיסיע גערעדט וועגן פראָדוצירער און קאָנסומענטן, —
דעם פראָדוצירער געמיינט דעם קינסטלער, און די קאָנסומענטן דעם
עולם. אָבער אזא פונאַנדערטיילונג איז א פאַלשע. די מאַסן זענען די
פראָדוצירער, זיי גרייטן צו שטאָף, מאַטעריאַל פון וועלכן דער קינסט־
לער שאַפט דערנאָך ווערק. ניט אַפּאַטאַשו, ניט לייוויק, וואָס זייערע
נעמען זענען דאָ פיל מאָל דערמאָנט געוואָרן, אויך ניט אַנדערע שריי־
בער, וואָס זייערע נעמען זענען ווייניקער דערמאָנט געוואָרן, וואָלטן
ניט געווען, וואָס זיי זענען, ווען ניט די צייט, ווען ניט די תקופה, ווען דו־
רות וואָלטן ניט צוגעגרייט פאַר זיי ווערטן, פון וועלכע זיי האָבן געשאַפן
גרויסע ווערק.

מיר זענען איצט עדות פון א ווונדערבאַרן פראָצעס אין דער יידי־
שער ליטעראַטור, אין דעם יידישן שאַפן, וואָס מיר דאַרפן דאָ היינט
וועגן אים דערמאָנען. מען האָט דאָ גערעדט וועגן דער געשיבטע פון
דער יידישער ליטעראַטור, וואָס ציילט יאָרהונדערטער. אָבער אין אמתן
איז די יידישע ליטעראַטור, די אמתע גרויסע גאַנצע יידישע ליטעראַ־

טור אַלט אַ פּאָר צענדליק יאָר. זי איז ערשט מיט אַ 20־30 יאָר געקומען אַליין צו אייגענע כוחות, אַראָפּ פון קעסט. לייוויק האָט אין זיין רעפעראַט גערעדט וועגן דער נייטיקייט פון אַ סינטעז פון דער יידישער און העברעישער ליטעראַטורן. די לאַגע האָט זיך פאַר די לעצטע יאָרן שטאַרק געענדערט אין דעם הינזיכט. פון אַ שיחת־חולין־ליטעראַטור, פון אַ טפל צו העברעיש, פון אַ סיאַמער־צווילינג, ווי די יידישע ליטעראַטור איז געווען מיט דער העברעישער, איז אין די לעצטע יאָרן די יידישע ליטעראַטור געוואָרן זעלבשטענדיק. יידיש ווערט געטראָגן דורך די לעבעדיקע יידישע מאַסן. פון אַ פּאַטריאַרכאַלער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין איין אַמאָליקן רוסלאַנד, פון אַ שטעטלדיקער ליטעראַטור מיט אַ שטעטלדיקן לעבנס־שטייגער, איז די יידישע ליטעראַטור די לעצטע יאָרן אַרויס אויף דער ברייטער וועלט צוזאַמען מיט די יידישע פאָלקס־מאַסן, זי ווערט געשאַפן און ווערט פאַרעפנטלעכט אין פיל לענדער — און יעדעס לאַנד מיט זיין קאָלאָריט, מיט זיינע סאָציאַלע טענדענצן. גאָר אַנדערש איז מיטן העברעישן שאַפן, וואָס איז איצט קאָנצענטרירט אין איין לאַנד בלויז, און ווערט געשאַפן דורך אַ באַגרענעצטער צאָל יידן. יידיש און העברעיש זענען במשך פון די לעצטע יאָרן געוואָרן ווייט ניט קיין גלייכע מחותנים. יידיש האָט מיליאָנען פּראָדוצירער און פאַרברויכער. און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע, וואָס עס דאַרף איצט אונטערגעשטראָכן ווערן דורך אונז.

איך אַדרעסיר זיך צו אייך איצט מיט דער ווענדונג: טייערע חברים. צוריק מיט צוויי טעג האָב איך זיך געווענדעט צו אייך מיט די ווערטער: חשובע חברים און פריינט. פאַר די עטלעכע טעג זענען מיר איינער דעם צווייטן געוואָרן היימישער, נאָענטער, אייגענער. מיר האָבן דאָ אַלע אינאיינעם געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע, דעם אַלוועלטלעכן קולטור־פאַרבאַנד, וואָס קען און וועט זייער פיל טון פאַר דעם יידישן שאַפן. מיר פאָרן אַוועק פון דאַנען פיל רייכער ווי מיר זענען אַהער געקומען — מיר זענען געאייניקט און געשטאַרקט. מיר וועלן האָבן נחת־רוח פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן פאַרבאַנד. לאָמיר אַלע קומען אויף די ערטער און פאַרזעצן די אַרבעט פון אונזער יידישן שאַפן, פון אונזער יידישער קולטור.

ד״ר מ. שאַץ-אַנין

דערלויבט מיר, חברים, צו רעדן ניט פון דער טריבונע, נאָר פון דאָ אונטן, פון דעם וווּנדערבאַרן און פילפאַרביק־אייגנהייטלעכן יידיש־קאָלעקטיוו, וואָס דער קאָנגרעס האָט מיך באַערט צו רעפּרעזענטירן אין דער צענטראַל פאַרוואַלטונג.

מיטן אָננעמען דעם מאַניפעסט האָבן מיר דערגרייכט דעם קולמי־נאַציע־פונקט פון אונזער אַרבעט, פון וואַנען ס'עפנט זיך אַ ברייטער, ליכטיקער האָריזאָנט. יענע חברים פון אונזערע ערשטע עמיגראַציע־יאָרן, וואָס געדענקען דעם אָנגעשטרענגטן אויפשטייג אויף די שווייצער בערג, וועלן באַנעמען די דערהויבענע געפילן, וואָס באַגייסטערן אונז איצט. פילנדיק סוף כל סוף אונטער די פיס דעם באַרג־שפּיץ קוקסטו זיך אום צוריק מיט טיפער באַפרידיקונג אויפן שווערן וועג, וואָס ליגט הינטער דיר. פון דער גרויסער הויך, אויף וועלכער די יידישע קולטור האָט זיך נאָך צענדליקער יאָרן שווערן געראַנגל און זוכעניש דערהויבן אין אָט די פינף קאָנגרעס־טעג, האָבן מיר אַלע בולט דערשפּירט, אַז דאָ איז באַשאַפן געוואָרן אַ נייער פּאַטאָס. זעלטן עפענען זיך אין דער געשיכטע נייע קוואַלן פון פּאַטאָס, נאָר איינמאָל אין משך פון דורות; און דאָס איז איצט געשען. דער פּאַטאָס איז באַשאַפן געוואָרן דורך אַ נייעם העכערן סינטעז פון פילקייט און אייגנהייט. דער נייער קולטור־פּאַטאָס האָט געציטערט אין די נייע שאַפונג־פולע שלום־ווערטער פון אַפּאַטאַשון. דער זעלביקער פּאַטאָס וועט בלי ספק באַנייען און פאַריינגערן לייוויקס שאַפן. און מיר אַלע — דורות יידישע קולטור־בויער, וואָס זענען זיך דאָ צונויפגעקומען, וועלן אַרויס באַנייט ווי דורך אַ שטאָל־באָד, געשפּייזט דורך נייע, מעכטיקע אימפּולסן.

פונם דערגרייכטן באַרגשפּיץ גייט אונזער איבערוף צו אַלע יידישע מאַסן פון דער גאַנצער וועלט. אויך די דרייַ מיליאָן יידן פון מזרח, וואָס זענען דאָ ניט פאַרטראָטן, הערן אונזער שטים און זייער שאַפונגס־דראַנג קלאַפּט אין פולסטן אוניסאָן מיטן גרויסן שאַפונגס־דראַנג, וואָס האָט אונז דאָ אַלעמען פאַראייניקט. אינם געראַנגל פון היסטאָרישע בו־חות פלעכטן זיך צונויף אין געוויסע מאָמענטן שעפערישע קנופּן, זיי נעמען צוזאַמען פאַריינצלטע פעדים צו אַ מעכטיקן געפלעכט מיט אַ גרוי־

סער היסטאָרישער דורכקראַפט. און דאָס איז געשען אויף אונזער קאָנ־גרעס.

א מערקווירדיקער צופאַל, וואָס איז פּאַרט ניט קיין צופאַל. איינער פון די באַדייטנדיקסטע קולטור־צווייגן, די יידישע מוזיק, איז פון טאָג־סדר ארויסגעפאַלן. די ייִד. מוזיק איז אונז געבליבן צום סוף אַלס פּאַ־סיקסטער אַקאָרד פון אונזער ארבעט. אין אונזער קומענדיקער בוי־אַר־בעט וועט די מוזיק בלי־ספק פאַרנעמען אַ בכבודיקן אָרט. און אַט די באַנייטע יידישע מוזיק וועט באַשאַפן די גרויסע סימפאָניע פון אונזער היסטאָרישן אויפמאַרש. דער רייכער יידישער פאָלקס־מעלאָס מוז צו־נויפגעקליבן ווערן. ער מוז באַארבעט ווערן, אָנגעזאַפּט ווערן מיט נייע מעכטיקע אויפשטייג־סטימולן. דער יידישער מעלאָס מוז דערהויבן ווערן צו דער הויכער מדרגה פון נאַציאָנאַלער מוזיק. אַ פאַרצווייגטע נעץ פון לערן־און פאָרשונג־אַנשטאַלטן מוז ווערן דער טרעגער פון נייער יונג־יידישער מוזיק. און איבער די טרויער־ניגונים פון בית־מדרש, פון גע־טאָ, זאָל אַפּהילכן דער נייער געזאַנג פון אונזער קולטורעלן אויפבלי.

אַלס ווירדיקן אָפּשלוס פון אונזער גרויסן צונויפקום וועט די ניי־געוויילטע צענטראַל־פאַרוואַלטונג גרינדן די מוזיקאַלישע סעקציע פון אונזער קולטור־פאַרבאַנד, וואָס וועט אָרגאַניזירן אַרום זיך די צאָל־רייכע פּראָדוצירנדיקע און רעפּראָדוצירנדיקע יידישע מוזיק־טוער פון דער גאָרער וועלט: אונזערע ראַוועלס, קרוינס און פוילמערס, אונזערע אויסטראַכס, הובערמאַנס און מענוכינס. דאָס וועט אויף אַ ווירדיקן אופן קרוינען אונזער ניי געשאַפענעם שטאָלצן קולטור־בנין.

ד״ר ח. סלאָוועס

ס'איז איצט ניט די צייט צו האַלטן לאַנגע רעדעס. די דעלעגאַטן זע־נען געשפּאַנט און מיד. די אָרגאַניזאַטאָרן — טאָפּל מיד, הן פון דער אָנ־געשטרענגטער ארבעט פון די לעצטע פינף גרויסע טעג, וואָס וועלן אויף שטענדיק פאַרבלייבן ביי אונז אין זכרון, הן פון די אַרבעטן ערב דעם קאָנגרעס.

מיט אַ יאָר צוריק, בעת מיר האָבן געוואָרפן אין דער וועלט דעם גע־דאַנק פון אַ יידישן קולטור־קאָנגרעס, האָבן מיר בלויז געפילט, בעסער גע־

זאָגט, **פאַרגעפילט** די וויכטיקייט און דעם באַדייט פון דער דאָזיקער אידעע. איצט זעען מיר זי באַשיינפערלעך. און די ווירקלעכקייט האָט איבערגעשטיגן אַלע אונזערע דערוואַרטונגען. אַזאַ גרויסן, הערלעכן, ווירדיקן קאָנגרעס, וואָס זאָל שטיין אויף אַזאַ הויך, וואָס זאָל קיין איין מינוט ניט פאַרלירן דאָס פּנים פון אַ היסטאָרישן צוזאַמענקום — וועגן אַזאַ קאָנגרעס האָבן מיר באמת קוים געקענט טרוימען.

לאָמיר זיך מודה זיין, אָן פאַלשער ענווות: מיר זענען שטאָלץ מיט דעם, וואָס מיר האָבן דערגרייכט. און דאָס זאָג איך ניט נאָר אין נאָמען פונם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, נאָר אויך אין נאָמען פונם גאַנצן יינגן יידישן ישוב אין פראַנקרייך. אויב אָט דער ישוב האָט נאָך ביז אַהער ניט געהאַט קיין ספּעציעל גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער קולטור, האָט ער איצט צו פאַרצייכענען דעם ערשטן גרויסן און — לאָמיר האָפן — היסטאָרישן פאַרדינסט: דאָס צונויפרופן און דורכפירן דעם ערשטן יידישן קולטור־קאָנגרעס.

מיר דוכט זיך, אַז דאָס הויפּט־געפיל, וואָס האָט דאָמינירט אויפן קאָנגרעס, איז געוועזן דאָס געפיל פון אחריות, פון היסטאָרישער אחריות. די גרעסטע חסידים פון קאָנגרעס־געדאַנק האָבן זיך אין משך פון לאַנגע חדשים פאַר אונזער צונויפקום ניט געקענט באַפרייען פון אַ ציטער: ווי וועט עס זיין? ווי וועלן זיך דאָס צונויפטרעפן ביי איין טיש פאַרשטייער פון ריכטונגען און וועלט־אַנשויונגען, אויב ניט קעגנזעצלעכע, איז שטאַרק פאַרשיידענע? און אויב די דאָזיקע אנשויונגען, אויב די פאַרשיידנסטע ניואַנסן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן געדאַנק, האָבן דאָך געקענט קומען צום אויסדרוק און האָבן ניט געשטערט דעם קאָנגרעס, אויב אַלע אָן אויסנאַם האָבן אַרויסגעוויזן דעם מאַקסימום טאָלעראַנץ, און דעם מאַקסימום גוטן ווילן און פאַרשטענדעניש פאַרן אַנדערש־דענקענדיקן, איז עס געוועזן, אין דער ערשטער ריי, אַ רעזולטאַט פונם גרויסן אחריות־געפיל, וואָס האָט אונז אַלעמען דורכגענומען. דאָס דאָזיקע געפיל וועט דאַרפן אונז פירן אויך ווייטער, נאָכן קאָנגרעס, ניט נאָר אין רעדעס, נאָר אין דער וויכטיקסטער און שווערער פּראַקטישער אַרבעט פונם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד.

מען האָט דאָ שוין אַ סך גערעדט, חברים, וועגן איינהייט און צוזאַמענקייט. איך וויל דעריבער אָנווייזן בלויז אויף איין מאָמענט פון איינהייט, איינהייט ניט פון אידעאָלאָגיעס, נאָר פון גענעראַציעס, פון דורות.

עס איז שיין און טיף־דירגדיק, ווען אַ קאָנגרעס־פּרעזידיום איז באַצירט מיט ווירדיקע, גרויע קעפּ. עס ווערט אָבער אַ ביסל טרויעריק אויפן הארצן, ווען מען זעט ב ל ו י ז גרויע קעפּ. די גרויקייט בליט אויף מיט איר פּרעכטיקן, זילבערנעם גלאַנץ ערשט דאַן, ווען זי שלאָגט זיך אָפּ אויף אַ טונקעלן פאָן.

אין דעם אָרגאַניזירן און דורכפירן פון אונזער קאָנגרעס האָבן אַנטייל־גענומען טוער פון פאַרשיידענע דורות, מענטשן פון עלטערן דור, צוגלייך מיט אַ פּלעיאַדע יונגע טוער, וועלכע מען האָט אָנגערופן „יינגלעך“, און פון וועלכע מען האָט, ווי דער שטייגער איז ביי אונז, שטאַרק געחוזקט. אָבער — דערלויבט מיר עס צו זאָגן — דער ענערגיע, דעם אויסדויער און דער עקשנות פון אָט די „יינגלעך“ האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען, אין אַ גרויסער מאָס, דאָס, וואָס דער קולטור־קאָנגרעס איז צושטאַנד געקומען און וואָס מיר זענען דאָ אַלע היינט אין זאַל.

אָט דער יינגער דור טוער איז אָפּטמאָל שוין אַרויסגעוואַקסן פון דער יידיש־וועלטלעכער פאָלקס־שול, וואָס איז אונזער אַלעמענס שטאָלץ. און אָט אנשטאָט אַ מלחמה פון דורות, האָבן מיר אַ פרידלעכע צוזאַמענאַרבעט פון גענעראַציעס, אַן אָרגאַנישן סינטעז, וואָס פאַרייניקט דערפאַרונג מיט שוווּנג, חשיבות מיט יונגער ענערגיע. איך גלויב, אַז דער דאָזיקער סינטעז איז אַ ברכה פאַר אונזער אַרבעט. עס שטעקט אין אים אַ גרויסע פּאָטענציעלע קראַפט, וואָס קען און וועט אויסגענוצט ווערן פאַר דער יידישער קולטור. ניטאָ מער די איינזאַמקייט און פאַרצווייפלונג פון עלטערן טוער, וואָס זעט ניט קיין כוחות־צו־וווּקס, קיין היסטאָרישע קאָנטינואיטעט אין זיין אַרבעט. עס וואַקסט אַ נייער דור, וואָס העלפט טראָגן די פאָן, וואָס העלפט ווייטער בויען אונזער קולטור־בנין. איך בין זיכער, אַז די ענגע און חברישע צוזאַמענאַרבעט פון די פאַרשיידנסטע געזעלשאַפטלעכע שיטות, צוגלייך מיט דער צוזאַמענאַרבעט פון פאַרשיידענע דורות, וועט פירן אויף נייע וועגן, אויף גרויסע און ברייטע, דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד, וואָס מיר האָבן דאָ געשאַפן.

ה. לייוויק:

די רעדנער־ליסטע איז געשלאָסן. איך וויל דאַנקען אַלע וואָס האָבן אונדז געהאָלפן אין אונדזער שווערער אַרבעט: די אָנפירער פון סעקרעטאַריאַט די ח״ח א. דיזשור, י. נוימאַן און פ. שראַגער; דעם סעקרעטאַריאַט אַליין, די ח״ח: לילי בערגער, ב. שלעווין און אסתר כאַרי; די פּראָטאָקאָלאַנטן, ח״ח: איידעלמאַן און ליפּצער; און אַלע חברים, וואָס האָבן געהאָלפן האַלטן אָרדענונג.

איך וויל אויך ספּעציעל דאַנקען דעם פּאַריזער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט און די צייטונגען, וואָס האָבן אונדז געהאָלפן אַזוי דערפאָלגרייך דורכצופירן דעם קאָנגרעס: ספּעציעל — דער „נייער פּרעסע“ און דעם „פּאַריזער היינט“, וואָס האָבן מיט אַ גרויסער גאַסטפריינטלעכקייט אויפגענומען די באַריכטן פונם קאָנגרעס.

און איצט אַ פּאָר ווערטער צום שלום:

אין מיין גאַנץ לעבן האָב איך געזען פאַר זיך איין הויפּט־אומגליק, דאָס איז — די צעשפּאָלטנקייט פון דער מענטשלעכער נשמה, די צעריסנקייט. צעריסנקייט פון מענטשן, פון סביבות, פון קלאַסן, צעריסנקייט פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. דאָס איז געווען פאַר מיר דער שווערסטער מאָטיוו, און דאָס איז דער שווערסטער מאָטיוו פאַר מיר ביז היינטיקן טאָג: איך קען ניט שלום מאַכן מיט דעם דואַליזם פון לעבן. איך זע, איך שפּיר די צעריסנקייט פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט צוליב דער צעריסנקייט, וואָס הערשט אין דער סביבה, אין וועלכער די פּערזענלעכקייט איז אַריינגעשטעלט. איך געדענק עס נאָך פון די קינדער־יאָרן אין מיין שטעטל. דער ערשטער פּאַטש, וואָס איך האָב באַקומען, איז געווען אַ פּאַטש פון אַ מענטשן פון אַן אַנדער פאָלק, פון אַ פּאָליאַק, ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען דעם קלויסטער און האָב ניט אַראָפּגענומען דאָס היטל. איך געדענק זייער שטאַרק דאָס בילד, ווי דאָס היטל מיינס איז אַראָפּ־געפאַלן אויף דער ערד. דאָס בילד פאַרפאָלגט מיך אין אַלע טעג פון מיין לעבן.

די צעריסנקייט פון דער פּערזענלעכקייט ביי מיר אין דער היים, אין מיין איינענער משפּחה, אין די הייזער פון די שכנים.

איך האָב זייער פרי דערזען אַז צווישן מענטשן איז ניטאָ קיין האַרמאָניע, קיין שלום. איך האָב אָבער אויך געזען, אַז ס'איז דאָ צווישן

מענטשן שטענדיקער זוכן און שטענדיקער בענקען די האַרמאָניע צו געפינען.

יעדן איינעם מאַטערט, ווי פאַרשטייט מען אַ צווייטן מענטש, ווי לעבט מען זיך אַריין אין אים, ווי נעמט מען אַ צווייטע פּערזענלעכקייט אין זיך אַריין? ווי קומט מען אַריבער דעם תהום?

וואָס מער איך האָב געלעבט און איבערגעלעבט סיכסוכים און קאָנפליקטן, אַלץ מער האָב איך דערפילט די מענטשלעכע בענקשאַפט אַרויסצוגיין פון זיך, פון די ד' אמות פון דעם קליינעם פּרט, און ניט כדי צו אָפּלייקענען זיך, נאָר טיפער, אייביקער פאַרבינדן זיך מיט דער וועלט אַרום.

אַריינדרינגען אין דער צווייטער פּערזענלעכקייט, אין דער צווייטער נשמה — דאָס איז דאָך די אויפגאַבע, די בענקשאַפט פון דער גאַנצער קונסט, און איבער־הויפּט פון דער קונסט פון וואָרט. די גאַנצע ליטעראַטור איז פאַרנומען מיט דער בענקשאַפט, ווי אַזוי אַריינצולעבן זיך אין אַנדערע געשטאַלטן, און ווי אַזוי אַרייננעמען אַנדערע געשטאַלטן אין זיך.

דעם מאָטיוו פון צעשפּאַלטנקייט און צעריסנקייט האָב איך באַזונדערס שטאַרק געפילט אין דעם יידישן לעבן. דער יידישער מענטש איז צוליב היסטאָרישע סיבות געטריבן געוואָרן אַלץ מער אַריינצופאַלן אין אָט דעם דואַליזם, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איבער אים האָט שטענדיק געפלאַטערט אַ סימבאָל פון איינהייט. אָט דעם סימבאָל האָט אָפּאַטאָשו נאָר וואָס דערמאָנט אין זיין רעדע, ווען ער האָט גערעדט וועגן צוזאַמענשלוס, וועגן סינטעז און האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט: אחד. דאָס זעלבע וואָרט האָב איך פאַרנאָטירט ביי מיר, ניט צוזאַמענרעדנדיק זיך, ווען איך האָב געמאַכט נאָטיצן פאַר מיין שלום־וואָרט. מיר, יידן, טראָגן אומעטום דאָס וואָרט „אחד" מיט זיך, ניט נאָר אין זין פון גאָטהייט נאָר מער נאָך, ווי אַ באַגריף פון מענטש־איינהייט. מיר טראָגן אין זיך טויזנטער יאָרן די איבערלעבונג פון חורבן, פון צעשטערונג, פון אונטערגאַנג. און מיר זענען אָנגעפילט מיט ווייטיק, מיר זעען דערפאַר אָפּט די וועלט אין צעקרימטע ליניעס. אין דער זעלבער צייט האָט דער יידישער מענטש שטענדיק געקעמפט מיט זיין צעריסנקייט, און זיין איינציקע האָפענונג איז געווען — דער מאָטיוו פון אחד. ער איז דאָ ביי אונז אַלעמען, אפילו ווען מיר זענען ניט רעליגיעז. אַלע טראָגן מיר אין זיך אָט די אייביקע בענקשאַפט.

אין די לעצטע יאָרן אָבער זענען מיר אריינגעקומען אין אזא צו־שטאַנד פון שנאהדיקער צעריסנקייט, אז ס'איז ניט מעגלעך מער דאָס איבערצוטראָגן: צעריסנקייט פון פּאַרטייען, צעריסנקייט פון קערפּער־שאַפטן, צעריסנקייט פון קולטור־לעבן, צעריסנקייט פון ליטעראַטור, — דאָס אַלץ האָט נאָך מער פארשטאַרקט אין אונז די צעריסנקייט פון דער פּערזענלעכקייט, צוגעגומען די מינדסטע רו ביי דעם איינצלנעם מענטש, צוגענומען די האָפנונג צו זען זיך ווען אין א פולער און גאַנצער גע־שטאַלט. און אויב מען האָט היינט ארויסגעזאָגט דאָס וואָרט „קאַטאַסט־ראָפע", איז דאָס ניט קיין מליצה, נאָר מיר שפּירן דאָס אַלץ ווי א זאַך, וואָס מיר לעבן איבער מיט אַלע אונזערע אברים.

די גרויסע בענקשאַפט נאָך איינהייט, וואָס וואַקסט אַרויס פון אונ־זער צעשפּאַלטנקייט, — אָט דאָס האָט אונז היינט צוזאַמענגעבראַכט. מיר ווילן אַוועק פון דער שנאה, כאָטש מיר פארגעסן ניט די פארשיידנ־קייטן. די שנאה האָט אריינגעבראַכט סם אין אונזער לעבן, האָט אונז פאַרביטערט און פארקריפּלט. עס איז געקומען א מאָמענט ווען מיר פילן, אז אזוי קען עס ווייטער ניט גיין.

דערפאַר האָב איך אזוי היים אַפּעלירט, און איך וועל ניט אויפהערן צו רעדן וועגן אָט דער איינהייט. עס וועט קומען חורבן אין אונזער לעבן, אויב מיר וועלן ניט געפינען קיין וועג צו א דערנענטערונג פון די געזעל־שאַפטלעכע כוחות אונזערע. דאָס איז דער הויפּט־מאָטיוו פון אונזער צוזאַמענפאָר, און עס איז א גרויסע פרייד צו זען, אז, ניט קוקנדיק אויף אַלע ספקות און שווערע איבערלעבונגען, וואָס יעדער פון אונז טראָגט אין זיך אין שייכות מיט דער קעגנערשאַפט אַרום דעם צוזאַמענפאָר, איז אָט דער קאָנגרעס אדורכגעגאַנגען אונטערן לאָזונג פון איינהייט, פון טי־פער פארשטענדעניש פאַר דעם אמת וואָס שטייט פאַר אונז. אויב דאָס איז אזוי, האָבן מיר, גלויב איך, אויפגעטון א גרויסע זאַך. מיר מעגן זיין זיכער, אז די גרויסע נייע קערפּערשאַפט אויב מיר זאָלן זי נאָר מיט גלויבן בויען וועט פאַרייניקן אַלע יידישע ישובים פון אַלע לענדער. ווייל אויך צווישן די לענדער דאַרפן מיר א סינטעז. און ווען איך זאָג: „אַלע לענדער", באַטאָן איך אַלע אָן אויסנאַם, ווו עס אז נאָר פאַראַן א יידישער קיבוץ, און אין וועלכע באַזונדערע באַדינגונגען דער קיבוץ זאָל ניט לעבן. איך זאָג נאָכאַמאָל: איך מיין אויך ארץ-ישראל, איך מיין אויך סאָוועט־רוסלאַנד.

מיר ווילן א פאַרייניקט יידיש פאָלק, מיט א גרויסער באפרייענדער קולטור, מיט א גרויסער ליטעראַטור, מיט גרויסע לער־און־קונסט־אַנ־שטאַלטן. מיר ווילן און מיר זאָלן עס בויען. אין נאָמען פון דעם אַלעם, אין נאָמען פון אַלע לענדער, ווו עס געפינען זיך יידישע ישובים, ווו עס קלינגט דאָס יידישע וואָרט, זאָלן אַלע זיין באַגריסט. אַלע — די, וואָס זענען דאָ, און די, וואָס זענען נאָך ניטאָ, אָבער וואָס דאַרפן זיין מיט אונז.

אויב עמיצער האָט מיינע רייד וועגן דעם לײדיקן שטול פון סאָוועט־רוסלאַנד אויפגענומען ווי רייד פון קריג — האָט ער געמאַכט א גרויסן מעות. ניט קריג, נאָר ווייטאָג און אמתער ווילן צו זען צווישן אונז די־רעקטע פאַרטרעטער פון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור פון סאָ־וועטן-פאַרבאַנד. און איך זאָג נאָך אמאָל: עס איז אונזער הייסער ווונטש, אַז ביים קומענדיקן קאָנגרעס זאָלן מיט אונז זיין יידישע קולטור־פאַר־טרעטער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

וואָלטן זיי דאָ געווען, וואָלטן מיר ברידערלעך, אינטים, אויפגענו־מען א סך ווייטאָקדיקע פראַ־ן און מאָטיוון, וואָס פאַרנעמען אונז און מאַכן אויפציטערן אונזער האַרץ. וואָלטן זיי דאָ געווען, וואָלטן מיר אַרויסגעבראַכט וואָס קלאָרער אונזערע טענות, און זיי — זייערע טענות. און וואָלט עס אפילו געווען א משפט — וואָלט עס געווען אַן אמתער חברישער משפט. און וואָלט דאָס געשען, וואָלט דאָס געווען א גרויס גע־ווינס פאַר אונזער קולטור־לעבן, פאַר אונזער פאָלקס־לעבן, פאַר אונזער אַרבעטער-באַוועגונג און אויך פאַר דער גאַנצער וועלט. ווייל די ענינים, וואָס פאַרנעמען אונז, פאַרנעמען אויך די גאַנצע וועלט. אָט אין דעם זין איז געווען מיין רוף, און איצט רוף איך נאָך שטאַרקער און טיפער.

איך האַלט אויך פאַר מיין חוב צו דערמאָנען: מיר האָבן דאָ אין פאַ־ריז גרויסע שרייבער, ווי שלום אַש, דוד איינהאָרן, זלמן שניאור, און אויך זיי וואָלטן געדאַרפט דאָ זיין. אויב זיי זענען ניטאָ, איז עס אוודאי ניט אונזער שולד. מען קען זאָגן: עס איז זייער שולד. אָבער מער פון אַלץ איז אין דעם שולדיק ווידער־אַמאָל אונזער צעריסנקייט. אויב אָבער מיר זענען יעקומען צופאָרן איבערן אָקעאַן און נעמען אַנטייל און אַרבעטן, — פאַרוואָס האָבן זיי דאָס ניט געקענט טון? פאַרוואָס זענען זיי ניט אַריבערגעגאַנגען איבער סיכסוכים? פאַרוואָס זענען זיי ניטאָ דאָ? איך גלויב, אַז איר אַלע זייט מסכים: מיט אונז דאַרפן זיין אַלע שעפערי־

שע כוחות, און אויב די סתירות, וואָס טיילן אָפּ שרייבער פון שרייבער, טוער פון טוער, לערער פון לערער, וואָלטן געווען אפילו אזוי גרויס ווי אַן אָקעאַן, מוז מען דעם אָקעאַן אריבערגיין.

צוזאַמען זענען מיר שאַפער פון עפּעס נייעם אין יידישן לעבן, און מיר האָבן דאָס רעכט און אויך די פליכט צו רופן. און זאָל עס געשען אין נאָמען פון אונז אַלעמען — דער רוף צו די, וואָס זענען דאָ ניטאָ: קומט און לאָמיר אַלע איניינעם בויען און שאַפן די גרויסע קערפּערשאַפט, דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד.

מאניפעסט

רעזאָלוציעס

מאניפעסט

פון

ערשטען אלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאנגרעס

צום יידישן פאלק!

דער איצטיקער מאָמענט איז אַ טיף טראַגישער אין לעבן פון יידישן פאָלק. די פינסטערע קרעפטן פון רעאַקציע און פאַשיזם, אין זייער קרייץ־צוג קעגן אַלע פּראָגרעסיווע לעבעדיקע כוחות פון דער היינטיקער וועלט, האָבן געמאַכט דאָס יידישע פאָלק פאַר דעם ציל־ברעט פון זייערע באַזונדערע אַטאַקעס. די סאַמע עקזיסטענץ פונם יידישן פאָלק ווערט באַדראָט אין אַ ריי לענדער פון דער וועלט. די יידישע שפּראַך, די יידישע קולטור, די מיטן שוויים און מאַרך פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אויסגעבויטע יידישע קולטור־אַנשטאַלטן, די יידישע קולטור־טוער זענען דער קעגנשטאַנד פון שטענדיקע רדיפות אין פאַרשיידענע לענדער. ווייל וויסן די שונאים, אַז קולטור איז אַן אויסגעפּרוווט געוועהר אין קאַמף פון אַ פאָלק פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום, זיי האָבן זיך דעריבער פאַרמאָסטן אונטערצוגראָבן, אויסצוראָטן, פאַרניכטן די יידישע קולטור.

דאָס יידישע פאָלק איז באַזעלט מיט אַ ווילן צו לעבן. דאָס יידישע פאָלק, זיינע ברייטע האַרעפּאַשנע מאַסן זענען טיף דורכגעדרונגען מיט אַ בענקשאַפט נאָך אַ נייער באַפרייטער וועלט, נאָך אַן אָרדענונג פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, זיכערקייט, דערהויבונג פון מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן קיום אויף אַ העכערער מדרגה. אין זיין גרויסן דראַנג צו נאַציאָנאַלן קיום און אַ נייער פאַ־

ציאלער אָרדענונג, האָט דאָס יידישע פאָלק געשאַפן די נייע וועלט־לעכע יידישע קולטור, וואָס וואָרצלט טיף אין דורותדיקן פאָלקס־לעבן, וואָס האָט הינטער זיך אַ גרויסן אוצר פון אָנגעזאַמלטע גייס־טיקע פאַרמעגנס און וואָס אַנטוויקלט זיך און גייט פאָרויס אַ דאַנק דעם טיפן ווילן פון יידישן פאָלקס־מענטש צו געפינען אין זיין שפּראַך און אין זיין קולטור, וואָס ווערט אויף איר געשאַפן, אַ די־רעקטן, פולן אויסדרוק פון זיין גאַנצן לעבן, פון זיין גאַנצן מהות, פון זיינע האָפענונגען, פון זיין קאַמף. גענערט דורך די פרישע קוואַלן פון שעפערישע כוחות, פאַרשלאָגן אין די טיפענישן פון פאָלקס־לעבן, האָט די יידישע קולטור, פאַר די לעצטע פופציק יאָר, דורכ־געמאַכט אין פאַרשיידענע צענטרן פון דער וועלט איר שנעלסטן אויפגאַנג און אויפבלי.

די צוויי פאָלאַר־קעגנזעצלעכע מאָמענטן פון דער איצטיקער היסטאָרישער תקופה אין לעבן פון יידישן פאָלק, דער אָנוווקס פון קולטור־קרעפטן און דער אָגוווקס פון קאַטאַסטראָפע, שטעלן אוועק פאַר דער יידישער עפנטלעכקייט אַזוינע פּראָבלעמען, וואָס קענען געלייזט ווערן נאָר דורך אַ פאַרייניקונג פון אַלע לעבעדיקע און שאַפנדיקע יידישע כוחות, ניט בלויז אין יעדן לאַנד באַזונדער, נאָר אויך אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב.

דאָס יידישע פאָלק איז ניט אָפּצוטיילן פון דער יידישער קול־טור. די יידישע קולטור איז ניט אָפּצוטיילן פון דעם יידישן פאָלק, פון זיינע ברייטע הערעפּאַשנע מאַסן. וואָס שטאַרקער עס זענען אָרגאַניזירט זיינע קרעפטן, אַלץ רייכער וועט בליען די יידישע פאָלקס־קולטור און אַלץ גרעסער וועט זיין דער ווידערשטאַנד פון דעם פאָלק מיט זיין קולטור קעגן דער פאַרניכטונג.

אָבער ניט נאָר דאָס פּראָבלעם וועגן פאַרטיידיקונג כלפּי חוץ שטייט פאַר דער יידישער קולטור, נאָר אויך דאָס פּראָבלעם פון ווידערשטאַנד קעגן אינעווייניקסטע שונאים. עס זענען דאָ גענוג

שטאַרקע יידישע שיכטן און קערפּערשאַפטן, וואָס ווילן ניט אנער־קענען די יידישע שפּראַך און קולטור, וואָס ווילן זיך ניט רעכענען מיט איר איינגעוואָרצלטקייט אין פאָלק, און וואָס קעמפן קעגן איר. דערביי געפינט זיך די יידישע קולטור אין אַזאַ לאַגע, אַז אין ערגעץ ווערט זי ניט פינאַנסירט פון אַ מלוכה־בודזשעט, אויסער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַז אומעטום אין אַלע גרעסערע און קלענערע לענדער פון דער וועלט, ווו עס געפינען זיך יידישע קיבוצים, איז די יידישע קולטור אַנגעוויזן אויף אירע אייגענע מיטלען, און אַז דאָס זענען מיט ווייניק אויסנאַמען די מיטלען פון די אָרעמסטע שיכטן פון פאָלק.

דאָס אַלץ דיקטירט מיט אומבאַצווינגלעכער נויטווענדיקייט די פאָרמירונג פון אַן אַלוועלטלעכן יידישן צענטער, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט דער יידישער קולטור אין אַלע אירע אַספּעקטן, און וואָס זאָל זיך שטיצן אויף קולטור־צענטערס אין אַלע לענדער, ווו עס וווינען יידישע מאַסן.

מיר, פאַרטרעטער פון יידישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס און קול־טור־טוער פון דריי און צוואַנציק לענדער, פּראָקלאַמירן דערמיט די גרינדונג פון אַזאַ אַלוועלטלעכן יידישן צענטער, וואָס זאָל האָבן פאַר זיך די פאָלגנדיקע גרויסע אויפגאַבן:

א) פאַרטיידיקן די יידישע קולטור קעגן אַלע אירע אויסנווייניקסטע שונאים, מאָביליזירן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון דער וועלט, מאָביליזירן די געזעלשאַפטלעכע קרעפטן סיי פון יידן, סיי פון ניט־יידן, צום שוץ פון דער יידישער שפּראַך און קולטור אומעטום, ווו זיי ווערן געררודפט אָדער געשטעלט אין סכנה.

ב) פאַרטיידיקן די יידישע קולטור קעגן די אינעווייניקסטע שונאים.

ג) זאָרגן פאַר דער אויסברייטערונג, פאַרטיפונג, באַרייכע־רונג, פאַרפיינערונג פון דער יידישער וועלטלעכער פּראָגרעסיווער

קולטור, סטימולירן איר ווייטערדיקן וווקס אין דער ריכטונג פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און פרייהייט.

דאָס וועט נייטיק מאַכן, צווישן פיל אַנדערע אַרבעטן, וואָס דאַרפן רעאַליזירט ווערן באַזונדער, די פאָלגנדיקע הויפּט־ריכטונגען פון דער טעטיקייט פון וועלט־צענטער:

1. העלפן מיט קולטור־קרעפטן און אַנדערע מיטלען די קלענערע יידישע קיבוצים, וואָס זענען פונאַנדערגעוואָרפן איבערן גאַנצן ערד־קיילעך און פאַר וועמען דער וועלט־צענטער איז פון גאָר אַ באַזונדער באַדייט.

2. קאָאָרדינירן די קולטור־טעטיקייט פון אַלע לענדער מיט אַ יידישן קיבוץ, וואָס דאָס הייסט אין דער ערשטער ליניע אָנהאַלטן דעם נייטיקן גלייכגעוויכט צווישן די פאַרשיידענע קולטור־צווייגן, פאַרהיטן פון כוחות־פאַרשווענדונג דורך דופּליקאַציע, העלפן דער נאָרמאַלער פאַרטיילונג פון קולטור־קרעפטן צווישן פאַרשיידענע לענדער, באַזאָרגן די יידישע קולטור־וועלט מיט אינפאָרמאַציע וועגן דער גאַנצער קולטור־אַרבעט אין אַלע לענדער, אָרגאַניזירן אַ קולטור־פאַרקער אין אַ וועלט מאַסשטאַב.

3. אונטערנעמען אַזוינע קולטור־אַקציעס און גרינדן אַזוינע קולטור־אַנשטאַלטן און קולטור־אונטערנעמונגען, וואָס זענען איבער די כוחות פון איין לאַנד.

4. שאַפן פינאַנציעלע מיטלען פאַר קולטור־אַרבעט.

5. דער פּועל־יוצא פון דער גאַנצער טעטיקייט פון דעם וועלט־צענטער, און דאָס דאַרף זיין איינער פון זיינע באַוווסטזיניק־געשטעלטע צוועקן — איז: וווּקס פון דעם אָנזען, פון דער חשיבות פון דער יידישער קולטור, סיי אין די אויגן פון יידישע קולטור־טוער און יידישע מאַסן, סיי אין די אויגן פון דער וועלט.

די קרעפטן, וואָס האָבן זיך פאַרייניקט אַרום דעם קולטור־צענטר, באַשטייען פון אָרגאַניזאַציעס און יחידים מיט פאַרשיידענע פּראָגרעסיווע אידעאָלאָגישע איינשטעלונגען. דאָס האָט זיי אָבער גיט געשטערט צו געפינען אַן אַלגעמיינע פּלאַטפאָרם און צו אייניקן זיך אויף אַ פּראָגראַם פון אַרבעט. דער קאָנגרעס, אָפּגעהאַלטן אין פּאַריז דעם 17—22־טן סעפּטעמבער 1937, איז אַליין אַן איבער־צייגנדיקער באַווייז, אַז געמיינזאַמע אַרבעט איז מעגלעך אויף דער פּלאַטפאָרם פון פּראָגרעסיווער, וועלטלעכער יידישער קולטור. דער קאָנגרעס איז דורכגעגאַנגען אין אַ גייסט פון אייניקייט, פון גרייט־קייט צו אַרבעטן, צו בויען די יידישע פאָלקס־קולטור. דער קאָנ־גרעס האָט אַריינגעבראַכט אַ גייסט פון אָפּטימיזם, פון ענטוזיאַזם, פון אַקטיווויטעט, וואָס האָט שוין געהאַט אַ ווירקונג אויף אַ סך יידישע קיבוצים.

דער קאָנגרעס איז נאָר אַן אָנהייב פון אַ גרויסער היסטאָרי־שער טאַט. דער געשאַפענער צענטר דאַרף ווערן דער פאַקטאָר, וואָס זאָל סטימולירן די פאַרייניקונג פון אַלע פּראָגרעסיווע יידי־שע קולטור־קרעפטן, סיי אויף אַ לאַנדס־מאַסשטאַב, סיי אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב.

דער קאָנגרעס רופט אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס אינטע־רעסירן זיך מיט קולטור, אַלע יידישע אַנשטאַלטן, וואָס פאַרנע־מען זיך מיט קולטור, אַלע קולטור־טוער אויף גאָר דער וועלט:

שליסט זיך אָן אין וועלט צענטר פאַר יידישער קולטור!

העלפט אויפבויען דעם גרויסן בנין פון דער יידישער קולטור!

רעזאָלוציע פון דער ליטעראַטור-קאָמיסיע

דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס קאָנסטאַטירט מיט א באַזונדערער פרייד דעם געוואַלטיקן פונאַנדערוווקס פונם יידישן שאַפן און דעם שטאַרקן אויפבלי פון דער יידישער ליטעראַטור פאַר די לעצטע יאָרן אין די פאַרשיידענע צענטרן מיט א יידישן מאַסן-ישוב.

די צעוואָרפנקייט אָבער פון די גרעסערע און קלענערע יידישע קי־בוצים האָט געבראַכט צו א צעשפּליטערונג און צעריסנקייט צווישן די שאַפנדיקע כוחות און שטאַרק פאַרשווערט דעם לעבעדיקן קאָנטאַקט צווישן איין לאַנד און דעם אַנדערן.

א גאַנצע ריי סיבות, די פאַראָרעמונג פון די יידישע לייענער, די רעכטלאָזע לאַגע פון די יידן אין איניקע לענדער, האָבן געבראַכט דעם יידישן פאַרלאַגס־וועזן אין א קריטישן צושטאַנד, צעשטערט די געהע־ריקע נאָרמאַלע פאַרשפּרייטונג פונם יידישן בוך, און אַזוי אַרום געשאַפן א תהום צווישן שרייבער און לייענער און שטאַרק פאַרערגערט דעם אַזוי אויך קלאָגעדיקן מצב פונם יידישן שרייבער.

דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס, פאַראייניקט דורכן ווילן אַרויסצופירן דאָס יידישע קולטור־שאַפן פון דער אומנאָרמאַלער לאַ־גע, פּראָקלאַמירט א גרויסע פאָלקס־אַקציע פאַרן יידישן שאַפן און רופט די אַלע פריינט פונם יידישן וואָרט:

העלפט אויסלייזן דאָס יידישע בוך.

דער קולטור־קאָנגרעס באַשליסט צו אָרגאַניזירן אַן אַלוועלטלעכן יידישן פאָלקס־פאַרלאַג און שטעלט פאַר דער יידישער קולטור־וועלט די אויפגאַבע צו שאַפן פאַרן פאַרלאַג 50.000 אַבאָנענטן. פון אָט דער צאָל איז זיך מתחיב די אַמעריקאַנער אָפּטיילונג צו שאַפן 30 טויזנט אַבאָנענטן און די איבעריקע 20 טויזנט — די אָפּטיילונגען פון אַלע אַנדערע לענ־דער. עס ווערט פאָרויסגעזען, אַז דער אַבאָנענט־אָפּצאָל זאָל זיין פאַר די ערשטע צוויי יאָר 2 דאָלאַר. פאַר די לענדער מיט א נידעריקער וואַליוטע דאַרף דער מיטגלידס־אָפּצאָל פאַרקלענערט ווערן. יעדער אַבאָנענט מוז

קויפן לכל הפחות 2 ביכער א יאָר, צום העלפט פרייז. נאָך 2 יאָר באַקומט דער אַבאָנענט צוריק זיין מיטגליד־אָפּצאָל מיט ביכער.

עס ווערט געשאַפן דורכן קולטור־קאָנגרעס אַן אַלוועלטלעכער יידישער ביכער־קלוב מיט אַ ברייטער מיטגלידערשאַפט פון „פריינט פונם יידישן בוך". יעדער פריינט פונם קלוב מוז זיין אַן אַבאָנענט אינם פאָלקס־פאַרלאַג.

די דעלעגאַציעס, וואָס זענען פאַרטרעטן אויפן קאָנגרעס, ווערן באַאויפטראַגט מיטצוהעלפן צו שאַפן די געהעריקע פאַרשפּרייט־אָרגאַנען פונם יידישן בוך אויף די ערטער, אין זייערע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס פונם קולטור־פאַרבאַנד.

דער לאָזונג דאַרף זיין: אין יעדן יידישן הויז, וווּ עס ווערט גערעדט יידיש, דאַרף זיך געפינען דאָס יידישע בוך. עס דאַרף געשאַפן ווערן די געהעריקע אַטמאָספער פאַר דער פאַרשפּרייטונג פונם יידישן בוך, עס דאַרפן אָרגאַניזירט ווערן ביכער־אויסשטעלונגען, פאָרלעזונגען און דיסקוסיע־אָוונטן איבער ניי־דערשינענע ביכער, אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס — ספּעציעלע וואָכן פאַרן יידישן בוך א. א. וו.

די ליטעראַטור־קאָמיסיע טיילט אויס אַ ספּעציעלע סעקציע פאַרן יידישן ביבליאָטעק־וועזן, וואָס דאַרף גלייך צוטרעטן אויפצוזאַמלען גענויע און פּינקטלעכע ידיעות וועגן די אַלע יידישע ביבליאָטעקן אין גאַר דער וועלט. צוליב דעם צוועק דאַרפן פונאַנדערגעשיקט ווערן אין אַלע לענדער, וווּ עס זענען דאָ יידישע ביבליאָטעקן, אַנקעטע־בויגנס מיט די געהעריקע פראַגן, כדי צו באַקומען אַ פולשטענדיק בילד וועגן יידישן ביבליאָטעק־וועזן אין גאָר דער וועלט. דער קולטור־קאָנגרעס באַאויפטראַגט דעם אויסגעקליבענעם צענטראַלן אָרגאַן גלייך צוצוטרעטן צו דער רעגיסטראַציע פון די יידישע ביבליאָטעקן, כדי צו באַקומען במשך פון די נאָענטסטע פאַר חדשים די אַלע תשובות. די דעלעגאַטן און די אָרטיקע פרעסע ווערט געבעטן מיטצוהעלפן שנעל צו רעאַליזירן אָט די רעגיסטראַציע. עס ווערט אַרויסגעגעבן אַ האַנט־בוך פאַר דער יידישער ביבליאָטעק אין צוויי אָפּטיילן — א ביבליאָטעקאַרישער און אַדמיניסטראַטיוו־רעכטלעכער. דער לעצטער אָפּטייל דאַרף צוגעפּאַסט ווערן פאַר יעדן לאַנד באַזונדער. די ביבליאָטעק־סעקציע גרייט אויך צו און פאַרעפנטלעכט מוסטער־קאַטאַלאָגן פאַר גרעסערע און קלענערע געזעלשאַפטלעכע ביבליאָ־

טעקן און אויך אָריענטיר־קאַטאַלאָגן פאַר אַלע צווייגן פון יידישן שאַפן.
די ביבליאָטעק־סעקציע דאַרף אויך צוטרעטן ארויסצוגעבן א ביולעטען פאַר די ביבליאָטעקן און א ביבליאָגראַפישן אָנווייזער וועגן ניי־דערשינע־נע ביכער אין יידיש.

די ליטעראַטור־קאָמיסיע האָט די אויפגאַבע אויסצואַרבעטן פראָ־יעקטן פאַר איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן אויף יידיש און פון יידיש אויף אַנדערע שפּראַכן.

מיט די אַלע ענינים פון דער ליטעראַטור־קאָמיסיע פירן אָן א רע־דאַקציע־קאָלעגיע און אָן אדמיניסטראַטיווע קאָמיסיע, וואָס ווערן אויס־געקליבן דורך דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פאַרן צענטער, ווי אויך פאַר די גרעסערע לאַנדס־אָפּטיילונגען, ווי אַמעריקע, פּוילן, פראַנקרייך.

רעזאָלוציע פון דער טעאַטער־קאָמיסיע

ביים „איקופ“ ווערט אָרגאַניזירט אַ טעאַטער־צענטר, וואָס זיין ציל איז צו סאַנירן דאָס יידישע טעאַטער־וועזן אין דער גאָרער וועלט. די אויפגאַבע פון טעאַטער־צענטר דאַרף זיין צו שאַפן:

1) יונגע, מאָדערנע טעאַטער־קאָלעקטיוון. זיי זאָלן זיך רעקרוטירן פון די שוין־עקזיסטירנדיקע דראַמ.־קרייזן, טעאַטער־סטודיעס, צו וועלכע מען ציט אויך צו מערערע יידישע פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער און טעאַטער־קריטיקער, רעזשיסאָרן, מוזיקער, דעקאָראַטאָרן, פּלאַסטיקער און אַנדערע.

2) צונויפזאַמלען דעם אַלטן און נייעם טעאַטער־רעפּערטואַר, אָפּקלייבן די בעסערע טעאַטער־ווערק פאַר די טעאַטער־אַנסאַמבלען און גרופּן אין אַלע יידישע ישובים, וואָס זענען אָנגעשלאָסן אין טעאַטער־צענטר.

3) ביי די אַלע געשאַפענע אָדער שוין עקזיסטירנדיקע טעאַטערן אָרגאַניזירן סטודיעס, וואָס דאַרפן צוגרייטן און אויסבילדן נייע שוישפּילערישע קאַדרן און דערמעגלעכן די אויסשולונג און פאַרפולקומונג פון יונגע רעזשיסערישע כוחות.

4) דער צענטר זאָרגט פאַרן אויסטויש פון רעזשיסאָרן, מוזיקער און דעקאָראַטאָרן צווישן די אָנגעשלאָסענע סעקציעס. א) אָרגאַניזירט טורנעס פון די טעאַטער־קאָלעקטיוון אין די פאַרשיידענע לענדער. ב) סטימולירט דעם יידישן שרייבער צו שאַפן פאַרן טעאַטער, דורך קאָנקורסן פאַר טעאַטראַלע ווערק, זאָרגט אויך פאַרן רעגולערן אויסצאָלן די קינסטלער די טאַנטיעמעס.

5) דער צענטר גיט אַרויס אַ טעאַטער־זשורנאַל, שאַפט טעאַטער־ליטעראַטור פאַר אַלע זיינע סעקציעס.

6) די סעקציעס פון יעדן לאַנד האָבן אויטאָנאָמע רעכט צו פאַרוואַלטן און רעגולירן די אַרבעט לויט זייערע לאָקאַלע באַדינגונגען און מעגלעכקייטן. א) שאַפן טעאַטערס אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, טעאַטער־אַבאָנענטן. ב) טעאַטער־געזעלשאַפטן „פריינט פון מאָדערנעם יידישן טעאַטער“.

7) די סעקציעס שטעלן זיך פאַר אַ ציל צו זיין כסדר אין ענגן קאָנטאַקט און זיך קעגנזייטיק אויסהעלפן, סיי מאַטעריעל און סיי קינסטלעריש.

רעזאָלוציע פון דער שול_קאָמיסיע

א ל ג ע מ ײ נ ע פ ר י נ צ י פ ן פ ו ן ד ע ר א ר ב ע ט .

כדי די שול־אַרבעט פונם ייִדישן קולטור־פאַרבאַנד און פון זײַנע אָר־גאַנען זאָל האָבן אַ קיום און זאָל ברענגען די געהעריקע נוצן דער ייִדיש־וועלטלעכער שול־באַוועגונג, מוז מען קודם־כל פעסטשטעלן פאָלגנדיקע הויפּט־פּרינציפּן פון דער אַרבעט:

1. דער קולטור־פאַרבאַנד און זײַנע אָרגאַנען נעמען אַרײַן אין קרײַז פון זײער טעטיקייט אַלע ייִדיש־וועלטלעכע שולן מיט ייִדיש אַלס אונ־טעריכטס־שפּראַך.
2. דער קולטור־פאַרבאַנד פאַרײניקט אַרום דער ייִדיש־וועלטלעכער שול און ציט אַרײַן אין דער אַרבעט, אין און אַרום דער שול, אַלע אָנהענ־גער פון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול, אומאָפּהענגיק פון ריכטונג.
3. דער קולטור־פאַרבאַנד און זײַנע אָרגאַנען פירן די שול־אַרבעט אין פאַרשידענע לענדער. א) רעכנענדיק זיך מיט די באַדינגונגען פון יעדן לאַנד באַזונדער. ב) אין קאָנטאַקט מיט די עקזיסטירנדיקע שול־צענטראַלעס.

א ו י פ ג א ב ן :

4. די שול־ביוראָ ביי דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון קולטור־פאַרבאַנד שטעלט זיך פאָר אַן אויפגאַבע צו קאָאָרדינירן די אַרבעט פון די עקזיסטירנדיקע שול־אָרגאַניזאַציעס און שולן פון פאַרשידענע לענדער און שטרעבט צו שאַפן אומעטום פאַרײניקטע שול־צענטראַלעס.
5. זאָרגט וועגן דער פאַרגרעסערונג פון דער צאָל ייִדיש־וועלטלעכע שול־אַנשטאַלטן פון פאַרשידענע טיפּן אין אַלע לענדער.

1) פאָרשול־אַנשטאַלטן: קינדער־גערטנער, קינדער היימען.2) שולן, צונאָב־שולן. 3) קורסן, אָוונט־שולן און פאָלקס־אוניווערסיטעטן.

6 . זאָרגט וועגן הילף פאַר די עקזיסטירנדיקע אַנשטאַלטן.

7. זאָרגט וועגן לערער־אויסבילדונג און פאַרפולקאָמונג און העלפט שאַפן: א) לערער־סעמינאַרן, פּרעבעל־סעמינאַרן, לערער־קורסן. ב) דער־גאַנצונגס־קורסן פאַר לערער, פּעדאַגאָגישע צוזאַמענטרעפן פון לערער פון פאַרשיידענע לענדער. דעלעגירט לערער אויף פאַרפולקאָמונג.

8. אָרגאַניזירט פּעדאַגאָגישע צוזאַמענפאָרן.

9. העלפט מיט שאַפן מוסטער־אַנשטאַלטן .

פּעדאַגאָגישע ליטעראַטור

10. שטעלט זיך פאַר א ציל ארויסצוגעבן א פּעדאַגאָגישע ענציקלאָ־פּעדיע אין יידיש און גיט ארויס פּעדאַגאָגישע ליטעראַטור אין יידיש.

11. שטיצט די עקזיסטירנדיקע פּעדאַגאָגישע זשורנאַלן אין יידיש.

12. העלפט ארויסגעבן א סיסטעמאַטישע פּעדאַגאָגישע ביבליאָ־גראַפיע, אַלגעמיינע און יידישע.

13. העלפט מיט צו אָרגאַניזירן געמיינזאַמע אויסשטעלונגען פון יידיש־וועלטלעכע שולן אין פאַרשיידענע לענדער.

14. שאַפט א פאָנד פאַר פּרעמיעס פאַר פּעדאַגאָגישע ארבעטן (פּראַקטישע און ליטעראַרישע).

15. אָרגאַניזירט פּסיכאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריעס ביי די שולן און שול־צענטראַלעס.

16. זאָרגט וועגן ספּעציעלע שולן פאַר אָפּגעשטאַנענע קינדער.

שול־ליטעראַטור.

17. העלפט מיט דורכן פאַרלאַג פון קולטור־פאַרבאַנד צו שאַפן ניי־טיקע שול־ליטעראַטור, לערנביכער פאַר פאַרשיידענע קענטשטאַנדן.

18. שאַפט און פאַרטיילט צוזאַמען מיט דער ליטעראַטור־קאָמיסיע פון קולטור־פאַרבאַנד פּרעמיעס פאַר יידישע לערנביכער.

קינדער און יוגנט־ליטעראטור.

19. העלפט מיט צו שאפן אין יידיש א ליטעראטור פאר קינדער און פאר יוגנט.

20. העלפט מיט ארויסגעבן אין יידיש א סיסטעמאטישע ביבליאָגראפיע פון יידישער און אלגעמיינער קינדער־ליטעראטור.

21. גיט ארויס מוסטער־קאטאלאָגן פון יידישע ביכער פאר קינדער.

22. זאָרגט וועגן שאפן דעם נייטיקן רעפערטואר פאר ייד. שול־טעאטער און שול־כאָרן.

23. שטיצט די עקזיסטירנדיקע קינדער־זשורנאלן.

24. גיט ארויס פרעמיעס פאר קינדער און יוגנט־ביכער.

פארבינדונג פון די שולן

25. זאָרגט וועגן קאָנטאקט צווישן די שולן. א) נעמט אויף זיך די איניציאטיוו צענויפצורופן א וועלט־קאָנגרעס פון לערער פון די יידיש-וועלטלעכע שולן, וואס זיין ציל זאל זיין: טיילן זיך קעגנזייטיק מיט די אָנגעזאמלטע דערפארונגען פון פעדאגאָגישער ארבעט אין די פארשיידענע לענדער און געפינען די וועגן צו הייבן דעם ניוואָ פון אונזערע שולן און דערציונגס־אנשטאלטן. ב) גיט ארויס אן ערנסטן פעדאגאָגישן אָרגאן, וואס דארף צוציען צו דער מיטארבעט די ייד. לערערשאפט פון פארשיידענע לענדער און מוז דינען די פראקטישע אויפגאבן און פראָבלעמען פון זייער טאָג־טעגלעכער שול־ארבעט. ג) שטעלט איין דירעקטע קאָרעספאָנדענצן צווישן לערער און קינדער.

26. אָרדנט איין באגעגענישן פון די קינדער פון פארשיידענע לענדער אויף זומער־לאגערן.

28. זאָרגט וועגן די באגאבטע קינדער פון די שולן, שאפט פאר זיי א סטיפענדיע, וואס זאל זיי דערמעגלעכן פארצוזעצן זייער בילדונג.

28. העלפט מיט צו שאפן אן עמעריטור־פאָנד פאר לערער, וואס האָבן א לענגערע צייט געארבעט אין דער יידישער שול.

29. זאָרגט וועגן שאַפן אַ צענטראַלן שול־מוזיי און אַ צענטראַלן שול־אַרכיוו.

30. די שול־ביוראָ זאַמלט מאַטעריאַלן און סטאַטיסטישע דאַטעס וועגן מצב און אַנטוויקלונג פון יידישן שול־וועזן אין פאַרשיידענע לענדער; באַאַרבעט און נוצט אויס דעם דאָזיקן מאַטעריאַל ווי אַ באַזע פאַר זיין טעטיקייט.

א ר ג א נ י ז א צ י ע

31. די שול־ביוראָ ביי דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון קולטור־פאַרבאַנד פירט איר אַרבעט אין קאָנטאַקט מיט די צענטראַלעס פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פאַרשיידענע לענדער.

32. די שול־ביוראָ דאַרף זיין פאַרבונדן מיט אַלע עקזיסטירנדיקע שול־צענטראַלעס און האָט אויך אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט די באַזונדערע שול־אַנשטאַלטן דאָרט, וווּ עס זענען ניטאָ קיין צענטראַלע שול־אינסטיטוציעס.

רעזאָלוציע פון דער וויסנשאַפט-קאָמיסיע

די וויסנשאַפט אין דער יידישער שפּראַך דאַרף דערהויבן ווערן צו דער מדרגה פון אַ מאָדערנער וויסנשאַפט, וואָס אַרבעט לויט די נייעסטע פאָרשונגס־מעטאָדן.

מ'טאָר זיך ניט באַנוגענען בלויז מיט פאָרשונגס־אַרבעט. מען מוז אויך שאַפן נייע קאַדרן פון יידישער אינטעליגענץ, וואָס זאָלן זיך וויסנ־שאַפטלעך אויסלעבן אין דער יידישער שפּראַך. עס מוזן געשאַפן ווערן אַנשטאַלטן פאַר העכערער בילדונג אין יידיש.

די קאָמיסיע מאַכט פאָלגנדיקע קאָנקרעטע פאָרשלאָגן:

1. די לאַנד־אָרגאַניזאַציעס פונם פאַרבאַנד אין די באַזונדערע לענ־דער דאַרפן אָנהייבן אַן ענערגישן קאַמף פאַר דער אַנערקענונג פון יידיש אַלס גלייכבארעכטיקטע שפּראַך ביי די מאַטורע־עקזאַמענס און ביים אַריינטריט אין די הויך־שולן.

2. די לאַנד־אָרגאַניזאַציעס דאַרפן אָננעמען אַלע מיטלען, ס'זאָל איינגעפירט ווערן אַ קאַטעדרע פאַר יידיש אין די אוניווערסיטעטן פון זייערע לענדער.

3. דער קולטור־קאָנגרעס געפינט, אַז ס'איז געקומען די צייט צו לייגן אַ פונדאַמענט פאַר אַ יידישן אוניווערסיטעט אין פּאַריז און באַ־אויפטראַגט די עקזעקוטיווע צו באַשטימען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס זאָל אויסאַרבעטן דעם פּלאַן, ווי אַזוי דורכצופירן אין לעבן דעם דאָזיקן וויכטיקן באַשלוס.

4. דער קולטור־קאָנגרעס רעקאָמאַנדירט אַלע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס צו עפענען אַ נעץ פון פאָלקס־אוניווערסיטעטן פאַר אַלגעמיין־וויסנשאַפט־לעכע און יידישע לימודים לויט פאָרויס־אויסגעאַרבעטע פּראָגראַמען. די פאָלקס־אוניווערזיטעטן דאַרפן סטימולירן די שאַפונג פון נייע קאַדרן פון יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ.

5. ביים פאַרבאַנד דאַרף געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלע ביוראָ פאַרן אויסטויש פון הויך־קוואַליפיצירטע לעקטאָרן צווישן די פאַרשיידענע

לענדער. גלייכצייטיק ווערט די עקזעקוטיווע באַאויפטראַגט צו אָרגאַני־זירן אין דער נאָענטסטער צייט פאָרטראַגן, וואָס זאָלן געלייענט ווערן דורך אויטאָריטעטע לעקטאָרן איבער וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

6. די עקזעקוטיווע דאַרף שאַפן אַ צענטראַלע ביוראָ פאַר וויסנ־שאַפטלעכער און ביבליאָגראַפישער אינפאָרמאַציע וועגן די פאַרשיידענע צווייגן פון דער מאָדערנער קולטור און וויסנשאַפט בכלל און פון דער יידישער — בפרט.

רעזאָלוציע פון דער קונסט־קאָמיסיע

בײַ דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג ווערט געשאַפן אַ קונסט־צענטער, וואָס וועט האָבן זײַנע לאָקאַלע סעקציעס אין די לענדער, ווו עס געפינען זיך יידישע ישובים. די אויפגאַבע פון די דאָזיקע סעקציעס איז:

א) שאַפן אַ לאָקאַל פאַר קונסט־אויסשטעלונגען;

ב) אָרגאַניזירן קאָלעקטיווע און אינדיווידועלע קונסט־אויסשטעלונגען.

ג) אָרגאַניזירן רעפעראַטן, לעקציעס און דיסקוסיע־אָוונטן וועגן קונסט.

ד) שאַפן יידישע קונסט־שולן.

ה) זאַמלען מאַטעריאַלן אין שייכות מיט יידישער קונסט, וואָס דאַרפן ווערן די באַזע פאַר דער יידישער קונסט־פאָרשונג.

2) די צענטראַל־פאַרוואַלטונג דאַרף געבן די נייטיקע הילף פאַר דער אָרגאַניזירונג פון אַ באַוועגלעכער אויסטויש־אויסשטעלונג אין אַלע גרעסערע יידישע ישובים.

3) דער קונסט־צענטער הייבט גלייך אָן די פאַרבאַרייטונגען צו אָרגאַניזירן אַ גרויסע, רעטראָספעקטיווע אויסשטעלונג פון דער יידישער קונסט, אָנגעהויבן פון די קלאַסיקער ביז צו די היינטצייטיקע יידישע קינסטלער. די דאָזיקע אויסשטעלונג דאַרף פאָרקומען אין יאָר 1938 אין פאַריז, לאָנדאָן און אין אַנדערע שטעט פון אייראָפּע. אין יאָר 1939 דאַרף די אויסשטעלונג איבערגעטראָגן ווערן אויף דער וועלט־אויסשטעלונג אין ניו־יאָרק.

4) אין דער קאָמיסיע פאַר פאַרלאַג־וועזן מוז זײַן אַ פאַרטרעטער־שאַפט פון די קינסטלער, וואָס זאָלן האָבן אַלס אויפגאַבע:

א) אַרויסגעבן ביכער וועגן יידישע קינסטלער און קונסט.

ב) רעפּראָדוקציעס פון ווערק פון יידישע קינסטלער.

ג) זאָרגן וועגן דער עסטעטישער זייט פון דעם יידישן בוך.

5) ביים צענטראַלן פאַרלאַג ווערט אַרויסגעגעבן אַ צייטשריפט פאַר פּלאַסטישער קונסט.

6) די צענטראַל־פאַרוואַלטונג דאַרף זאָרגן, אַז די קונסט זאָל ווערן אַ לערן־געגנשטאַנד אין אַלע יידישע וועלטלעכע שולן אין גאַנצער וועלט.

7) די לאָקאַלע סעקציעס פון יעדן לאַנד דאַרפן זיך באַמיען, אַז קונסט־כראָניק זאָל האָבן איר שטענדיקן פּלאַץ אין דער יידישער פּרעסע.

8) דער צענטער דאַרף שאַפן אַ מוזיי פון די ווערק פון יידישע קינסטלער.

9) דער צוועק פונם קונסט־צענטער און פון די לאָקאַלע סעקציעס דאַרף זיין צו שאַפן אַן ענגן קאָנטאַקט צווישן די יידישע קינסטלער און דעם יידישן פאָלק.

רעזאָלוציע פון אָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע

1) די אָרגאַניזאַציע, וואָס דער קולטור־קאָנגרעס שאַפט, הייסט: „אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־פאַרבאַנד" — „איקוף".

2) צום „איקוף" קענען געהערן אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטייען אויפן באָדן פון מאַניפעסט, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן דורכן קולטור־קאָנגרעס.

3) דער קאָנגרעס דערווײַלט אַ צענטראַל־פאַרוואַלטונג, וואָס טיילט אויס צוויי סוב־אָפּטיילונגען, איינע אין אַמעריקע און איינע אין פּוילן. אַלע אַנדערע לענדער האָבן פאַרטרעטער אין דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג. דער זיץ־אָרט פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג מיטן גענעראַל־סעקרעטאַריאַט געפינט זיך אין פּאַריז.

4. אָרגאַניזאַציעס, וואָס שליסן זיך אָן אין די לאַנד־קאָמיטעטן, צאָלן דעם קולטור־פאַרבאַנד 5 סענט אַ יאָר פאַר יעדן מיטגליד זייערן.

5) דער קאָנגרעס באַשליסט צו שאַפן אַ קולטור־פאָנד, וואָס זאָל פינאַנסירן די קולטור־אַקציעס סיי אין די באַזונדערע לענדער סיי אין אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב.

6) דער פאָנד ווערט געזאַמלט אויפן פאָלגנדיקן אופן:

א) דער „איקוף" פּראָקלאַמירט יערלעך אַ קולטור־וואָך מיטן צוועק: דורכצופירן אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע פאַר דער יידישער וועלטלעכער קולטור, דערביי ווערן אָרגאַניזירט ספּעציעלע פינאַנסיעלע אונטערנעמונגען און גרעסערע זאַמל־אַקציעס.

ב) ס'ווערט געשאַפן אַ פּינקס פון יידישע קולטור־בויער, וואָס נעמט אַריין די אַלע, וועלכע באַשטייערן זיך פאַרן קולטור־פאָנד מיט סומען פון 10 דאָלאַר, 25 דאָלאַר, 50 דאָלאַר, 100 דאָלאַר און העכער.

7) 20 פּראָצ. פון דער הכנסה פון יעדער לאַנדס־אָרגאַניזאַציע מוז איבערגעשיקט ווערן צו דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג אין פּאַריז.

8) דער קומענדיקער קולטור־קאָנגרעס דאַרף פאָרקומען ניט שפּעטער ווי אין צוויי יאָר אַרום. דאָס אָרט וועט ווערן באַשטימט דורך דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג.

9) דער קאָנגרעס באַפולמעכטיקט די צענטראַל פאַרוואַלטונג אויסצואַרבעטן דעם סטאַטוט פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד „איקוף".

דעלעגאַטן צום ערשטן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס.

אפגעהאַלטן אין פאַריז, דעם 17—22־טן סעפּטעמבער, 1937 י.

<u>דעלעגאַטן מיט שטים־רעכט:</u>

אויספיר־ביוראָ פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט:

ב. אַדאַמיטש,
נ. אראָנסאָן,
א. בן־אדיר,
ד. גאַרין,
י. נוימאַן,
ד״ר ה. סלאָוועס,
פּראָפ. קיוועליאָוויטש,
ד״ר ע. ראָזנגאַרט.

אורוגוויי:

פּיניע קאַץ — פאַרטרעט: 5 אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן.

אַרגענטינע:

— — — — — 23 „ „ „

איטאַליע:

ד״ר י. קאַלק — אינדיווידועל.

בראַזיליע:

מ. קאָפּעלמאַן — פאַרטרעט 4 אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן

בעלגיע:

א. ווערבער,
ב. זילבערשטיין,
טאַבאַקמאַן,
פּאַטאַשניק,
ד״ר י. ב. צפור,

רודענסקי,
ראבערט דע בענדער.
מ. בוזשעו,
אפאטשינסקי,
פארטרעטן: 18 ארגאניזאציעס און אנשטאלטן.

דרום־אפריקע:

פ. פעלדמאן — פארטרעט: 5 " " "

דענעמארק:

ס. ביילין — — — — — — 9 " " "

האלאנד:

ל. פוקס — — — — — — — — 1 " " "

טשעכאסלאוואקיי:

עפשטיין — — — — — — — 1 " " "

ליטע:

ב. יאסעלעוויטש,
ח. יעלין,
ד"ר ש. לעווין,
ל. מייעראוויטש,
ד"ר מ. סודארסקי, פרוי א. סודארסקי,
ש. ראזנטאל,
וו. שימקאווסקי.
פארטרעטן: 17 ארגאניזאציעס און אנשטאלטן.

לעטלאנד:

ל. אלבערטוס,
מ. מייערמאן,
פ. קאראל .
פארטרעטן 4 ארגאניזאציעס און אנשטאלטן.

מעקסיקע:

ש. בעלעמאוויטש — פארטרעט: 1 " " "

ענגלאנד:

י. א. ליסקי,
מארים מייער,
מ. סידא — — — — — 3 " " "

עסטלאנד:

דאַצענט פון פילאָלאָגיע, פּ. אריסטע,

י. נענש,

ב. האַלבריידן, פרוי האַלבריידן,

ש. פערלמאַן,

א. ראַכלין.

פּאַרטרעטן: 7 אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן

עסטרייך:

טשענסטאָכאָווסקי,

ב. צעראַטאַ – – – – – – 1 „ „ „

י. הערמאַן.

פּאַריז, שטאַטן:

ד. איננאַטאָוו,

י. איוועןנסקי,

מ. אַלגין,

י. אַבּאָטאַשו,

ז. ווייננפער,

ר. זאַלצמאַן,

ה. לייוויק,

ד״ר מוקדוני,

ק. מרמל,

ד״ר פאַקס,

פּ. קוירק.

פּאַרטרעטן: 452 אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן.

פּוילן:

י. אַדלער,

י. טונקל (דער טונקעלער),

אַדוו. טשערניכאָוו,

נ. מייזיל,

ד״ר י. קרוק.

פּאַרטרעטן: 82 „ „ „

פראנקרייך:

אבערדאם, בארווין, א. בעקערמאן,
ל. בערגער, א. דיזשור, מ. דזשאלאווסקי,
הינדענבוים, ע. ווארשאווסקי, י. ווארשאווסקי,
ב. ווינאגורא, וו. וועוויארקע, טאפטשע,
ד. טשארני, ר. יוכנאוויעצקי, י. ליכטענשטיין,
י. לערמאן, ד. ליכט, מ. נאדלער,
ד. פליסקין, קויפמאן, קרעמען,
מאנע קאץ, מארק שאגאל, שולשטיין,
שראגער.

פארטרעטן: 35 ארגאניזאציעס און אנשטאלטן.

פאלעסטינע:

י. פאפיערניקאוו — — — — —1 "

קובא:

א. אראנאווסקי — — — — — —3 "

קאנאדע:

טשערניאק,
א. ראזנבערג.

פארטרעטן: 8 ארגאניזאציעס און אנשטאלטן.

רומעניע:

וו. אויערבאך,
ד"ר בערנפעלד,
א. זינגער,
ח. קראפט,
א. שווארץ,
ש. שווארץ,
פרוי בערנשטיין,
ש. לערנער.

פארטרעטן 11 ארגאניזאציעס און אנשטאלטן.

שווייץ:

ל. פעלדשטיין — — — — 1 " " "

אינדיווידועל איינגעלאדן:

ד"ר מ. שאַץ־אַניז.

אַלגעמיינע צאָל דעלעגאַטן מיט שטימרעכט.......... 104

פּאַרטרעטן: 677 אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן.

__דעלעגאַטן מיט באַראַטונג־רעכט:__

ליטע:

לייקאָוויטש.

לעטלאַנד:

ד. ליימאַן.

פאריינ. שטאַטן:

האַלצמאַן, סולטאַן.

פראַנקרייך:

מ. אַדלער, א. בערנשטיין, גראָסמאַן, א. ווערבאַ, זעלדאָוו, י. כאָמ־סקי, ב. טשובינסקי, ה. נוימאַן, י. ספּערא, ד"ר סינגאַלאָווסקי, ס. פאַזנער, נ. פראַנק, ג. קעניג, ח. קאָוואַלסקאַ, ב. שלעווין.

__סאָציאַלער באַשטאַנד פון די דעלעגאַטן מיט שטים־רעכט.__

שרייבער און דיכטער — 17, זשורנאַליסטן און פּובליציסטן — 10, לערער — 8, קינסטלער — 8, וויסנשאַפטלער — 1, קולטור־און געזעלשאַפטלעכע־טוער — 11, אַר־וואָקאַטן — 3, פאַרלעגער — 1, אינזשיניערן — 1, ד"ר מעדיצין — 1, דענטיסט — 1, רעזשיסער — 1, כאָר־דיריגענט — 1, סטודענטן — 2, אַנגעשטעלטע — 4, אַר־בעטער און האַנטווערקער — 34.

__באַפולמעכטיקטע דעלעגאַטן, וועלכע האָבן צוליב פאַרשיידענע סיבות ניט געקענט__

__קומען צום קאָנגרעס:__

מ. שאַליט, ש. באַסטאָמסקי, ד"ר ע. רינגלבלום, ד"ר ר. מאַהלער, ש. זאַגאַן (פּוילן). י.יאַקיר, ד"ר ש. ביקל, ש. ז. סופר, מ. י. מאָסקאָוויטש (רומעניע), י. גלאַנץ (מעקסיקע), זרבבל (פּאַלעס־טינע).

ביילאגע

באַגריסונגען

ייִדישער פּען־קלוב (וואַרשע)

חשובער קאָנגרעס, טייערע פריינט,

עס איז פאַר דעם ייִדישן פּען־קלוב אַ באַזונדערע פרייד צו באַגריסן דעם ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, אַ דאַנק וועלכן עס ווערן געמאַכט געוואַגטע שריט צו שאַפן אַ וועלט־טריבונע פאַר ייִדישע קולטור־פּראָבלעמען. מיר פילן די פייערלעכקייט פונעם דאָזיקן מאָמענט און האַלטן קודם־כל פאַר אונזער אָנגענעמען חוב אויסצודריקן אַ וואַרעמען דאַנק דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פאַר זיין אײַדעלער איניציאַטיוו און איבערגעגעבענער אַרבעט.

די ייִדיש־וועלטלעכע קולטור איז זיך ניט סומך אויף קיין הוילע אידעען און איז ניט משועבד צו קיין שום אַבסטראַקטע לוחות, נאָר וואָרצלט אינם פאָלק גופא, אין די לעבעדיקע ייִדישע פאָלקס־מאַסן. איר גורל איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דעם שיקזאַל־ריטם. וואָס צייכנט אונזער וועג אין דער געשיכטע. איר וועזן האָט די זעלביקע טראַגיק אין דער קעגנוואַרט און גלויבן בנוגע דער צוקונפט, וואָס צייכנט דאָס לעבן פון די ייִדישע מאַסן, וועלכע ראַנגלען זיך פאַר אַ פרייַ און ווירדיק לעבן.

די ייִדישע וועלטלעכע קולטור האָט אין דעם 50־יאָריקן עטאַפּ פון איר אַנטוויקלונג באַוויזן אַרויסצוגייַן פון ענגן געטאָ און פאַרנעמען אַ פאַרערשטן פּלאַץ אין דער רייַ פון קולטור פון די אייראָפּעישע פעלקער.

אַ באַווייַז צו דעם האָבן מיר איז די מערמאָליקע אַרויסטרעטונגען פון אונזערע פאַרשטייער אויפן פאָרום פון די אַלוועלטלעכע פּען־קאָנגרעסן, ווו אונזערע טעזן און פאָרמולירונגען וועגן די רעכט פון אונטערדריקטע קולטורן זענען מיט פרייד און אָנערקענונג באַגריסט געוואָרן דורך די פאָרטרעטער פון אַ ריי קולטור־פעלקער, וועלכע זענען נאָכגעגאַנגען נאָך די לאָזונגען, וואָס זענען אַרויסגערוקט געוואָרן דורך דעם לאַנד „ייִדיש".

אויב די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די עפנטלעכע פּראָקלאַמירונג פון דער ייִדיש־וועלטלעכער קולטור, איר ערשטן טריט אויפן וועלט־פאָרום, קומען מיר שוין צו דעם איצטיקן קולטור־קאָנגרעס מיט באַדייטנדיקע דערגרייכונגען, אין פולער באַוואָפענונג און מיטן באַוווסטזייַן פון אונזער פולשטענדיקער

קולטורעלער גלייכבארעכטיקונג מיט אלע אייראפעישע פעלקער צוגלייך.

מיר האבן אבער בלויז דאס מאראלישע באוווסטזיין פון אונזער קולטורעלער גלייכבארעכטיקונג. פאקטיש ווערן מיר אין אונזערע רעכט בארויבט, און אונזער קולטור ווערט ברוטאל געטראטן.

אויך אין א פרידלעכער צייט וואלט שוין אן אלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאנגרעס געווען די העכסטע נויטווענדיקייט.

מיר וואלטן דעם קאנגרעס געדארפט, כדי צו רעגולירן און גלייכמעסיק פארטיילן אונזערע קולטור־דערגרייכונגען און אונזער קולטור־דערפארונג פון פארשיידענע לענדער, ווו יידן לעבן אין קאמפאקטע מאסן.

מיר וואלטן דעם קאנגרעס געדארפט, כדי צו פאראייניטלעכן די מעטאדן און לאזונגען פון אונזער אלטעגלעכן קולטור־קאמף, ווייל אויך אין דער פרידלעכער צייט איז אונזער קולטור־אנטוויקלונג פארבונדן מיטן קאמף קעגן אויסערלעכע און איינערלעכע שטערונגען.

אבער אין דער איצטיקער צייט, אין א צייט פון דער גרעסטער געפאר, וועלכע הענגט איבער פעלקער און קולטורן, אין א צייט פון אנגריפן פון בלוטדורשטיקן פאשיזם אויפן ברייטן פראנט פון דער וועלט, אין דער איצטיקער צייט, ווען ס'איז גארניט מעגלעך צו חלומען וועגן א נארמאל, כסדרדיקן קולטור־בוי, אין דער איצטיקער צייט איז דאס צוזאמענרופן דעם קולטור־קאנגרעס געגליכן צו א נויטווענדיקן קריגס־ראט. מיר שטייען אין אונזער שוואכער באוואפענונג אויג אויף אויג מיטן מוראדיקסטן פיינט פון מענטשלעכער קולטור בכלל, פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור בפרט, אויג אויף אויג מיטן בלוטיקן פאשיזם. דער פאשיזם וויל אונז קודם־כל אנטוואפענען קולטורעל, כדי זיך צו פארלייכטערן די אויפגאבע פון אויסראטן אונז פיזיש.

אין א ריי לענדער קומט אויס די יידישע מאסן אויסצושטיין די גרעסטע פיזישע און מאראלישע נגישות, וועלכע שטעלן אוועק אונזער צייט אין איין היסטארישער ריי מיט די צייטן פון אינקוויזיציע, מיט די צייטן פון כמעלניצקי און פון די פעטליורישע מאסן־שחיטות. אין אזא צייט איז די קולטורעלע אנטוואפענונג פון די יידישע פאלקס־מאסן א דירעקטער טויט־קלאפ, וועלכער נעמט אוועק ביי דעם יידיש: מענטשן דאס וויכטיקסטע: דעם באוווסטזיין פון זיינע רעכט און דעם מוט זיך אנטקעגנצושטעלן דעם טעראר. דער יידישער מענטש ווערט פארוואנדלט אין א פאריער, לגבי וועלכן יעדע געוואלט איז דערלויבט

אונזער גאנצער קולטור־בוי איז ביי היינטיקן טאג אויסגעשטעלט אויף דער גרעסטער געפאר.

דער פונדאַמענט פון אונזער קולטור־בנין, די יידישע שול, וועלכע איז געבויט געוואָרן מיט דער גרעסטער מסירת־נפש פון דעם יידישן לערער און שול־פריינט, אַן וועלכער ס'איז מלוכה־אונטערשטיצונג, געפינט זיך איצט אין אַ קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע.

דער יידישער אַרבעטער־קלאַס, דער איינציקער שעף און אַפּטרופּות פון יידישן שול־וועזן, מאַכט איצט די גרעסטע אַנשטרענגונגען צו פאַרטיידיקן זיינע באַדראָטע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּאָזיציעס, און ער האָט אַלץ ווייניקער מעגלעכקייט אין זיין איזאָלירטקייט אַליין צו פאַרטיידיקן און נאָך פאַנאַנדערבויען די יידישע שול־נעץ.

דאָס יידישע טעאַטער — דער וויכטיקער עטאַפּ פון דערציונג פון די מאַסן, דאָס טעאַטער, וואָס האָט געהאַט צו פאַרצייכענען גאַנץ גרויסע לאָקאַלע ספּאָראַדישע דערגרייכונגען — עס איז איצט דעזאָרגאַניזירט, ס'רוב פאַרשוונדעוועט.

דאָס יידישע פאַרלאַגס־ און ביבליאָטעק־וועזן ווערן איצט דעזאָרגאַניזירט און פאַרוויסטעט.

עס איז דערגאַנגען צו דער מדרגה, אַז דער יידישער פאַרלעגער איז געוואָרן אַ פּשוטער פאַרמיטלער, וועלכער נעמט באַצאָלט ביי ביידע צדדים, ביים אויטאָר און ביים קויפער.

אַט די שרעקלעכע לאַגע אויף אַלע קולטור־געביטן האָט שוין לאַנג געטריבן צום נעראַנק צוזאַמענצוברענגען אַ מין רעטונגס־אינסטאַנץ פאַר דער יידישער קולטור אין אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב.

דער יידישער פּען־קלוב, וועלכער האָט געזאָלט זיין אַ מין רעפּרעזענטאַטיווע אינסטיטוציע, האָט אונטערן דרוק פון דער צייט זיך געזען געצוווּנגען, וואָס מער זיך צו דערנענטערן צו די פּראָבלעמען פון דער יידישער ווירקלעכקייט.

מיט דער פולער היסטאָרישער אחריות, וואָס לאַסטעט אויף אונז, יידישע שרייבער, זאָגן מיר אַז אונזער אַקטיווען אַנטייל אין קאַמף פאַר די נייע געזעלשאַפטלעכע יסודות.

מיר דאַרפן מאַכן די גרעסטע אַנשטרענגונגען ביי אונזער קאָנגרעס־אַרבעט בכדי צו פירן זי אין דער פּאָזיטיווער ריכטונג. מיר דאַרפן טון אונזער אַרבעט לטובת די אַלגעמיינע קולטור־אינטערעסן אויף דער יידישער גאַס מיט איבערגעגעבנקייט און לאָיאַלקייט, אַז די, וואָס זענען לכתחילה מיט אונז ניט געגאַנגען, זאָלן מיט דער צייט אויך דערזען זייער טעות.

מיט דער איבערצייגונג, אַז דער קאָנגרעס וועט פירן זיין אַרבעט אין דער גע־העריקער ריכטונג, באַגריסן מיר אים ווי אַן אָרגאַנישן טייל פון דער אַלוועלטלעכער דעמאָקראַטיע אין דעם לאַנד, ווו דער דעמאָקראַטישער געדאַנק, געבוירן פון רע־

מאלוציאנערע טראדיציעס, איז געקומען צו זיין העכסטן און קאנסעקווענטסטן אויס־דרוק — אין פראנקרייך.

מיר ווינטשן דעם קאנגרעס דערפאלג אין זיין ארבעט לויט די הויכע פראנצויזישע ביישפילן.

יידישער פען־קלוב (ווארשע).

יידישער פען־קלוב (ווילנע)

צו דעם פרעזידיום פונם יידישן קולטור־קאנגרעס אין פאריז,

חשובע חברים,

דער יידישער פען־קלוב אין ווילנע באגריסט דעם יידישן קולטור־קאנגרעס און זאגט ארויס זיין טיפסטן ווונטש, אז דער קאנגרעס זאל מיטווירקן צו א טיפערער פארשטענדעניש פאר דער וויכטיקייט פונם יידישן קולטור־פראבלעם, צו א קאנסאלידאציע פון אלע יידישע קולטור־כוחות, צו א פארשטארקטער באדייטונג פון דער יידישער ליטעראטור און דעם יידישן שרייבער אין דעם יידישן לעבן און אין דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט.

אין נאמען פון יידישן פען־קלוב אין ווילנע :

נ. וויינריק, ז. רייזען, משה שאלית.

פאריין פון יידישע ליטעראטן און זשורנאליסטן אין ווילנע

די פארוואלטונג פון פאריין פון יידישע ליטעראטן און זשורנאליסטן אין ווילנע באגריסט אייך אין נאמען פון דער גאנצער ווילנער יידישער ליטערארישזשורנאליסטישער קארפאראציע.

מיר אנערקענען די וויכטיקייט און נייטיקייט פון אט דעם קאנגרעס און האלטן, אז ער קומט אין דער ריכטיקער צייט. מיר זעען אין אים די פארווירקלעכונג פון א 20־יאריקן חלום, צו וועלכן די יידישע קולטור־וועלט האט געשטרעבט. מיר האפן, אז דעם קאנגרעס וועט זיך ווירקלעך איינגעבן צו קאנסאלידירן און פארייניקן די צע־

זייטע און צעשפרייטע יידישע שעפעריש־גייסטיקע כוחות פון גאר דער וועלט אין איין צענטר. מיר ווינטשן מיטן גאנצן הארצן, אז דער קאנגרעס זאל ברענגען ממשות־דיקע רעזולטאטן און זאל האבן גרויס דערפאלג אין זיין ארבעט.

זאל לעבן די יידישע וועלטלעכע קולטור, די יידישע ליטעראטור און די יידישע שפראך !

זאל לעבן דער יידישער קולטור־קאנגרעס !

פארזיצער: משה שאליט.

סעקרעטאר: א. י. גאלדשמידט.

פארוואלטונג־מיטגלידער :

הירש אבראמאוויטש.

חיים לעווין.

י. טעפער.

ש. ביילים.

טייערע חברים און פריינט, דעלעגאטן און געסט,

ניט האבנדיק די מעגלעכקייט, צו אונזער גרעסטן באדויערן, אנטיילצונעמען צו־זאמען מיט אייך אין דעם וויכטיקן קולטור־קאנגרעס, ווילן מיר, כאטש דורך דעם וועג, דערקלערן, אז אונזער שרייבער־גרופע „יונג־ווילנע" זענען טייער די אידעען און לאזונגען, וועלכע ס'האבן פארמולירט די איניציאטארן פון היינטיקן צוזאמענפאר.

פון די טיפסטע טיפעניש רופן מיר צו אייך :

געפארן, ניט נאר זיי לויערן אויף דער יידישער קולטור, נאר האבן שוין באוויזן אפילו צו מאכן גרויסע חורבנות. ס'איז נייטיק דעריבער איצט, ניט נאר צו פארטיי־דיקן זיך, נאר אויך דעם שונא אנצוגרייפן, אפצונעמען ביי אים דאס צוגערויבטע און פארנעמען נייע פאזיציעס. ווער נאך ווי מיר, יונגע שרייבער, פילן די נויטווענדיקייט פון אזא קאנגרעס. מיר זענען זיכער, אז דער קאנגרעס וועט אפגעבן דעם געהעריקן ארט אלע פראגן און פראבלעמען, וועלכע זענען פארבונדן מיט דער יונגער יידישער קולטור בכלל און ליטעראטור בפרט. ס'איז ניט מעגלעך קיין קולטור־אויפבלי אן זארג פאר איר נאכוווקס.

מיר שיקן אייך אונזער פלאמיקן יונגווילנערישן גרוס. לעבן זאל די יידיש־וועלט־לעכע קולטור.

„יונג־ווילנע" (ווילנע).

חשובער קאָנגרעס,

דערלויבט אונז, אַ גרופּע יידישע שרייבער אין רומעניע, צו זיין פאַרטרעטן ביי דערדאָזיקער גרויסער יידישער קולטור־געשעעניש, כאָטש מיט די עטלעכע שורות — דאָס איז די איינציקע מעגלעכקייט אונזערע.

מיר האָבן די גאַנצע צייט נאָכגעפאָלגט מיט גרויס אינטערעס די צוגרייטונגען צום קאָנגרעס, די דיסקוסיעס, וואָס מען האָט געפירט איבער זיין וויכטיקייט. מיר האָבן פאַרשטאַנען און געפילט, אַז רומעניע, אַ ישוב, וואָס איז פאַרטרעטן אין דער יידישער וועלט מיט אַריבער אַ מיליאָן, כמעט אַלע קרעפטיקע יידיש־רעדנער; אַ ישוב, וווּ די סיבות, וואָס האָבן געטריבן צו אָט דעם קאָנגרעס: דער פאַשיזם, דער אַנגריף אויף דער יידישער גאַס, אויף דער יידישער קולטור, אינעווייניקסטע שונאים — קומען דאָ צום אויסדרוק בולטער, שאַרפער, ווי אין אַ סך אַנדערע לענדער; אַזאַ ישוב, האָבן מיר פאַרשטאַנען, דאַרף זיין בלוטיק פאַרינטערעסירט אין אָט דעם קאָנגרעס, דאַרף מיט אַלע כוחות צוהעלפן, דער קאָנגרעס זאָל פאָרקומען און זיינע אָנגעמערקטע לאָזונגען זאָלן ווערן פאַרווירקלעכט, זאָל ווערן אַ פאַקט.

מיר האָבן פאַרשטאַנען און געפילט, אַז דער יידישער קולטור־קאָנגרעס איז פאַר רומעניע קודם־כל אַ געוווּנטשענער שעת־הכושר, אַז אַנרעגן, איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ ריר צו טון זיך, זונטערצוציען אַ סך־הכל־ליניע, געטריי אויסצוזוכן די סיבות פון אונזער דעפיציט און דערנאָך אַלע איניינעם קנעטן ציגל צו דער גרויסער בויונג — די בויונג פון דער יידישער קולטור־באַוועגונג, וועלכע איז דאָ אין רומעניע צע־בראָכן, חרוב, האָט שוין באַלד כמעט איר לעצטן אָטעם אויסגעהויכט.

מיר באַגריסן דעם ריזיקן אויפטו — דעם קולטור־קאָנגרעס. מיר זענען מיט לייב און לעבן מיט אים. מיר זענען זיכער מיט זיינע ווייטערדיקע גרויסע קולטור־מעשים.

מיר זענען פול מיט האָפענונג און גלויבן, אַז דער קולטור־קאָנגרעס וועט אויך ביי אונז אין רומעניע אַ שטויס טון די קולטור־ווערטן קעגן דרויסנדיקן און אינע־ווייניקסטן שונא, וואָס לאַקערט אויף אונז אויף שריט און טריט און זוכט אונז אומצוברענגען.

זאָל לעבן דער יידישער קולטור־קאָנגרעס!

זאָל לעבן די יידישע מאַסן־קולטור!

אונזער שטים געבן מיר איבער, מיט פולן צוטרוי, דעם אַמעריקאַנער „פראַ־לעטפען".

יחיאל א. שרייבמאַן, צבי צעלמאַן, ס. בראַנשטיין, מאָטל פאַל־יאַנסקי, שמואל קישיניאָווסקי, אהרן אַקניצער, ש"ם ראַמאַן, י. קאַפּיטאַנאָוו.

אויך מיר, אַ גרופּע יידיש־רומעניש שרייבער, זענען פולשטענדיק מסכים מיט דער דאָזיקער בריוו־דעלעגאַציע.

ליוויו דעלמינו, וו. סאַוויל, פּעטרע וויסקאַל, א. אביון, ל. פּאַסקאַרו.

דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון יידישער קולטור קעגן פאַשיזם און מיטלאַלטערלע־כער באַרבאַריי, שיקן מיר אין נאָמען פון אַלע יידישע קעמפער אין שפאַניע אַ פלאַ־מיקן „סאַלוד” און אַ הייסן ווונטש פון דערפאָלגרייכער אַרבעט פאַר אייער און אונ־זער פרייהייט.

רעדאַקציע פון „פרייהייט־קעמפער”, אָרגאַן פון די יידישע פריי־וויליקע אין רעפּובליקאַנישן שפּאַניע (אַלבאַסעטע).

רעדאַקציע „שריפטן”

וואַרשע

צום יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז,

די רעדאַקציע „שריפטן” באַגריסט וואַרעם דעם יידישן קולטור־קאָנגרעס און ווינטשט אים, אַז זיין אַרבעט פאַר דער אונטערדריקטער גרויסער יידישער קולטור זאָל זיין פּרוכטבאַר, אַז דער 17־טער סעפּטעמבער 1937 זאָל ווערן אַ נייע דאַטע אין דער יידישער קולטור־געשיכטע. חברים, עס קוקן אויס אויף די רעזולטאַטן פון קאָנ־גרעס דאָס יידישע קינד, דער יידישער לערער, דער יידישער שרייבער און די יידישע פאָלקס־מאַסן בכל תפוצות ישראל. אַרבעט מוטיק און מיט התלהבות!

אין נאָמען פון רעדאַקציע „שריפטן” ש. זאַראַמב.

צום אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז

טייערע פריינט,

דער ערשטער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס איז אַ גרויסער יום־טוב פון דער נייער יידישער קולטור.

צוזאַמען מיט אַלע פריינט פון דער מאָדערנער יידישער קולטור, פרייען מיר־

זיך מיטן גרויסן יום־טוב און שיקן איבער די אַלע דעלעגאַטן, איניציאַטאָרן און געסט דעם האַרציקסטן מזל־טוב.

רעדאַקציע פון די זשורנאַלן:

„גרינינקע ביימעלעך",

„דער חבר",

„שול־פּריינט",

פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקס־שול".

(ווילנע).

די יידישע לערער אין ליטע באַגריסן דעם קאָנגרעס און ווינטשן, אַז זיין אַר־בעט זאָל זיין פּרוכטבאַר פאַר אַלע געביטן פון דער יידישער פאָלקס־קולטור, בתוכם — די יידישע שול. (קאָוונע).

הייסטע גרוסן דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. זאָל ער פאַראייניקן אַלע אַרבעטער און פאָלקס־כוחות צו באַשיצן, פאַרבינדן און פאַרטיפן אונזער פאָלקס־קולטור.

נאַציאָנאַלער קולטור־ראַט. נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון יידישער סעקציע פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן און נאַ־ציאָנאַלע שול־קאָמיסיע פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן.

(פאַראייניקטע שטאַטן)

סיבות פון אונז ניט אָפּהענגיקע געצוווּנגען ניט שיקן דעלעגאַט. אייערע פּרוכט־באַרע רעזאָלוציעס זאָלן אין לעבן קומען מיט ריזיקע שריט און ברענגען דעם ליכ־טיקן מאָרגן פאַר דער יידישער קולטור.

גרופּע יידישע אַרטיסטן פון פּוילן.

דערפאָלג אַרבעט קאָנגרעס האָפן, צענטראַלער אָרגאַן אָנצופירן קולטור־אַרבעט גע־שאַפן ווערן. נאָר דורך אייניקייט וועלן מיר זיגן.

דרום־אַפריקאַנער־קאָמיטעט.

גרוס קאנגרעס נייע ריכטונג יידישע קולטור.
קאנגרעס־קאמיטעט „געזביר": יעקב גלאנץ (סעקרעטאר), מעקסיקע.

„ארבעטער־רינג", קאנדאו, ווינטשט דעם יידישן קאנגרעס דערפאלג אין זיינע ארבעטן.
וויינער (סעקרעטאר).

יידישע מיליציאנערן פאר פרייהייט באגריסן אלוועלטלעכן קולטור־קאנגרעס. יידישע ארבעטער־מאסן גארער וועלט לייגן האפענונגען אויף דעם קאנגרעס.

דער וועלט־פארבאנד פון פוילישע יידן אין אויסלאנד באגריסט דעם קולטור־קאנגרעס און גראטולירט איניציאטארן פון דעם וויכטיקסטן — נאך דער טשערנאוויצער קאנפערענץ — קולטור־צוזאמענפאר. ווינטשט דעם בעסטן דערפאלג די טרעגער פון דער יידישער קולטור אין דער גאנצער וועלט.
ד"ר טאובעס (גענעראל־סעקרעטאר), אמסטערדאם.

באדויערן ניט קומען, ווינטשן קאנגרעס מוט אויסצובריייטערן געזעלשאפטלעכע באזע פון אונזער קולטור־באוועגונג, מאראלישן כוח אריבערצושפרייזן איבער סעקטאנטישע אידעאלאגיעס און יידיש־מענטשלעכע אחריות צו דערהאלטן אונזער וועלטלעכקיים אויף דער ליניע פון געשיכטלעכן המשך און סאציאלער שטרעבונג.
שלמה ביקל, יעקב שטערנבערג (בוקארעשט .

טייערע פריינט און חברים,
נעמט צו א באגריסונג פון אן איינפאכן בשר־ודם, וואס שפילט זיך ניט מיט ווערטער „יידישע קולטור", נאר וואס פילט טאקע בפועל ממש א ליבע צו איר און וואס זי איז אים גאר שטארק נוגע.
מיין חלום איז געווען פארן אויפן קאנגרעס, כ'קען אבער ניט באהייבן די הוצאות, וואס זענען פארבונדן מיט אזא פארן, און מוז, צו מיין גרויסן באדוי־

ערן, באַגרעניצן זיך נאָר מיט אַ שריפטלעכער באַגריסונג פון ווייטן.

אַלע אָנטיילנעמער אינם צוזאַמענפאָר ווינטש איך פון גאַנצן האַרצן איבער־לעבן מינוטן און שעהן פון באַגייסטערונג און דערהייבונג און אויפטון אַזוינס, וואָס זאָל זיי אַלעמען צופרידנשטעלן. וועט דאָס שוין במילא זיין אַ טרייסט און אַ דערמוטערונג פאַר אַלע אמתע פריינט פון דער יידישער פאָלקס־קולטור, וואָס איז אונז אַזוי טייער.

יעקב גערשטיין (ווילנע).

בלייבט מיר איבער צו ווינטשן אייך אַלדאָס בעסטע און בעיקר, אַז דער קאָנ־גרעס זאָל געפינען אַ הילכיקן אָפּקלאַנג ביי די ברייטע מאַסן פון די קאָנסומענטן פון יידישער קולטור. איך וויל האָפן, אַז דער קולטור־קאָנגרעס וועט ווערן אַ שטענדיקע אינסטיטוציע און איך וועל נאָך האָבן די מעגלעכקייט אַ צווייט מאָל צו זאָגן דער אוידיטאָריע, וועלכע איך שעץ און אַכט דאָס, וואָס איך האָב צו זאָגן.

איך באַגריס אייך

ד"ר מ. ווייכערט.

איך ווינטש דעם קאָנגרעס אין זיין איצטיקן צוזאַמענשטעל צו געפינען דעם נעהעריקן אופן ווי אַזוי אויסצומעקן דעם וועג פאַר אַ ווירקלעך רעפּרעזענטאַטיוון אַלוועלטלעכן קאָנגרעס פון דער מאָדערנער יידישער וועלטלעכער מאַסן־קולטור:

מיט דרך ארץ

זרבבל.

זאָל לעבן יידישע קולטור, באַגריסן האַרציק קולטור־טוער.

מאַטיס, באַצקעלס.

יעדער האָט צוויי פאַטערלענדער — זיין אייגענע און פראַנקרייך — אונזער פאָ־טערלאַנד איז דאָס גליק און די אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. באַדויערנדיק זייער מיין אַפּוועזנהייט ווינטש איך די פאַרשטייער פון אונזער צעשפּליטערטן פאָלק צו שמידן דעם ווילן פון די ברייטע מאַסן, צו דערהייבן אונזער היינטיקע קולטור און

קונסט אויף אזעלכע הויכן, אז זי זאל דערגרייכן די פארגאנגענע. זאל לעבן די שפראך, וועמענס קלאנג ס'הערט זיך נאך אין די גאסן, וועלכע די פיינט פון דער מענטשלעכער ציוויליזאציע ווילן דערטרינקען אין שלעכטס און בלוטיקער בייזקייט. זאל לעבן פראנקרייך, זאל לעבן די יידיש־וועלטלעכע קולטור.

אברהם מארעווסקי.

זאל דאס זיין א גוטער אנהייב צו זאמלען די כוחות, פאריאגן די מרה־שחורה און אויפהייבן אונזער קולטור־לעבן דורך ארגאניזירטע מעשים.

איך ווינטש אייערע בעראטונגען הצלחה.

סינגאלאווסקי.

זייער געערטע פריינט.

איך בעט אייך איבערצוגעבן א הארציקן גרוס אלע אנטיילנעמער פונם קאנגרעס און באזונדערס די ניט מיד־ווערנדיקע עקשנים — די ארגאניזאטארן. איך ווינטש דעם קאנגרעס א גוטע, געזונטע און נוצלעכע ארבעט צו טון.

גלייכצייטיק וואלט איך אייך וועלן אויפמערקזאם מאכן אויף א ממשותדיקן פרט. א גרעסערע יידישע אסיפה, ווייט פון די לענדער, וווּ יידן וווינען אין קאמפאקטע מאסן, און דער עיקר אזא אסיפה, וואס יעדער קען זיך אין איר באטייליקן, איז אמאל אויסגעזעצט אויף דער סכנה אנצונעמען א כאאטישן כאראקטער, פון וואס דער פארלויף פארלירט אין ערנסטקייט, און די רעזולטאטן קומען ארויס ניט פויגלדיקע. באזונדערס לויערט אזא געפאר אויף א קאנפערענץ, אויף וועלכער עס זענען ניט רעפרעזענטירט די גרויסע ארגאניזאציעס, וואס וואלטן דארט געדארפט זיין צווישן די הויפט דעה־זאגערס. דעריבער, א פריינטלעכע עצה: האלט איין דעם קאנגרעס אין א קלארער ראם, לאזט אים ניט פארשווומען און טריב ווערן. געדענקט, אז מסתמא ווילט איר ניט, עס זאל זיין דער ערשטער און דער לעצטער. און דער עיקר, וואלט מיר אויסגעזען צו זיין פארנונפטיק, ווען ס'זאל געטון ווערן פאזיטיווע ארבעט, און ס'זאל וואס ווייניקער (געוווּנטשן, אז גארניט) גערעדט ווערן וועגן די, וואס האבן זיך אפגעהאלטן פון קומען. פון דערווייטנס זעען די זאכן אויס א סך פשוטער, ווי זיי זענען אין דער ווירקלעכקייט, דערהויפט ביי אונז אין פוילן, וווּ זיי זענען געוואל־

טיק קאמפּליצירט, טיילוויז איבער דעם יאָר, וואָס איז אין אַ פּאַריז, צי אין אַ ניו־יאָרק, גאָט זיי דאַנק, ניטאָ...

נאָכאַמאָל: אַ האַרציקן גרוס !

אייער נח פּריל[illegible].

ווינטש דעם קאָנגרעס קאָנסטרוקטיוון דערפאָלג. גרייט מיטאַרבעטן.

לעאָ קעניג (לאָנדאָן).

איך האָב זיך ליידער פאַרהאַלטן מיט מיין אַרבעט — שיק איך אייך מיין גרוס.

פון איין זייט — הער איך שרייען אַ מענטשן, וואָס מאַכט זיך פאַר אַ גאָט, און וויל נאָר אויפעסן די יידן.

פון דער אַנדערער זייט זע איך, ווי אמתע גענטער האָבן אַמאָל געשאַפן קונסט און קולטור פאַר אַלע מענטשן.

איז פאַרוואָס זעט אוים איצט מיין פאָלק אַזוי אָרעם, אָבער דאָך רייך אין זיין אָרעמקייט ?

קיינער ווייסט ניט — ווי עס שטעקט ביי אונז אין האַלדז אַ ביין און מען וויל נאָך דעם האַלדז אויך אָפּשניידן.

עס וואָלט גוט זיין — ווען עס וואָלט אַרוים פון אַ ווינקל אויפן שטאָטפּלאַץ אונזערער אַ נביא און וואָלט אָנשרייען אויף דער וועלט.

די אַלע גרויסע קינסטלער האָבן זיך אַמאָל באַשעפטיקט אין זייער קונסט מיט יידישע טיפּן. זיי האָבן אַלץ אַרויסגעבראַכט, אָבער ניט אונזער גייסט. און אַט וויל מען דעם גייסט פון אונזער לעבן, פון אונזער קולטור, און אונזער יונגער קונסט שוין דערשטיקן. ווער, פרעמדע ווילן דאָס דערשטיקן ?

אפילו אונזערע יידן, אויב זיי טוען גאָרניט פאַר דער יידישער קולטור, און קונסט דערשטיקן זיי זיי אויך.

איך בין פון פאָלק און פון אַרבעטער, ווי מיין פאָטער איז געווען און צו דעם פאָלק און צו די אַרבעטער וויל איך געהערן. זאָל דער קאָנגרעס, אָט אַזוי ווי ער איז, ווי ער האָט געדאַרפט זיין און ווי ער וועט אַמאָל זיין, אַלץ טון, אַז די קולטור זאָל זיין פאַרן פאָלק, ווייל זי קומט פון פאָלקסמענטש און דעם פאָלק דאַרף זי געהערן, דורך אים באַליבט זיין, באַרייכערט און פאַרשטאַרקט. זי זאָל זיין ווי אַמאָל אונזער שטענדיקע פאָן, וועלכע מיר זאָלן קענען אַנטקעגן שטעלן אונזערע שונאים.

מאַרק שאַגאַל (פראַנקרייך).

וועגן יידישן קולטור־קאָנגרעס

אויב דער אַלוועלטלעכער קולטור־קאָנגרעס איז צוליב עפּעס נייטיק, איז עס הויפּט־זאַכלעך, כדי צו היילן די ברוכן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין יידישן קולטור־לעבן פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר. פאַרטזועצלעכקייט, אָנערקענונג פון דער פאַרגאַנגענהייט און אַ שטרעבונג צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער קולטור אין און פון דער צוקונפט — דאָס זאָל זיין דער לייט־מאָטיוו פונם אַלוועלטלעכן קולטור־קאָנגרעס, דערביי מוז באַטאָנט ווערן, אַז קונסט און ליטעראַטור קענען ניט געדייען אָן פרייהייט פון אויסדרוק.

דער פאַשיזם, דער ביטערסטער שונא פון קולטור בכלל, האָט אָפּגעטון אַ כישוף אויף צו טיילן אונזער פאָלק. זיין זיג אינעווייניק אין יידישן לעבן, וואָלט באַדייט זיין ווייטגייענדיקסטן א י ד ע י ש ן נצחון איבערן יידן און איבערן מענטשן. אונזער ענטפער דעם פאַשיזם דאַרף זיין: אַ שטאַרקער פאַרייניקטער פראָנט פון אַלע פּראָגרע־סיווע עלעמענטן און אַן אומגעשטערטע אַנטוויקלונג פון אַ הויכער קולטור.

נאַציאָנאַלע קולטורן, אין זיך גענומען. זענען ניט קעגנזעצלעך איינע צו דער אַנדערער. פאַרקערט, זיי גענייסן איינע פון דער צווייטער און באַרייכערן זיך קעגנ־זייטיק. אין אונזערע טעג ווערט עס אַמבעסטן דעמאָנסטרירט דורך דעם אויפשטייג פון די פעלקער־קולטורן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. שלום און פריינטשאַפט צווישן די פעלקער זענען דעריבער אַ נייטיקער פאַרבאַדינג פאַרן וווקס פון זייערע קולטורן.

לאַמעד שאַפּירא.

קאָמיסיעס ביים קולטור־קאָנגרעס.

נאָמענטלעכער צוזאַמענשטעל.

ליטעראַטור־קאָמיסיע:

פאָרזיצער: נחמן מייזיל, — סעקרעטאַר וו. וועוויאָרקע.
י. אַפּאַטאָשו, אַלגין, פּאָל אַריסטע, אַלבער, אַלברעכט, מ. שאַף־אַניו, בן־אַדיר, גאַליצין, גאַרין, דזיאַלאָווסקי, ווינאַגוראַ, ד. טשאַרני, ה. לייוויק, ליימאַן, לייקאָוויטש, ליסקי, לערמאַן, ד״ר מוקדוני, סידאַ, סלאָוועס, ד״ר צפור, ג. קעניג.

טעאַטער־קאָמיסיע:

פאָרזיצער: ד״ר מוקדוני.
אויערבאַך, באַרווין, ביילין, האַלבריידן, י. זינגער, נ. מייזיל, ד. ליכט, פרידמאַן, נ. פראַנק, סודאַרסקי, י. ב. צפור, ש. שוואַרץ.

קונסט־קאָמיסיע:

פאָרזיצער: נחום אַראָנסאָן.
אַבערדאַם, הינדענבוים, באַרווין, י. ליכטענשטיין, א. בירא, מאַנע קאַץ, ח. קאַוואַלסקאַ, פּ. קוירק.

שול־קאָמיסיע:

פאָרזיצער: ד״ר ש. לעווין. סעקרעטאַר — איציק שוואַרץ.
ביילין, בערגער, האַראַוויץ, טאַפּטשע, טשערניאַק, פרוי יוכ־נאָוויעצקי, ד״ר פּאַקס, קאַראַל, ראָזנבערג, ראַכלין.

אָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע:

פאָרזיצער: ר. זאַלצמאַן, סעקרעטאַר: אַלבערטוס.
אַלגין, אַפּאַטאָשו, איגנאַטאָוו, אַדאַמיטש, אַלבערטוס, בערנ־שטיין, גאַרין, דיזשור, האַלבריידן, י. וואַרשאַווסקי, זאַלצמאַן, י. זינגער, מוקדוני, נוימאַן, סודאַרסקי, סלאָוועס, סולטאַן, פּאַקס, פּערלמאַן, לייוויק, קאַלק, קאַפּעלמאַן, קיווילאַוויטש, קראַפּט.

וויסנשאַפט־קאָמיסיע:

פאָרזיצער: קלמן מרמר און מ. קיווילאַוויטש.
אַלבערטוס, בן־אַדיר, גאַרין, הערמאַן, טשעריקאָווער, סידאַ, סודאַרסקי, קרוק, ראָזנגאַרט.

מאַנדאַטן־קאָמיסיע:

פאָרזיצער: ב. אַדאַמיטש. מיטגל. וו. אויערבאַך, הערמאַן יעלין, פּאַטאַשניק, ש. פּערלמאַן, ראָזנבערג, פרוי סידאַ, קאַראַל, צעראַטאַ.

צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד „איקוף“

אויסגעוויילט אויפן קולטור־קאָנגרעס פון 17—21 סעפטעמבער, 1937

אורוגוויי:

ריכטער.

ארגענטינע:

ש. באַטאַשאַנסקי, ש. וואַסערמאַן, ל. זשיטניצקי, י. קאָווענסקי, פּיניע קאַץ.

בראַזיליע:

קאַפּעלמאַן.

בעלגיע:

ווערבער, ב. זילבערשטיין, האָכבערג, פּאַטאַשניק, ד"ר צפור.

דרום אפריקע:

י. פעלדמאַן, מ. שור.

דענעמאַרק:

ס. ביילין, וואָלף.

האָלאַנד:

ל. פוקס.

טשעכאָסלאָוואַקיי:

פּנחס איידעלהויז.

ליטע:

ש. לעווין, ל. מייעראַוויטש, ל. מאַרעס, ד"ר מאַטיס, ה. באַצקעלס, מ. סודאַרסקי.

לעטלאַנד:

הירשזאָן, אַלבערטוס.

מעקסיקע:

י. גלאַנץ, ש. כעלעמאַוויטש.

ענגלאַנד:

י. ליסקי, מאָריס מייער, ל. קעניג.

עסטלאַנד:

האַלברייך, ראַכלין.

עסטרייך:

א.בייגרעשל, א. צעראַטאַ.

פאַריינ. שטאַטן:

ד. איננאַטאַוו, איוועןנסקי, אַלגין, י. אַפּאַטאַשו, ב. צ. גאָלדבערג, פּ. הירשביין, האַלצמאַן, ז. ווייגפּער, י. זאַלצמאַן, ח. זשיטלאָווסקי, ה. לייוויק, מוקדוני, ק. מרמר, י. סולטאַן, פּאַקס, פּ. קוירס, ל. קאַברין, ל. שאַפּירא.

פּוילן:

ש. באַסטאַמסקי, י. ניטערמאַן, מ. ווייכערט, ש. זאַגאַן, י. טשערניכאַוו, י. טונקל, נ. מייזיל, ר. מאַהלער, א. מאַרעוווסקי, ב. מאַרק, נ. פּרילוצקי, א. ד. ספּאַרד, ל. פינקעלשטיין, א. קאַציזנע, י. קרוק, רינגלבלום, ז. רייזען, מ. שאַליט.

פּאַלעסטינע:

א. גאָלאָמב, זרבבל, י. פּאַפּיערניקאָוו, נ. ראַפּאַלקעס.

פראַנקרייך:

ב. אַדאַמיטש, נ. אַראָנסאָן, א. בן־אַדיר, ד. גאַריז, א. דיזשור, א. טשעריקאָווער, ד. טשאַרני, י. עפּרויקין, י. נוימאַן, ח. סלאָוועס, מ. סיגנאַלאָווסקי, מ. קיווילאַוויטש, נ. קעניג, מאַרק שאַגאַל, שראַגער, י. כאַמסקי.

קאַנאַדע:

י. טשערניאַק, מ. ראָזנבערג, ל. קאַלדאַוו.

קובאַ:

א. אַראָנאָווסקי.

רומעניע:

ש. ביקל, י. זיננער, א. סופר, ח. קראַפּט, י. שטערנבערג.

שווייץ:

ל. פעלדשטיין.

אינהאַלט - פאַרצייכענונג:

די צוגרייטונג צום קאָנגרעס		5—10
סדר־היום פון קאָנגרעס		11—12

פייערלעכע דערעפענונג (זייט 13 — 50)

ד"ר ה. סלאָוועס	דערעפענונגס־רעדע	13—16
בן־אדיר	דערעפענונגס־רעדע	17—18
נחום אראָנסאָן	באַגריסונג	18—19
ראָמען ראַלאָן	" "	19—21
י. אַפּאַטאַשו	פאָרטראַג וועגן יידיש	21—30
מ. אָלגין	באַגריסונג	30—32
דניאל טשארני	" "	32—33
י. טשערניכאָוו	" "	—34
ד"ר מ. סודאַרסקי	" "	35—36
חיים קראַפט	" "	36—37
ב. אדאַמיטש	באַגריסונגען פון אָרג. און פּערזענלעכקייטן פון אויסלאַנד	37—38
פּיניע קאַץ	באַגריסונג	38—39
ד"ר מוקדוני	" "	39—40
ד"ר קרוק	" "	40—41
אדוו. טשערניאַק	" "	—41
מאָרים מייער	" "	—41
זשאַק	" "	—42
טאַפּטשע	" "	—42
דוד איגנאַטאָוו		—43
ד"ר מ. שאַץ־אַנין	" "	43—45
קלמן מרמר	" "	—45
ה. לייוויק	" "	46—50

שבת, דעם 18־טן סעפּטעמבער, (פרימאָרגן־זיצונג) (זייט 51 — 103).

קאַפּעלמאַן	באריכט פון בראַזיליע	51—55
א. אראָנאָווסקי	באריכט פון קובא	55—59
בעלעמאָוויטש	באריכט פון מעקסיקע	59—61

ל. פעלדמאַן — באַריכט פון דרום־אַפריקע — 62—65
דאָבלין — באַגריסונג פון עסטלאַנד — 65—66
אננא פ. — באַריכט פון בעסאַראַביע — 67
ד"ר קאַלק — באַריכט פון איטאַליע — 68—70
ד"ר חיים זשיטלאָווסקי — די יידישע קולטור פון טשערנאָוויץ ביז היינט (רעפעראַט) — 70—85
י. טונקעל — באַגריסונג פון וואַרשעווער פען־קלוב — 86—87
ה. לייוויק — די אויסערלעכע שונאים און די אינערלעכע קאָנפליקטן אין דער יידישער קולטור און ליטעראַטור (רעפעראַט) — 87—103

שבת, דעם 18־טן סעפטעמבער, (נאָכמיטאָג־זיצונג) (זייט 105—163)

מ. אָלגין — פאַר אַ פּראָגרעסיווער יידישער וועלטלעכער קולטור (רעפעראַט) — 105—130
פ. קוירש — באַגריסונג — 130
י. ליכטענשטיין — באַגריסונג — 131
י. פּאַפּיערניקאָוו — באַריכט פון פּאַלעסטינע — 131—133
ס. ביילין — באַריכט פון דענעמאַרק — 133—135
בן־אדיר — די ייד. פאָלקס־אינטעליגענץ; איר ראָל און אירע אויפגאַבן (רעפעראַט) — 135—147
דוד איגנאַטאָוו — אומפּאַרטייישקייט אין דער ייד. קולטור־באַוועגונג (רעפעראַט) — 147—155
י. טשערניכאָוו — דער קריזיס פון דער מזרח־אייראָפּעישער יידישקייט און די נויטיקייט פון קולטור־אַקטיוויזם — 155—163

זונטיק, דעם 19־טן סעפטעמבער. (פרימאָרגן־זיצונג) (זייט 165—193)

ניוועלסאָן — באַריכט פון ליטע — 165—167
אַלבערטוס — באַריכט פון לעטלאַנד — 167—170
י. לערמאַן — באַריכט פון פראַנקרייך — 171—177
ז. וויינפּער — „אונזערע שאַפער זענען אויך בויער" (באַריכטס־פאָרטראַג) — 177—181
פּראָפ. קיווילאָוויטש — נאַטורוויסנשאַפט אויף יידיש — 182—183
נ. מייזיל — באַגריסונג — 183—185

ז. וועווי‌אָרקע	דערגאַנצונגס־באַריכט פון פראַנקרייך —	186—185
י. אַפּאַטאַשו	צוגאָב־רעפעראַט — — — — — — — — —	191—187
פּאָל אַריסטע	באַגריסונג — — — — — — — — — —	192—191
י. טשערניכאָוו	איבערן טויט פון באָרים קלעצקין — —	193—192

זונטיק, דעם 19־טן סעפּטעמבער. (3 נאָכמיטאָג) (זייט 195 — 233)

ל. פוקס	באַריכט פון האָלאַנד — — — — — — —	196—195
דאַכלין	באַריכט פון עסטלאַנד — — — — — —	200—196
א. בעקערמאַן	באַגריסונג — — — — — — — — — —	201—200
ד"ר מוקדוני	וועגן יידישן טעאַטער (רעפעראַט)	210—201
מאָריס מייער	גרונט־שטריכן פון קולטור — — — —	214—210
איזווענסקי	באַגריסונג — — — — — — — — — —	216—214
קלמן מרמר	וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג אין יידיש (רעפעראַט) — — — — — — — — — —	226—216
ד. זאַלצמאַן	וועגן ייד. וועלטלעכן שול־וועזן אין די פאַרייג. שטאַטן (רעפעראַט) — — — — — — —	232—226
	וועגן די קאָנגרעס־קאָמיסיעס — — — —	233—232

זונטיק, דעם 19־טן סעפּטעמבער (אָוונט) (זייט 235 — 264)

טאָפּטשע	באַריכט פון די באָראָכאָוו־קולטור־אַנשטאַלטן — — — — — — — — — —	236—235
ח. קראַפּט	באַריכט פון רומעניע — — — — — —	237—236
ד"ר קרוק	דאָס יידיש־וועלטלעכע שול־וועזן אין פוילן (רעפעראַט) — — — — — — —	240—238
י. א. ליסקי	באַריכט פון ענגלאַנד — — — — — —	240—
פיניע קאַץ	באַריכט פון אַרגענטינע און אורוגוואַי —	245—241
פּ. קווירק	דער יידישער קינסטלער (רעפעראַט) —	249—246
א. אבערדאַם	דער יידישער אייגנאַרט אין דער פּלאַסטישער קונסט (רעפעראַט) — — — — — —	253—250
י. אדלער	יידן אין דער פּלאַסטישער קונסט (רעפעראַט) — — — — — — — — — —	254—253
ד"ר פּאַקס	דיסקוסיע — — — — — — — — — —	257—254
מ. אַנין	" " — — — — — — — — — —	259—257
א. דיזשור	" " — — — — — — — — — —	261—260

ד"ר קאַלק — דיסקוסיע — 262

אדוו. טשערניכאָוו — " " — 263

נ. מייזיל — " " — 264

מאָנטיק, דעם 20־טן סעפּטעמבער. (זייט 265—278)

וועוויאָרקע — דיסקוסיע — 265—268

ווערבער — באַריכט פון בעלגיע — 268—269

פּראָפ. קיוועליאַוויטש — דיסקוסיע — 269

ד. גאָרין — " " — 26[illegible]—270

עפּשטיין — באַריכט פון טשעכאָסלאָוואַקיי — 270

מ. שולשטיין — באַגריסונג — 271

ד"ר מ. סודאַרסקי — דיסקוסיע און צוגאָב־באַריכט פון ליטע — 271—274

נ. מייזיל — דיסקוסיע — 274—276

קאַראַל — באַריכט פון לעטלאַנד — 276—278

ווייסבערג — באַגריסונג פון פּאַריזער ייד. קינסטלער — 278

ד"ר קרוק — דיסקוסיע — 278—279

דינסטיק דעם 21־טן סעפּטעמבער (פרימאָרגן־זיצונג) (זייט 281—295)

נ. מייזיל — באַריכט פון דער ליטעראַטור־קאָמיסיע — 281—282
דיסקוסיע איבערן באַריכט

ב. אַראַמיטש — באַריכט פון דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע — 283
דיסקוסיע איבערן באַריכט

באַריכט פון דער וויסנשאַפט־קאָמיסיע — 284
דיסקוסיע איבערן באַריכט

ד"ר לעווין — באַריכט פון דער שול־קאָמיסיע — 286
דיסקוסיע איבערן באַריכט

ד"ר מוקדוני — באַריכט פון דער טעאַטער־קאָמיסיע — 292
דיסקוסיע איבערן באַריכט

באַרווין — באַריכט פון דער קונסט־קאָמיסיע — [illegible]

דינסטיק, דעם 21־טן סעפּטעמבער. (נאָכמיטאָג) (זייט 297—322)

זאַלצמאַן — באַריכט פון דער אָרגאַניז.־קאָמיסיע — 297
דיסקוסיע איבערן באַריכט

אַלגין — שלום רעדע — 300—305

י. אפאטאשו שלום־רעדע — 308—306
ד"ר מוקדוני " " — 309—308
פיניע קאץ " " — 310—309
בן-אדיר " " — 311—310
נחמן מייזיל " " — 314—311
שאץ־אנין " " — 315—314
ד"ר ח. סלאוועס " " — 317—315
ה. לייוויק " " — 322—318

מאניפעסט און רעזאלוציעס. (זייט 325 — 347)

מאניפעסט 329—325
רעזאלוציע פון דער ליטעראטור־קאמיסיע 332—330
רעזאלוציע פון דער טעאטער קאמיסיע —333
רעזאלוציע פון דער שול־קאמיסיע 337—334
רעזאלוציע פון דער וויסנשאפט-קאמיסיע 339—338
רעזאלוציע פון דער קונסט־קאמיסיע 341—340
רעזאלוציע פון דער ארגאניזיר קאמיסיע —342
דעלעגאטן צום ערשטן אלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאנגרעס (פולע ליסטע) 347—343

ביילאגע (זייט 349—364)

באגריסונגען

יידישער פען־קלוב, ווארשע 352—349
יידישער פען־קלוב, ווילנע —352
פאריין פון יידישע ליטעראטן או זשורנאליסטן, ווילנע 353—352
„יונג־ווילנע" —353
יידישע שרייבער פון רומעניע 355—354
רעדאקציע „פרייהייטס־קעמפער", שפאניע —355
„שריפטן", ווארשע —355
רעדאקציע „גרינינקע ביימעלעך", „דער חבר", „שול־פריינט" 356—355
יידישע לערער פון ליטע —356
שול־סעקציע פון אינטערנאציאנאלן ארב.־ארדן —356
גרופע ארטיסטן פון פוילן —356

דרום-אפריקאנער קאָמיטעט — 356
קאָנגרעס־קאָמיטעט, מעקסיקע, — 357
אַרבעטער־רינג, לאָנדאָן, —
יידישע מיליציאָנערן אין שפּאַניע —
וועלט־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן — 357
ביקל שלמה, שטערנבערג יעקב (בוקאַרעשט) — 357
גערשטיין יעקב (ווילנע) — 358—357
ד"ר מיכאל ווייכערט — 358
זרבבל — 358
ד"ר מאַטיס, העלענע באַצקעלעס — 358
מאַרעווסקי אברהם — 359—358
ד"ר סינגאַלאָווסקי — 359
פּרילוצקי נח — 360—359
קעניג לעאָ — 360
שאַגאַל מאַרק — 360
שאַפּירא ל. — 361

קאָמיסיעס ביים קולטור־קאָנגרעס — 362
צענטראַל־פאַרוואַלטונג — 364—363
אינהאַלט־פאַרצייכענונג
תיקון־טעות

תקון טעות.

באמערקטע גרעסערע פעלערן:

זייט: 97, שורה 10, דארף זיך לייענען:

מאלאדאווסקי, אהרן צייטלין, זינגער, ראוויטש.....

זייט: 155, שורה 24, דארף זיך לייענען:

דער קריזיס פון מזרח־אייראפעישער יידישקייט און די נויטיקייט פון קולטור־אקטיוויזם.

זייט 179, שורה 21, דארף זיך לייענען:

מאני לייב, זישע לאנדוי, ר. אייזלאנד, ראבוי, מ. ל. האלפערין, אברהם משה דילין, יוסף אפאטאשו, א. בערגער, י. סיגאל, מ. באסין, און דוד איגנאטאוו אליין.

זייט 181, שורה 1, דארף זיך לייענען:

ל. פיינבערג, מלכה לי, י. א. ראנטש, א. ראפאפארט, ל. מילער, גרינשפאן, בער גרין, א. פאמעראנץ, וו. אייבראמס, מ. בארענשטיין, מ. קיש, בלייכמאן, כאווער־פאוער, יורמאן, און די יונגערע: סולי בירנבוים, סאברין, טאבאטשניק, מענקע קאץ, פסח מארקוס א. אנד.

זייט 282, שורה 3, דארף זיך לייענען:

(פולער טעקסט, זע זייט 320).

זייט 283, שורה 29, דארף זיך לייענען:

(פולער טעקסט, זע זייט 343—347).

זייט 284, שורה 12, דארף זיך לייענען:

(פולער טעקסט, זע זייט 338—339).

זייט 286, שורה 16, דארף זיך לייענען:

(פולער טעקסט, זע זייט 338—339).

זייט 286, לעצטע שורה, דארף זיך לייענען:

(אנגענומענער טעקסט, זע זייט 334).

זייט 345, לעצטע שורה, דארף זיך לייענען:

פארטרעטן 72 ארגאניזאציעס און אנשטאלטן.

דרוקעריי ל. בערעזניאק, פאריז
Imp. L. Beresniak, 12, rue Lagrange, Paris

קארעקטור: בארים טשובינסקי
זעצער־לינאטיפיסט: הירש לעווינסקי